STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01663

DER BLINDER MILYONER, ODER, A KAMPF UM LIEBE UN MILYONEN

Ramon Diaz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-01663-2

D:\YIDDISH\Titles\9780657016630T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

— דער —

בלינדער מיליאָנער

אָדער

א קאמפף אום ליעבע און מיליאָנען

א ראָמאַן פון די רעוואָלוציאָנערע צייטען אין מעקסיקאָ פון דעם בעריהמטען שפאנישען דיכטער

ראָמא דיאז.

פרייז: 30 סענט

ניו יארק:
הערויסגעגעבען פון "טאגעבלאט",
187־185 איסט בראָדוויי.

די אינטערעסאנטעסטע אידישע צייטונג

א נייער לעזער וואס פרובירט לעזען דעם "טאגער בלאט" בלויז איין וואך, קען שוין נאכדעם קיין אנדער צייטונג ניט לעזען. פונקט ווי דער וואס פערזוכט א גוטען וויין פערלירט דעם חשק צו עסיג. דאס "טאגע בלאט" האט דעם בעסטען סטאף אידישע שרייבער, וועלכע מאכען ניט נאך און ניצעווען ניט איבער בילינע ליטעראטור פון פרעמדע שפראכען אויף אידיש, נור זיי שאפען אריגינעלע ארטיקלען, אריגינעלע ליטעראטור, און קיין אידישע צייטונג האט נאך אזוי פיעל געטהאן פאר דער אויפהאלטונג פון דער אידישער ליטעראטור אין אמעריקא ווי דאס "טאגעבלאט".

דער בלינדער מיליאנער

אדער

א קאמפף אום ליעבע און מיליאנען

א ראמאן פון היינטיגע רעוואלוציאנערע צייטען אין מעקסיקא, פון דעם בעריהמטען שפאנישען דיכטער

ראמאן דיאז.

ערשטער קאפיטעל.

די פערשווערונג צושטערט.

פרייטאג, דער זעכסטער מאי, 1910, איז געווען דאס ערשטע מאלוען די רעוואלוציאנערע קרעפטען אין מעקסיקא, וועלכע האבען געהאט מאכטלאז ארומגעבלאנדזשעט אין פערשידענע געגענדען פון לאנד, האבען זיך פעראייניגט אונטער דער פיהרונג פון פראנצעסקא מעדערא, דעם דורכגעפאלענעם קאנדידאט פיר די פרעזידענטשאפט פון מעקסיקא. צום ערשטען מאל האט מען געהערט פון צוזאמענטרעפונגען צווישען די מעקסיקאנישע סאלדאטען און רעוואלוציאנערען אין דער אומגעגענד פון הערמאסילא.

אין דעמזעלבען טאג האט ניט ווייט פון דארטען, אין דעם קליינעם דערפיל מערידא, אין צפון זייט פון מעקסיקא, געהערשט גאר א גוואלדיגע אויפרעגונג. א פרעמדער וואלט געקענט מיינען אז א שלאכט מיט רעוואלוציאנערן קומט פאר ערגעץ ניט ווייט פון דאנען. אין אמת'ן אבער האט זיך דא געהאנדעלט וועגען א פערשווערונג וואס איז ענטדעקט געווארען אויף דאס לעבען פון דעם מיליאנער סענאר בעניטא ליאבא, איינגענטהימער פון זילבער־מינען, וועלכע איז בעקאנט אלס דער "זילבער־קעניג".

סענאר ליאבא שטאמט פון א שפאנישער פאמיליע פון מאראנען (אנוסים). אין מעקסיקא האט מען ביז ניט לאנג צוריק איהם געהאלטען פאר א קאטאליק. אבער מיט איינע יאהר צוריק איז ער בלינד געווארען, און נאכהער האט ער געקראגען גאל־שטיינער, וועלכע האבען נייטיג געמאכט א שווערע אפעראציאן, און אין זיין קראנקהייט זיינען איהם געקומען צוריק ערינערונגען פון זיינע קינדער־יאהרען, ביי עלטערן וועלכע האבען אין שפאניען געלעבט אונטער זיך אין אידישע טראדיציאנען, און ער איז געווארן גאנץ קאלט צו דער קאטוילישער קירכע — א זאך וואס די קאטאליקען אין מעקסיקא קענען איהם ניט פערציהען.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט, דאס זיין זאהן אלבערטא, וועלכער איז א פרומער קאטאליק און צוויי מעקסיקאנישע דאקטוירים, וועלכע האבען געזאלט אונטערנעהמען די אפעראציאן אויף דעם בלינדען מיליאנער, האבען זיך פערשווארען, אז ער זאל קיין לעבעדיגער פון זייערע הענד ניט ארויסקומען, און זאל שטארבען אונטער'ן מעסער.

דאס איז פערהינדערט געווארען דורך דעם סאן פראנציסקער כירורג, דאקטאר פעליקס מארגאן, מיט די הילפע פון דער בילד־שעהנער טאכטער פון דעם קראנקען מיליאנער, סענארא ר

אויף דעם פאלגענדען אינטערעסאנטען אופן :

אין דער צייט וואס די צוויי מעקסיקאנער דאקטוירים האבען אוועקגעלייגט זייער קרבן אויפ'ן אפעראציאנס־טיש, אין מיליאנער'ס וואהנונג, זיינען צו דעם פאראדנעם אריינגאנג פון הויז צוגעקומען א יונגע רייצענדע שלאנקע ברונעטקע, און א הויכער שטארק געבויטער שעהנער מאן פון א יאהר דרייסיג, טראגענדיג א רענצעלע אין האנד. דאס איז געוועזען ראזעטא, דעם מיליאנער'ס טאכטער, און דאקטאר פעליקס מארגאן. וועלכער איז איצטער ערשט אנגעקומען פון סאן פראנציסקא, אויף ראזעטא'ס איינלאדונג.

—שנעלער, דאקטאר, אבער שנעלער ווי גאט איז אייך ליעב! — האט זי געמורמעלט.

לויפענדיג זיינען זיי געקומען אויף די ברייטע מארמארנע טרעפ, און דאן אין קארידאר.

ווען זיי זיינע צוגעקומען צום קראנקען'ס אפארטמענט האבען זיי געטראפען ביי דער טיהר א דיענער, א שטארקער הויכער מעקסיקאנער, וועלכער האט זיי געוויזען מיט דער האנד אז זיי קענען ניט אריינגעהן.

—עפען די טיהר, יואן!—האט די יונגע פריילין געזאגט מיט א בעפעהלענדען טאן.

—אונמעגליך, סענארא! — האט דער דיענער געענטפערט זיך פערניידיגענדיג.

—אונמעגליך? מיר זאגסטו דאס?

—האט די פריילין אויסגעשריען.

—איך האב א שטרענגען בעפעהל פון אייער ברודער קיינעם ניט אריינצולאזען!

—אויך מיר ניט?

—בעזאנדערס אייך!

—מאכט פלאטץ! — האט זי אויסגערופען צום דינער.

—ענטשולדיגט! — האט דער דיענער געזאגט — איך מוז אויספיהרען סענאר אלבערטא'ס בעפעהל.

—איך בעפעהל צו עפענען די טיהר פאר מיר!

—אונמעגליך! — האט דער דיענער געענטפערט.

נאך איז דאס ווארט געווען אויף זיינע ליפען ווי דער פריילינ'ס הויכער שטארקער בעגלייטער האט איהם א פאק געטאהן ביים אקסעל און אוועקגעשליידערט צום וויטעסטען עק פון לאנגען קארידאר. דאן האט ער געעפענט די טיהר און געלאזט געהן די פריילין פאראויס און איז אליין אריין הינטער איהר.

זיי האבען זיך געפונען אין א גרויסען פארצימער, פון וועלכען א טיהר רעכטס האט געפיהרט דורך א קלייגער זאל, אין דעם קראנקען צימער פון סענאר ליאבא.

די פריילין האט פרובירט עפענען די טיהר, אבער זי איז געווען פערשלאסען.

זי האט אנגעקלאפט.

—ווער איז דארט? האט זיך געהערט א בייזע שטימע פון אינווייניג.

—איך, ראזעטא, עפען אויף אלבערטא!

—דו? — האט די שטימע פון יענער זייט אנגערופען איבערראשט און גענערגערט — ווער האט דיר אריינגעלאזט?

—איך אליין.

—איז דער דיענער ניט געווען ביי דער טיהר?

—עפען, אלבערטא — האט זי געזאגט מיט א בעפעלענדען טאן.

—איך בעט דיך, שוועסטער — האט אלבערטא שוין מיט א ווייכערען טאן געזאגט — געה אין דיין צימער. די ערצטע האבען בעפוילען קיינעם ניט אריינצולאזען.

—וואס פיר א רעכט האבען די ערצטע צו מאכען די אפעראציאן אהן מיין ארצט? איך האב עס זיי פערבאטען!

—מאך דיך ניט לעכערליך! — האט אלבערטא געזאגט — וואס ווייסט דו פון דאקטוירים און אפעראציאנען? מיר מוזען רעטען אונזער ליעבען פאטערים לעבען!

—גאנץ געוויס מוזען מיר עס! אבער איך האב קיין צוטרויען צו דיעזע ערצטע! עפען שנעל די טיהר, אלבערטא!

איך בעפעהל עס דיר! איך מוז רעדען מיט מיין פאטער בעפאר מען גיט איהם דעם כלאראפארם!

—דער פאטער וויל מיט דיר ניט ריידען! יעדענפאלס איז איצט שוין צו שפעט, מען פאנגט שוין אן די אפעראציאן.

און ראזעטא, און דאקטאר מארגאן האבען געהערט אלבערטאס טריט זיך דערווייטערנדיג, געהענדיג אין די ווייטערע צימערען.

—מיין גאט! וואס טהוט מען איצט

—האט ראזעטא זיך געווענדעט צום יונגען מאן.

אין דעם מאמענט האט זיך צוגעטראגען צו זיי די שטימע פון קראנקען, צעהלענדיג איינס — צוויי — דריי...

—וואס בעדייטעט דאס? — האט ראזעטא געפרעגט — האבען זיי איהם שוין דעם כלארעפארם געגעבען?

—יא, ליעבסטע! — האט דער דאקטאר מארגאן געענטפערט.

—דאס טאר ניט געשעהן! — האט זי אויסגערופען אין ווילדען צארן — דאקטאר מארגאן, העלפט מיר די טיהר איינברעכען! אה, מיין גאט! מיין פאטער! מיין אונגליקליכער פאטער!

דאקטאר מארגאן האט זיך אנגעשפארט אן דער טיהר מיט'ן אקסעל, עס האט זיך דערהערט א קראכען און אין איינינע סעקונדען איז די טהיר געווען אפען.

אין דעמזעלביגען אויגענבליק וואס ראזעטא און דר. מארגאן האבען אריינגעטראטען די שוועל דורך די איינגעבראכענע טיהר, זיינען פון אן אינוועניגסטען צימער זיי נעקומען אנטקעגען אין נרויס אויפרעגונג דריי מענער, איינער א יונגער מאן פון א יאהר איינינע און צוואנציג, געקליידעט נאך דער לעצטער מאדע, הויך געוואקסען, מיט קליינע ברוינע אויגען וועלכע האבען געהאלטען אין בעוועגען זיך, און מיט ברוינע שיטערע האר. דאס איז געווען אלבערטא ליאבא, דער איינציגער זאהן פון זילבער־קעניג. די אנדערע צוויי מענער זיינען געווען אנגעטאהן אין ווייסע קיטלען, און האבען געהאלטען אין האנד כירורגישע אינסטרומענטען, דאס זיינען געווען די ביידע מעקסיקאנישע דאקטוירים, וועלכע האבען זיך גרייט געמאכט צו דער אפעראציע.

—וואס איז דאס? — האט דער יונגער ליאבא אויסגערופען אין ווילדען צארן — און ווער איז דיעזער מאן?

—דאס איז דאקטאר פעליקס מארגאן פון סאן פראנציסקא וועלכען איך האב איינגעלאדען צו קומען אהער.

—און ווער האט איינגעבראכען די טיהר?

—איך — האט דאקטאר מארגאן געענטפערט — מיט דער ערלויבניס פון סענארא ראזעטא.

— ארויס פון דיעזען הויז! — האט דער יונגער מאן זיך צושריען — אדער איך לאז אייך מיט הינד ארויסיאגען!

דאס זאגענדיג איז ער צוגעלאפען צו א שנור וואס איז געהאנגען אין א ווינקעל פון א צימער האט זי א ציה געטהאן און באלד זיינען ערשיענען צוויי דיענער.

—ווארפט ארויס דיעזען קערל! — האט ער בעפאהלען.

די צוויי דיענער זיינען צוגעקומען צו דר. מארגאן, און האבען פערזוכט איהם אנצוגרייפען, אבער אין דעם אויגענבליק האט זיך בעוויזען אין טיהר פון אינוועניגסטען צימער די געשטאלט פון א מאן וואס האט אויסגעזעהן ווי א מת ערשט ארויס פון קבר. דאס איז געווען א הויכער פיגור אנגעטאהן אין ווייסען מיט א טויט-בלאסען געזיכט, און מיט אפענע אויגען וועלכע האבען גאר ניט געזעהן. דאס איז געווען דער בלינדער מיליאנער, סענאר בעניטא ליאבא, וועלכער האט דערהערט דעם גערויש פון ברעכען די טיהר און פון די קולות אין פאדערצימער, און איז ארונטער פון אפעראציאנס-טיש אום אויסצוגעפינען וואס דארט געהט פאר.

—וואס טהוט זיך דא, וואס קומט דא פאר? — האט דער קראנקער געפרעגט מיט א געבראכענער שטימע.

ראזעטא איז צו איהם צוגעלאפען און

האט איהם צערטליך ארומגענומען.

—פאטער! ליעבער פאטער! גאט צו דאנקען, עס איז נאך ניט שפעט! איצט בלייבסט דו מיט אונז.

—זי איז וואהנזיניג! — האט דער יונגער ליאבא געלארעמט — זי האט געבראכט א מאן פון סאן פראנציסקא וועלכער האט איינגעבראכען די טיהר און האט זיך מיט געוואלד אריינגעריסען אהער.

—ווער איז דער מאן? — האט דער קראנקער געפרעגט אנלעהנענדיג זיך אויף ראזעטא.

—פאטער, דאס איז דאקטאר פעליקס מארגאן פון סאן פראנציסקא, דו קענסט איהם, מיר האבען איהם געזעהן ביי איהם אין דער קליניק. וואס ער האט געטהאן איז געזען אויף מיין פערלאנג אום דיך צו רעטען, פאטער! איך האב געהאט אורזאכע דאס צו טהאן, גלויב מיר פאטער.

אין איהר שטימע האט זיך געפיהלט א ציטערען, ווי פון טרעהרען, ווי א געבעט. דר. פעליקס מארגאן איז געשטאנען און האט די אויגען ניט געקענט אפרייסען פון דיזען שעהנעם בילד פון שעהנהייט און יוגענד ביי דער זייט פון שוואכקייט און עלטער.

דער אלטער קראנקער מאן האט צערטליך צוגעקעהרט זיינע בלינדע אויגען צו זיין טאכטער, אקוראט ווי ער וואלט געפיהלט אז עטוואס מוראדיגעס געהט פאר ביי איהר אין הארצען. אין אויגענבליק איז ער אזוי געשטאנען און האט דאן ווי נאכדענקענדיג לאנגזאם געזאגט:

—זאל זיין רוהע! איך בין יעדענפאלס איצטער צו אויפגערעגט אום מיך צו אונטערווארפען איין אפעראציאן. מיר וועלען דאס אפלייגען ביז מארגען...

די צוויי מעקסיקאנישע דאקטוירים האבען געקריצט מיט די צייהן פאר כעס, און דער יונגער ליאבא האט געלאזט הערען ווי א פערשטיקטען פלוך און איז ווילד ארויסגעלאפען פון צימער.

—איך דאנק דיר, ליעבער פאטער! — האט ראזעטא געמורמעלט שלוכצענדיג

—דאס איז דיין רעטונג! ערלויב מיר דיך פארצושטעלען דאקטאר מארגאן.

דער קראנקער מאן האט אויסגעשטרעקט די האנד וועלכע דאקטאר מארגאן האט ערגריפען מיט פיעל הערצליכקייט.

— זייט מיר ווילקאמען, דאקטאר — האט ער געזאגט.

—עס וועט מיר מאכען פיעל פרייד אויב איך זאל אייך קענען העלפען — האט דר. מארגאן געזאגט איינפאך.

—איז אייך מיין פאל בעקאנט? — האט סענאר ליאבא געפרעגט.

—נור פון הערן: אבער מיט אייער ערלויבניס און מיט דער צושטימונג פון די הערען דאקטארען וואלט איך גערן געמאכט איין אונטערזוכונג פון אייער צושטאנד.

דערביי האט ער געקעהרט זיין בליס צו די ביידע מעקסיקאנער דאקטוירים, וועלכע האבען אין אויפרעגונג געפאקט זייערע אינסטרומענטען אין רענצלאך גרייטענדיג זיך אוועקצוגעהן.

איינער פון די דאקטוירים האט אויסגעבראכען מיט וויטהענדען כעס.

—מיר ווילען ניט האבען צו טהאן מיט איין איינברעכער וואס רייסט זיך מיט גוואלד אריין צו א קראנקען... אדיאס!..

דר. מארגאן האט זיך אומגעדרעהט אין אויפרעגונג, ווי עטוואס צו זאגען, אבער ווידער האט דער קראנקער אויסגעשטרעקט זיין האנד און האט געזאגט:

—בעגלייט מיך צו מיין צימער, דאקטאר מארגאן.

און דער אלטער האט זיך צוריקגעצויגען, בעגלייטעט פון דאקטאר מארגאן און ראזעטא, ווערענד די צוויי מעקסיקאנישע דאקטוירים זיינען געבליבען פאקענדיג זייערע זאכען.

—דער פערפלוכטער איד! — האט איינער פון די דאקטוירים געקריצט מיט די צייהן — ער וועט מיר ניט ענטרינען!...

ער האט געוואלט נאך מעהר זאגען, אבער דער צווייטער דאקטאר האט איהם מיט א וואונק אויפמערקזאם געמאכט אויף די צוויי דיענער וועלכע זיינען גע-

שטאנען אין א דונקעלען ווינקעל ביין טהיר, בעטראכטענדיג די סצענע, און ער איז פלוצלונג ענטשוויגען געווארען. דיביידע דיענער האבען זיך צוריקגעצויגען און באלד דערנאך האבען אויף די ביידע דאקטוירים פארלאזען דאס הויז.

דעמזעלבען נאכמיטאג איז דורך די דיענער בעקאנט געווארען אין שטעדטיל וואס ביין זילבער־קעניג אין הויז איז פארגעקומען, און דער קלאנג פון א פערשווערונג געגען דעם לעבען פון סענאר ליאבא האט זיך פארשפרייט איבער מערידא.

צווייטעס קאפיטעל.

ביי די רעוואלוציאנערען אין לאגער

אין דעם אבענד פון דעמזעלביגען טאג, ווען דיעזע סצענע האט פאסירט אין דעם הויז פון בלינדען מיליאנער, האבען די איינוואוינער פון מערידא געזעהן צוויי דונקעלע געשטאלטען אויף פערד ארויסרייטענדיג פון פארק הינטער דעם הויז פון סענאר ליאבא, און פארנעהמענדיג זיך אויף דעם וועג פון הערמאסילא, וועלכעס איז איינינע און דרייסיג מייל פון מערידא. איין געשטאלט איז געוועזען אנגעטאהן אין דעם מאנטעל און קאפשאן פון א פראנציסקאנער גלח, דער צווייטער איז געוועזען געקליידעט ווי א מעקסיקאנער הידאלגא (גוטס־בעזיצער), מיט דעם ברייטען סאמברערא (הוט) אויפ'ן קאפ, וואס האט טהיילווייזע פערדעקט זיין געזיכט. ווען די דונקעלהייט פון דעם אבענד וואלט זיי ניט געשיצט וואלטען די איינוואהנער פון מערידא וועלכע האבען זיי געזעהן ארויספאהרענדיג געווים דערקענט אן דעם פראנציסקאנער גלח דעם בעקאנטען דאקטאר פראנקאס פון הערמאסילא, וועלכער פלעגט אפט קומען בעזוכען קראנקע אין מערידא. און איז געוועזען איין אפטער גאסט אין הויז פון בלינדען מיליאנער. אין דעם צווייטען רייטער וואלטען זיי געווים געהאט דערקענט דעם יונגען סענאר ליאבא, דעם זוהן פון בלינדען מיליאנער. אבער אזוי ווי ביידע זיינען געוועזען אנדערש פערקליידעט אלס געוועהנליך, און די דונקעלהייט פון דעם אבענד האט זיי געשיצט, זיינען זיי ארויסגעריטען פון דערפיל אונערקאנט פון די איינוואהנער, וועלכע האבען זיי אנגענומען פאר צוויי פרעמדע בעזוכער פון דעם בלינדען זילבער־קעניג.

די ביידע געשטאלטען זיינען געריטען שטילשוויינענד זייט ביי זייט ביז זיי האבען געהאט דאס גאנצע דארף הינטער זיך. און דאן האט זיך דער יונגער ליאבא געווענדעט צו זיין קאמעראד אין די פראנציסקאנער קליידער.

— אלעס שיינט צו געהן ווי געשמירט, דאקטאר פראנקאס — קיינער האט אונז ניט דערקענט, און קיינער וועט וויסען אז איך בין געוועזען אוועק פון דער־היים. מיט דעם אנברוך פון טאג וועל איך זיין צוריק אין מיין צימער.

—זיינען די דיענערשאפט זיכער?

—גאנץ זיכער.

—ווי אזוי־זשע, קענט איהר מיר ערקלערען, האט אייער שוועסטער געוואוסט פון אונזערע פלענער? עס שיינט אז זי האט עס שוין געוואוסט פון איינינע טעג, דאס מיר ווילען מאכען די אפעראציאן היינט, און דאס מיר האבען די אבזיכט צו מאכען איין ענדע צו דעם בלינדען געלד־זאק, ווייל זי האט צייט געהאט צו זעטצען זיך אין פערבינדונג מיט דעם פערדאמטען אמעריקאנא פון סאן פראנציסקא.

—דאס איז מעהר ווי איך קען דערקלערען — האט געזאגט אלבערטא ליאבא, מיט א טאן וואס האט געקלונגען ווי אונרוהע — די איינציגע זאך וועלכע איך קען מיר דיינקען איז נאר, דאס זי האט פיעלייכט אונז נאכגעשפירט, אדער פיעלייכט האט זי געהערט עטוואס פון אונזער בעראטהונג אין מיין צימער מיט איינינע טעג צוריק. אייער קאלעגע דאקטאר מילאנאס האט גערעדט צו הויך; איינינע מאל האב איך איהם געבעטען ער זאל ריידען שטילער.

—זי קען דאס נאך פערטרויען דעם פערדאממטען אמעריקאנא, אויב זי וויים

עטוואס — האט דאקטאר פראנקאס געזאגט מיט פערדרוס — דען אזוי וויט ווי איך האב בעמערקט איז אייער שוועסטער און דיזער דאקטאר גאר ניט גלייכגילטיג איינער צום אנדערען.

—אין דעם האט איהר רעכט. ראזעטא האט געמאכט די בעקאנטשאפט פון דיזען דאקטאר ווען זי האט מיט מיין פאטער בעזוכט זיין קליניק אין סאן פראנציסקא מיט א יאהר צוריק, און איך האב זי פיעל מאהל געהערט ריידען פון איהם.

—די געשיכטע מאכט מיך זעהר אונרוהיג. איהר מוזט זעהן פטור צו ווערען פון דיזען דאקטאר וואס שנעלער.

—דאס וועל איך איצטער טהאן — האט ליאבא געזאגט.

—מיין פריינד פראנציסקא מאדערא, אלס אנפיהרער פון דער רעוואלוציאן, האט נייטיג געלד, און אייער הילפע אין דעם אויגענבליק, ווען די רעוואלוציאנערע קרעפטען פאנגען אן זיך צו זאמלען, וועט ביי איהם שטארק אנגעלייגט זיין. ער האט יעצט ארום צוועלף הונדערט מאן ארום הערמאסילא, און ער וועט אייך שטעלען צו פערפיגונג ווי פיעל לייטע איהר ווילט.

—א צעהנדליג וועט גענוג זיין — האט געענטפערט אלבערטא ליאבא — צעהן בעוואפענטע אינסורעקטאס (רעוואלוציאנערען) וועלען מיט איהם פארטיג ווערען, וואס פאר א העלד ער זאל ניט זיין.

—איהר דיינקט דאך איהם ניט צו טעדטען ? — האט געפרעגט דער צווייטער מיט א טאן פון אונרוהיגקייט.

—ווארום ניט ?

—ער איז איין אמעריקאנער סיטיזען, און ביי איהם אין סאן פראנציסקא ווייסמען וואהין ער איז געפאהרען. זיין פערשווינדען וועט אנמאכען א שטורם אין די יונייטעד סטייטס ; די רעגירונג אין וואשינגטאן וועט אנפאנגען אונטערזוכונגען, און עס קען ארויסקומען דערפון אן אינטערנאציאנאלער פלאנטער. אונזער טיראנישער פרעזידענט דיאז וועט העלפען זוכען, און וואו צעהן אדער צוועלף לייטע ווייסען, איז דאס ניט מעהר קיין סוד. דערפון קענען ארויסקומען זעהר ניט אנגענעהמע פאלגען.

אלבערטא ליאבא האט זיך א וויילע פערטראכט.

—פיעלייכט האט איהר רעכט, דאקטאר. אויב אזוי וועט נאר נייטיג זיין: אז די אינסורעקטאס זאלען איהם נעהמען געפאנגען אלס אויסלענדישען שפיאן אין דיענסט פון דיאז, און איהם אפפיהרען אין די בערג און האלטען איהם דארט ווי לאנג דאס וועט מעגליך זיין.

—דערוויילע אבער קען ער מאכען די אפעראציאן, און—דער טייפעל ווייס איהם — עס קען איהם נאך געראטהען.

—דאס זאל ניט געשעהן. דער אלטער האט בעשטימט די אפעראציאן פיר מארגען, און נאך איידער דער קראנקער וועט זיין וואך זאל דער פערפלוכטער אמעריקאנא פערשווינדען פון מערידא.

—מיר מוזען אבער רייטען שנעלער אום ניט צו פערליערען קיין צייט—האט דאקטאר פראנקאס געזאגט — עס ווערט שפעט און דער וועג איז שווער אויף די געבירגע, און עס קען נעהמען צייט ביז מיר געפינען מאדערא.

—לאמיר געבען שפארען !

ביידע רייטער האבען צו גלייכער צייט אריינגעדריקט די שפארען אין די ריפען פון זייערע פערד, און האבען זיך א לאז געטהאן אין גאלאפ. א היבשע צייט זיינען זיי אזוי געריטען שווייגענדיג, דרעהענדיג זיך אויף זייטענוועגען, איבער קליינע געבירגע און איבער טהאלען, ביז זיי האבען דערגרייכט די העכסטע געגענד, צווישען צוריסענע שטיינער, איינינגע מייל פון הערמאסילא. אלס זיי האבען אנגעפאנגען זיך ארונטערצולאזען בארג אראפ האבען זיי פלוצלונג דערהערט דעם קנאל פון א שאס, און דאקטאר פראנקאס האט האסטיג איינגעהאלטען זיין פערד.

—בלייבט שטעהן ! — האט ער גערופען צו זיין בעגלייטער — דאס איז א סיגנאל פון מאדעראס לייטע.

ביידע רייטער זיינען יעצט געבליבען שטעהן, אנשטרענגענדיג זייערע בליקען

אין דער ריכטונג פון וועלכען דער שאָס האט זיך געלאָזט הערען. נאָך איינינע מינוטען פון שפאנונג האָבען זיי בעמערקט צווישען די טיעפע שפאלטען אין די שטיינער דונקעלע געשטאלטען זיך בעוועגען, און קומענדיג רק נעהנטער צו זיי. און באלד נאָך דעם האָט זיך אויך געלאָזט הערען א שטימע פון גאנץ נאָהענט:

—ווער איז דאָרט?

—פריינדע פון די אינסורעקטאָרס צו זעהן דעם קאפיטאַן. האָט געענטפערט דאָקטאָר פראנקאָס.

ווי פון דער ערד זיינען פלוצלונג ארויסגעוואכסען זעקס בעוואפענטע מעקסיקאנער, מיט פלינטען אויף די שולטערען, בארוועס, און מיט ברייטע סאמבעראָס אויף די קעפ. צוויי פון דיעזע האָבען ערגריפען די פערד פאר די צוימען.

—פון וואנען קומט איהר, סענאָרעס? האָט געפרעגט איינער פון די זעכס — און וואס זוכט איהר דאָ?

—דאס וועלען מיר דערצעהלען אונזער פריינד, דעם קאפיטאַן פראנציסקאָ מאָדערע. פיהרט אונז צו איהם.

—מיר מוזען אייך אבער פריהער פארבינדען די אויגען.

—טהוט ווי אייערע בעפעהלע הייסען אייך טהאָן.

—שטייגט ארונטער, סענאָרעס!

דאָקטאָר פראנקאָס און אלבערטאָ ליאָבאָ האָבען נעפאָלגט.

צוויי אינסורעקטאָס האָבען די בעזוכער פערבונדען די אויגען און זיי גענומען אונטער די אָרעמס.

—מארש, צום קאפיטאַן! — האָט דער אנפיהרער קאָמאנדירט — אייערע פערד געפינט איהר דאָ, סענאָרעס, ווען איהר קומט צוריק.

די געגענד פון הערמאָסילאָ איז ניט ווייט פון דעם פלאטץ וואו מעקסיקאָ גרעניצט זיך מיט טעקסאָס. די געגענד האָט פון איין זייט דעם טייך ריאָ גראנדע דעל נאָרטע, און פון דער אנדערער זייט די געבירגע פון קאָהאָהואילאָ, וועלכע איז פול מיט אויסגעלאָשענע וואולקאַנען, טיפע שטיינערנע הוילען, און צוריסענע סקאַלעס, וועלכע מאַכען איין אידעאַלען בעהעלטעניס-פלאטץ פיר רעוואָלוציאָנערען, און אפטמאָהל פיר רויבער באנדעס און אינדיאַנער, פון די ווילדע אפאטשעס, ווען זיי גרייטען זיך צו א קריעגס-טאַנץ.

אין דיעזער געגענד זיינען איצטער געפיהרט געוואָרען די ביידע רייטער מיט די פערבינדענע אויגען, געהאַלטען אונטער די אָרעמס פון צוויי אינסורעקטאָס, און בעגלייטעט פון צוויי אנדערע.

אונגעפעהר א האלבע שטונדע האָבען די אינסורעקטאָס געפיהרט די ביידע געסט איבער שטיינער און גריבער. פון צייט צו צייט האָבען זיי געהערט א בראַזגען פון וואפען, א הירזשען פון פערד, און פראגען פון שטימען ווער עס קומט. דאס זיינען געוועזען אינסורעקטאָס אויף דער וואַך. ענדליך איז די קליינע גרופע מיט איהרע צוויי געסט געבליעבען שטעהן. איינער פון דער גרופע האָט געטהאָן א פייף צום סיגנאַל, און א שטימע האָט געפרעגט:

—ווער קומט?

—"פרייהייט און באָדען!" — האָט געענטפערט איינער פון דער גרופע — איז דער קאפיטאַן ביי זיך?

—באָדען און פרייהייט!" — האָט די שטימע פון ערגיץ וואו אבגעענטפערט דעם פאסווארט.

—מעלדעט דעם קאפיטאַן דאס מיר האָבען געבראכט צוויי סענאָרעס וועלכע מיר האָבען געטראָפען רייטענדיג אין דער געגענד. זיי ווילען ריידען מיט'ן קאַפיטאַן.

נאָך א פאר מינוטען זיינען פאראיבער און ווידער האָט זיך געלאָזט הערען די שטימע:

—פיהרט זיי אריין! קאפיטאַן מאָדערע איז גרייט זיי צו עמפפאנגען.

די בינדען זיינען שנעל ארונטערגענומען געוואָרען פון די אויגען פון די ביידע בעזוכער, און זיי האָבען זיך געפונען ביי דעם איינגאנג אין א הייהל. נאָר א שוואַ-

כער שיין פון ליכט האט אבגעשלאגען אין אריינגאנג.

לאנגזאם געפיהרט פון זייערע בעגלייטער זיינען די צוויי בעזוכער אריין אין היהל, וועלכע האט געפיהרט דורך א רונדע עפנונג אן א זייט צו א טיעפערע היהל. דער אריינגאנג צו דער אינוועניגסטער היהל איז געוועזען פערהאנגען מיט א פארהאנג.

אין נעכסטען אויגענבליק האט זיך דער פארהאנג א ציה געטהאן אן א זייט, און פאר זיי איז ערשיענען א מיטעלגעוואכסענער מאן, אין מעקסיקאנישער קליידונג, מיט א קינזשאל אין גארטעל, און מיט איין אנגעצונדענער פאקעל אין דער רעכטער האנד.

דאס איז געוועזען דער פיהרער פון דער יעצטיגער רעוואלוציאן אין מעקסיקא, פראנציסקא מאדערא.

איין אויגענבליק האט ער געלאזט רוהען זיין פארשענדען בליק אויף די צוויי פרעמדע, און דאן האט א שמייכעל אריבערגעשוועבט זיין ערנסטען פנים.

—אה, דאקטאר פראנקאס — האט ער געזאגט — וואס ברייננט אייך יעצט אהער, און אין דיעזער טראכט! צייט ווען זייט איהר געווארען פראנציסקאנער? און ווער איז דיעזער יונגער מאן?

—דאס איז סענאר אלבערטא ליאבא, דער איינציגער זאהן פון סענאר בעניטא ליאבא, דעם זילבער־קעניג. די טראכט פון א פראנציסקאנער איז נייטיג געוועזען אום ניט צו דערוועקען קיין חשד, דען דער צוועק פון אונזער קומען איז וויכטיג פיר די זאכע פון "פרייהייט און באדען" אין מעקסיקא.

—אויב אזוי, זייט מיר ווילקאמען, סענארעס — האט מאדערא געזאגט, און האט מיט א גראציעזער בעוועגונג זיי אנגעצייגט אריינצוקומען אין די אינערע היהל. דאן האט זיך מאדערא געווענדעט צו די אינכורעקטאס וואס האבען די צוויי בעזוכער געבראכט און האט געזאגט:

—גוט, מיינע לייטע, אלעס איז אין ארדנונג, איהר קענט געהן, און האלט די אויגען אפען, בוענא נאטשעס! (גוט נאכט!)

—בוענא נאטשעס! —האבען די לייטע געענטפערט און האבען פערלאזען די היהל.

מאדערא האט אריינגעשטעקט די פאקעל אין א קאנדעלאבער וואס איז געשטאנען אין א ווינקעל פון חייהל און האט אנגעוויזען די געסט פלעטצער ביי א טיש וואס איז געשטאנען אין מיטען היהל. די פלאמע פון דער פאקעל האט זיך אבגעשפיעגעלט אין די שווערדען און ביקסען און אנדערע וואפען וואס זיינען געהאנגען אויף די טעפיכע מיט וועלכע די ווענד זיינען געוועזען בעדעקט און האבען צוגעגעבען דעם פלאטץ א פארכישופיטען אויסזעהן.

—מיט וואס קען איך אייך דיענען, סענארעס? — האט מאדערא אנגעפאנגען דעם געשפרעך, זעצענדיג זיך צום טיש, וואס איז געווען בעדעקט מיט פאפירען.

—קאפיטאן — האט דאקטאר פראנקאס געענטפערט — איהר ווייסט ווי ערגעבען איך בין אייך אין דער זאכע פיר וועלכע איהר קעמפט. איך קום יעצט מיט מיין פריינד ליאבא וועגען צוויי זאכען: ערשטענס, אייך צו ברייננען פינאנציעלע שטיצע פיר די גוטע זאכע צו בעפרייען מעקסיקא פון דער טיראניי פון דיאז, און צווייטענס, צו ווארנען אייך געגען א געפעהרליכען שפיאן וועלכער קומט פון יונייטעד סטייטס, און איז ווי עס שיינט דער שליח פון אמעריקאנישע קאפיטאליסטען וואס זיינען פעראינטערעסירט אין מיקסיקא'ס רייכטהימער, און זויגען אויס אונזער לאנד!

מאדערא האט זיך אויפגעריכטעט ווי איינער וואס איז געווארען שטארק פעראינטערעסירט.

—ביידע צוועקען זיינען וויכטיגע — האט ער געזאגט — און איך דאנק אייך; אבער ערקלעהרט אייך, דאקטאר, דער ווילע איז מיר נאך די גאנצע זאך אומפערשטענדליך.

—מיין פריינד סענאר ליאבא קען אייך דאס בעסער ערקלעהרען אלס איך. איך וויל אייך נאר זאגען, דאס ער איז מיט אונז, און סימפאטיזירט מיט דער זאכע פון מעקסיקא'ס בעפרייאונג.

—יא, קאפיטאן, מיטן גאנצען הארצען פיהל איך פיר אייער קאמפף — האט אלבערטא ליאבא אריינגערעדט — ליידער איז מיר אונמעגליך אפען ארויסצוטרעטען געגען דיאז צוליעב מיין קראנקען פאטער, סענאר בעניטא ליאבא. דען איך בין זיין איינציגער זאהן. די רעגירונג פון דיאז קען טאהן אונזערע אינטערעסען פיעל שאדען, אויב עס זאל בעקאנט ווערען דאס איך סימפאטיזיר מיט די אינסורעקטאס. אבער דאס שטערט מיר ניט אייך צו געבען פינאנציעלע הילפע.

דאס זאגענדיג האט אלבערטא ליאבא ארויסגעצויגען פון זיין גארטעל א געלדטאשע און האט עס איבעררייכט מאדערא.

—דא געפינט איהר, קאפיטאן צעהן טויזענד יונייטעד סטייטס דאלארס, וועלכע איך בעט אייך אנצונעהמען אלס מיין בייטראג צו אייער קאמפף, און יעצט: וועגען דעם אמעריקאנער שפיאן: ער הייסט מארגאן, און קומט פון סאן פראנציסקא. היינט פריה איז ער ערשיענען אין אונזער הויז גראד אין דעם אויגענבליק ווען דאקטאר פראנקאס און דר. מילאנאס האבען געזאלט אונטערנעהמען איין אפעראציאן אויף מיין בלינדען פאטער, וועלכער ליידעט פון גאל־שטיינער. קיינער האט איהם ניט געלאדען. ער האט בעוואויגען מיין פאטער איינצושטעלען די אפעראציאן, און דעם גאנצען טאג איז ער מיט איהם אין בעראטהונג. עס איז ניט קלאר וועלכע געשעפטען ער האט אין מעקסיקא. איך בין איבערציינגט אז ער איז געקומען צו מיין פאטער אין אויפטראג פון אמעריקאנישע מינען־אייגענטהימער, און דער צוועק איז צו פערבינדען זיך געגען אייך, קאפיטאן, און צו בעוועגען די רעגירונג פון יונייטעד סטייטס זיך אריינצומישען אין די אנגעלעגענהייטען פון מעקסיקא און דערשטיקען די רעוואלוציאן צו גונסטען פון דיאז. איך בין איבערציינגט אז ער פיהרט ביי זיך וויכטיגע דאקומענטען, וועלכע איהר מוזט נעהמען אין בעזיטץ.

—וואס איהר זאגט מיר דא איז זעהר וויכטיג — האט מאדערא געזאגט נאכדיינקליך — פיעל וויכטיגער פיעלייכט אלס אייער גרויססמוטהיגער בייטראג פון געלד. אויב מיר זאלען ווירקליך אריינקריעגען אזא העכט מיט דאקומענטען, וואלט די עפענטליכע מיינונג אין יונייטעד סטייטס ניט דערלאזען די רעגירונג אין וואשינגטאן אונז צו שטערען אין אונזער קאמפף. וואו געפינט ער זיך יעצט, דיעזער אמעריקאנא?

—ביי אונז אין מערידא. אלעס וואס עס איז נייטיג, קאפיטאן, איז צו שיקען גלייך מיט מיר א צעהנדליג פון אייערע לייטע — דען ער איז א זעהר קרעפטיגער מאן דיעזער אמעריקאנער — און איהם נעהמען געפאנגען. דאס קען געטאהן ווערען נאך איידער די זונן געהט אויף, און דורכגעפיהרט ווערען אזוי שטיל, דאס קיינער וועט ניט וויסען.

— הם... הם... א העכסט וויכטיגער אומשטאנד, אבער געפעהרליך — האט מאדערא געמורמעלט ווי ריידענדיג צו זיך. די פעדעראל סאלדאטען פון דיאז היטען די אומגעגענד... זיי קענען לייכט איבערנעהמען די לייטע מיט זייער געפאנגענעם... די זאכע קען אונז קאסטען די סימפאטהיע פון יונייטעד סטייטס. אויב מען הערט דארט אז מיר האבען געפאנגען א יונייטעד סטייטס סיטיזען וועט ווערען א געשריי, א געפילדער!...

— אבער, קאפיטאן — האט איהם דאקטאר פראנקאס אונטערבראכען — דאס זאל ניט פאסירען. מיר קומען איצטער פון מערידא, און קיינער האט אונז ניט געשטערט, מיר האבען קיינעם ניט געזעהן ביז מיר זיינען אנגעהאלטען געווארען פון אייערע לייט... בעדענקט קאפיטאן וואס אונזער זאכע קען געווינען, ווען מען קריגט אריין אזא העכט מיט דאקומענטען, און מען וויים וואס עס ווערט געפלאנעוועט ביי די אמעריקאנישע קאפיטאליסטען וועלכע זויגען אויס אונזערע רייכטימער און שטיצען די טיראנישע רעגירונג פון דיאז.

— און קענט איהר דעם מאן אויסליעפערען צו מיינע לייט אהן אויפזעהן צו מאכען? — חאט מאדערא געפרעגט דעם יונגען ליאבא.

גאנץ זיכער, קאפיטאן. דאן זאל עס געשעהן!

מאדערא האט זיך שנעל אויפגעהויבען פון זיין פלאטץ, איז צוגעגאנגען צו דעם ווינקעל פון דער הייהל וואו די פאקעל האט געברענט, און האט א ציה געטהאן א שנור. באלד דארויף איז ערשיענען א יונגער מאן אין א סאמברערא און א כאקי־אנצוג, מיט א ביקס אין דער האנד, און האט זיך געשטעלט אין אריינגאנג פון דער אינערער הייהל.

— הערמאנאס — האט מאדערא זיך געווענדעט צו איהם — נעהם ניין פון די בעסטע לייטע און געהט צו פערד מיט דיעזע צוויי סענארס נאך מערידא, און נעהם געפאנגען דעם מאן וואס זיי וועלען דיר אנצייגען. טהו עס אהן ליארם, אזוי שטיל ווי מעגליך, ברייננ אלע זיינע זאכען און דאקומענטען... גע־פארזיכטיג און צוטהיילט אייך אין פאאר, אום ניט צו ציהען קיין אויפמערקזאמקייט. פערשטאנען?

— צו בעפעהל, קאפיטאן!

— גוט!

דער יונגער אינסורעקטא האט זיך שנעל צוריקגעצויגען.

— אלזא, די זאך איז געשעהן, סענארעס, און יעצט לאזט מיר אייך דאנקען פיר אייער גרויסע שטיצע וועלכע איהר האט דיעזען אבענד מיר געגעבען.

— פיר "בארען און פרייהייט" — האט פראנקאס געזאגט.

די ביידע בעזוכער האבען פערלאזען די הייהל, און אין דער בעגלייטונג פון איינעם פון דער גרופע אינסורעקטאס וואס האט זיי פריהער געפיהרט צום הייהל זיינען זיי איצטער געפיהרט געווארען צוריק צו דעם פלאטץ, וואו זייערע פערד זיינען געשטאנען.

אין פערלויף פון א פירטעל שטונדע האט א טרופע פון צוועלף רייטער, מיט פראנקאס און ליאבא אין פאראויס, פארלאזען די געגענד פון חערמאסילא אין דער ריכטונג פון מערידא.

דריטער קאפיטעל.
ראזעטא'ס געהיימניס.

די בעציהונגען צווישען ראזעטא ליאבא, די איינציגע טאכטער פון דעם בלינדען זילבער־קעניג פון מעקסיקא, און דאקטאר פעליקס מארגאן, זיינען געוועזען, ווי דער לעזער האט לייכט געקענט מערקען, עטוואס מעהר אלס די פארמאלנע בעציהונגען צווישען יונגע לייטע פון די העכערע קלאסען ווען זיי זיינען ניט מעהר אלס בעקאנטע, אדער קומען נאר אין בעריהרונג איינער מיט דעם אנדערען אין פראפעסיאנעלע אנגעלעגענהייטען. די בעציהונגען צווישען דאקטאר מארגאן און דער טאכטער פון סענאר ליאבא זיינען געוועזען פריי פון די געוועהנליכע געזעלשאפטליכע צערעמאניעס און כמעט האלב אינטים, הערצליך, ווי צווישען אלטע בעקאנטע און גוטע פריינדע. דער לעזער וועט דיעזע בעציהונגען געפינען אלס גאנץ נאטירליך ווען ער וועט ערפאהרען, דאס ביז מיט א יאהר צוריק, פאר דעם אנפאנג פון אונזער ערצעהלונג האט ראזעטא זיך ערצויגען, ווי פיעלע אנדערע טעכטער פון רייכע מעקסיקאנער, אין א פריוואט־פאנסיאן אין סאן־פראנציסקא, און דאקטאר מארגאן איז געוועזען הויז־דאקטאר פון דעם פאנסיאן. צוויי מאל אין יעדער וואך, דיענסטאג און פרייטאג, פלעגט דאקטאר מארגאן בעזוכען רעגעלמעסיג די אנשטאלט און האט אכטונג געגעבען אויף די געזונדהייט פון די יונגע רייכע שילערינען. זיין שעהנע קרעפטיגע מענליכע געשטאלט, זיין פריינדליכעס בענעהמען און זיין טאקטפאלע האלטונג האבען איהם געמאכט צום ליעבלינג פון אלע איינוואוינער פון דער אנשטאלט, און זיין גוטער רוף אלס דאקטאר האבען איהם געהאלטען אין אנזעהן ביי די פראפעסארען און לעהרערינס. מעהר אלס איינע פון די יונגע מיידלאך האבען זיך געלאזט הינרייסען דורך זיין ערשיינונג, און ווען די מיידלאך אונטער זיך פלעגען זיך אויסטוישען מיט זייערע פאנטאזיעס, ווי יונגע מיידלאך טהוען אפט, פלעגט דער דאקטאר אפט זיין דער געגענשטאנד פון זייער ענטציקען און פון זייערע זיסע

חלומות. דער טאג ווען דאקטאר מארגאן פלעגט דארפען קומען איז ערוואַרטעט געווארען אין פאנסיאן מיט אונגעדולד און הארצקלאפענים, און איז געוועזן א יום־טוב.

דאקטאר מארגאן אבער איז געווען צו פיעל פארטיעפט אין זיינע פראפעסיאנעלע שטודיען און אין זיינע כירורגישע און מעדיצינישע ארביטען, אום דאס צו מערקען, און אויב ער האט עס יא בעמערקט האט עס קיינער ניט געוואוסט.

די איינציגע וועלכע האט געצויגען אויף זיך בעזאנדערע אויפמערקזאמקייט פון זיין זייט, איז געוועזן די שווארץ־חן'עוודיגגע ראזעטא ליאבא. קומענדיג איינמאל צוריק פון א עקסקורשאן, ביי וועלכער זי האט בייגעוואוינט א יאכט־רייס פון סטודענטען פון סטענפארד יוניווערסיטי, איז ראזעטא קראנק געווארען אויף א לייכטע האלדז־ענטצינדונג, און אין פערלויף פון צעהן טעג האט זי דאקטאר מארגאן בעהאנדעלט. ער האט געהאט די געלעגענהייט צו שטודירען ניט נאר די ענטצינדונג פון איהר האלדז אינעווייניג, זאנדערען אויך פאר איין גאנג, איהרע וואונדערשעהנע טיעף־ברוינע אויגען מיט די לאנגע אויגענלידער, דעם קליינעם מויל וואס האט אויסגעוויזען ווי דער בויגען פון אמאר, און די צארטע געזיכטסציגע מיט זייער פיינעם סעמיטישען שניט. ראזעטא איז דאמאלס אלט געווען זיעבצעהן יאהר, און קומענדיג אזוי אין בעריהרונג מיט דעם ליעבעסווירדיגען דאקטאר האט זי אנגעהויבען פיהלען פיר איהם א צערטליכע נייגונג, וועלכע נאר איהר בעשיידענהייט (צניעות) האט איהר ניט ערלויבט ארויסצוווייזען. אויך דאקטאר מארגאן האט זיך אנגעפאנגען צו אינטערעסירען פיר זיין פאציענטקע פיעלייכט מעהר אלס פיר די אנדערע איינוואוינערקעס פון פאנסיאן. עטליכע חבר'טעס פון ראזעטא האבען דאס אפילו אנגעהויבען צו מערקען. און האבען איהר מקנא געוועזן. אבער מארגאן האט געוואוסט אז זיין פאציענטקע איז די טאכטער פון דעם מעקסיקאנער זילבער־קעניג, און האט בעגריפען, דאס א פראפעסיאנעלער מאן, וואס איז ניט רייך, און האט נאך צו קעמפפען פיר זיין קאריערע, קען זיך ניט לאזען הינטערייסען פון אזעלכע האפנונגען. ער האט דעריבער געזוכט זיך צו האלטען אזוי קאלט צו איהר, און אזוי גלייכגילטיג ווי צו די אנדערע. נור איין־איינציגעס מאל האט ער זיך אויף איין אויגענבליק פערגעסען. אלס ער איז ארויף צו איהר אין צימער, און די נוירס האט זיי אויף איין אויגענבליק געלאזען אליין, האט ער ניט געקענט וויעדערשטעהן דעם צערטליכען, דאנקענדען, אפעלירענדען בליק פון ראזעטא. אליין ניט־פיהלענדיג וואס ער טהוט האט ער גענומען איהר שעהנע קאפ צווישען זיינע הענד און האט ארויפגעדריקט א לײדענשאפטליכען קוס אויף איהרע ליפען... ראזעטא האט ארויסגעלאזט א האלב לייכטען אויסגעשריי פון איבעראשונג. ער האט זי אבגעלאזט, אבער זיין געזיכט האט אויסגעדריקט טיעפע אויפרעגונג און פערצווייפלונג...

— ענטשולדיגט — האט ער געמורמעלט — איך ווייס ניט וואס איך טהו... איך האב ניט געקענט וויעדערשטעהן... ענטשולדיגט....

און דערמיט האט ער פערלאזען דאס צימער

פון דאמאלס אן האט ער זיך געהיט ניט צו בלייבען מיט ראזעטא אליין, און ווען זי איז געזונד געווארען פלעגט ער זי אין גאנצען אויסמידען. ער האט זיך געמאכט פארווירפע פאר דעם אויגענבליק פון שוואכקייט, און איז געוועזען ביי זיך איבערצייגט, דאס זי וועט זיין העזה'דיגקייט איהם קיינמאל נישט מוחל זיין.

אבער א יאהר שפעטער, נאך דיעזער פאסירונג, אלס ער איז געוועזען בעשעפטיגט אין זיין קליניק, אנגעטהאן אין א ווייסען קיטעל איבער זיינע קליידער, האט איהם א נוירס געמעלדעט, דאס א יונגע ברונעט־דאמע און איין אלטער בלינדער הערר ווארטען אין גאסט־צימער פון קליניק און ווילען איהם זעהן. גלויבענדיג אז דאס איז א פאציענט איז ער ארויסגעקומען, און זיין איבעראשונג האט ניט געוואוסט קיין גרענצען, אלס ער

האט דערזעהן פאר זיך ראזעטא. ער איז געווארען בלאס און רויט אבוועקסלענד, און האט זיך פארלארען. אויף ראזעטאס געזיכט האט זיך בעדעקט מיט א צארטער רויטקייט, אבער זי איז איהם פריינדליך געקומען אנטקעגען, האט שמייכלענדיג איהם אויסגעשטרעקטביידע הענד, און ערגרייפענדיג זיינע, האט זי געזאגט:

— ווי געהט עס אייך, דאקטאר? איך בין אזוי צופריעדען אייך וויעדערזעהן. איך וויל אייך פארשטעלען מיין פאטער. ער איז געקומען מיך נעהמען א היים נאך מעקסיקא... מיין שולע איז צו ענדע...

פארין האנד האט זי איהם צוגעפיהרט צום בלינדען מאנן, וועלכער האט אויסגעזעהן קרעפטיג און פארנעהם טראכטענדיג וואס די וועלט איז איהם געווען פינסטער, און זי האט געזאגט:

— פאטער, דאס איז דאקטאר מארגאן, וועלכער האט מיך אזוי גוט קורירט פון מיין האלדז-ליידען...

דערביי האט זי געווארפען א שעלמישען זייטענבליק אויף דעם צומישטען דאקטאר, און וויעדער איז זי רויט געווארען...

דער בלינדער מאן, וועלכער איז געווען קיין אנדערער אלס סענאר ליאבא, דער זילבער-קעניג פון מעקסיקא, האט אויסגעשטרעקט די האנד, וועלכע דאקטאר מארגאן האט הערצליך ערגריפען.

— איך דאנק אייך, דאקטאר, פאר אלעס וואס איהר האט געטהאן פיר מיין ראזעטא. עס פרעהט מיך אייך צו קענען.

— איהר טהוט מיר צו פיעל עהרע, סענאר! איך האב געטהאן ניט מעהר אלס יעדער אנדער דאקטאר אויף מיין פלאטץ וואלט געטהאן, און דאס איז פראפעסיאנעלע פפליכט. אייער בעזוך מאכט מיר גרויס פערגניגען.

— איך בעדויער וואס איך קען אייך ניט זעהן און שטעל אייך מיר פאר לויט ראזעטאס שילדערונג. אבער איך הער אייער שטימע, און דער קלאנג געפעלט מיר... האפענטליך הער איך זי וויעדער א מאל....

— אזא פאל וואלט מיך גליקליך געמאכט — האט מארגאן געענטפערט.

— פאטער, — האט ראזעטא געבעטען — וואלסטו פיעלייכט בעטען דאקטאר מארגאן צו לאזען אונטערזוכען דיינע אויגען?

— ניין, ניט יעצט מיין קינד... עס איז סאי-ווי-סאי קיין האפנונג ניטא פאר מיך... אבער דאקטאר מארגאן וועט אונז בעזוכען, האף איך, אין מעקסיקא, וואו מיר וועלען איהם ווייזען אונזער דאנקבארקייט, ניט וואהר ראזעטא?

— געוויס, געוויס! איהר קומט צו אונז דאקטאר, ניט וואהר?

— איהר זייט גאר אין גאנצען צו ליעבענסווירדיג! איך וועל בעטען מיין שיקזאל ער זאל מיר צושיקען א געלעגענהייט.

— און אויב אייער שיקזאל טהוט עס ניט, נעהמט זיך די געלעגענהייט — האט סענאר ליאבא געזאגט מיט א שמייכעל.

דאן האט ראזעטא און איהר פאטער גענומען הערצליכען אבשיעד פון דאקטאר מארגאן. אין דעם "אויף וויעדערזעהן!" וועלכע ראזעטא האט איהם געזאגט, און אין דעם האנד דרוק וואס זי האט איהם געגעבען איז געלעגען אזוי פיעל צערטליכקייט, אזוי פיעל פערשפרעכונג, דאס דאקטאר מארגאן האט זיך מיט מיהע צוריקגעהאלטען ניט צו בעגעהן די זעלביגע שוואכקייט וואס א מאל אין פאנסיאן. ווען דער אויטאמאביל האט אוועקגעראלט, האט ראזעטא איהם נאך צוגעווארפען א פריינדליכעס "אדיאס" מיט דער האנד, און דאקטאר מארגאן איז געבליבען פיעל פארחלום'טער און פיעל גליקליכער אלס ער איז פריהער געווען.

* * *

מעהר אלס א יאהר איז פארבייגעגאנגען צייט דיעזער סצענע פון געזעגענען זיך, דאקטאר מארגאן האט אפט געטראכט פון דער רייזע נאך מעקסיקא, אבער זיינע קלינישע ארבייטען האבען איהם צוריקגעהאלטען, און ווען ער האט אויך געצווייפעלט, אויב אזא בעזוך נאך מעקסיקא וואלט געווען פאסענד פון זיין זייט. פלוצלונג קריגט ער א דעפעשע אוים מעקסיקא מיט דעם אינהאלט:

"דאָקטאָר מאַרגאַן סאַן פראַנציסקאָ. פאָטער זעהר קראַנק. דאָקטוירים זאָגען גאַל-שטיינער. קומט גלייך.

ראָזעטאַ".

און נאָך דעמזעלביגען אבענד איז שוין דאָקטאָר מאַרגאַן געוועזען אויף דער רייזע, און גאַנצע 24 שטונדען איז ער געפאָהרען מיט'ן באַהן, מיט אויטאָמאָ־ביל און רייטענדיג צו פערד ביז ער איז אַנגעקומען דעם פרייטאַג פריה, און האָט פעראורזאַכט די סצענע פון איינברעכען די טיהר צו דעם אַפּאַרטמענט וואו סע־נאָר ליאָבאָ האָט געזאָלט אָפּערירט ווע־רען, ווי דער לעזער ווייס שוין.

— ווי בין איך אייך דאַנקבאַר, מיין ליעבער דאָקטאָר — האָט דער קראַנקער געזאָגט מיט אַ שוואַכער שטימע אַזוי שנעל ווי ער איז ווידער געזעסען בע־קוועם אויף זיין בעט — די אָפּעראַציאָן איז מיר איבערהויפּט ניט צום האַרצען. און איך האָב געפאָלגט דעם ראַטה פון די דאָקטוירים, און איבערהויפּט די צו־דרינגליכקייט פון מיין זוהן. זיי מיינען עס אַלע געוויס גוט מיט מיר, אַבער איך האָב ניט געקענט אונטערדריקען אַ גע־פיהל אין מיר, דאָס פון דעם אָפּעראַצ־יאָנס־טיש וועל איך שוין קיין לעבעדי־גער ניט אַרונטערקומען. דעריבער בין איך אייך אַזוי דאַנקבאַר וואָס איהר זייט געקומען אין רעכטען אויגענבליק.

— ליעבער, ליעבער פאָטער — האָט ראָזעטאַ געזיפצט אין דער שטיל — זיין אַהנונג, זיין פיהלען האָט איהם ניט אָבגענאַרט. ווען ער זאָל וויסען דאָס וואָס איך ווייס.

— איך ווייס נאָך איבערהויפּט ניט דאָס אַן אָפּעראַציאָן איז נייטיג — האָט דאָקטאָר מאַרגאַן געזאָגט.

— איז דאָס מעגליך? — האָט דער קראַנקער אויסגערופען און האָט זיך אויפגעריכטעט אין בעט פון פריידיגער אויפרעגונג.

— זעהר מעגליך, סענאָר. אויב איהר וועט מיר ערלויבען אייך גענויער צו אונ־טערזוכען, וועל איך זיין אים שטאַנדע אייך דאָס צו זאָגען מיט מעהר בע־שטימטהייט.

— מאַנט עס, דאָקטאָר, איך בעט איך — האָט דער בלינדער מאַן געזאָגט. און האָט אויסגעשטרעקט די האַנד ווי זוכענדיג דעם דאָקטאָר.

דאָקטאָר מאַרגאַן האָט איהם געגעבען זיינע הענד וועלכע דער קראַנקער האָט געדריקט מיט דאַנקבאַרקייט. ראָזעטאַ'ס אויגען האָבען זיך אַנגעפילט מיט טרעה־רען, און זי האָט זיי אויפגעהויבען צו דאָקטאָר מאַרגאַן מיט אַן אויסדרוק פון ליעבע און דאַנקבאַרקייט אויף איהר שעהנעם אַוואַלען געזיכט.

— איהר, סענאָריטאַ, וועט אַזוי — קען איך אייך בעהילפיג זיין? — האָט זי געפרעגט.

— ניין, סענאָריטאַ — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט מיט אַ ליעבען שמייכעל — איך וועל אייך נאָר בעטען מיר אַריינצושיקען די נוירס און אייער פאָטער'ס וואַלעט (לייב דיענער) אום מיר צו געבען די נייטיגע הילפע ביי דער אונטערזוכונג.

— און איך? — האָט זי געפרעגט כלומר'שט ברוגז'דיג.

פריינדליך זיין וואָרטען אין צווייטען צימער אויף מיין רעפּאָרט.

— איך מוז אייך געהאָרכען. אַבער איך וועל זיין זעהר אונגעדולדיג.

— דאָס וועט לאַנג ניט געהמען.

— אויף באַלדיגעם וויעדערזעהן.

זי האָט מיט שנעלע גראַציעזע טריט פערלאָזען דאָס צימער. דר. מאַרגאַן האָט איהר נאָכגעבליקט מיט בעוואונ־דערונג, וועהרענד דער בלינדער האָט גע־מורמעלט מיט אַ שמייכעל אויף זיין אָב־געצעהרטען פּנים:

— מיין גוטע, קלוגע ראָזעטאַ! איך וואָלט גליקליך געווען ווען איהר ברודער וואָלט געווען האַלב אַזוי גוט און אַזוי קלוג ווי זי איז.

אין נעכסטען אויגענבליק איז אַריינ־געקומען סענאָר ליאָבאָס לייבדיענער און די אַמעריקאַנישע נוירס וועלכע ראָזעטאַ האָט געהאַט בעצויגען פון סאַן־פראַנ־ציסקאָ שוין מיט וואָכען צוריק. אונטער דער ליישונג פון דר. מאַרגאַן האָבען זיי דעם קראַנקען אויסגעשטרעקט און אומ־געדרעהט פון איין זייט אויפ'ן אַנדערן, און די אונטערזוכונג האָט אַנגעפאַנגען.

דער קראנקער האט עס געדולדיג דערטראגען. נאך פופצעהן מינוטען איז די אונטערזוכונג געווען צו ענדע.

— אזוי איז עס סענאר — האט דאקטאר מארגאן געזאגט — איהר האט קיינע גאל־שטיינער און איהר דארפט קיין אפעראציאן. דאס האט צו טהאן מעהר מיט אייערע נערווען אלס מיט אייער גאל. איהר מוזט האבען רוהע, גענוג שלאף און שטערקונג. דאס וועט אויך האבען א ווירקונג אויף אייער ראיה, און אייערע אויגען וועלען בעסער ווערן.

— איז דאס מעגליך, דאקטאר? — האט דער אלטער געפרעגט אין אויפרעגונג.

— נור ניט אויפגערעגט, סענאר! דאס איז זעהר מעגליך, ווי איך האב פריהער געטראכט.

— און דער דאקטאר פראנקאס, און מילאנאס...

— איך וויל ניט ריידען פון קאלעגען... זיי מעגען האבען זייערע אנזיכטען. יעצט מוזט איהר רוהען, סענאר.

— אבער דאס איז מיין אונגליק. איך קען ניט רוהען, איך קען ניט שלאפען.

— דאס קען געהאלפען ווערען.

דאקטאר מארגאן האט געמאכט א היפאדערמישע (אונטערן הויט) איינשפריצונג אין סענאר ליאבאס ארעם, האט איהם געלאזט צוליגען אייז צום קאפ, האט ארויסגעשיקט די נוירס און דעם דיענער, און אין פערלויף פון נאך צעהן מינוטען האט דער קראנקער רוהיג געשלאפען. דר. מארגאן האט זיך ארויסגע'גנב'עט פון צימער אויף די שפיץ פינגער.

אין פארדערצימער איז איהם ראזעטא געקומען אנטקעגען מיט אן אויסדרוק פון גרויסער ערווארטונג אויף איהר שעהנעם געזיכט. דאקטאר מארגאן האט איהר אין קורצען מיטגעטהיילט דעם רעזולטאט פון זיין אונטערזוכונג.

— דאקטאר, איהר זייט אן ענגעל! האט ראזעטא אויסגערופען אין ענטציקונג.

— אז מען שטעהט נעבען אייך מוז מען דאס ווערן — האט דאקטאר מארגאן געענטפערט שמייכלענדיג.

— אי, אי! — האט ראזעטא געמאכט אויפהייבענדיג שעלמיש איהר פינגער צום פיינעם געטאקטען נעזיל — איהר מענער פון וויסענשאפט קענט אויך זיין גאלאנט. פאר אזא פיין ווערטיל האט איהר פערדיענט א דינער מיט דעם בעסטען וויין וואס פאפא האט אין קעלער. קומט!

אהן צערעמאניעס האט זי ערגריפען זיין האנד ווי די פון אן אלטען קאמעראד און האט איהם געצויגען מיט זיך צו דעם פראכטפאלען שפייזע־צימער, וועלכעם האט זיך געפונען אין דער ענטגעגענגעזעצטער זייט.

— קומט ניט אייער ברודער צו דינער? — האט דאקטאר מארגאן געפרעגט אריינקומענדיג אין שפייזע צימער, וואו נור איין פארטער האט סערווירט.

— אך, ליעבער דאקטאר, רעדט מיר ניט פון מיין ברודער. ער מאכט פאפא און מיר זעהר פיעל הארצוועה. איך ווייס ווירקליך ניט אין וועמען ער איז געראטען. מיין זעליגע מוטער איז געווען די גוטסקייט אליין, און מיין פאטער — איהר קענט דאך איהם שוין! איז ער ניט א פראכטפאלער מענש? זיין ברודער האט ניט איבערגענומען זיין נאטור פון קיינעם פון זיי. גאט זיי דאנק וואס מיין פאטער ווייס ניט אזוי פיעל ווי איך.

און איהר שעהנער פנים האט זיך פערדונקעלט ביי דיזע ווערטער. דאקטאר מארגאן האט עס בעמערקט. און אום אבצולייקנען דאס געשפרעך האט ער ארויסגעבליקט דורכ'ן פענסטער אין דעם הערליכען פארק וואס האט ארומגערינגעלט דאס הויז. און האט בעמערקט:

—וואהרער גן־עדן!

און דאס איז עס אויך באמת געוועזען. עס איז שוין געוועזען ארום פינף אוהר נאכמיטאג, די הייסע זונן האט זיך גענייגט צו מעריב־זייט, אבער אין דעם גרויסען פארק מיט די געדיכטע אלעען, מיט די פרוכט־בוימער און שא־

מינע ווינקעלאך האט עס אויסגעזעהן צו זיין קיהל. א קוויקענדער אראמאט האט זיך געטראגען דורך די אפענע פענסטער, און דאקטאר מארגאן, האט אריינגעאטהעמט די קיהלע אראמאטישע לופט און האט זיך געפיהלט געקרעפטיגט און דערפרישט.

—דאס איז די לופט פון'ם גן־עדן — האט ער איבערגעחזר'ט, ווען זיי האבען זיך אוועקגעזעצט ביים טיש.

—דאס וועט ווערען א גן עדן — האט ראזעטא געזאגט—ווען מיין פאטער וועט מיט אייער הילף קענען זעהן גאט'ס וועלט. אה, ווי איך גלויב אין אייך, דאקטאר!

די לעצטע ווערטער זיינען ארויסגעזאגט געווארען מיט אזוי פיעל געפיהל אז ביי דאקטאר מארגאן האבען זיך געשטעלט טרעהרען אין די אויגען.

—מיין גאט! — האט ער אויסגערופען מיט א געווארגענער שטימע — אזוי פיעל צוטרויען, אזוי פיעל גלויבען פון אזא ליעבענסווירדיגען וועזען, און דאך... אך, ענטשולדיגט! — האט ער מיט א מאל אפגעהאקט און האט אראפגעלאזט דעם קאפ אויף דער ברוסט.

ראזעטא איז געזעסען איינגעזונדען ווי צוטומעלט. דאן האט זי זיך אויפגעהויבען און צוגעגאנגען צו איהם.

—מיין ליעבער דאקטאר! — האט זי געזאגט לעגענדיג איהר האנד אויף זיין אקסעל — אייערע געפיהלען זיינען פון מיר ניט פערבארגען. זייט מיר האבען זיך צום לעצטען מאל געזעהען אין סאן פראנציסקא איז ניט אוועק געגאנגען א טאג, א שטונדע, אין וועלכער איך האב פון איך ניט געטראכט, אין וועלכער אייער געזיכט האט ניט געשוועבט פאר מיינע אויגען, אין וועלכער אייער שטימע האט ניט געקלונגען ווי זיסע מוזיק אין מיינע אויערען.

—ראזעטא! — האט דאקטאר מארגאן ארויסגערופען אויפשפרינגענדיג פון'ם ארט און אננעהמענדיג איהר האנט מיט זיינע ביידע און זיי דריקענדיג צום הארצען — ראזעטא! איז דאס אלעס ניט קיין טרוים? נארען מיך ניט אפ מיינע אויערען, מיינע אויגען?... ראזעטא! דו שטעהסט לעבען מיר און זאגסט מיר אז...

—אז איך האב דיך ליעב, פעליקס.

—גאט מיינער! האט דאקטאר מארגאן געזאגט ארומנעהמענדיג דאס שעהנע ליעבליכע, רייצענדע מיידעל, וועלכע האט ארויסגעקוקט צו איהם מיט איהרע גרויסע שווארצע אויגען — אזוי פיעל גליק! אזוי פיעל גליק!...

ראזעטא האט גענומען זיין קאפ אין איהרע ביידע הענט און איהם צוגעבויגען צו איהר געזיכט, און זייערע ליפען האבען זיך צוזאמענגעשלאסען אין א לאנגען פון דער טיעפעניש פון זייערע נשמות ארויסקוועלענדען קוש.

עטליכע זעקונדען זיינען זיי געשטאנען אזוי צוזאמענגעשלאסען און צונויפגעגאסען, ווי צוויי קערפער מיט איין זעעלע, דאן האט זיך ראזעטא מיט א מאל אוועקגעריסען פון איהם און געזאגט:

—דאס אלעס, פעליקס.

און זי האט זיך אניעדערגעזעצט און איהר געזיכט האט זיך איבערגעצויגען מיט א וואלקען.

—וואס איז דיר, ראזעטא — האט דאקטאר מארגאן זי געפרעגט אין שרעק — ווארום איז דיין געזיכט מיט א מאל אזוי פערטרויערט געווארען?

—מיין ליעבער פעליקס! — האט זי געזאגט — איך האב מיך פערגעסען. איך האב ניט געטארט אויפוועקען אין דיר האפנונגען, וועלכע קענען קיינמאל ניט ערפילט ווערען.. מעהר ווי ליעבען דיך, אייביג, אייביג ליעבען דיך, קאן איך ניט.

—וואס מיינסטו, טהייערע?

—איך וועל קיינמאל ניט קענען זיין דיין פרוי.

אה! — האט דאקטאר מארגאן געזאגט פערברעכענדיג די הענט — איך האב עס געדארפט פארשטעהן. דער זילבער קעניג וויל געוויס פאר זיין טאכטער א אייראפייאישען אריסטאקראט.

—ניין, ליעבער פעליקס. מיין פאטער איז א צו הייסער און ערנסטער דעמאקראט צו האבען אזעלכע נארישע אמביציעס.

—וואס זשע איז די אורזאכע?

—דאס קאן איך לוידער ניט ערקלערען.

—האסטו אמאהל אן אנדערען געליעבט, ראזעטא?

—קיינעם אויסער דיך, פעליקס, און קיינעם אויסער דיך וועל איך ניט ליעבען.

—און דאן!... ווארום, ראזעטא? ווארום?

—דאס איז א געהיימניס — האט זי געענטפערט — ווען עס וועט קומען די צייט וועל איך דיר ערקלעהרען. און דערווייל בעט איך דיך, זיסער, זאלסט מיך וועגען דעם קיינמאל ניט פרעגען, ווען די צייט וועט קומען, וועל איך דיר אליין דערצעהלען.

זי האט איהם דערמאהנט אז ער האט נאך גאר ניט געגעסען, און זיי האבען גענומען עסען אהן אפעטיט פון די געשמאקע מאכלים וואס זיינען געשטאנען אויף'ן טיש. מיט א מאל האט ראזעטא אויסגערופען אין א פרעהליכען טאן:

—מיין ליעבער פעליקס! מיר וועלען היינט האבען א טהייערען גאסט.

איהר פרעהליכער טאן און איהר אנרופען איהם "מיין ליעבער פעליקס" האט פערטריעבען זיין מרה שחורה, און ער האט זי געפרעגט שטארק פעראינטערעסירט ווער דער טהייערער גאסט איז.

—געדיינקסטו די בלאנדע ליליאן פון'ם פאנסיאן?

—ליליאן ווארד? די פרעהליכע, אימער טאנצעדיגע שטיפערין?

ווער קען זיי פארגעסען?

—ליליאן ווארד וועט דא זיין היינט ביי נאכט.

—היינט ביי נאכט? ליליאן? זי קומט צו גאסט?

—זי וועט דא זיין צוויי מאנאט. זי קומט מיט איהר פאטער.

—איז איהר פאטער א פריינד פון סענאר ליאבא?

זיי זיינען זעהר בעפריינדעט.

—מיסטער ווארד איז דאכט זיך א פאליטישען, א נאהענטער פריינד פון פרעזידענט טעפט?

—יא. און, ווי מיין פאטער האט מיר געזאגט, קומט מיסטער ווארד נאך מעקסיקא אלס פערטרויטער פון פרעזידענט טעפט צו זעהן ווי ווייט די רעוואלוציאן איז ערנסט און אויב עס איז נויטיג די פעראייניגטע שטאאטען זאלען שיקען מיליטער צו בעשיצען די אמעריקאנער אינטערעסען.

—אהן דאס איז זעהר אינטערעסאנט. קומט ליליאן מיט איהר פאטער היינט ביי נאכט?

— זיי קומען אן אין הערמאסילא מיט דער 7 אוהר טריין, ניין אוהר וועלען זיי שוין זיין דא.

דערביי האט ראזעטא געעפענט איהר קליין גאלדען זייגערעל, אויפ'ן דעקעל פון וועלכען עס האבען געבלישצעט צוויי טהייערע רויטע שטיינער, און האט זיך מיט א הימפעט א הויב געטהאן פון'ם ארט.

— ענטשולדיג, מיין ליעבער פעליקס — האט זי געזאגט בלייבענדיג שטעהן צוטומעלט — איך... איך מוז אויף עטליכע מינוט אריינגעהן אין נעכסטען צימער.

וועהרענד זי האט געזאגט די עטליכע ווערטער האט א פארב זיך צוגאסען איבער איהר וואונדער־שעהן געזיכט, וועלכעס האט זי געמאכט נאך פיעל רייצענדער און לעבענסווירדיגער ווי פריהער.

זי איז שנעל אריינגעלאפען אין נעכסטען צימער און פערמאכט הינטער זיך די טיהר. פאר דאקטאר מארגאן וועלכער האט איהר נאכגעקוקט, האט אין דעם מאמענט וואס זי האט געעפענט די טיהר א בלישטשע געטהאן א זילבערנער קאנדעליאבר, וועלכער איז געשטאנען אויף א טיש בעדעקט מיט א ווייסען טישטוך. אין דעם קאנדעליאבר האבען געשטעקט דינע ווייסע ליכט.

אין עטליכע מינוט ארום האט זיך די טיהר געעפענט און ראזעטא איז ארויסגעקומען, וויעדער צומאכענדיג די טיהר הינטער זיך. דאס מאל האט דאקטאר מארגאן געזעהן, אין דעם מאמענט וואס די טיהר האט זיך געעפענט, ווי אלע ליכט אין קאנדעליאבר זיינען געווען אנגעצונדען.

ער האט ניט געקענט בעגרייפען צו וואס עס טויגען די ליכט אין א הויז, וועלכעס איז בעזארגט מיט עלעקטרישע

בעליכטונג, און ניט האבענדיג קיין אהנונג אז דאס איז פערבונדען מיט עפּעס א געהיימניס האט ער געפרעגט ראזעטא'ן צו וואס זיי ברענען ליכט אין יענעם צימער.

ראזעטא איז ווידער רויט געווארען.

— אך, איהר האט געזעהן? — האט זי געזאגט צוטומעלט — דאס איז... מיין [illegible]ע מוטער פלעגט אנצינדען ליכט [illegible]ערען פרייטאג פ[illegible]אכט, טהו איך אויך [illegible]. איך ווייס [illegible] צו וואס זי פלעגט דאס טהאן. איך האב זי א מאל געפרעגט, האט זי מיר געענטפערט, אז אזוי פלעגט טהאן איהר מוטער, און איהר גרויס-מוטער, און אז איך וועל גרויס ווערען זאל איך אויך אזוי טהאן. עס איז אן אלטער, אלטער מנהג אין דער פאמיליע. אבער מיר ריידען דערפון זעלטען.

— דו היטסט זיך מיט דעם? — האט מארגאן געשמייכעלט, זיך וואונדערענדיג.

— יא, פעליקס! — האט ראזעטא געזאגט פארשעהמט — קיינער טהוט עס דא ניט, און מען וועט דאס בעטראכטען פאר א נארישקייט, אדער א משוגעת. איך ווייס ניט וואס דאס איז, אבער אז מיין מוטער האט עס געטהאן איז עס ביי מיר א היילינער אנדענקען, און איך וויל ניט מען זאל לאכען פון דעם. זאג מיר צו פעליקס אז דו וועסט עס מיר קיינעם ניט דערמאהנען?

— אך, מיין ליבע, געוויס! — האט מארגאן זי פערזיכערט, און ער האט ניט געקענט בעגרייפען פאר וואס זי בעט איהם אזוי ערנסט ער זאל קיינעם ניט דערצעהלען וועגען אזא אונבעדייטענדע זאך, און פאר וואס זי היט זיך אזוי מיט דעם און מאכט פון דעם א געהיימניס....

וואלט דאקטאר מארגאן געוואוסט עפּעס פון אידישע מנהגים און דינים וואלט ער אין די ליכט געפונען דעם שליסעל צו ראזעטא'ס געהיימניס פאר וואס ליעבענדיג איהם מיט אזא פייער וויל זי דאך ניט ווערען זיין פרוי.

אין דער פינסטער.

מיט אונגעדולד האט ראזעטא ערווארטעט איהר פריינדין פון סאן פראנציסקא, די פרעהליכע שטיפערין ליליאן ווארד און איהר פאטער. אבער דער זייגער האט געשלאגען 9 און 10 און די געסט זיינען ניט געקומען. ראזעטא איז געווארען אונרוהיג און האט טעלעפאנירט צום סטיישאן-מאסטער אין הערמאסילא, וועלכער האט איהר געענטפערט אז די עקספּרעס-טריין איז אפּגעהאלטען געווארען [illegible]ין אינסורעקטאס עטליכע סטיישאנ[illegible] [illegible]ר הערמאסילא און מען ווייס [illegible]יט [illegible] ז[illegible] וועט אנקומען. אויף ראזעטא'ס פראגע ווארום די אינסורעקטאס האבען אפּגעהאלטען די טריין האט מען איהר געענטפערט אז זיי האבען פערדעכטיגט אז די טריין פיהרט געוועהר און סאלדאטען צו פערשטארקען דעם רעגירונגס גארניזאן אין הערמאסילא.

עלף אוהר זיינען די גרויסע עלעקטרישע לאמפּען אין פראנט פון סענאר ליאבא'ס פאלאץ אויסגעלאשען געווארען און אלע דיענער האבען זיך געלעגט שלאפען.

א געדיכטע פינסטערניש איז געהאנגען איבער דעם דערפעל. דער הימעל איז געווען פערוואלקענט און די לופט איז געווען שווער און שטיקענד. קיין בלעטעל אויף א בוים האט זיך קיין ריהר געטהאן. די איינוואוינער פון'ם דערפעל, צום גרעסטען טהייל ארבייטער אין די מיענען און אויף די פּלאנטאציעס, זיינען שוין לאנג געשלאפען, און אין די גאסען האט געהערשט א שטילקייט פון א בית עולם.

אבער הינטער סענאר ליאבא'ס פאלאץ, אין דעם געדיכטען פארק, וועלכער האט זיך געצויגען אויף א האלבע מייל ביז צום בעריהמטען מערידא'ער וואלד, וואהין מען פלעגט פאהרען אויף יאגד פון צעהנדליגע מיילען ארום, איז די שטילקייט פון דער נאכט אונטערבראכען געווארען פון צוויי רייטער, וועלכע זיינען אנגעקומען פון'ם וואלד און געפאהרען גאנץ לאנגזאם צום פאלאץ.

דאס זיינען געווען דיזעלבע צוויי רייטער, וועלכע זיינען מיט עטליכע שטונדען פריהער ארויסגעריטען פון'ם פארק און זיך פארנומען אויף דעם וועג וואס פיהרט נאך הערמאסילא. איינער אין דעם

מאנבעל און קאפושאן פון א פראנציסקאנער גלח, דער צווייטער געקליידעט ווי א מעקסיקאנער הידאלגא (גוטס בעזיצער). דאס זיינען נעמליך געווען דאקטאר פראנקאס און אלבערטא.

זיי זיינען צוגעקומען גאנץ נאהענט צום פאלאץ און אראפגעשטיגען פון זייערע פערד.

— דא מוזען מיר ווארטן ביז די אינסורעקטאס וועלען א[illegible] — האט פראנקאס געזאגט צו אלבערטא[illegible].

— און וואס זאלען מיר דא ביידע ווארטען? — האט אלבערטא געזאגט

— דער דאקטאר דרעהט זיך פיעלייכט אום אין דרויסען, פארין פאלאץ, אדער ער איז אינעווייניג און וועט באלד ארויסקומען. געהט איהר צום פראנט און האלט וואך הינטער א בוים, און איך וועל דא ווארטען אויף די אינסורעקטאס.

— האסט רעכט — האט פראנקאס געזאגט — און דערזעה איך איהם גיב איך א פייף, דאן זאלסט דו מיט די אינסורעקטאס גלייך אנלויפען.

פראנקאס איז אוועקגעגאנגען צום פראנט פון'ם פאלאץ, און באלד האט אלבערטא מיט זיינע שארפע אויגען, וועלכע זיינען שוין געווען צוגעוואוינט צום פינסטערניס, געזעהן צוויי ווייסע געשטאלטען זיך בעוועגענדיג לאנגזאם איבער דעם וועג וואס האט געפיהרט צום פאלאץ. ער איז געגאנגען אנטקעגען און געזעהן אז דאס זיינען רייטער אין קאקי־יוניפארמס.

— ווער איז? — האט ער געפרעגט מיט א פערשטיקטע שטימע.

— פרייהייט און בארען! — איז געווען דער ענטפער.

— שטייגט אראפ! — האט אלבערט געזאגט — וואו זיינען די איבריגע?

— זיי קומען!

אין עטליכע מינוט ארום זיינען נאך צוויי רייטער צוגעקומען, דאן נאך צוויי, ביז אלע צעהן אינסורעקטאס, געשייקט פון מארעראין, זיינען געווען אויפ'ן פלאץ.

— הערמאנאס! — האט אלבערטא זיך געווענדעט צו דעם אינסורעקטא, וועלכען מאדערא האט געשיקט אלס קאפיטאן פון דער עקספעדיציע — מיין פריינד האלט וואך אין פראנט פון'ם פאלאץ. אין פאל דער שפיאן בעוויזט זיך אין דרויסען וועט ער אונז געבען א סיגנאל און מיר וועלען צולויפען און איהם כאפען. אין פאל אבער ער — —

אלבערטא'ס רייד זיינען איבערגעריסען געווארען פון א גערויש פון א קערעדזש וועלכער איז געפאהרען איבער דעם ברייטען וועג, פון[illegible] דא[illegible] האבען זיך צוגעהערט מיט איינגעה[illegible]נעם אטהעם. זיי הא[illegible] געהערט ווי דער קערעדזש האט זיך [illegible] לעבען פאלאץ, און גלייך דא[illegible] האבען [illegible] דערהערט א פייף.

— דאס איז דאקטאר פראנקאס סיגנאל! — האט אלבערטא געזאגט, און ער און אלע אינסורעקטאס זיינען געלאפען צום פראנט פון'ם פאלאץ.

אין עטליכע סעקונדען זיינען אלע געווען לעבען דאקטאר פראנקאס, — איז דאס ע ר צוגעפאהרען אין קערעדזש? — האט אלבערטא געזאגט צו פראנקאסין.

אין דעם מאמענט איז דער קערעדזש אוועקגעפאהרען אין דער ריכטונג פון הערמאסילא.

— ער מיט דיין שוועסטער — האט פראנקאס געזאגט — איך האב זיין געזיכט ניט געקענט זעהן. אבער די פיגור איז זיינע. אן געהען זיי איבער דעם געפלאסטערטען וועג צו דער פראנט טיהר.

— די פיגור אין ווייסען איז מיין שוועסטער?

— ווער דען זאל זי זיין? שנעל! לויפט זיי נאך און פאקט איהם. פארשטאפט איהם דאס מויל ער זאל ניט קענען שרייען. און אויך דיין שוועסטער מוז מען דאס מויל פערשטאפען.

איידער נאך פראנקאס האט געענדיגט זיינע ווערטער האבען די אינסורעקטאס זיך א לאז געטהאן נאך די צוויי פיגורען. באלד האט זיך דערהערט א א אויסגעשריי פון א פרוי. דאן א פערשטיקט סאפען און קרעכצען, און אין עטליכע מינוט ארום זיינען די אינסורעקטאס אין א געריכטער מאסע, אוועקגעלאפען צום פארק הינטער'ן פאלאץ, טראגענדיג דעם הויכען מאן, וועלכען פראנקאס האט זיי־

אנגעוויזען אלס דעם שפּיאָן, ביי די הענד און די פיס. די פיגור אין ווייסען, וועלכע איז געגאַנגען מיט דעם מאַן, איז געבליבען ליגען בעוועגלאָז ביי דער זייט פון דעם אויסגעפּלאַסטערטען וועג, וועלכער האָט געפיהרט צו דער פראָנט טיהר פון׳ם פּלאַץ.

אַ היבשע ווײַלע זיינען די צוויי פערשווערער, פראַנקאָס און אַלבערטאַ געשטאַנען פון ווייטען און בעאָבאַכטעט די אינסורעקטאָס אוועקגאַלאָפּירענדיג מיט זייער געפאַנגענעם אין דער דונקעלהייט. דאַן האָבען זיי אוועקגעפיהרט די פערד זייערע צו אַ שטאַל פון אַ פערטרויטען מאַן ביים ברעג דאָרף און האָבען זיך צוריקגעקעהרט צום פּאַרק ארום פּאַלאַץ.

מיסטער וויליאם ראַלף וואַרד איז געווען אַ היכער קרעפטיגער, ענערגישער מאַן. ער האָט אנגעפאַנגען זיין קאַריערע מיט דרייסיג יאָהר צוריק אלס אַ אונבעקאַנטער לאָיער אין סאַן פראַנציסקאָ און זיינע גרויסע פעהיגקייטען און זיין וואונדערבאַרע ענערגיע האָבען איהם אין אַ קורצע צייט געמאַכט אַ אנגעזעהען פּלאַטץ צווישען די פּראָמינענטסטע מענער פון זיין פּראָפעסיאָן. ווי יעדער אמעריקאַנער איז זיין העכסטע אמביציע די ערשטע יאָהרען געווען צו מאַכען אַ סך געלד. אָבער ווען זיין יעהרליכער איינקונפט פון זיין פּראָפעסיאָן איז אריבער די סומע פון פופציג טויזענד דאָלער אַ יאָהר, האָט אין איהם ערוואַכט אַ נייע אמביציע — צו ווערען אַטוירני דזשענעראַל פון קאַליפאָרניא סטייט. מיט דעם זעלבען פייער וואָס ער האָט זיך אין אנהויב פון זיין קאַריערע אריינגעוואָרפען אין די לאָא ביזנעס, האָט ער זיך אוועקגעלאָזט אויף דעם שלאַכט פעלד פון פּאָליטיקס, און אויך דאָ האָט איהם זיין וואונדערבאַרע ענערגיע באַלד ארויסגערוקט אין די פראָנט רייהען, און אין פערלויף פון עטליכע יאָהר איז זיין חלום פערווירקליכט געוואָרען. ער איז געוואָרען אַטוירני דזשענעראַל פון קאַליפאָרניא סטייט. ער האָט געאַרבייט עהרליך און אויפריכטיג און ענערגיש פערפאָלגט די טראַסטס און אַלערליי גרויסע שווינדלער פון׳ם סטייט, און ווען טהעאָדאָר רוזועלט איז געוואָרען פּרעזידענט האָט ער איינגעלאַדען מיסטער וואַרד׳ן אויף אַ וויזיט קיין וואַשינגטאָן, און זייט דאַן איז דער אַטוירני דזשענעראַל פון קאַליפאָרניא אין די פּאָליטישע קרייזען געווען בעקאַנט אלס "טעדי׳ס" בוזים־פריינד. מיסטער וואַרד איז געוואָרען איינער פון די פּראָמינענטסטע מענער אין דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי און די רעגיערונג אין וואַשינגטאָן האָט איהם בעטראַכט פאַר אַן אונאָפיציעלען קאַבינעט־מיטגליעד. ער איז ניט געוואָרען קיין אָפיציעלער קאַבינעט מיטגליעד, ווייל די רעגיערונג האָט איהם געדאַרפט האָבען אין קאַליפאָרניא צוליעב אונאָפיציעלע דיפּלאָמאַטישע פערהאַנדלונגען מיט מעקסיקאָ, וועלכע קיינער האָט ניט געקענט דורכפיהרען אַזוי גלאַט און אַזוי פּאַרטהייל־האַפט פאַר די אמעריקאַנער אינטערעסען ווי מיסטער וויליאם ראַלף וואַרד.

וואַרד האָט געקענט דורך און דורך דעם כאַראַקטער פון׳ם מעקסיקאַנער און אײדער די וועלט האָט נאָך געהאַט די מינדעסטע אהנונג פון אַ אויפשטאַנד אין מעקסיקאָ, האָט ער שוין געוואָרנט פּרעזידענט טאַפט ווען די פּאָליטישע צושטענדע אין דעם „תיציגען שכנ׳ס הויז", און ווען פּרעזידענט טאַפט האָט זיך גענייטיגט אין אַ גענויען בעריכט וועגען דעם אויפשטאַנד, האָט איהם, נאַטירליך, ניט געקענט איינפאַלען צו שיקען אַן אנדערען ווי דעם פעהיגען און פערטרויטען מיסטער וויליאם ר. וואַרד.

די לעזער וויסען שוין אַז זיין טאָכטער ליליאַן האָט געהאַט בעשלאָסען צו פערברייננגען צוויי מאָנאַט ביי איהר מעקסיקאַנער פריינדין ראָזעטאַ ליאָבאַ און אַזוי ווי מיסטער וואַרד איז געווען בעפריינדעט מיט סענאָר ליאָבאַ און ער האָט געוואָלט אַז זיין רייזע זאָל ניט טראָגען קיין פּאָליטישען כאַראַקטער, האָט ער בעשלאָסען צו פאָהרען צוזאַמען מיט זיין טאָכטער קיין מערידאַ.

און די רעוואָלוציאָנערען וואָלט קיינמאָל ניט איינגעפאַלען צו בעאונרוהיגען מיסטער וואַרד׳ן זאָגאַר ווען זיי וואָלטען געוואוסט דעם צוועק פון זיין רייזע.

אומגעקעהרט. וואלטען זיי געוואוסט ווער ער איז און אין וועמעס אינטערעסען ער פאהרט, וואלטען זיי איהם ארויסגעוויזען די גרעסטע פריינדליכקייט און אכטונג, וואָרום זייער זאך איז געווען אין זיינע הענד. פון זיין בעריכט אויב די אמעריקאנער אינטערעסען זיינען ניט אין געפאהר צוליעב דער רעוואלוציאן, איז אפגעהאנגען אויב פרעזידענט טאפט זאל שיקען אן ארמיי צו דער מעקסיקאנער גרענעץ אדער ניט, און אז אן אמעריקאנער ארמיי מיינט די אונטערדריקונג פון דער רעוואלוציאן האט קיינער ניט געוואוסט בעסער ווי די רעוואלוציאנערען.

ווי די לעזער ווייסען שוין איז מאדערא פערפיהרט געווארען פון אלבערטא'ן און דאקטאר פראנקאס, און ער האט געשיקט די אינסורעקטאס צו חאפען דאקטאר מארגאן, וועלכען, ווי די אינטריגאנטען האבען איהם פארזיכערט, איז א שפיאן, און דורך א מערקווירדיגער צוזאמענטרעפונג פון אומשטענדען איז אנשטאט דאקטאר מארגאן מיסטער וואַרד אריינגעפאלען אין די הענד פון די אינסורעקטאס.

פיערטעס קאפיטעל.

מאדערא אין פערצווייפלונג.

מיסטער וואַרד, וועלכער האט פערשטאנען און גערעדט שפאניש, האט באלד נאך די ערשטע עטליכע מינוט פון זיין איבערראשונג, פערשטאנען פון דעם געשפרעך פון די אינסטרוקטארס אז מען האלט איהם פאר א שפיאן, און מען פיהרט איהם צו מאדערא. דאס האט איהם אין גאנצען בערוהיגט. ער האט גאנץ גוט געוואוסט אז ער דארף נאר ווייזען מאדערא'ן זיינע דאקומענטען און דער רעוואלוציאנער אנפיהרער וועט איהם פאלען צו די פיס און איהם בעטען פערצייהונג. זיין גרויסע זארג איז נאר געווען וועגען זיין טאכטער, וועלכע איז איבערגעלאזט געווארען א געחלש'טע אויף דער ערד אין מיטען דער נאכט אין א פרעמדען געגענד. ווער ווייס ווי לאנג זי וועט דארט ליגען אין דעם בעוואוסטלאזען צושטאנד? און אויב זי וועט באלד פון זיך אליין צו זיך קומען צו וועט זי ניט שטארבען פון פחד געפינענדיג זיך איינע אליין אין א שטאק־פינסטערע נאכט, אין א פרעמדען פערוואָרפענעם פארק.

— גאט מיינער! — האט ער געמורמעלט צו זיך אליין — „א קינד, א צארט, הילפלאז קינד, וועלכע איז קיינמאל ניט ארויסגעגאנגען אין אבענד אהן א בעגלייטערין פון'ם הויז, וועט זיך מיט א מאל געפינען אין מיטען דערנאכט אין דרויסען....“

זיין אנגסט איז געווען אזוי גרויס אז ער האט ניט געענטפערט דעם אינסורעקטא לעבען וועלכען ער איז געריטען זייט ביי זייט אויף די פראגען וואס ער האט איהם געשטעלט, און ווען די עקספעדיציע האט זיך אבגעשטעלט און מען האט איהם געהייסען אראפשטייגען פון דעם פערד, האט ער ניט געוואוסט וואס מען רעדט צו איהם.

— שטייג אראפ פון'ם פערד! — האט א אינסורעקטא א געשריי געטאהן צו איהם — ביזטו טויב? מיר וועלען דיך פיהרען צו קאפיטאן מאדערא.

דער נאמען מאדערא האט איהם ארויסגעבראכט פון זיין צוטומעלטקייט און א ברענענדער צארן האט אויפגעפלאמט אין זיין ברוסט געגען דעם נארישען מעקסיקאנער, וועלכער האט איהם אזוי בעליידיגט און איהם פערשאפט אזוי פיעל אנגסט און שרעק.

— צו מאדערא'ן ווילט איהר מיך פיהרען — האט ער געזאגט צום אינסורעקטא — נו! מאכט עס גאנץ שנעל.

דער אינסורעקטא האט ביים ליכט פון'ם פאקעל, וועלכען די וואך וואס איז געשטאנען אויפ'ן פאסטען האט געהאלטען אין די הענד, צום ערשטען מאל געהאט די געלעגענהייט אנצוקוקען וויליאם ר. וואַרד'ס געזיכט.

— דער מאן זעהט אויס ווי אן אמעריקאנער מילליאנער — האט ער געטראכט. ער זאל זיין א שפיאן? עפעס גלויבט זיך עס ניט.

אבוואהל דער אינסורעקטא איז געווען א גאנץ איינפאכער מעקסיקאנער,

א זוהן פון א פארמער, האט ער געפיהלט אז דא האט געמוזט געמאכט ווערען א פעהלער, און ער האט אנגעהויבען רעדען צו זיין געפאנגענעם אין א העפליכען טאן.

— ענטשולדיגט, סענאר! — האט ער געזאגט צו ווארד'ן — מיר מוזען אייך פערבינדען די אויגען.

— ווער שטערט אייך דען? — האט ווארד געזאגט.

מען האט איהם פערבונדען די אויגען און גענומען פיהרען איבער דעם שטיינערדיגען און גריבערדיגען וועג צווישען די סקאלעס. ווען זיי זיינען ענדליך צוגעקומען צו מאדערא'ס הייהל און אויף דעם סיגנאל־פייף פון די פיהרער איז ארויסגעקומען מאדערא'ס אדיוטאנט, יואן סאנכעז אזקאנא, און זיי געזאגט, אז דער קאפיטאן איז ביי זיך און ווארט אויף זיי און אויף זייער גאסט מיט אונגעדולד, האבען זיי דעם געפאנגענעם אויפגעבונדען די אויגען.

— איז דאס דער שפיאן? — האט אזקאנא געפרעגט און בעטראכט דעם געפאנגענעם פון קאפ ביז די פיס.

— יא, מאיאר! — האבען די אינסורעקטאס וועלכע האבען אריינגעפיהרט מיסטער ווארד'ן געענטפערט.

אזקאנא האט נאך א מאל בעטראכט דעם געפאנגענעם און אז זיין קוועטשען מיט די פלייצעם איז געווען צו דערקענען אז אין זיינע אויגען האט מיסטער ווארד ניט אויסגעזעהן ווי א שפיאן.

— קומט! — האט אזקאנא געזאגט צו מיסטער ווארד'ן.

זיי זיינען אריינגעגאנגען אין דער הייהל, וועלכע האט געדיענט אלס פאדער־צימער צו דער ווייטערער, טיעפערער הייהל, וועלכע איז געווען מאדערא'ס קאבינעט.

— איין סעקונדע! — האט אזקאנא געזאגט צו מיסטער ווארד'ן. ער האט פערנומען דעם פארהאנג, וועלכער איז געהאנגען ביים אריינגאנג אין מאדערא'ס „קאבינעט" און געזאגט מיסטער ווארד'ן ער זאל אריינגעהן. אליין איז ער גלייך ארויס פון דער הייהל.

— זיצט! — האט מאדערא געזאגט צו ווארד'ן.

— איך האב קיין צייט ניט צו זיצען — האט ווארד געזאגט, אייערע לייטע האבען מיך אוועקגעריסען פון מיין טאכטער אין מיטען דער נאכט, אין א געדיכטער פינסטערניש, אין דעם מאמענט ווען מיר זיינען ארויסגעשטיגען פון א קערעדזש לעבען דעם הויז פון מיין פריינד, סענאר בעניטא ליאבא. מיין טאכטער איז געבליבען ליגען א בעוואוסטלאזע אויף דער ערד.. וואס פאר אורזאכען האט איהר געהאט צו האנדלען אזוי בארבאריש געגען אן אנגעזעהענעם בירגער פון די פעראייניגטע שטאאטען וועלכער האט אייך קיינמאל קיין בייזעס געטאהן?

פראנציסקא מאדערא האט זיך אנגעהויבען פיהלען זעהר אונבעקוועהם. די פערזאן פון דעם געפאנגענעם, וועלכער האט פארגעשטעלט דעם טיפ פון א שטאלצען, ווירדיגען וואהלהאבענדען אמעריקאנער, זיין זיכערע, כמעט בעהערשענדער טאן, און איבערהויפט די ווערטער "אנגעזעהענער בירגער פון די פעראייניגטע שטאאטען", האבען דעם גענעראל פון די רעוואלוציאנערען געאנקומענדען אונגליק, און אין זיין מח האבען זיך אנגעהויבען דרעהען די ווערטער "אינטערנאציאנאלער פלאנטער", "אמעריקאים אריינמישונג", און געבען א פארגעפיהל פון א גרויסען ערנליכע פראזען, וועלכע זיינען געווען זיין אנגסט ביי טאג און זיינע בייזע חלומות ביי נאכט.

ער האט זיך אבער בעהערשט און געזאגט צום געפאנגענעם:

— סענאר! איהר ווייסט אז די געזעצע פון קריעג זיינען ניט די געזעצע פון פריעדען. אויב עס איז געמאכט געווארען א פעהלער וועט איהר אין נאמען פון דער הייליגער זאך, צוליעב וועלכער מיר קעמפפען אונז מוזען פערצייהען. איהר זאגט, איהר זייט אן אנגעזעהענער בירגער פון די פעראייניגטע שטאאטען, אייערע עלטערען האבען

איך געפיהרט א רעוואלוציאן און זיי האבען געהאנדעלט מיט פערדעכטיגע פערזאנען אויף דעם זעלבען ארט ווי מיך.

— פערדעכטיגע פערזאנען! — האט וואַרד אויסגערופען — זייט ווען איז א געוועזענער אטארני דזשענעראל פון קאליפארניא סטייט און א פערטרויענס־מאן פון פרעזידענטען פון די פעראייניגטע שטאאטען א פערדעכטיגע פערזאן?

מאדערא איז אויפגעשפרונגען פון זיין ארט.

—א געוועזענער אטארני דזשענעראל פון קאליפארניא סטייט! — האט ער איבערגעזאגט וואַרד'ס ווערטער ווי א ווידער־קול. — א פערטרויענס־מאן פון פרעזידענטען פון די פעראייניגטע.... סענאר! — האט ער זיך געווענדעט צו מיסטער וואַרד'ן צונעהמענדיג די הענט אין פערצווייפלונג — איך הער דאס צום ערשטען מאל אז א געוועזענער אטארני דזשענעראל זאל אויך זיין א דאקטאר.

— א דאקטאר? — האט מיסטער וואַרד אנגעקוקט דעם רעוואלוציאנער ווי א משוגעגעם — וואס פלוידערט איהר? ווער האט אייך געזאגט אז איך בין א דאקטאר? איהר קריגט אייער אינפארמאציאן פון שעהנע קוועלען!

— זייט איהר ניט דער דאקטאר, וועלכער איז געקומען היינט אין דער פריה צו סענאר ליאבא?

— איך בין אנגעקומען היינט ביי־נאכט מיט דער 7 אוהר עקספרעס טריין אין הערמאסילא, וועלכע אייערע מענשען האבען אפגעהאלטען. 9 אוהר בין איך מיט מיין טאכטער ארויס פון דער טריין, מיר האבען גענומען א קערעדזש נאך מערידא און אונגעפעהר עלף אוהר זיינען מיר אנגעקומען צו מיין פריינד, סענאר ליאבא'ס הויז, און ווי מיר זיינען ארויסגעשטיגען פון קערעדזש און זיך געלאזט געהן צום הויז זיינען אייערע לייטע אונז בעפאלען.

— דא איז געמאכט געווארען א אונגליקליכער אירטהום — האט מאדערא געזאגט — קאן איך וויסען אייער נאמען?

— וויליאם ראלף וואַרד! — האט מיסטער וואַרד געענטפערט הארט.

די ווערטער האבען געטראפען דעם רעוואלוציאנער ווי א אמת'ער דונער.

ער איז בלייך געווארען און די פיס האבען זיך איהם אונטערגעהאקט. ער האט געפיהלט ווי דער הארטער באדען זינקט אונטער זיינע פיס.

מאדערא האט גוט געוואוסט ווער וויליאם ראלף וואַרד איז און וואס פאר א ראלע ער שפיעלט אין דער פאליטישער וועלט פון די פעראייניגטע שטאאטען. "טעדי'ס פריינד", דער פערטרויענס־מאן פון רוזוועלט'ן און פון פרעזידענט טעפט — דיעזע בעריהמטע און איינפלוסרייכע פערזענליכקייט האבען זיינע אינסורעקטאס איבערפאלען אין דער פינסטערניש פון דער נאכט און איהם געשלעפט עטליכע און צוואנציג מייל אויף א פערד ווי א געמיינעם שפיאן! און זיין טאכטער האבען זיי געלאזט ליגען א בעוואוסטלאזע אין דרויסען אויף דער ערד! ער דארף דאך נאר שרייבען איין ווארט צו פרעזידענט טעפט, און דאס פאר וועלכען ער האט זיך אזוי געשראקען, וועלכעם האט געשטערט זיין רוה ביי טאג און זיין שלאף ביינאכט, די אריינמישונג, נעמליך, פון די פעראייניגטע שטאאטען, איז א געשעהענער פאקט!.... עס איז איהם טונקעל געווארען אין די אויגען, אלעס ארום איהם איז געווארען איינגעהילט אין א וואלקען, און אין דעם וואלקען האט ער געזעהן א גרויסע, ריזיגע ארמיי פון יונייטעד סטייטס סאלדאטען און.... די שמאכפאלע ענדע פון דער רעוואלוציאן. עס האט זיך איהם אויסגעוויזען אז ער הערט שוין דיאז'עס טייפלעשען געלעכטער....

וואַרד האט בעטראכט מאדעראן מיט א סארקאסטישען שמייכעל. ער האט געלעזען אין זיין שרעק אלע געדאנקען וועלכע האבען זיך געשטויסען אין מח פון דעם פערצווייפעלטען גענעראל. דאן האט זיין בעסערע נאטור גובר געוועזען און עס איז אין איהם דערוועקט געווארען א מיטליידס־געפיהל פאר דעם פריוויטס־קעמפפער, וועלכער איז אריינגעפאלען אין אן אונגליק, זונענדיג צו טהאן

דאָס בעסטע פאַר דער זאַך, וועלכע איז איהם הייליג.

— סענאָר מאַדעראַ ! — האָט וואָרד געזאָגט אָננעהמענדיג דעם רעוואָלוציאָנער׳ס האַנד — דורך מיר וועט אייער זאַך קיין שאדען געטהאָן ווערען, דאַרויף האָט איהר מיין עהרען וואָרט.

— אָה ! — האָט מאַדעראַ אויסגערופען און אָנגעכאַפּט מיסטער וואָרדים ביידע הענט — איהר זייט א וואַהרער אייניקעל פון די פרייהייטס־קעמפּפער פון אייער גרויסער מעכטיגער רעפּובליק!

עטליכע סעקונדען האָט ער פון גרויס אויפרעגונג ניט געקענט מעהר ריידען. דאַן האָט ער געזאָגט:

— סענאָר וואָרד ! איהר פערשטעהט ווי שווער מיר איז פון אייך צו פאָדערען בעווייזע אז איהר זייט ווירקליך די פערזאָן, וועלכע איז אזוי בעריהמט און מעכטיג. אָבער....

—זייט רוהיג — האָט וואָרד געזאָגט — איהר האַנדעלט ווי איך אליין וואָלט אונטער עהנליכע אומשטענדען געהאַנדעלט — און ארויסנעהמענדיג פון בוזים־קעשענע א אויפגעריסענעם אינוועלאָפּ אין וועלכען עס איז געלעגען א בריעף האָט ער געבעטען מאַדעראַ׳ן ער זאָל אָנקוקען דעם אדרעס.

דער בריעף איז געווען אדרעסירט צו מיסטער וויליאַם ראַלף וואָרד פון סאַן פראַנציסקא און דער פּאָסט זיעגעל האָט געוויזען אז ער איז ארויסגעשיקט געוואָרען מיט עטליכע טעג צוריק פון וואַשינגטאָן.

דאַן האָט מיסטער וואָרד ארויסגענומען דעם בריעף פונ׳ם אינוועלאָפּ און געוויזען מאַדעראַ׳ן ווער עס איז אונטער געשריעבען.

"וויליאַם ה. טעפט" האָט מאַדעראַ געלעזען, ארויסריידענדיג יעדעס וואָרט בעזונדער און בעטאָנענדיג די דריי ווערטער אזוי ווי זיי וואָלטען געווען א צויבער־שפּרוך, וועלכער האָט דעם כח אויבערצוקעהרען די וועלט.

— און איצט — האָט מיסטער וואָרד געזאָגט ארייןלעגענדיג צוריק דעם בריעף אין קעשענע — אלעס וואָס איך פערלאַנג פון אייך איז איהר זאָלט מיר געבען דאָס בעסטע פערד וואָס איהר האָט און א בעגלייטער.

מאַדעראַ האָט געוואָלט זאָגען עטליכע ווערטער, בעטען ענטשולדיגונג, דאַנקען, אָבער וואָרד האָט איהם ניט געלאָזט.

— איך בעט אייך, מאַכט עס אזוי שנעל ווי מעגליך. איך האָב אייך דערצעהלט אין וועלכען צושטאַנד מיין טאָכטער איז געבליבען פאַר סענאָר ליאבאַ׳ס הויז.

מאַדעראַ האָט א ציה געטהאָן דעם שטריק און באַלד איז ביים ארייןגאַנג פון דער הייהל ערשיענען דער יונגער אינסורעקטאָ, וועלכער איז געוועזן דער קאַפּיטאַן פון דער אונגליקליכער עקספּעדיציע.

— הערמאַנאָס ! — האָט מאַדעראַ געזאָגט צו איהם — נעהם מיינע צוויי פערד, איינס פאַר דיעזען סענאָר, איינס פאַר דיר, און פיהר אָפּ דעם סענאָר נאָך מערידא, צום הויז פון סענאָר בעניטאָ ליאבאַ. דו זאָלסט בלייבען אין פּאַלאַץ אזוי לאַנג ווי דער סענאָר וועט פערברענגען אין מערידא, אלס זיין לייב־וואַכע.

— צו בעפעהל, קאַפּיטאַן ! — האָט הערמאַנאָס געזאָגט און זיך געלאָזט געהן.

—נאָך א וואָרט, הערמאַנאָס ! נעהם מיט נאָך איינעם פון אונזערע און יענער זאָל מיר בענאַכריכטען וואָס עס איז געשעהן מיט דיעזען סענאָר׳ס טאָכטער. און איהר, מיסטער וואָרדהאָט מאַדעראַ זיך געווענדעט צו זיין געפאַנגענעם, וועלכער איז געוואָרען זיין הערשער און געביטער — איך פערמאָג ניט קיין ווערטער אויסצודריקען מיינע געפיהלען פון דאַנקבאַרקייט און אכטונג. אָבער איך וואָג אייך צו בעטען איהר זאָלט נעהמען פון מיר, אלס צייכען פון אייביגער איבערגעבענהייט, מיין פערד אויף וועלכען איהר וועט רייטען נאָך מערידאָ. דאָס איז דאָס בעסטע פערד אין מעקסיקאָ.

—איך דאַנק אייך — האָט וואָרד געזאָגט, ניט קענענדיג ענטזאָגען דעם בראַווען פרייהייטס־קעמפּפער זיין הייכען וואונש —אַדיאָס !

—אַדיאָס ! — האָט מאַדעראַ געענט־

פערט דריקענדיג וואָרעם וואָרדס האַנד, און ער האָט איהם מעהר ניט פערהאַלטען. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט אַז וואָרד'ס געדאַנקען זיינען איצט ביי זיין טאָכטער.

—זענט איהר אַ גוטער רייטער, סעניאָר? — האָט הערמאַנאָס געזאָגט צו וואָרד'ן ווען זיי זיינען אַרויסגעקומען פון דער שטיינערדיגער און גריבערדיגע שטעזשקע וועלכע האָט געפיהרט פון דער הייהל צום ברייטען וועג.

—ציעמליך גוט! — האָט וואָרד געענטפערט.

—דאַן לאָמיר געבען שפּאָרען.

ווי די פערד האָבען דערפיהלט דאָס שטעכעדיגע שטאָל האָבען זיי זיך אַ טראָג געטהאָן מיט'ן שנעלקייט פון אַ לאָקאָמאָטיוו אין דער ריכטונג פון מערידאַ.

דערווייל האָט עס אין מזרח־זייט אָנגעפאַנגען צו ווערען גרוי. דען דער טאָג האָט אָנגעבראָכען. און ליליאַן וועלכע איז געבליעבען ליגען אין אָנמאַכט וואו זי איז געפאַלען, איז ביסלעכוויז געקומען צו זיך. די קיהלקייט פון פריה־מאָרגען, דער פייכטער טהוי, און דאָס צוויטשערן פון די פייגלאך אין פּאַרק וועלכע האָבען אָנגעהויבען פערלאָזען די נעסטען צו זוכען נאָהרונג, האָבען זי אויפגעוועקט פון איהר אָהנמאַכט. זי האָט זיך אָנגעהויבען אַרומצוקוקען אין דעם האַלב־דונקעל פון פּאַרק, און ווען די סצענע פון אַ קורצע ווײַלע, פריהער איז איהר דורכגעפלויגען דורכ'ן געדאַנקען, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ "פאָטער!" און האָט זיך פּרובירט אויפהייבען מיט די לעצטע כחות, אום צוצוקריכען צו דעם פּאַלאַסט וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען אַרויסצוזעהן פון צווישען די ביימער.

פּלוצלונג איז זי אויפגעשרעקט געוואָרען פון שטימען וועלכע האָבען זיך געלאָזט הערען האַלב־לויט, און פון לייכטע טריט. ציטערנדיג ווי אַ בלאַט האָט זיך ליליען פאַרקראָכען הינטער אַ געדיכטען קוסט. זי האָט געגלויבט דאָס די רוצחים וואָס האָבען אוועקגעהייבט איהר פאָטער געפינען זיך נאָך אין דער געגענד און זוכען זי.

די טריט זיינען געקומען נעהנטער און די שטימען האָבען זיך דייטליכער אָנגעהויבען צו הערען. אין נעכסטען אויגענבליק האָט זי בעמערקט צוויי מענער געשטאַלטען — איינער אַ פראַנציסקאַנער גלח און דער צווייטער אַ יונגער מאַן אין רייט־קליידער אַריינקומענדיג אין טויער פון פּאַרק וואָס איז געוועזען אָפען. דער לעזער דערקענט אין זיי דעם יונגען אַלבערטאָ ליאַבאַ און דאָקטאָר פראַנקאָס וועלכע האָבען איבערגעלאָזען זייערע פערד ביי אַ פערטרויטען איינוואָהנער פון מערידאַ, און זיינען געקומען צו פוס אַהיים. זיי זיינען געוועזען פאַרטיעפט אין זייער געשפּרעך.

—איצטער האָט איהר דאָס פעלד פריי — האָט דר. פראַנקאָס געזאָגט— און איהר מוזט אויסניטצען די געלעגענהייט שנעל. איך בין נייגיעריג צו וויסען וואָס אייער שעהנע שוועסטער דיינקט פון דער פּאַסירונג.

—חאַ־חאַ־חאַ! — האָט אַלבערטאָ ליאַבאַ אויפגעלאַכט פאַרשטיקט — דאָס איז געווען אַ פיין שטיקעל אַרבייט... אָבער עס ווערט העל, און מיר מוזען זיך שיידען. איך געה אויף מיין צימער... קאָספּעראָ וועט אויף מיך וואַרטיייי. וואוהין געהט איהר? דאָ דאַרפט איהר איך יעצט ניט ווייזען.

—איך געה צו מיין פריינד מילאַנאָס.

—אַלזאָ, אַדיאָס! אויף ווידערזעהן!

—אַדיאָס!

דער מאַן אין פראַנציסקאַנער קליידונג האָט זיך אומגעקעהרט צום טויער און האָט פערלאָזען דעם פּאַרק, ווערענד דער צווייטער איז באַלד פערשוואונדען אין פּאַלאַסט. אַלעס איז ווידער געוואָרען שטיל אויסער דאָס צוויטשערן פון די פויגעלעך און דאָס זאַנפטע רוישען פון דעם מאָרגען־ווינטעל דורך די צווייגען פון די ביימער.

ליליאַן האָט אויפגעאָטהעמט פרייער, אָבער איהר ערשטוינען האָט ניט געוואוסט קיין ברעג. ווער זיינען זיי?— האָט זי זיך אַליין געפרעגט. זי איז גע־

ווענען איבערצייגט פון דעם געשפרעך וואס זי האט געהערט, דאס זיי האבען געהאט א האנד אין דער שרעקליכער פאסירונג, אין אוועקרייסען איהר פאטער פון איהר זייט, און זי האט געבראכען דעם מוח צו בעגרייפען, וואס דאס בעטייט. וואס האבען זיי צו איהר פאטער? און וואס טהוען זיי צו איהם? און ווער איז דער יונגער מאן אין די רייטקליידער? צו ווילען זיי ניט טהאן בייז צו ראזעטא, אדער צו איהר פאטער?

ציטערנדיג, און פול אנגסטען האט זיך ליליאן געשלעפט פארזיכטיג דורך די קוסטעס און די בוימער אויס'ן פייכטען גראז. פון ערגיץ־וואו האט זיך געלאזט הערען דאס בילען פון א הונד, דאן א סקריפ פון א טיר, און א ווײלע שפעטער האט ליליאן בעמערקט א מעקסיקאנישע יונגע פרוי אין דער קליידונג פון א דיענסט ארויסקומענדיג מיט א קרוג פון הינטערשטען טהייל פון פאלאסט. מיט אלע כחות האט זיך ליליאן געלאזט לויפען צו איהר, און ווען זי איז געקומען נאהענט האט זי נאר בעוויזען אויסצושרייען:

—סענארא! הילפע! — און איז צוזאמענגעבראכען.

—הייליגע מארי!—האט די דיענסט אויסגערופען אין שרעק, און איז געלאפען צו איהר, דער הונד פון הינטען איז צוגעשפרונגען בילענדיג און האט ארומגעשמעקט די צוזאמענגעבראכענע געשטאלט פון ליליאן.

—יואן! נאמען! — האט די דיענסט גערופען.

פון הינטערגאנג פון פאלאסט זיינען ערשיענען צוויי דיענער, וועלכע זיינען געבליעבען ניט ווייניגער איבערראשט ווי די דיענסט צו זעהן א יונגע מיידעל אין אזא פריהמארגענדיגע שטונדע אין פארק. אלע דריי האבען זיי זי אריינגעטראגען אין פאלאסט.

דער לארעם האט אויפגעוועקט ראזעטא, וועלכע האט געהאט צוגעבראכט א שלאפלאזע נאכט ביי איין אפענעם פענסטער, און איז נאר געגען מארגען איינגעשלאפען. דערהערענדיג די בעוועגונג און די אויסגעשרייען פון די דיענער, האט זי זיך דערשראקען. און ארויפחאפענדיג אויף זיך א מארגענקלייד איז זי שנעל ארונטער אין פארק און איז אריין אין דעם אפארטמענט פון די דיענער.

—ליליאן! — האט זי אויסגעשריען אין העכסטער איבערראשונג אלס זי האט דערזעהן דאס צוזאמענגעבראכענע מיידעל — וואס האט פאסירט? ווער האט דיר לייד געטהאן?

שלוכצענדיג זיינען זיך ביידע מיידלאך געלעגען אין די ארעמס.

באלד אבער האט ראזעטא בעמערקט ווי פיבערהאפט ליליאן איז, און האט געשיקט גאמען שנעל ברייגנען דאקטאר מארגאן.

אויך דער דאקטאר האט ניט רוהיג געשלאפען די נאכט, און ביי דעם ערשטען קלאפ אין טיהר איז ער אויפגעשפרונגען.

—וואס האט פאסירט? — האט ער געפרעגט.

—סענאר, די סענארא בעט איהר זאלט ארונטערקומען. א קראנקע סענארא איז געפונען געווארען אין פארק.

אין דער גרעסטער איילע האט זיך דאקטאר מארגאן אריינגעווארפען אין זיין מארגענדראק, און נאך עטליכע מינוטען איז ער שוין געווען ביי דער זייט פון ליליאן.

אויף זיין פעראָרדנונג, איז דאס ארעמע מיידעל שנעל אריינגעלייגט געווארען אין א וואנע קאלטע וואסער: די דיענסט און ראזעטא האבען איהר געמאכט א מאסאזש אום צו ברייגנען די צירקולאציאן פון בלוט אין ארדנונג און איהר אריינגעלייגט אין בעט.

—מיין פאטער! מיין פאטער! — האט ליליאן געיאמערט — וואו איז מיין פאטער! די רויבער האבען איהם אוועקגעפיהרט.

דאקטאר מארגאן איז געוועזען בעזארגט, דאס מיידעל האט נייטיג רוהע און די זארג וועגען איהר פאטער וועט איהר ניט לאזען קומען צו זיך.

וועהרענד ער האט פרובירט זי בערוהיגען, האבען זיך געלאזט הערען

טריט פון פערד אין פארק. דאס איז געוועזען מיסטער ווארד צוריקקעהרענדיג אין דער בעגלייטונג פון הערמאנאס פון מאדעראס לאגער. אין נעכסטען אויגענבליק זיינען פאטער און טאכטער זיך געלעגען אין די ארעמס.

—זי איז גערעטעט! — האט דאקטאר מארגאן געזאגט.

מיסטער ווארד האט אין קורצען איבערגעגעבען זיין טאכטער, ראזעטא'ן און דאקטאר מארגאן זיינע ערפאהרונגען פון דער נאכט... און ווען ער איז געקומען צום פאקט ווי אזוי דער איבערפאל איז פעראורזאכט געווארען, האט ער זיך געווענדעט מיט א שמייכעל צו דאקטאר מארגאן, וועלכען ער האט געקענט פון סאן פראנציסקא.

—מיין ליעבער דאקטאר! — האט ער געזאגט צו איהם. — איהר דארפט דאנקען אייער שטערן אין הימעל, ווייסט איהר אז די עקספעדיציע איז געשיקט געווארען א י י ך צו פאנגען?

—מיך? — האט מארגאן געפרעגט פערוואונדערט.

—דאקטאר מארגאן?—האט ראזעטא אויסגערופען.

דא האט מיסטער ווארד דערצעהלט וואס ער האט געהערט פון מאדערא'ן, אז די אינסורעקטאס זיינען געשיקט געווארען צו פאנגען דעם דאקטאר, וועלכער איז געכטען אין דער פריה געקומען פון סאן פראנציסקא צו סענאר ליאבא'ס אפעראציע.

—וואס קענען די איסורעקטאס האבען צו מיר?

—זיי האבען, ווי עס ווייזט אויס, אויסגעצייכענטע געהיימע אגענטען — האט מר. ווארד געלאכט — מע האט איבערגעגעבען מאדערא'ן אז איהר זענט דיאז'עס א שפיאן.

—אבער די אגענטען זיינען דאך ניט קיין פערריקטע מענשען— האט דאקטאר מארגאן ניט געקענט פארשטעהן — זיי האבען דאך געמוזט האבען עפעס אן אורזאכע פאר זייער פערדאכט.

דער געשפרעך איז איבערגעריסען געווארען דורך דער ערשיינונג פון הערמאנאס, וועלכער איז געבליבען שטעהן ביי

דער טיהר און געווארט מיסטער ווארד'ן אויב ער קען עפעס אויפטהון.

—קומט אריין!—האט ווארד געזאגט פריינדליך צו הערמאנאס'ן, וועלכען ער האט שטארק ליעב געקריגען דורך די פאאר שטונדען וואס ער איז מיט איהם געווען צוזאמען.

—איך האב מיך פערגעסען צו זאגען—האט ער זיך געווענדעט צו די מענשען וואס זיינען געווען אין צימער — אז מאדערא האט מיר געשיינקט זיין פערד און האט מיטגעשיקט מיט מיר דיעזען בראווען יונגען מאן אלס מיין לייב וואך פיר דער צייט וואס איך וועל פארברייגנען אין דיעזער געגענד. איך גלויב אז ער וועט זיין ניצליך ניט נאר מיר נאר אייך אלע דא, אין א געגענד, וועלכע איז אין די הענט פון די אינסורעקטאס.

—גאנץ געוויס! — האט ראזעטא געזאגט דערפרעהט און ווענדענדיג זיך צום יונגען אינסורעקטא האט זי געזאגט:

—סענאר! קומט מיט מיר און איך וועל זעהען עס זאל בעזארגט ווערען א צימער פאר אייך און עס זאל אייך קיין זאך ניט פעהלען.

ראזעטא האט אין הארצען שטארק סימפאטיזירט מיט דער רעוואלוציאן, און זי איז געוועזען העכסט גליקליך צו האבען א געלעגענהייט ארויסצוּווייזען פריינדשאפט צום אינסורעקטא, דורך וועלכען זייער הויז וועט אינדירעקט זיין פערבונדען מיט דעם הויפט אנפיהרער פון דער רעוואלוציאן. אויסער דעם איז הערמאנאס געווען א שעהנער און סימפאטישער יונגער מאן און האט אויף יעדען איינעם געמאכט א גוטען איינדרוק. ראזעטא'ס אויג האט באמערקט אז ווי נאר דער שעהנער אינסורעקטא איז צוגעקומען צו דער טיהר זיינען איהר פריינדין ליליאן'ס בליקען צוגעשמידט געווארען צו זיין געזיכט אקוראט ווי זי וואלט זיי ניט געקענט אפרייסען, ביז זי, ראזעטא, איז מיט איהם ארויס פון'ם צימער, און ראזעטא האט געשמייכעלט פאר זיך און געטראכט: "איך וועל וועטען אז ליליאן איז שוין אין איהם פערליעבט".

ראזעטא האט איבערגעגעבען הערמאנאס'ן צו איהר פערטרויעטער

דיענסט טארעלא, א פרוי פון א יאהרפופציג, וועלכע איז אנגעקומען אין הויז נאך איידער סענאר ליאבא האט געהייראטה.

—מיין ליעבער טארעלא — האט ראזעטא געזאגט צו דער דיענסט — גיעב דיזען סענאר דעם אפארטמנט אויף'ן צווייטן שטאק רעכטס, לעבען דאקטאר מארגאן, און זעה ער זאל האבען אללע בעקוועמליכקייטען. ווי איז אייער נאמען, ביטע? — האט זי זיך געווענדעט צום אינסורעקטא.

—ראדריגא הערמאנאס, סענארא.

—מיין נאמען איז ראזעטא ליאבא — האט זי געזאגט זיך פערנייגענדיג — סענאר הערמאנאס! 9 אוהר עסען מיר ברעקפעסט. מיר וועלען ווארטען אויף אייך ביים טיש אין עסס־צימער, און ביטע, פיהלט אייך ווי ביי זיך אין דער היים. מיר זיינען איינפאכע מענשען. אדיאס! — און מיט א גראציעזען נייג איז זי אוועקגעגאנגען.

—איצט קומט מיט מיר, סענאר! — האט טארעלא, וועלכע האט די גאנצע צייט וואס ראזעטא האט גערעדט שארף אנגעקוקט הערמאנאס'ן, געזאגט צו איהם.

זי האט איהם ארויפגעפיהרט אויף'ן צווייטען פלאר און געעפענט א טיהר, וועלכע האט געפיהרט אין אן אפארטמענט פון דעם שעהנעם צימער.

—דא איז אייער אפארטמענט — האט זי געזאגט צו איהם און איהם אנגעוויזען דאס שלאף־צימער, דעם קליידער־שראנק, דאס באדע־צימער. דאן האט זי איהם געפרעגט אויב ער וויל א טאס קאפע. ער האט איהם גדאנקט און ערקלעהרט אז ער וויל איצט קיין זאך ניט. אבער די פרוי איז ניט ארויסגעגאנגען. זי איז געשטאנען און געקוקט אויף איהם, ווי עס וואלט איהר געוועזען אונמעגליך די אויגען פון איהם אבצורייסען.

—וואס קוקט איהם אזוי אויף מיר? — האט הערמאנאס געזאגט צו איהר מיט א שמייכעל.

—הייליגע מארי! — האט די פרומע קריסטין אויסגערופען — איהר זעהט אויס ווי אונזער גוטער סענאר האט אויסגעזעהן ווען ער איז געווען אין אייערע יאהרען. ווי צוויי טראפען וואסער!

—ווירקליך? — האט הערמאנאס געזאגט.

—איך וואלט געקענט דארויף שווערען ביים בילד פון דער הייליגער יונגפרוי.

הערמאנאס האט א לאך געטהאן און געזאגט אז אזעלכע זאכען טרעפען א מאל.

—אבער ניט א ז א עהנליכקייט — האט טארעלא געזאגט — יוילט איהר אזוי גוט זיין אריינגעהן מיט מיר אין בילדער־צימער? דאן וועט איהר אייך אליין איבערצייגען.

—זעהר גערן — האט הערמאנאס געזאגט, און ער איז איהר נאכגעגאנגען.

ווען זיי האבען איבערגעטרעטען די שוועל פון'ם בילדער־צימער איז הערמאנאס געבליבען שטעהן ווי צוגעשמידט צום ארט. גראד אקעגען דער טיהר איז אויף דער וואנד געהאנגען א אויל־בילד פון א יונגען מאן פון א יאהר צוואנציג אין וועלכען הערמאנאס האט געזעהן זיך אליין.

הערמאנאס איז אזוי צוטומעלט געווארען אז ער האט עטליכע זעקונדען ניט געקענט אויסרעדען קיין ווארט און ניט מאכען קיין שריט ווייטער.

"האב איך רעכט, סענאר?" האט טארעלא געזאגט צו אידם.

"דאס איז ווירקליך די מערקווירדיגסטע עהנליכקייט וואס איך האב אמאל געזעהן" האט הערמאנאס ענדליך געזאגט. און ער האט זיך דערמאהנט אז דער ארימער שוסטער אין מעקסיקאלי, ביי וועלכען ער איז ערצויגען געווארען, האט איהם א פאאר מאהל געזאגט אז ער האט ערגעץ א טאטען א מיליאנער. ער פלעגט עס אימער בעטראכטען פאר א שפאס, אבער... פיעלייכט... טארעלא ראט איהם אבער ניט געלאזט לאנג טראכטען. זי האט איהם בעווארפען מיט פראגען אויב ער איז א פערוואנדטער פון סענאר ליאבא, אדער פון דער זעליגער סענארא ליאבא פון וואנען ער איז.

ווער זיינען זיינע עלטערן און נאָך צעהנדליגע פראגען. הערמאַנאַס האט איהר אויף אַלע פראגען געענטפערט. און אזוי ווי די ענטפערס האבען געוויזען אז ער איז ניט דער וויטסטער פערוואנדטער פון דער פאַמיליע ליאבאַ, איז זי געבליבען זעהר ענטטוישט.

ווען טארעלא איז ארויסגעגאנגען האט הערמאַנאַס זיך צולאכט:

„וועלכע נארישע געדאנקען עס קען א מענשען איינפאלען"—האט ער געזאגט צו זיך אליין.

דאָך דאט איהם דער נארישער געדאנק ניט אבגעלאזט.

"איז עס דען ניט מעגליך?" — האט ער געטראכט אומשפאַנענדיג איבער'ן צימער. איך וויס ניט ווער מיין טאַטע איז, ווער מיין מאַמע איז, וואו איך בין געבוירען געווארען. דער שוסטער אין מעקסיקאַלי, אין ווען הויז איך בין אויפגעצויגען געווארען, האט מיר געזאגט אז ער האט מיך געפונען ארימבלאנדזשען אין א געסיל אין מעקסיקאַלי, און איך בין געווען א קינד פון 4 אדער 5 יאהר. פיעלייכט בין איך סענאָר ליאבאַ'ס א אונגעזעצליך קינד. עס טרעפט דאך זעהר אפט מיט די זיהן פון מיליאָנערען אז זיי האבען געליעבטע און האבען מיט די קינדער און ווערען פטור פון די קינדער אויף פערשיעדענע וועגען. ווארום זאל עס ניט קענען מעגליך זיין אז איך בין אן אונזעצליך קינד פון סענאָר ליאבאַ?... מיט וואס דען קען מען מיר ערקלעהרען די מערקווירדיגע עהנליכקייט צווישען מיר און זיין בילד?...

הערמאַנאַס האט אומגעשפאַנט צו־טראגען איבער א שטונדע, דאן האט ער זיך וועקגעשטעלט אקעגען שפיעגעל אין גערעדט צו זיין בילד:

"ווער ביזטו? אכטצעהן יאהר דרעהסטו דיך ארום אויף גאָט'ס וועלט און וויסט ניט ווער דו ביזט. ביזט ערצויגען געווארען ביז דיין פערצעהנטען יאהר אין הויז פון ארימען שוסטער, וועלכער אין צייטענווייז געווען גוט צו דיר ווי צו א אייגען קינד. ביזט אוועק פון איהם און שלעפסט דיך ארום איבער דער וועלט, ביזט שוין געווען א מאַטראָז, א מיענען ארבייטער, א גנב, א טרעמפ, און ווען די רעוואלוציאָן האט אויסגעבראכען ביזטו געווארען א אינסורעקטאָ, און האסט געוואונען דאס הארץ און דאס צוטרויען פון גענעראל מאַדעראָ. אבער ווער דיין פאטער און מוטער זיינען ווייסטו נאָך אלץ ניט. ווערסטו דאס טאקי קיין מאל ניט וויסען?... אדער גיט דיר דאס בילד און דיין עהנליכקייט צו דעם א שפור צו צו דיין אבשטאַמונג?..."

ער האט זיך געכאפט אז ער שטעהט און רעדט צו זיין בילד אין שפיעגעל ווי א משוגענער און איז אוועקגעגאנגען פון'ם שפיעגעל.

"דער געדאנק וועט מיך משוגע מאַכען" האט ער געזאגט צו זיך אליין, און מיט א מערקווירדיגער ווילענס־קראפט, וועלכעס איז געווען דער קענטיגסטער שטריך אין זיין כאראקטער, האט ער זיך געצוואונגען מעהר וועגען דעם ניט צו דיינקען.

פינפטעס קאפיטעל.

די געליעבטע אין פארק.

די צוויי טעג וואס זיינען געווען אזוי רייך אין פאסירונגען אין דעם הויז פון בלינדען מיליאָנער האבען געהאט זייער ווירקונג אויף די איינוואהנער. ליליאן האט געמוזט בלייבען אין איהר צימער, אין בעט, אונטער דער בעהאנדלונג פון דאקטאָר מארגאן. אין דער זעלביגער צייט איז די אויפמערקזאמקייט פון דאקטאָר אויך געפאדערט געווארען פון סענאָר ליאבאַ, וועלכער האט פון די פאסירונגען ניט געטאָרט וויסען. אום ניט אויפגערעגט צו ווערען. אלע זיינען געווען מיעד און אבגעשפאַנט. און אויסער אין די צימערען פון די פאציענטען האט דאקטאָר מארגאן קיין געלעגענהייט געהאט צו ריידען מיט ראַזעטאַ. ערשט שפעט נאכמיטאג, ווען די פאציענטען האבען רוהיג געשלאפען, און מיסטער וואַרד איז געזעסען נעבען זיין טאכטער, האט זיך דאקטאָר מארגאן ערלויבט צו פרעגען ראַזעטאַ, אויב זי וואלט ניט וועלן אויסרייסען אויף

א קורצן שפאציער און איהם ערלויבען זי צו בעגלייטען.

—מיט פערגעניגען ! — האט ראזעטא געענטפערט און איהר געזיכט האט אויפגעלויכטען. אבער אין נעכסטען אויגענבליק האט זי חרטה געהאט.

—ענטשולדיג, ליעבער פעליקס — האט זי געזאגט — איך וויל ניט איבערלאזען דעם פאטער אליין.

—אליין ? — האט זיך מארגאן געוואונדערט — און וואו זיינען די דיענער און די נוירס, און אייער ברודער...

— אטדאס איז וואס מאכט מיך אונרוהיג... מיין ברודער. אח !

ראזעטא האט געמאכט א מיענע וועלכע האט אויסגעדריקט אי מורא, אי פעראכטונג. דיזע מיענע האט דאקטאר מארגאן געזאגט מעהרער אלס ראזעטא וואלט געקענט אויסדריקען אין ווערטער.

דאקטאר מארגאן האט נאר געהאט געזעהן די בענעהמונג פון דעם יונגען ליאבא נאך דער סצענע פון איינברעכען די טיר אין סענאר ליאבא'ס אפארטמענט, און האט זיך אנגעהויבען אנשטויסען, דאס ראזעטא'ס מורא האט פיעלייכט א גוטע אורזאכע. אבער ער האט ניט געוואלט אבזאגען זיך פון דעם פערגעניגען צו נעהמען א שפאציער־רייט מיט דער געליעבטער מיידעל, און האט געזאגט :

—אבער הערמאנאס איז פאלשטענדיג זיכער. אין די עטליכע שטונדען וואס מיר האבען איהם געזעהן האט ער זיך ערוויעזען אלס געשייטער, טרייער קערל, וועלכען איך האב גאנץ ליעב געוואונען. ווי וועט עס זיין ווען מיר לאזען איהם שטעהן אלס וואכע ביי סענאר ליאבא'ס צימער אויף א שטונדע אדער צוויי ?

—מיר שיינט אויך אז מען קען זיך אויף איהם פערלאזען — האט ראזעטא געזאגט אויפגעמונטערט ; — דו בעשטעל הערמאנאס, און איך געה מיך אנציהען.

א פירטעל שטונדע שפעטער זיינען ראזעטא און דאקטאר מארגאן געשטאנען אין פארק, זי אין א ציערליכען רייטקלייד, ער אין א לייכטען גרויען שפאציער־אנצוג, און הערמאנאס איז געשטאנען וואכע ביין אפארטמענט פון בלינדען מיליאנער, מיט דעם בעפעהל קיינעם ניט ארייננצולאזען אויסער די אמעריקאנישע נוירס.

א דיענער האט ארויסגעפיהרט פון שטאל צווי געזאטעלטע פערד וועלכע ראזעטא און מארגאן האבען גלייכצייטיג בעשטיעגען, און טענצעלנדיג האבען זיי די פערד באלד געטראגען דורכ'ן פארק.

ראזעטא האט געפיהלט אז זי איז דאקטאר מארגאן שולדיג אן ערקלעהרונג וועגען איהר פערדאכט צו איהר ברודער, און זי האט דעריבער בעמערקט :

—דו דארפסט מיר ניט איבעל נעהמען, פעליקס, וואס איך בין אזוי אונרוהיג וועגען מיין ברודער'ס בענעהמונג. מיר זיינען זיך איינער דעם אנדערן כמעט גאנץ פרעמד. איך האב מיך ערצויגען נעבען מיין פאטער, און אין סאן פראנציסקא, ער אין אייראפא. ער האט אימער פערשאפט שמערצען צו מיין זעליגער מוטער, ביז זי איז געשטארבען, און אויך צו מיין פאטער. ער איז אונטער דעם איינפלוס פון שלעכטע מענשען, און איך וויים ניט צו וואס ער קען זיך לאזען פארפיהרען. איך האב אזוי פיעל ניט געוואוסט ביז...

ראזעטא איז פלוצלונג אנטשוויעגען געווארען אקוראט ווי זי וואלט זיך געהאט דערטאפט ביין ריידען צופיעל.

—אויב איך קען דיר ביישטעהן, ראזעטא, מיט ראט אדער טהאט, דארפסטו עס נאר זאגען — האט מארגאן בעמערקט אין ערמוטהיגונג.

—דו ביסט גוט, פעליקס, איך וויים, אבער איך וויים ניט אויב עס איז רעכט פון מיין זייט אז איך זאל דיך בעלעסטיגען מיט מיינע זארגען וועגען די בייזע אינטריגען וועלכע ווערען דא געפיהרט געגען מיין פאטער'ס לעבען און פערמעגען.

—דיינע זארגען זיינען אויך מיינע— האט מארגאן געזאגט.

—ארום אונזער הויז געהט פאר עטוואס שרעקליכעס... איך האב נאר בעקומען איינע אהנונג דערפון דורך א גליקליכען צופאל, און דעם צופאל האב איך צו פערדאנקען וואס דו ביזט ביי אונז, און פיעלייכט אויך דאס לעבען פון מיין בלינדען פאטער. אבער מיט וואס דאס וועט זיך ענדיגען קען איך ניט זעהן...

ראזעמא איז אנטשוויעגען געווארען ארונטערלאזענדיג איהר שעהנעם קאפ אויף דער ברוסט, ווי ערפילט פון טרויעריגע געדאנקען. מארגאן האט זי א וויילע בעטראכטעט פון דער זייט. זי איז געוועזען הערליך־שעהן אין דער מעלאנכאלישער פאזע, זיצענדיג הויך צו פערד, אין דעם נעט צוגעפאסטען רייטקלייד וואס איז ארונטערגעהאנגען איבער איהרע פיס אין גראציעזע פאלטען. זיין הארץ איז אויסגעגאנגען צו איהר אין ענטציקונג און ברענענדיגער ליעבע.

—דו ביסט שעהן, ראזעטא! — רייצענד־שעהן! און עס ווילט זיך מיר ניט גלויבען אז דער צופאל וואס האט מיך געבראכט צו דיר צום צווייטען מאל זאל זיין אזוי שרעקליך ווי דו שטעלסט זיך איהם פאר.

הלואי וואלט עס נאר געוועזען א פאנטאזיע פון מיין זייט, אבער איך מוז גלויבען וואס איך האב אליין געהערט... דאס איז געוועזען מיט איינינע טעג איידער דו ביזט צו אונז געקומען. איך האב א נאכט ניט געקענט שלאפען... די לאגע פון מיין פאטער האט מיך געמאכט אונרוהיג... נאך האלבע נאכט האב איך מיך אויפגעהויבען, האבארויפגעווארפען א מארגען־ראק אויף מיינע שולטערן און בין אויף מיינע שפיטץ פינגער געגאנגען זעהן וואס דער פאטער טהוט. פארבייגעהענדיג דעם אפארטמענט פון מיין ברודער האב איך דערהערט שטימען פליסטערן, שושקענען זיך... איך האב געהערט די ווערטער: "בלינדער", "גאלשטיינער", "אפעראציאן". איך האב בעגריפען אז מען רעדט פון מיין פאטער.

ווי צוגעשמידט בין איך געבליעבען פאר דער טהיר פון מיין ברודער'ס אפארטמענט. איך האב דערקענט די שטימע פון מיין ברודער, וועלכער האט געפרעגט, אויב עס איז בעשטימט דאס דער "אלטער" וועט ניט איבערלעבען די אפעראציאן, און א שטימע האט געענטפערט, דאס ער וועט גאנץ בעשטימט ניט איבערלעבען. איך האב אויך דערקענט די שטימע פון קאספארא, מיין פאטערס פערוואלטער, צו וועמען ער האט אזוי פיעל צוטרויען—זיין גוטער פאטער! און דער בעצאהלט איהם מיט פערראטה. א פיערטעל שטונדע בין איך אזוי געשטאנען. עס איז ניט רעכט געוועזען אונטערצוהארכען, אבער איך האב מיך ניט געקענט אפרייסען... איך האב מיך פערשטעקט אין דער דונקעלער זייט פון קארידאר און האב זיי געזעהן פערלאזען מיין ברודער'ס אפארטמענט. די צוויי דאקטוירים זיינען געוועזען אין בעראטהונג מיט קאספארא און מיין ברודער... שרעקליך!... דאן האב איך טעלעגראפירט צו דיר, גוטער פעליקס...

—דאס איז געוועזען קלוג געטהאן — און גוט! אח, ווי גוט! ביי געלעגענהייט וועל איך מיך בעדאנקען דערפאר ביי דיין ברודער און ביי קאספארא...

דר. מארגאן האט געלאכט.

—דו ביזט א ציניקער! — האט ראזעטא געזאגט בלאמרש'ט מיט א פארוואורף, אבער אויף איהר געזיכט איז געווארען מונטערער, און זי האט געווארפען א בליק פול ליעבע און פערטרויען אויף איהר בעגלייטער.

דערוויילע האט עס אנגעפאנגען דונקעלער צו ווערען, און זיי זיינען אזוי געריטען זייט ביי זייט, ביז זיי זיינען אריינגעקומען טיעף אין דער וואלדונג, וואו עס איז ניט מעהר מעגליך געוועזען צו רייטען זייט ביי זייט.

—אונטער יענעם בוים — האט ראזעטא געזאגט אנווייזענדיג מיט דער קורצער בייטשיל וואס זי האט געהאלטען — פלעג איך אפט קומען מיט מיין מוטער, ווען איך בין נאך געוועזען א קינד. דאס איז א ליעבער פלאטץ. דא רוהען מיר

א ווילע, און דאן רייטען מיר צוריק. דען עס ווערט שפעט...

—אין אויגענבליק איז דאקטאר מארגאן ארונטערגעשפרונגען פון זיין פערד און האט געהאלפען ראזעטא ארונטערשטייגען. ווי א קינד האט ער זי ארונטערגעהויבען פון דעם פוס־אייזען וואס איז ארונטערגעהאנגען פון זאטעל, און ווי א קינד האט זי אויסגעשטרעקט די ארעמס און האט אומגעשלונגען זיין נאקען. דאקטאר מארגאן האט זיך אין גאנצען פערלארען. ניט צוגעפיהרט, נאר צוגעטראגען האט ער די זיסע לאסט צו דעם פלאטץ וואס ראזעטא האט געהאט אנגעצייגט און אין ווילדער ענטציקונג האט ער בעדעקט איהר געזיכט מיט קושען. און האט זי געדריקט צו זיין בוזעם ביז זי האט שיער אויפגעשריען.

—ראזעטא! געליעבטע! — האט ער געמורמעלט — דו וועסט זיין מיינע! דו וועסט מיך ניט צוריקווייזען... קיינע זאכען זאלען אונז אין וועג שטעהן!...

פלוצלונג האט ער איינגעהאלטען... ראזעטא'ס שעהנער קאפ איז געלעגען אנגעלעהנט אן זיין ברייטער ברוסט און זי האט שטיל און קאנוואולסיוו געשלוכצעט.

—ראזעטא! — האט מארגאן אויסגעשריען דערשראקען — וואס איז דיר? וואס האב איך געטהאן? ענטשולדיג מיר ראזעטא אויב איך האב דיך געקריינקט... אויב איך האב געוואגט צו פיעל.... עס איז ניט מעגליך געוועזען מיך ניט צו לאזען הינרייסען...

—מוטער, מוטער! — האט ראזעטא געמורמעלט צווישען שלוכצעם — ווען דו וואלסט געוואוסט, ווען דו וואלסט פאראויסגעזעהן... דו וואלסט מיך ניט געבונדען צו אזא פערשפרעכען ביי דיין שטערבע־בעט... עס איז שרעקליך...

און שלוכצענדיג האט זי געפיהרט איהר האנד איבער קאפ און נאקען פון דעם בעטויבטען דאקטאר, האט איהם געגלעט און געלאשצעט פול ליעבע און צערטליכקייט, און האט אלץ געמורמעלט: "מוטער! מוטער! ווען דו וואלסט פאראויסגעזעהן!" אבער איך בלייב טריי דיין אנדענקען!...

דאקטאר מארגאן איז געוועזען אויסער זיך פון גליקזעליגקייט. אבער אין דער זעלביגער צייט האט זיך זיין הארץ צוזאמענגעדריקט פון דעם געדאנקען, דאס ראזעטא האט א געהיימניס וועלכע שטעהט צווישען איהר און איהם — א געהיימניס וועלכע איז איהם אומבעקאנט.

—וואס קען דאס זיין פאר א פערשפרעכען וואס זי האט געגעבען צו איהר מוטער אויף'ן שטערבע־בעט, וואס מאכט זי יעצט אונגליקליך אין דעם אויגענבליק ווען זי דארף פיהלען גליקליך? — האט ער ביי זיך געטראכט.

אבער דער אויגענבליק איז איהם געוועזען צו הייליג און צו ליעב אום צו שטערען איהם דורך וועלכע עס איז פראגען, און אזוי זיינען זיי געבליעבען אייניגע מינוטען שטיל, און ער האט נור געשפירט דעם טיעפען הייסען אטהעם פון ראזעטא און דאס שטארקע קלאפען פון איהר הארצען אויף זיין בוזעם.

פלוצלונג זיינען זיי ביידע אויפגעשרעקט געווארען פון מענשליכע שטימען און פון טריט וואס האבען זיך געלאזט הערען, קוים־קוים־בעמערקבאר, קומענדיג נעהנטער צו זיי.

ראזעטא האט דערשראקען אויפגעהויבען דעם קאפ.

— ווער קען דאס זיין?? — האט דאקטאר מארגאן געפרעגט גאנץ שטיל.

ראזעטא האט א דריק געטהאן זיין האנד צום צייכען אז ער זאל שווייגען.

די טריט און די שטימען זיינען געמען נעהנטער.

— עס ווערט אונזיכער צו ריידען אין פאלאסט — האט געזאגט איין שטימע— אומשטענדען שיינען צו ווערען געפעהרליך... מען מוז זוכען שנעל איין עצה...

— אבער פון וואנען האט זיך גענומען דער הערמאנאס צו אונז? — האט געפרעגט די צווייטע שטימע.

— עס איז א שטיקעל גליק וואס ער אליין, ווי עס שיינט ווייס ניט ווער ער איז... אבער זיין עהנליכקייט אליין איז גענוג צו פערראטהען אונז... האסטו בעמערקט ווי עהנליך ער איז צו זיין פאטער?...

— ששש! — האָט דער צווייטער געהיסט... ביסטו משוגע קאַספּאַרע?

— מיר האָבען הא ניט צו מאַכען צערעמאָניעס ווען מיר זיינען אונטער אונז, אַלבערטאָ.

— אָבער דו מאַכסט מיר אונרוהיג ווען דו דערמאָהנסט עס... איך וויל עס ניט הערען...

— יא, יא, דאָס האָט מען פון קינדער...

— קאַספּאַרע!

— נו, גוט, איך וועל ניט דערמאָהנען... דערווייל אָבער מוזען מיר זעהן וואָס צו טהאָן... עס ווערט געפעהרליך. מען מוז....

די טריט און די שטימען האָבען זיך דערווייטערט, און ראָזעטא און מאַרגאָן האָבען ניט מעהר געקענט אויסמאַכען, ביז אַלעס איז ווידער שטיל געוואָרען.

— האָסטו געהערט? —האָט ראָזעטא געפרעגט ציטערענדיג.

— יא, איך האָב געהערט, אָבער איך פאַרשטעה ניט.

— אויך איך ניט, אָבער איך פיהל אז עס איז עטוואָס שרעקליכעס.

ראָזעטא האָט אויפגעשוידערט.

— מורא האָבען איז ניטאָ וואָס, נאָר מען מוז זיין פאָרזיכטיג. איך דענק מיר דאַרפען בעסער איצטער זיין ביי אונזערע פאַציענטען.

— געוויס!

ראָזעטא איז אויפגעשפרונגען.

נעכסטען אויגענבליק האָט מאַרגאָן איהר געהאָלפען בעשטייגען איהר פערד, איז אַליין אריינגעשפּרונגען אין זאָטעל, אוןביידע האָבען זיך א לאָז געטהאָן אין לעבעדיגע טריט אין דער ריכטונג פון פּאַלאַסט.

זעכסטער קאַפּיטעל.

די גיטאַרע וויינט.

ווען הערמאַנאָס איז אַבגעוועזן אין סענאָר ליאבא'ס הויז א וואָך זיינען אַלע, אויסער אַלבערטאָ'ן, צו איהם צוגעבונדען געוואָרען ווי צו זייערען אן אייגענעם. סענאָר ליאבא האָט זעהר גוט געפילט און יעדעס מאָל וואָס ראָזעטא און דאָקטאָר מאַרגאָן זיינען געזעסען ביי איהם אין צימער און איהם אמוזירט האָט ער געפרעגט וואו דער יונגער אינסורעקטא איז. און אויב הערמאַנאָס איז געוועזן אין הויז האָט מען איהם געמוזט אריינרופען.

סענאָר ליאבא האָט ליעב געהאַט צו הערען הערמאַנאָס'ן רעדען. דער קלאַנג פון דעם יונגען מאַן'ס שטימע איז געוועזן פאַר דעם אונגליקליכען בלינדען מאַן ווי זיסע מוזיק. איינמאָל האָט סענאָר ליאבא געזאָגט צו איהם:

— סענאָר הערמאַנאָס, קענט איהר מיר ערקלעהרען, ווארום מיר איז אזוי אנגענעהם אייך צו הערען רעדען?

— איך האָב נאָר איין ערקלעהרונג — האָט הערמאַנאָס געזאָגט — ווייל איהר פיהלט אז איך ליעב אייך און אכטע אייך איבער אַלע גרענעצין...

— סענאָר ליאבא האָט א זיפץ געטאָהן. "ווארום הער איך קיינמאָל ניט אזעלכע ווערטער פון מיין זוהן?" האָט ער געטראַכט.

און הערמאַנאָס האָט געטראַכט: פיעלייכט זאָגט דיר א געהיים געפיהל אז דו ביזט מיין פאָטער?" דערביי איז ער פערשעהמט געוואָרען פאַר זיך אַליין וואָס ער ערלויבט זיך צו האַלטען פיר מעגליך אזא ווילדע פאַנטאַזיע.

הערמאַנאָס איז געוואָרען זעהר צוגעבונדען צו סענאָר ליאבא'ן און צו ראָזעטא'ן און צו דאָקטאָר מאַרגאָן.

אָבער מעהר ווי אַלעס האָט איהם געהאַלטען צוגעבונדען צו דער נייער וועלט אין וועלכער ער האָט זיך געפונען די שעהנע לעבעדיגע מיס ליליאַן וואַרד. מיט יעדען טאָג איז עס געוואָרען קלעהרער פאַר איהם אז ער ליעבט די רייצענדע אמעריקאַנערין מיט דעם גאַנצען פייער פון זיין יונגער זעלע און ער איז געווען זיכער אז זי ליעבט איהם אויך.

מיס ליליאַן איז געווען גאַר ניט פון די שעמעדיגע, און זי האָט זיך געפיהרט מיט הערמאַנאָס'ן ווי ער וואָלט געווען דאָס מיידעל און זי דער יונגערמאַן. זי האָט צו איהם געשיקט צעטעלעך דורך די דיענער איהם איינלאַדענדיג ער זאָל זי טרעפען אין פּאַרק, אָדער אויספאָהרען מיט איהר רייטענדיג, און ווען זיי האָבען זיך געפונען אין דער געזעלשאַפט פון

ראָזועטאַ און דאָקטאָר מאָרגאַן האָט זי איהם אַלע מאָל אָפּגעריסען פון יענעם פּאָארל און אוועק מיט איהם ערגעץ אין א פערשטעקט ווינקעל.

— עס איז ניט שעהן זיי איבערצולאָזען — פלעגט הערמאַנאָס פּראָטעסטירען.

— א אינסורעקטאָ זאָל זיין אזא דאָרפס־מיידעל! — האָט ליליאַן געלאַכט — זיי זיינען העכסט צופריעדען וואָס זיי ווערען פּטור פון אונז.

אָבער הערמאַנאָס האָט ניט געוואָגט אָנצוריהרען מיט ליליאַן ביי א פינגער און רעדען צו איהר ווי צו זיינער א גלייכען.

— אז זי וועט מיך פרעגען ווער איך בין, ווער מיין פאָטער איז, וואו מיין היים איז, וואָס קען איך איהר ענטפערען? — פלעגט ער טראַכטען און דיעזער געדאַנק האָט איהם פערסם'ט דאָס גליק. ווצס דאָס בעוואוסטזיין אז ער ווערט געליעבט פון דער רייצענדער, ליעבליכער אַמעריקאַנערין האָט איהם פערשאַפט.

— וואָרום זייט איהר אימער אזוי פערטרויערט און פערזאָרגט ווען איהר בלייבט מיט מיר אליין? האָט איהם ליליאַן איינמאָל געפרעגט. זיי האָבען זיך דאַן געפונען אויף דער וועראַנדאָ פון פּאַלאַץ.

— איך בין אן אומגליקליכער מענש, מיס וואָרד! — האָט ער געענטפערט.

— האָט פיעלייכט א מיידעל צובראָכען אייער הארץ? האָט זי געזאָגט מיט א שמייכעל.

— מיידלעך זיינען גאָר ניט אזוי שלעכט, זיי זאָלען צוברעכען הערצער! — האָט הערמאַנאָס געזאָגט ווערענדיג אָנגעשטעקט פון איהר שטיפערישען טאָן — וויינינגסטענס לויט דער ערפאַהרונג וואָס א י ך האָב געהאַט מיט זיי.

— אה, איהר האָט שוין געמוזט פון פיעלע מיידלעך געליעבט ווערען?

— איך בין אָבער קיינמאָל ניט געליעבט געוואָרען פון קיין שוועסטער און — — פון קיין מוטער — האָט הערמאַנאָס געזאָגט מיט א זיפץ.

— איהר האָט א שוועסטער?

— ניין.

— און אייער מוטער לעבט נאָך?

— איך האָב מיין מוטער קיינמאָל ניט געזעהן.

— זי איז געשטאָרבען ווען איהר זייט נאָך געווען גאָר א קינד?

— מיס וואָרד! — האָט הערמאַנאָס געזאָגט מיט א שטימע געוואָרגען פון טרעהרען — איך ווייס ניט ווער מיין מוטער איז, איך ווייס ניט ווער מיין פאָטער איז!....

זיין קאָפּ איז געפאַלען אויף זיין ברוסט און ער האָט זיך צו וויינט ווי א קליין קינד.

— סענאָר הערמאַנאָס! — האָט מיס וואָרד אויסגערופען געריהרט און פערוואונדערט — איהר וויינט?... א אינסורעקטאָ וויינט ווי אָ קליין קינד?...

הערמאַנאָס האָט געפיהלט א אינערליכען דרוק אויסצושרייען: "איך בין א אונגעזעטצליך קינד, א ממזר, א טרעמפּ א גנב! מיין אָרט איז אין טורמע, ניט צווישען אָנשטענדיגע מענשען!" און פיהלענדיג אז ווי באַלד ער וועט בלייבען נאָך עטליכע זעקונדען נעבען מיס וואָרד וועט ער די ווערטער אויסשרייען, איז ער אוועקגעלאָפען פון איהר און אריין אין זיין צימער.

דאָס איז געווען אין דער פריה. פאַרנאַכט איז הערמאַנאָס אריינגעגאַנגען אין בילדער צימער און זיך אוועקגעשטעלט אַנטקעגען דעם בילד פון סענאָר ליאָבא. ער האָט געקוקט, געקוקט ביז עס איז דונקעל געוואָרען און ער האָט מעהר ניט געקענט זעהן די ליניען פון'ם בילד. דאַן האָט ער געכאַפּט א גיטאַרע וועלכע איז געהאַנגען אויף דער וואַנד און גענומען שפּיעלען אויף איהר.

הערמאַנאָס האָט ניט געקענט קיין נאָטען, אָבער ער האָט געהאַט א וואונדערבאַרען טאַלאַנט צו שפּיעלען אויף דער גיטאַרע. און ער פלעגט ניט שפּיעלען קיין קאָמפּאָזיציאָנען נאָר אויסגעסען זיינע אייגענע געפיהלען. אין זיין איצטיגען שפּיעלען האָט ער דערצעהלט אין זיסע, ריהרענדע טענער די טראַגעדיע פון זיין לעבען. עס האָט זיך געהערט אין דעם קלאַנג פון די סטרונעס דאָס געוויין פון אָ קינד, וועלכער ווייס ניט פון צערטליכ־

קייטען פון א מוטער. עס האט זיך געהערט אין דעם קלאנג פון די סטרונעס דאס געוויין פון א דערוואקסענעם מענשען, וועלכער קלאגט אויף זיין ביטערען שיקזאל און פרעגט ביי גאט: "פארוואס? פארוואס בין איך אזוי אונגליקליך? און צו וועל איך נאך א מאל דערלעבען א צייט ווען איך וועל וויסען ווער איך בין?"

—בראווא! — האט זיך דערהערט א שטימע פון א פינסטערען ווינקעל.

דאס איז געווען ליליאן ווארד'ס שטימע.

— אך! איהר זייט דא?! — האט הערמאנאס אויסגערופען.

— ענטשולדיגט! — האט ליליאן געזאגט. — איך בין געווען אין נעקסטען צימער, און ווען איך האב דערהערט דאס וואונדערבארע שפיעלען בין איך מיר אין דער שטיל אריינגעגאנגען. איהר זיינט געווען אזוי פערטיעפט אז איהר האט מיך ניט געהערט און ניט געזעהן. אבער איהר שפיעלט וואונדערבאר! ווארום האט איהר אונז ניט געזאגט אז איהר זיינט אזא מייסטער אויף דער גיטארע?"

"איך קען ניט קיין נאמען" האט הערמאנאס געזאגט "און וואס איך שפיעל איז ניט פיעל ווערטה פאר אנדערע. איך קען אויף דער גיטארע נאר מיינע אייגענע געפיהלען אויסדריקען".

"אבער איהר דריקט זיי אויס פיעל דייטליכער ווי אין ווערטער! איהר זיינט א וואהרער זשעני!"

"איך הער דאס צום ערשטען מאל" האט הערמאנאס געזאגט "און איך האב מורא אז איהר מאכט שפאס פון מיר".

ליליאן איז צוגעגאנגען צו איהם.

—סענאר הערמאנאס! — האט זי געזאגט מיט א ציטערנדער שטימע — קענט איהר גלויבען אז נאך דעם וואס איך האב געזעהן און געהערט פון אייך היינט אין דער פריה וועל איך האבען דאס הארץ צו מאכען שפאס פון אייך?.. סענאר הערמאנאס! איהר זייט אונגליקליך, א שווערער ווייטאג דריקט אייער הערץ איהר זייט אן עלענדער, איהר האט ניט קיין פאטער. קיין מוטער, קיין שוועסטער, איהר האט ניט קיינעם פאר וועמען אייער וועהטאג אויסצוגיסען. איך וויל זיין אייער — — שוועסטער.

זי האט אויסגעשטרעקט צו איהם איהר האנד. ער האט זי געכאפט מיט זיינע ביידע הענד און זי צוגעטראגען צו זיינע ליפען.

—איך בין אייך זעהר דאנקבאר — האט ער געזאגט אבלאזענדיג איהר האנד. פון טיעפסטען הערצען בין איך אייך דאנקבאר. אבער מיין וועהטאג קען איך פאר אייך ניט אויסגיסען.

—נעהמט איהר ניט אן מיין פארשלאג מיך צו בעטראכטען פאר אייער שוועסטער?

—איך קען דעם פארשלאג ניט אננעהמען. אבוואהל מיין הערץ. מיין זעעלע געהען אויס צו אייך. מיסס ווארד! איך וואלט געקענט מיין לעבען פאר אייך אוועקגעבען און געפיהלט דערביי דעם גרעסטען פערגעניגען. און דאך קען איך ניט אננעהמען אייער פארשלאג.

—ווארום?

—ווייל... ווען איך זאל אייך דערצעהלען מיין לעבענסטראגעדיע וואלט איהר ניט נאר מיין שוועסטער ניט געוואלט זיין, איהר וואלט זאגאר ניט געוואלט זיין מיין ווייטעסטע בעקאנטע. און — האט ער צוגעזעצט — דאס וואס איך האב אייך איצט געזאגט בעווייזט שוין גענוג ווי ווייט איך געה אין מיין צוטרויען צו אייך.

דאס געהיימניספאלע האט אימער א רייץ און א צויבער פאר יעדען מענשען. און מעהר ווי אלע ווערען פון דעם גערייצט און בעצויבערט די יונגע נאאיווע מיידלעך. הערמאנאס אימפולסיווע און טאקטלאזע עטליכע ווערטער האבען ניט נאר ניט אבגעשוואכט זיין איינדרוק אויף דער שעהנער ליליאן. נאר איהם פיעלפאך פערשטארקט. ביז איצט איז ער געווען פאר איהר א שעהנער, העלדישער, גאלאנטער אינסורעקטא. איצט איז ער געווען דאס אלעם און נאך פיעל מעהר. א שעהנער. העלדישער גאלאנטער

אינסורעקטא. ועלכער איז איינגעהילט אין א וואלקען פון געהיימניסע און איז די צענטראלע פיגור פון א הערצרייסענדער טראגעדיע. דאס האט איהם אוועקגעשטעלט אין איהרע אויגען נאך אויף א העכערען פעדעסטאל ווי ער איז ביז איצט געשטאנען. און זי האט איהם אנגעהויבען בעטראכטען פאר א פיעל העכערען מענשען ווי זי האט איהם ביז איצט גערעכענט. איהר ראמאנטישע נאטור און רייכע פאנטאזיע האבען אויסגעשפינט א געוועב פון וואונדערבארע פאסיהונגען ארום איהר העלד. ווען ער איז נאך געווען א קליין קינד איז ער צוגע'גנב'עט געווארען פון זיינע עלטערן. אין דעם איז זי געווען זיכער. און זיינע עלטערן זיינען פונ'ם העכסטען מעקסיקאנישען אדעל. דאס איז געוויס זיכער. און זיינע עלטערן זוכען איהם און וועלען איהם ענדליך געפינען. און דאן וועט ער זיין רייך און בערירהמט. און ז. יו. דאס אלעס איז ביי איהר דורכגעפלויגען אין מה אין עטליכע סעקונדען. וועהרענד זי איז געשטאנען נעבען איהם אין דער פינסטער אין בילדער־צימער. און זי איז געווען זיכערער ווי אימער אז זי ליעבט איהם און פערגעטערט איהם.

—סענאר הערמאנאס! — האט זי געזאגט — וואס איהר זאלט וועגען זיך אליין ניט דענקען און ווער און וואס איהר זאלט ניט זיין, זייט זיכער אז איהר האט אין מיר איבערגעגעבענע ליעבענדע שוועסטער.

און מיט דיזע ווערטער איז זי ארויס פון צימער.

הערמאנאס האט געעפענט דאס גרויסע פענסטער וואס האט ארויסגעקוקט צום פארק און ארויסגעשטרעקט דעם קאפ. עס איז געווען א פינסטערע נאכט. דער הימעל איז געווען אויסגעצויגען מיט שווארצע וואלקענס און עס האט געקאפעט א פוילער רעגען. די לופט איז געווען שווער ווי בליי.

—ווי ביי מיר אויפ'ן הארצען — האט הערמאנאס געמורמעלט, און ער האט פערמאכט דאס פענסטער און אריינגעגאנגען צו זיך אין צימער.

זיבענטעס קאפיטעל.

די פערשוואונדענע און פערצוויפלונג.

שיידענדיג זיך מיט דאקטאר פראנקאס ביים אריינגאנג אין פארק, נאך זיין צוריקקעהרען פון דעם בעזוך צו מאדערא, האט זיך אלבערטא גאנץ שטיל אריינגע'גנב'עט אין זיין אפארטמענט, וואו ער האט געטראפען דעם הויז־פערוואלטער קאספארע ווארטענדיג אויף איהם מיט אונגעדולד.

—נו, וואס האסטו אויסגעריכט, מיין זוהן? — האט קאספארע געפרעגט.

—ששש! פיעל מאל האב איך דיך געבעטען, קאספארע, אז דו זאלסט מיך ניט רופען דיין זוהן? וואס פאר א זוהן בין איך דיינער?

—נו, נו, ערגער דיך ניט! אין אויפרעגונג קען מען ניט זיין אזוי פארזיכטיג... איך זיטץ דא זייט צוויי שטונדען ווי אויף הייסע קויהלען... זאג מיר וואס דו האסט אויסגעפיהרט מיט דיין רייטען צו די אינסורעקטאס.

—אלעס האב איך אויסגעפיהרט! — האט אלבערטא געענטפערט מיט שמאלץ — פערשוואונדען איז דער איינברעכערישער חאקטאר פון סאן־פראנציסקא, און מיין שעהנע שוועסטער וועט וואהרשיינליך ליעגען א וואך אין בעט ביז זי וועט קומען צו זיך פון דער איבערראשונג. דערווייל וועלען די ערצטע פראנקאס און מילאנאס ווידער אונטערנעהמען די אפעראציאן און זי דורכפיהרען — פערשטעהסטו מיך? דורכפיהרען לויט אונזער פלאן...

—אבער, ווען? וואו? ווי אזוי האט עס פאסירט? — האט קאספארע געפרעגט אין העכסטער ערשטוינונג?

—וואס הייסט ווען? איצטער ערשט! מיט א האלבע שעה צוריק! א שעהנער פערוואלטער ביזטו! זיצט אין פאלאסט און ווייסט ניט וואס עס געהט דא פאר! האסטו גאר ניט געהערט קיין גערויש. קיין אויסגעשריי? מיר זיינען צוריקגעקומען פון מאדערא'ס לאגער אין דער בעגלייטונג פון צעהן בראווע אינסורעקטאס, און האבען גראדע בעגעגענט דאס

שעהנע פארעל, מיין שוועסטער מיט איהר סאן־פראנציסקער דאקטאר, צוריקקעהרענדיג פון ערגעץ־וואו אין אן עקיפאזש — זי האט זיך אזוי שנעל אנגעהויבען ארומשלעפען מיט איהם גאנצע נעכט, די טרייע טוגענדהאפטע טאכטער! — איך האב געגעבען א ווינק צו מיינע בעגלייטער און אין א מינוט איז דער חברה־מאן געווען אוועקגעריסען פון איהר זייט, און איז שוין געזעסען אויף א פערד רייטענדיג נאך הערמאסילא אין דער בעוואכונג פון צעהן אינסורעקטאס. די ארומשלעפערקע איז געבליבען אין פארק, און האט זיך מן הסתם פערקראכען אין איהר צימער. דער קוטשער איז אונזער לאפען, וועלכער וויים פון אלעם און שווייגט. ער האט זיך אומגעקעהרט תיכף ווי זיינע צוויי פאסאזשירען האבען פערלאזען זיין קארעט. ביי איהם האבען מיר אויך איבערגעלאזט אונזערע פערד, — און עס האט א האהן ניט געקרעהט! פערשטעהסטו מיך?!

אלבערטא האט געענדיגט זיין ערצעהלונג פון דער גרויסער אונטערנעהמונג וואס ער האט דורכגעפיהרט מיט דעם טאן פון א גענעראל וואס האט איינגענומען א גרויסע שלאכט און האט געריכטעט אויף קאספארא א טריומפירענדען בליק.

קאספארע איז געשטאנען מיט איין אפענעם מויל, ערשטוינט, און האט פאר פערוואונדערונג כמעט ניט געקענט ענטפערן. אלבערטא האט גרויס הנאה געהאט פון קאספארעס ערשטוינען און האט זעלבסט צופריעדען געשמייכעלט.

—אבער ווי איז דאס מעגליך? — האט קאספארע ענדליך ארויסגעשטאמעלט — איך האב די גאנצע נאכט ניט געשלאפען, און איך האב דאך גאר ניט געזעהן ראזעטא אדער דאקטאר מארגאן פערלאזענדיג דעם פאלאסט!?

—חא־חא־חא! — האט אלבערטא געלאכט — שעהנע אויגען האסטו צו זעהן! דו ווערסט אלט, קאספארע, דו ווערכט אלט!

אין דעם אויגענבליק האבען די ביידע דערהערט א גערויש און איין אויסגעשריי קומענדיג פון פארק, און ביידע זיינען גלייך צוגעלאפען צום פענסטער וואס האט ארויסגעקוקט אין פארק אריין. מיט אימפעט האט אלבערטא א ציה געטהאן דעם פארהאנג אן א זייט און ביידע, קאספארע און אלבערטא, האבען ארויסגעשטעקט די קעפ, אזוי דאס די קעפ האבען זיך פון האסטיגקייט צוזאמענגעשלאגען. וואס זיי האבען דערזעהן האט געמאכט אלבערטא'ס בלוט פערקיהלען אין זיינע אדערן. א פרעמדע מיידעל איז געלאפען צום פאלאסט און געשריען הילפע! סענארא! און איז צוזאמענגעבראכען, וועהרענד פון הינטער־טיהר פון פאלאסט זיינען ארויסגעקומען די דיענערשאפט.

—העללע און פערדאמונג! — האט אויסגערופען אלבערטא, אריינכאפענדיג צוריק דעם קאפ אין צימער — ווער איז דיעזע?

—ווער איז דיעזע? — האט איבערגעפרעגט קאספארע — ווי קומט זי אהער?

פארזיכטיג, בליקענדיג דורך די פארהאנגען — האבען די ביידע מענער בעאבאכטעט ווייטער וואס עס קומט פאר אין פארק. זיי האבען געזעהן די דיענערשאפט אריינטראגנדיג דאס צוזאמענגעבראכענע מיידעל אין זייער אפארטמענט, דאן האבען זיי געהערט די שטימע פון ראזעטא ארויסרופענדיג דורכ'ן פענסטער, און ענדליך אויך די טריט פון די דיענערשאפט אין קארידאר.

אלבערטא האט געעפענט זיין טיהר און האט בעמערקט א דיענער איילענדיג פארביי.

—גאמען, וואס האט פאסירט? — האט ער געפרעגט.

—א פרעמדע סענארא איז געפונען געווארען אהנמעכטיג אין פארק, סענאר. און סענארא ראזעטא שיקט מיך רופען דאקטאר מארגאן — האט דיענער העפליך געענטפערט.

—דאקטאר מארגאן? איז ער דען אין פאלאסט?

—געוויס, סענאר.

ווי א שלאנג וואלט איהם א ביס געטהאן איז אלבערטא אבגעשפרונגען צו־

ריק צוקלאפענדיג האסטיג די טיהר, וועהרענד גאמעז האט געאיילט צו דאקטאר מארגאן׳ס אפארטמענט.

—איך עזעל! האט אלבערטא אויסגעשריען כאפענדיג זיך פאר׳ן קאפ — וואס האב איך געטהאן! וואס איז דא געשעהן? איך אונגליקליכער! וועמען האב איך געלאזט אוועקשלעפען צו די אינסורעקטאס! פערדאמונג און העללע! איין אונגליק האט פאסירט! — וואס שטעהסטו און קוקסט מיך אן? — האט ער זיך געקעהרט צו קאספארע — געה! זעה געפין אוים! מיר מוזען זיך העלפען, אדער מיר זיינען אלע קאפוט!

ווי א פערוואונדעטער טיגער האט זיך אלבערטא גענומען טראגען הין און צוריק איבער׳ן צימער. קאספארע האט זיך ארויסגעכאפט ארומגעשמעקט ביי די דיענער, און אין פערלויף פון א האלבע שטונדע איז ער געוועזען צוריק מיט אלבערטא, דערצעהלענדיג איהם וואס עס האט פאסירט, און וועמען זיינע אינסורעקטאס האבען אוועקגעשלעפט.

אלבערטא אזוי גוט ווי קאספארע זיינען דעם גרעסטען טהייל פון טאג געבליבען צוזאמען, ערשטענס מורא האבענדיג צו דערוועקען חשד מיט זייער ווייזען זיך צופיעל פעראינטערעסירט. אלבערטא האט מורא געהאט דאס פילייכט האט איהם דאס מיידעל געזעהן צוריקקעהרענדיג אין פריהמארגען און וועט ריידען מיט ראזעטא דאריבער. און צווייטענס אום זיך צו בעראטהען וואס צו טהאן. זייער פערצווייפלונג האט ניט געוואוסט קיין גרעניץ, ווען שפעטער איז אויך אונטערגעקומען מיסטער ווארד אין דער בעגלייטונג פון הערמאנאס, און די פאסירונג פון דער נאכט מיט אלע איהרע איינצעלהייטען איז בעשפראכען געווארען אין פאלאסט, און די דיענערשאפט האט זיך אנגעהויבען ווענען דעם צו אונטערהאלטען.

אזוי שנעל ווי ברונא קאספארע האט דורכ׳ן פענסטער געווארפען זיין ערשטען בליק אויף הערמאנאס, ווי ער איז אריינגעריטען אין פארק הינטער מיסטער ווארד, איז ער בלאס געווארען ווי א טויטער און זיינע ציינער האבען אנגעהויבען קלאפען פאר ציטערניס, און ער וואלט געוועזען אומגעפאלען, ווען אלבערטא וואלט איהם ניט געהאט דערכאפט.

—וואס איז מיט דיר? — האט אלבערטא געפרעגט אין שרעק.

—שרעקליך!... דער יונגער מאן!... די עהנליכקייט! — האט קאספארע ארויסגעשטאמעלט.

אלבערטא האט איהם אנידערגעזעצט, האט איהם געבראכט א גלאז וויין, און האט איהם עטוואס געבראכט צו זיך.

—היינט איז א טאג פון ביטער פערצווייפלונג — האט אלבערטא געזאגט—רעד, וואס פאר א פרישעס אונגליק דראהט אונז?

—דער יונגער מאן וואס איז אריינגעריטען — האסטו געזעהן זיין עהנליכקייט צו דעם פערפלוכטען אידען — צו זיין פאטער... צו סענאר ליאבא מיין איך. ווי קומט ער אהער? ער איז געוועזען א שוסטער־לעהרלינג אין מעקסיקאלי... דארטען האב איך איהם איבערגעלאזען מיט 18 יאהר צוריק. ווען איך האב דיך, מיין פלייש און בלוט, אוועקגעפיהרט אנשטאט איהם נאך ענגלאנד. צו ליאבא׳ס ברודער, דיך צו ערציהען אלס יורש צו ליאבא׳ס מיליאנען. איצטער קומט ער אהער!... שרעקליך!...

איצטער איז די רייהע געקומען אן אלבערטא צו ווערען בלאס ווי דער טויט און צו ציטערן. א היבשע ווילע זיינען פאטער און זאהן געבליבען זיטצען. גאנץ איבערוועלטיגט פון זייער פערצווייפלונג, און האבען א ווארט ניט געקענט ארויסריידען.

אום דער לעזער זאל גענויער וויסען ווי אזוי דיזע פערוועכסלונג פון די קינדער איז פארגעגאנגען, וועלען מיר איבערהאקען אויף א קורצע ווילע דעם לויף פון אונזער ערצעהלונג, אום דיזעם אין קורצען צו ערקלעהרען.

סענאר ליאבא האט געשטאמט פון א שפאניש־אידישער פאמיליע וועלכע האט זיך נאך אין 17טען יאהרהונדערט בעזעצט אין ענגלאנד. זיי זיינען געוועזען פון די שפאנישע אנוסים (מאראנען), און מאנכע מיטגליעדער פון דיזער פא־

מיליע זיינען געבליבען קאטאליקען, אנדערע וויעדער האבען זיך צוריקגעקעהרט צו אידישקייט. בענעדיקט לעווי, א יונגער אינגעל פון א יאהר 16, פון דיזע פאמיליע, א גרויסער וואג־האלז און וואנדער־לוסטיגער אינגעל, איז אנטלאפען פון מאנטשעסטער מיט 40 יאהר פאר דעם אנפאנג פון אונזער ערצעהלונג, איז געווארען א מאטראז, האט געטהאן אלערליי ארבייט, ביז ער איז מגולגל געווארען קיין מעקסיקא. ער איז געווארען א גאלד־זוכער אין דער צייט פון גאלד־פיבער אין סאן פראנציסקא און מעקסיקא, עס איז איהם געראטהען און ער איז געווארען רייך. דאן האט ער געלאזט קומען צו זיך א קוזינע זיינע פון דער קאטוילישער זייט פון זיין פאמיליע וועלכע ער האט ליעב געהאט נאך אלס קינד, און ער האט זי געהייראטעט. דעם נאמען בענעדיקט לעווי האט ער געענדערט אויף בעניטא ליאבא. און אונטער דעם נאמען איז ער בעקאנט געווארען אין מעקסיקא.

שפעטער איז איהם געבארען געווארען א זוהן וועלכען ער האט א נאמען געגעבען נאך זיין ברודער אלבערטא אין מאנטשעסטער, און איינינע יאהר נאך דעם א טאכטער — ראזעטא.

ווען אלבערטא איז אלט געווארען א יאהר פינף האט ליאבא אנגעהויבען זארגען וועגען זיין ערציהונג.

די געגענד וואו סענאר ליאבא'ס זילבער־מינען ליגען זיינען געווען כמעט א וויסטעניש. די איצטיגע שטעדט זיינען געווען קליינינקע דערפליך, בעוואהנט פון אינדיאנער און בארוויסע מעקסיקאנער. קיין שוהלע וועלכע זאל ווערטה זיין צו טראגען דעם נאמען איז ניט געווען אויף הונדערט מייל ארום. ער האט געשריבען וועגען דעם צו זיין ברודער אין מאנטשעסטער, ענגלאנד, און יענער האט איהם געענטפערט אז די בעסטע זאך וואלט געווען ער זאל שיקען זיין קינד צו איהם. ווי שווער עס איז געווען סענאר ליאבא און זיין פרוי זיך צו שיידען מיט זייער איינציגען זוהן איז זיי דאך דער פלאן זעהר געפעלען און ליאבא האט אריינגערופען זיין געשעפטס־פיהרער קאספארע, צו וועלכען ער האט געהאט גרויס צוטרויען, און האט איהם געהייסען נעהמען דאס קינד און דעם קינד'ס אם דאנעלא, און זיי אבפיהרען קיין ענגלאנד.

מיט דיזער דאנעלא האט קאספארע דאן געהאט אן אונגעזעצליך קינד, א אינגעלע, פון וועלכען סענאר ליאבא און זיין פרוי האבען נאטירליך ניט געוואוסט. דאס אונגעזעצליכע קינד, וועלכעס איז דאן אלט געווען זעכס יאהר, איז ערצויגען געווארען אין הויז פון א שוסטער, א בלאטער חברה־מאן, וועלכער האט געוואוינט אין דער שטעדטעל מעקסיקאלי. ווען קאספארע האט געקראגען דעם אויפטראג אבצופיהרען דעם קליינינקען אלבערטא נאך ענגלאנד, איז איהם איינגעפאלען ער זאל פערבייטען די קינדער און אנשטאט אלבערטא'ן זיין אייגען אינגעלע אבפיהרען קיין ענגלאנד אלס סענאר ליאבא'ס קינד.

זעקס יאהר איז אינגאנצען זיין אינגעלע דאן אלט געווען, אבער מען פלעגט איהם רופען "דאס קליינינקע טייפעלע". ווארום ער איז געווען דורכגעטריבען און איבערהויפט איז ער געווען געשייט צו גנב'ישע שטיק.

קאספארע האט מיט איהם א פאאר טעג געמאכט "רעפעטיציע". ער האט איהם אריינגעשלאגען אין קאפ אריין אז זיין נאמען איז אלבערטא און ער איז סענאר ליאבא'ס זוהן, אז זיין פאטערס נאמען איז בעניטא, זיין מוטער'ס נאמען איזאבעלא, זיין קליין שוועסטערל'ס נאמען ראזעטא, און "דער קליינינקער טייפעלע" האט אלעם געדענקט און געשפיעלט זיין ראלע אויסגעצייכענט. דער שוסטער אין מעקסיקאלי האט געוואוסט פון דער גאנצער אינטריגע, אבער קאספארע האט איהם גוט בעלוינט און ער האט געהאלטען דאס מויל. אכט יאהר זיינען אוועק און סענאר ליאבא האט זיין זוהן ניט געזעהן. דאן האט ער איהם שוין מעהר ניט געקענט זעהן, ווארום ער איז בלינד געווארען. סענאר ליאבא'ס פרוי איז פון צרות געשטארבען, און קאספארע האט איצט מעהר קיין מורא ניט געהאט צו ברייגנען דעם פאלשען

אלבערטא קיין מערידא. עס איז ניט געווען ווער עס זאל זיך וואונדערן פאר וואס דאס דערוואקסענע אינגעל איז אזוי ניטעהנליך צו דעם קינד וועלכעס איז אוועקגעפיהרט געווארען. דאך איז דער פאלשער אלבערטא געבליבען אין ענגלאנד, ווייל סענאר ליאבא האט געוואלט ער זאל דארט ענדיגען זיין שטודיום, אבוואהל עס פלעגען איהם אנקומען זעהר שלעכטע בעריכטען וועגען זיין זוהנ'ס לערנען און אויפפיהרונג. ערשט, ווען סענאר ליאבא איז ערנסט קראנק געווארען, און ער האט מורא געהאט אז זיינע לעצטע טעג זיינען געקומען, האט ער טעלעגראפירט צו אלבערטא'ן ער זאל אהיים קומען.

דער אמת'ער אלבערטא, וועלכען דער שוסטער האט א נאמען געגעבען ראדעריגא הערמאנאס, איז געווען ביים שוסטער אין הויז ביז ער איז אלט געווארען פיערצעהן יאהר. און קאספארע האט איהם עטליכע מאל געזעהן. ווען ער איז שוין געווען א דערוואקסענער יונג. ער האט גוט געדענקט זיינע געזיכטס־ציגע. און אז ער איז עהנליך ווי צוויי טראפען וואסער, צו סענאר ליאבא, דאן האט ער אויך געוואוסט דעם נאמען וואס ער טראגט. דעריבער איז קיין וואונדער ניט וואס ער איז אזוי דערציטערט געווארען ווען ער האט איהם דערזעהן.

דאקטאר מארגאן האט אויף דער וויילע כמעט אויפגעהערט צו אינטערעסירען די פערשווערער. זייער הויפט אנגסט און שרעק איז געווארען הערמאנאס. אלערליי פלענער זיינען איצטער געמאכט געווארען פון פאטער און זוהן ווי אזוי פון דעם אונערווארטעטען גאסט פטור צו ווערען. זיי האבען גערעדט פון פערגיפטען, פון ערמארדען איהם ווען ער שלאפט, פון שיסען איהם כלומר'שט צופעליג, אבער די אלע פלענער זיינען פון זיי צוריקגעוויזען געווארען אלס געפעהרליך פאר זייער אייגענע זיכערהייט.

— איך האב עס — האט פלוצלונג אויסגערופען קאספארע און איז אויפגעשפרונגען פאר אויפרעגונג — איך האב א מיטעל! א טחייערעס מיטעל! עס איז אונזער רעטונג!

— ווירקליך? — האט אלבערטא געפרעגט, און אויך ער איז אויפגעשפרונגען פול ערווארטונג.

— קעפטיין האק! — ער וועט אונז העלפען!

— ווער איז קעפטיין האק? — האט אלבערטא געפרעגט גאנץ פערוואונדערט.

— אה דו ווייסט ניט! ער איז א דעספעראדא פון ארום דער מעקסיקאנישער גרעניץ, וואס האט שוין שעהנע עטליכע מענשען גע'פטר'ט. ער האט געמוזט אנטלויפען, און איז ענדליך געווארען מאטראז, און שפעטער קעפטיין פון עפעס א טרעמפ־זעגעל־שיף וואס טחוט ביזנעס מיט די ווילדע פון בארנעא און צעלעבעס, און מיט די איינוואהנער פון אנדערע אינזלען אין פאסיפיק. ער האט מיר עטליכע מאל עהרליך געדיענט. האט אראבגעראמט פארשוינען פון וועג ווען איך האב פערלאנגט, און ער וועט מיר אויך איצטער דיענען. איך האב ערשט יענע וואך געהערט פון איהם. ער געפינט זיך איצטער מיט זיין שיף אין אדעירבעי אין קאליפארנישען גאלף, וואו ער שמוגעלט אריין וואפען צו די רעוואלוציאנערען.

— וויזשע קומט די סאטץ איבער'ן וואסער? — האט אלבערטא געפרעגט ערשטוינט — ווי ברייננט מען איהם אהער?

— איהם וועט העכסטענס נעהמען פיער טעג אהער צו קומען.

— אבער ווי ועסטו איהם לאזען וויסען?

— דאס איז לייכט. אזוי שנעל ווי עס ווערט דונקעל געהען מיר אריבער דורכ'ן וואלד צו לאפען, און ער וועט שוין אריבערנעהמען פאר אונז א דעפעשע נאך סאנטא קרוז אדער דאגלאס אריזאנא, און זי אבשיקען צו קאפטיין האק צו ארעיר־בעי.

דאס איז געוועזען זייער שפאציער דורכ'ן וואלד, ווען ראזעטא און דאקטאר מארגאן האבען אונערווארטעט אונטערגעהערט א קליינעם טחייל פון זייער געשפרעך. זיי זיינען געוועזען אוים'ן וועג צום פוהרמאן לאפען.

אכטעס קאפיטעל.

דער מענשען־רויב.

אונגעפעהר א וואך איז פאראיבער צייט די לעצטע פאסירונגען וועלכע זיינען אין די פאריגע קאפיטלען געשילדערט געווארען, און אין דעם הויז פון בלינדען מיליאנער איז אלעס געווען רוהיג. דאקטאר מארגאן האט בעהאנדעלט זיין פאציענט מיט גרויסער זארגפעלטיגקייט, און האט אין דערזעלביגער צייט זיך געפיהלט דער גליקליכסטער ענש אין דער וועלט, אין דער געזעלשאפט פון ראזעטא. ער איז געקומען צו ער איבערצייגונג דאס די קראנקהייט ין סענאר ליאבא איז הויפט־זעכליך א ערוועז־קראנקהייט און האט איהם אזוי ויך קורירט. צו זיין גרויסער צופרידענ ייט האט ער אנגעהויבען מערקען א בע ערונג ניט נאר אין דעם אלגעמיינעם ושטאנד פון דעם חולה, זאנדערן אויך ין דעם צושטאנד פון זיינע אויגען. דען זיט דער שטארקונג פון די נערווען זיי עז אויך די אויגען געקומען אין א גע ינטערען צושטאנד. דר. מארגאן האט מפאנגען א האפנונג דאס דער אויגען ייין קען זיך נאך מינדעסטענס טהייל ייזע צוריקקעהרען צו דעם בלינדען אן, אויב ער זאל פארזיכטיג בעהאנ עלט ווערען. און ער האט פערדאפעלט יינע אויפמערקזאמקייט. איבערהויפט אט ער געהיט אז דער קראנקער זאל ין אימער אין גוטער שטימונג. דערצו אט איהם הערמאנאס פיעל געהאלפען. ען סענאר ליאבא האט דעם יונגען מאן זהר ליעב בעקומען, און פלעגט אימער ערלאנגען ער זאל בלייבען מיט איהם. אס הערמאנאס האט זעהר גערן גע האן.

ליליאן פלעגט פערברייננגען מיט הער אנאס יעדע שטונדע וואס ער איז ניט זעסען ביים קראנקען, וועהרענד אל רטא האט זיי אלע אויסגעמיעדען, רא האבענדיג צו טרעפען זיך מיט רגאן, מיט וואַרד, און איבערהויפט ט הערמאנאס. נור זעלטען, און פון א־וועגען פלעגט ער זיך אריינכאפען צום סענאר ליאבא פרעגען וואס ער מאכט, און ווידער פערשווינדען.

מיסטער וואַרד האט אפט געמאכט רייזען אין דער נאכבארשאפט, האט געזאמעלט זיינע אויסקינפטע וועגען דעם צושטאנד פון דער רעוואלוציאן אין מעקסיקא, און האט ענדליך בעשלאסען צוריקצוקעהרען נאך יונייטעד סטייטס.

—סענאר קאספארע — האט ער געזאגט צום פערוואלטער וועלכען ער האט געטראפען אין פארק — מארגען נאכמיטאג פעררייז איך — ווילט איהר אזוי פריינדליך זיין בעזארגען אן עקיפאזש צו פיהרען מיין באגאזש און מיך מיט מיין טאכטער נאך הערמאסילא צום באהן?

—מיט פערגעניגען, סענאר — האט קאספארע געענטפערט מיט א פערנייגונג — דער עקיפאזש וועט אייך ערווארטען.

קאספארע האט תיכף אויפגעזוכט אלבערטא ביי איהם אין צימער.

—וואס טהוט מען? — האט ער צו איהם געזאגט אין גרויסער אונרוהע — היינט איז שוין דער זעכסטער טאג, און פון עדווארד האק איז נאך ניט צו הערען. מיסטער וואַרד פעררייזט מארגען נאכמיטאג, און אויב ער קומט ניט ביז דאנן, וועט הערמאנאס צוריקקעהרען צום לאגער און ווער ווייסט וואס עס קען ווערען. אונזער גאנצער פלאן פטור צו ווערען פון איהם וועט ווערען צו נארנישט.

ווידער האבען פאטער און זוהן גע־פלאנעוועט אויף דאס ניי, און אין פערצווייפלונג, אלס א דיענער איז געקומען מעלדען, דאס לאפען דער פוהרמאן וויל זעהן דעם פערוואלטער.

—ברייגנט איהם אריין אהער—האט קאספארע אויסגערופען פיעל אויפגערעגטער אלס ער האט געוואלט.

אזוי שנעל ווי לאפען — א הויכער ווילד־אויסזעהענדער מעקסיקאנער — איז אריינגעקומען, האט ער געזאגט שטיל צו קאספארע:

— זיי זיינען דא!

—ווער? — האט געפרעגט קאספארע און אלבערטא צוזאמען.

— קעפּטיין האָק מיט צוויי לייטע.

—וואו?

— ביי מיר.

—גוט! זאָגט קאַפּטיין האָק אז איך זעה איהם היינט אבענדס אום 8 אוהר. יעצט געהט! אדיאָס! ראַ איז ניט זיכער צו ריידען.

לאַפּעז האָט פערלאָזען דאָס צימער און אַלבערטאַ איז געפאַלען קאַספּארע אויפ'ן האַלז.

—מיין גוטער אלטער פּאַ... קאַספּארע, מיין איך!

—דאָס וועט מאַכען אַ סוף צום צווייפעל — האָט קאַספּארע געזאָגט.

דעמזעלביגען אבענד האָט שטאַטגעפונען אַ בעראַטהונג צווישען קאַספּארע, אלבערטאַ און קעפּטיין עדוואַרד האַק אין דעם הויז פון דעם פוהרמאַן לאַפּעז, ביי מערידאַ. דעם רעזולטאַט פון דיזער בעראַטהונג וועט דער לעזער זעהן פון די ווייטערדיגע פּאַסירונגען.

מיסטער וואַרד האָט בעשלאָסען מערידאַ און די אומגעגענד פון הערמאָסילאַ. דעם נעכסטען טאָג צו פּאַרלאָזען. זיים זיין ערשטער בעגעגעניש מיט מאַדעראָין האָט ער זיך מיט איהם געזעהן עטליכע מאָל און דער אַנפיהרער פון די אינסורעקטאָס האָט געמאַכט אויף איהם זעהר אַ גוטען איינדרוק און אין הארצען האָט מיסטער וואַרד איהם געוואונשען גליק אין זיין בראַווען קאַמפּף פאַר "פרייהייט און באָדען". ער האָט זיך איבערציינגט אַז די געשרייען פון די עטליכע אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטען, וועלכע האָבען געהאָט גרויסע שטרעקען לאַנד און מינען אין מעקסיקאַ, אַז די אינטערעסען פון די פעראייניגטע שטאַאַטען ליידען דורך דער רעוואַלוציאָן, זיינען פאַלש. און ער איז אוועקגעפאָהרען פון מעקסיקאַ מיט דעם ענטשלוס צו ראַטהען פּרעזידענט טעפט ער זאָל זיך ניט לאָזען פערפיהרען פון די פאַלשע געשרייען און שטעהן פון ווייטען.

דער עקיפּאַזש מיט דעם פוהרמאַן לאַפּעז זיינען געקומען צום פּאַלאַסט פון סענאָר ליאַבאַ צו דער ריכטיגער שטונדע און האָבען אבגעפיהרט דעם באַגאַזש פון מיסטער וואַרד צו דער באַהן סטאַציאָן אין הערמאָסילאַ, און אַ פירטעל שטונדע שפּעטער איז ארויסגעריטען פון פּאַרק אַ קליינע קאַוואַלקאַדע (רייטערפּאַרטיי), וועלכע איז בעשטאַנען פון מיסטער וואַרד, דאָקטאָר מאָרגאַן, ראָזעטאַ, ליליאַן און הערמאַנאָס. דאָס איז מען געגאַנגען בעגלייטען מיסטער וואַרד. אַלבערטאַ איז דעם טאָג פריהער אוועק פון פּאַלאַסט אונטער דעם אויסרייד אַז ער געהט אויף דער יאַגד מיט אַ פריינד, און האָט פריהער גענומען אבשיעד פון מיסטער וואַרד.

דאָס איז געוועזען אַ פרעהליכע געזעלשאַפט, וועלכע האָט געלאַכט און זיך געוויטצעלט און איז געוועזען גליקליך. ליליאַן האָט געריטען ביי דער זייט פון הערמאַנאָס, כלומרשט צופעליג, וועהרענד ראָזעטאַ האָט פון הינטען, לאַכענדיג, אויפמערקזאַם געמאַכט דאַרויף דאָקטאָר מאָרגאַן.

מיסטער וואַרד, וועלכער איז געריטען ביי דער צווייטער זייט פון הערמאַנאָס, האָט פריינדליך זיך אונטערהאַלטען מיט איהם וועגען זיינע פּלענער פיר די צוקונפט.

— מיין פריינד — האָט מיסטער וואַרד צו איהם געזאָגט — עס איז מיר שווער זיך צו שיידען פון אייך. אין דער קורצער צייט וואָס איהר זייט געוועזען מיין ליב-וועכטער האָב איך פיעל פון אייך געלערענט וועגען די רעוואָלוציאָן און איהר בעדייטונג. איהר זייט אויך געוואָרען מיין לעהרער און וועג-ווייזער, פאַר וועלכעס איך בין אייך פון הערצען דאַנקבאַר. דאָס איז פיר מיך מעהר ווערטה אלס איהר קענט דענקען, און אויב איהר וועט אייך אַ מאָל נויטיגען אין אַ פריינד, געדיינקט דעם נאָמען וויליאַם ראַלף וואַרד.

— איך וועל דעם נאָמען קיינמאָל ניט פערגעסען — האָט הערמאַנאָס געזאָגט זעהר געריהרט — און איך פערזיכער אייך אַז איך האָב אורזאַכען אייך צו זיין פיעל מעהר דאַנקבאַר ווי איהר מיר.

נאָר איין מענש אין דער גרופּע האָט פערשטאַנען די בעדייטונג פון הערמאַנאָס'עס ווערטער און דאָס איז געוועזען

וואַרד׳ס טאָכטער, ליליאַן, אָבער אויך זי
אַט ניט געוואוסט די פולע בעדייטונג.
י האָט גערעכענט אז די ווערטער בעצי-
הען זיך אויף איהר ליעבע פאַר דעם
שעהנעם און ס מפּאַטישען אינסורעקטאָ,
ועהרענד הערמאַנאָס האָט אין זינען גע-
האַט אויסער דע־ ליעבע פון דער רייצענ-
ער אַמעריקאַנערין דעם אומשטאַנד
וואָס דורך מיסטער וואָרד׳ן איז ער
ריינגעפיהרט געוואָרען אין הויז פון
ענאָר ליאַבאָ, וועלכער — ווער קען
יסען? — איז פיעלייכט זיין פאָטער.

— און ווען איהר קעהרט צוריק אין
ייער לאַגער — האָט מיסטער וואָרד
יטער געזאָגט צו הערמאַנאָס — ניט
יבער מיינע הערצליכסטע גריסע צום
ענאָר מאַדעראַ, און מיין דאַנק פאַר
ייערע דיענסטע.

דאָס האָט אַלעמען אויפמערקזאַם גע-
אַכט אויף דעם פאַקט דאָס הערמאַנאָס
וז זיך באַלד אויך שיידען פון די נייע
יינדע וואָס ער האָט זיך ערוואָרבען
ין דעם הויז פון דעם בלינדען מיליאָ-
ר. בעזאָנדערס הארט האָט דיעזע דער-
הנונג געטראָפען ליליאַן, וועלכע האָט
פיהלט דאָס דער יונגער אינסורעקטאָ
המט מיט איהר הארץ.

די סצענע פון געזעגענען זיך מיט
רד אזוי גוט ווי מיט הערמאַנאָס
ז געוועזען א הערצליכע אויף אלע
טען, אָבער גאַנץ רוהיג איז זי ניט
געגאַנגען.

וועהרענד ליליאַן האָט, א בלאַסע און
יפגערעגטע, ערגריפען הערמאַנאָס׳עס
נד צום אָבשיעד, איז אונטערגעקומען
מאַן אין מעקסיקאַנישער קליידונג,
ט א ־ייזע־טאַש הייגענדיג פון זיין
טער ביי זיין זייט, און האָט גע-
עגט:

— סענאָרעס, איז דאָ פאַראַן אונטער
ך א סענאָר הערמאַנאָס?
אלע האָבען זיך שנעל אומגעקוקט,
רענד הערמאַנאָס האָט געענטפערט:
— מיין נאָמען איז הערמאַנאָס. וואָס
לאַנגט איהר?
— זייט איהר דער סענאָר וואָס האָט
יענט אלס גאַרדע צו סענאָר וואָרד
סאַן־פראַנציסקאָ?

— גאַנץ ריכטיג
דאַן האָב איך פאַר אייך א פּאַקעט
פון מאַיאָר הערנאַנדעז, פון מאַדעראַ׳ס
שטאַב.

אלע זיינען געוואָרען זעהר געשפּאַנט.
הערמאַנאָס האָט זיך אָבגעקעהרט עט-
וואָס אַן א זייט, האָט גענומען דעם פּאַ-
קעט פון דעם שליח און האָט איהם
אויפגעריסען מיט אונגעדולד, און א
פרעהליכער אויסדרוק האָט זיך בעוויע-
זען אויף זיין פּנים. בליקענדיג אויף איהם
האָט זיך אויך ליליאַן ניט געקענט צו-
ריקהאַלטען פון שמייכלען אויס סימ-
פּאַטהי, נאָך אײדער זי האָט געוואוסט
וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך.

— איך האָב דעם אויפטראַג, סענאָ-
רעס, צו בעזוכען א שיף וואָס אַנקערט
אין אַדעיר־ביי, אין קאַליפאָרניא גאָלף,
און בעגלייטען דעם קאַפּיטאַן פון שיף
צו סענאָר מאַדעראָ׳ס לאַגער, דאַן קען
איך נעהמען מיין צייט און בלייבען אין
מערידאַ ווי לאַנג איך וויל.

ליליאַן האָט אַליין ניט פיהלענדיג
געפּאַטשט בראַוואָ, ראָזעטאַ און דאָקטאָר
מאַרגאַן האָבען זי שמייכלענדיג בע-
טראַכטעט, וועהרענד הערמאַנאָס איז
רויט געוואָרען פון פערלעגענהייט און
פערגעניגען.

— נעהמט מיין פערד, הערמאַנאָס
—האָט וואָרד געזאָגט — ער נעהמט אייך
צו אַדעיר ביי און צוריק אין צוועלף
שטונדען.

— איך דאַנק אייך סענאָר — האָט
הערמאַנאָס געענטפערט.

מיסטער וואָרד איז אריין אין צוג
וועלכער האָט אוועקגעדאַמפּפט, ארויס-
לאָזענדיג וואָלקען רויך אין קנוילען פון
זיין קוימען, הוסטענדיג און פּופענדיג,
וועהרענד די צוויי פּאַרלאַך האָבען זיך
אין א גליקליכער שטיממונג צוריקגע-
קעהרט נאָך מערידאַ.

א האַלבע שטונדע שפּעטער האָט הער-
מאַנאָס זיצענדיג צו פערד געצויגען זיין
סאָמברעראָ און צוגעשריען "אַדיאָס"
צו מיס ליליאַן, און האָט ארויסגעריטען
פון פּאַרק, וועהרענד פון אלבערטאָ׳ס
אַפּאַרטמענט האָבען איהם צוויי פּאָאַר

אויגען בעטראַכטעט מיט דער צופריעדענהייט פון רויב־פויגעל וואָס חאַפּען זייער קרבן. דאָס זיינען געוועזען קאַספּאַרע און אַלבערטאַ.

— ער געהט צו זיין אונטערגאַנג — האָט קאַספּאַרע געזאָגט, רייבענדיג זיך די הענד פאַר תענוג.

— הורראה! מיר זיינען פריי פון איהם! — האָט אַלבערטאַ געזאָגט.

ניינטעס קאַפּיטעל.

וואו איז הערמאַנאָס?

צוויי טעג זיינען פאַריבער זינט דעם נאָכמיטאָג וואָס הערמאַנאָס איז ארויסגעריטען פון סענאָר ליאַבאַ'ס פּארק אום אויסצופיהרען די שליחות וואָס איז איהם צוגעשיקט געוואָרען פון מאַדעראַ'ס לאַגער — ווי אַלע האָבען געגלויבט — און פון דענסטמאָל אָן האָט מען מעהר פון איהם ניט געזעהן און ניט געהערט אין מערידאַ. סענאָר ליאַבאַ אַליין, וועלכער האָט זיך געהאַט אזוי צוגעוואוינט צו דער געזעלשאַפט פון דעם יונגען מאַן, האָט שטאַרק געבייגקט נאָך איהם, און האָט שוין אויף דעם צווייטען טאָג נאָך הערמאַנאָס'עס אוועקפאָהרען אַנגעהויבען אונרוהיג צו ווערען. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט יעדע שטונדע אויב מען האָט שוין בעקומען פון איהם וועלכע נאַכריכט. און האָט ארויסגעוויזען זיין אונמוט און דער קריינקונג יעדעס מאָהל ווען ער האָט ערהאַלטען די תשובה, דאָס מען האָט פון הערמאַנאָס נאָך ניט געהערט.

דיעזער אומשטאַנד האָט דעם קראַנקען מאַן פערזעצט אין א מרה שחורה, און דאָקטאָר מאָרגאַן האָט אַנגעהויבען מורא צו האָבען דאָס זיין געזונד וועט דערפון ליידען, און דאָס אַלע מיהע איהם צוריק געזונד צו מאַכען וועט דורך דיעזע אונגליקליכע פערשווינדונג פון הערמאַנאָס געהן פערלאָרען.

ראָזעטאַ האָט זיך געפיהלט דאָפּעלט אונגליקליך, ערשטענס צוליעב די ווירקונג וואָס הערמאַנאָסעס פערשווינדען האָט אויף איהר פאָטער, און צווייטענס איז זי געוועזען בעזאָרגט וועגען הערמאַנאָס אַליין. זי האָט מורא געהאַט דאָס איהם האָט איין אונגליק פּאַסירט.

אָבער שרעקליכער פון אַלע האָט זיך אָפּגערופען דער צופאַל אויף מיס ליליאַן. איהר אונרוהע איז געוואַקסען מיט יעדער שטונדע. א גאַנצען טאָג, און ביז האַלבע נאַכט, איז זי געזעסען ביים פענסטער היטענדיג דעם אריינגאַנג אין פּארק, און איז אזוי איינגעשלאָפען וואַרטענדיג. ווען אויפ'ן פריהמאָרגען פון דריטען טאָג האָט איהר ראָזעטאַ אזוי געפונען, און האָט זי אויפגעוועקט, איז איהר ליליאַן ארויסגעפאַלען אויפ'ן האַלדז מיט אזאַ ביטער געוויין, מיט אזא הערצרייסענדען היסטערישען שלוכצען, דאָס אויך ראָזעטאַ האָט מיטגעוויינט, און עס האָט נאָכהער גענומען דאָקטאָר מאָרגאַן א היבשע צייט זיי צו בערוהיגען.

—עס קען זיין אַז ער האָט דעם שיפּס־קאַפּיטאַן ניט געפונען און ער מוז וואַרטען אין אָדעיר־בעי, אָדער פיעלייכט האָט איהם מאַדעראַ פערהאַלטען ביים צוריק קעהרען זיך מיט דעם מאַן פון אָדעיר־בעי — האָט מאָרגאַן געטרייסט די מיידלאַך — ער איז דאָך סאָלדאַט. ער קען דאָך ניט אימער האַנדלען אזוי ווי ער וויל, ווען פליכט רופט איהם.

—אָבער ער וואָלט דאָך אונז געלאָזט וויסען! — האָט ליליאַן געשלוכצט.

ביי זיך אין האַרצען האָט מאָרגאַן געפיהלט אַז דאָ איז ניט גאַנץ גלאַט די געשיכטע. איבערהויפּט האָט אין איהם דערוועקט א פערדאַכט דער פאַקט וואָס אַלבערטאַ און קאַספּאַרע האָבען זיך פון דער גאַנצער זאַך געמאַכט ניט־וויכענדיג, האָבען זיך אפילו ניט נאָכגעפרעגט, אומגעקעהרט, זייער געזיכטער האָבען אויסגעדריקט ווי צופריעדענהייט. קאַספּאַרע האָט ארומגעשמעקט, האָט אַלעס געהערט, און האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט. איהם איז איינגעפאַלען פון דעם בענעהמען פון אַלבערטאַ און קאַספּאַרע, דאָס זיי וויסען פיעלייכט מעהרער אַלס די אַנדערע, און דאָס פיעלייכט האָבען זיי א וועלכע עס איז פערבינדונג מיט הערמאַנאָס'עס פערשווינדונג.

וואָס פאַר אַ כאַראַקטער די פּערבינדונג טראָגט, האָט ער ניט געוואוסט. נאָר אין איין זאַך איז ער געווען זיכער: אַז אויב מיט הערמאַנאָס'ן איז געשעהן אַ אונגליק זיינען פאַר דעם אונגליק פערענטוואָרטליך אַלבערטאַ און קאַספּאַרע. קיין קלאָרע ערקלעהרונג וואָלט דאָקטאָר מאַרגאַן אויף דעם ניט געקענט געבען. עכ איז געווען ביי איהם מעהר אַ געפיהל ווי איבערצייגונג. אָבער דאָס געפיהל האָט געהאַט אַ פעסטען פונדאַמענט. נעמליך, די זיכערקייט אַז אַלבערטאַ האָפּט הערמאַנאָס'ן צום טויט, און אַז ער איז פעהיג צו בעגעהן יעדע נידערטרעכטיגקייט אום פּטור צו ווערען פון אַ פיינד.

ליליאַן, וועלכע האָט אַרומגעשפּאַנט איבער'ן צימער אין טיעפער פערצווייפלונג, האָט זיך אָפּגעשטעלט אַקעגען דאָקטאָר מאַרגאַן און געזאָגט מיט אַ שטימע, געוואָרגען פון טרעהרען:

—מיין ליעבער פריינד! איך הויב אָן צו צווייפלען אויב הערמאַנאָס האָט געהאַט אַ בעפעהל פון מאַדעראַ'ן. עס גלויבט זיך מיר ניט אַז מאַדעראַ זאָל שיקען אַזעלכע אויפטראַגען דורך אַ שליח איינער אַליין. און דער שליח זאָל דאָס איבערגעבען אַזוי אָפען. דאָך איז פיעלייכט געווען אַ בעטרוג. און אויב דאָס איז ווי איך האָב מורא, ווי מיין האַרץ זאָגט מיר, דאַן איז מיט איהם געשעהן אַן אונגליק.

—מיר קענען עס דאָך זעהר לייכט אויסגעפינען — האָט ראָזעטאַ געזאָגט —איך וועל צושיקען ווּעמען עס איז צו מאַדעראַ'ס לאַגער אויסצוגעפינען אויב מען וויים דאָרטען וואו הערמאַנאָס איז.

—איך וועל אַליין צופאָהרען צו מאַדעראַ'ן — האָט דאָקטאָר מאַרגאַן געזאָגט.

—איהר? ! — האָט ראָזעטאַ אויסגערופען אין שרעק — וואָס רעדט איהר? איהר ווייסט דאָך אַז מאַדעראַ האָט אויף אייך אַ פערדאַכט...

—אַז איך בין אַ שפּיאָן? — האָט דאָקטאָר מאַרגאַן געלאַכט—הערמאַנאָס האָט שוין לאַנג אַרויסגעטריבען פון זיין קאָפּ דעם נאַרישען פערדאַכט. איך האָב סיי ווי געוואָלט זיך זעהן מיט מאַדעראַ'ן. איך וויל וויסען ווי קומט צו איהם דיעזער פערדאַכט? ווער האָט איהם אַרויפגעפיהרט אויף דעם ווילדען געדאַנק? איצט האָב איך די בעסטע געלעגענהייט. יאַ, מיינע ליעבע פריינדינען, איך פאָהר גלייך אַוועק צו מאַדעראַ'ן. איך מוז נאָר פריהער אריינגעהן צו סענאָר ליאַבאַ אויף עטליכע מינוט זעהן ווי ער פיהלט זיך, אַדיאָס!

מיט די ווערטער איז ער אַרויסגעגאַנגען פון'ם צימער.

דאָקטאָר מאַרגאַן האָט איהם געפונען זיצענדיג אין אַ ראָקינג־טשער אין אַ זעהר מעלאַנכאָלישער שטימונג. נאָכדעם ווי ער האָט מיטגעטהיילט זיין בעשלוס צו צו רייטען צו מאַדעראַ'ס לאַגער, האָט סענאָר ליאַבאַ געזאָגט:

—עס איז פיעלייכט בעסער מען זאָל שיקען אַן אַנדער מאַן, איהר זייט אונז געוואָרען אַזוי אונענטבעהרליך. מיר קענען אָהן אייך ניט אויסקומען.

—איך וויל אַליין פאָהרען צו מאַדעראַ'ן — האָט דאָקטאָר מאַרגאַן געזאָגט ענטשלאָסען — איך מוז מיר פערשאַפען געוויסהייט פון ערשטער האַנד.

אַ פערד איז גלייך געזאַטעלט געוואָרען, און אין אַ פערטעל שטונדע אַרום איז דאָקטאָר מאַרגאַן אַוועקגעריטען צום לאַגער פון די אינסורעקטאָס ביי הערמאָסילאַ.

אין דער זעלבער צייט זיינען קאַספּאַרע און אַלבערטאַ געזעסען אין צימער פון דעם לעצטערן, די טיהר איז געווען פערשלאָסען און זיי האָבען גערעדט אַזוי שטיל ווי זיי וואָלטען מורא געהאַט אַז די ווענט וועלען זיי הערען. זיי האָבען געזעהן דאָקטאָר מאַרגאַן אַרויסרייטענדיג פון פּאַרק.

—פון דעם אינסורעקטאַ זיינען מיר פריי געוואָרען — האָט קאַספּאַרע געזאָגט — פיעלייכט ווערען מיר אויך פריי פון דיעזען דאָקטאָר. וואוהין פאָהרט ער וואָלט איך נייגיעריג געווען צו וויסען.

—פיעלייכט זוכען הערמאַנאָס? — האָט אַלבערטאַ געזאָגט לאַכענדיג.

—איהם מעג ער שוין זוכען פיעל ער וויל — האט קאספארע געענטפערט— ער איז אין די הענט פון איינעם ביי וועמען ער איז זיכערער ווי ביים מלאך המות. מיין פריינד עדוואָרד האָף האט איהם נעכטען ביי נאכט זיכער שוין אויעקגעפיהרט.

—וואס וועט ער מיט איהם טהאן ?— האט אלבערטא געפרעגט.

—ער וועט איהם שוין בעשטאטען ערגיץ־וואו אויף אן אינזעל צווישען מאלאאישע קאניבאלען. מענשענפרעסער, און איהם צו זיי פערקויפען. ער איז שוין פארזארגט. אבער מען מוז פטור ווערען פון דעם פערפלוכטען אידען.

—יא — האט אלבערטא געזאגט — ער האט מיך זעהר ניט ליעב, און עס איז זעהר מעגליך ער זאל מאכען א טעסטאמענט, אין וועלכען ער וועט אפזאגען די גאנצע ירושה ראזעטא'ן.

—עס וועט דערצו ניט קומען — האט קאספארע געזאגט — פערלאז זיך נאר אויף מיר.

—וואס וועסט דו טאהן ?

—איך האב שוין עפעס געטאהן.

— וואס איז עס אזוינס ? דארף איך עס ניט וויסען ? — האט אלבערטא געפרעגט מיט א פערדריסליכען טאן.

—איך האב אויסגעפונען אז ווען איך טהו אליין איז עס בעסער פיר אונז אלע.

— פאטער ! — האט אלבערטא געזאגט אויפגעבראכט — איך בין ניט קיין קליין קינד. ווארום זאל איך ניט וויסען אלעס וועגען אן אנגעלעגענהייט אין וועלכער איך בין מעהר פעראינטערעסירט ווי דו.

— מעהר ? ! — האט קאספארע געזאגט שטרענג און זיינע קליינע ארומלויפענדע אויגעלעך האבען זיך אנגעצונדען — וואס איז דאס פאר א ווארט "מעהר" ? אויב דו רעדסט דיר איין אז ווען דו וועסט ווערען דער זילבער־קעניג וועסטו האבען מעהר צו זאגען איבער די מיענען און פלאנטאציעס ווי איך, האסטו אן אירטהום ! איך האב דיך געמאכט פאר סענאר ליאבא'ס זוהן, און איך קען דיך אויך מאכען פאר ברונא קאספארע'ס זוהן. נעהם דאס דיר גוט אין אכט, אלבערטא ! און ווייס ווי צו ריידען צו דיין פאטער.

אלבערטא האט אנגעהויבען ציטערן פון אויפרעגונג. זיין ווילד בלוט האט אין איהם געברענט און ער האט אין דער מינוט געקענט זיין פאטער אויף שטיקער צורייסען. ער האט זיך אבער בעהערשט און אונטערטהעניג געבעטען זיין פאטער ענטשולדיגונג און ערקלערט אז דאס ווארט "מעהר" האט זיך ביי איהם נאר ארויסגעכאפט פון'ם מויל און ער האט מיט דעם גאר ניט געמיינט. אין הארצען אבער האט דער גוטער זוהן געטראכט : "ווארט טאטע ! דיין טאג וועט אויך קומען." און ער האט ביי זיך בעשלאסען אז ווען ער וועט שוין זיין אויפ'ן פערד, און מעהר ניט דארפען דעם פאטער'ס הילף, איהם אבצוראמען פון'ם וועג אויף דעמזעלבען ארט ווי הערמאנאס איז אבגעראמט געווארען.

צו קאספארע אבער האט ער געזאגט : דו ווייסט גאנץ גוט אז איך קען האלטען א סוד ווען מען דארף. ווען איך בין אלט געווען זעכס יאהר האב איך שוין געקענט האלטען א סוד.

— דאס איז וואהר — האט קאספארע געזאגט מיט א צופריעדענעם שמייכעל — אלזא הער מיך אויס. צוזאמען מיט דיין דאקטאר פראנקאס, ביסטו געפאלען אויף א נארישען פלאן אויסצוגעצען מערדערייען געגען סענאר ליאבא'ס א פריינד. אייער פלאן איז דורכגעפאלען, און איך בין נאך ניט זיכער אז מאדערא וועט ניט אויסזאגען דעם אלטען, אז דו ביזט געווען דער יעניגער, וועלכער האט איהם בעוואויגען צו ארעסטירען דעם דאקטאר פון סאן פראנציסקא אלס שפיאן.

— מאדערא וועט גאר ניט זאגען — האט אלבערטא פערזיכערט קאספארען — איך האב איהם געגעבען געלד און ער האלט מיך פאר א פריינד פון דער

רעוואלוציאן. איך האב מיך מיט איהם זייט דאן צוויי מאל געזעהן. ער איז אונטער דעם איינדרוק אז מיין צו חיסיע איבערגעבענהייט צו דער זאכע האט מיך פערפיהרט.

— נו, דאס איז מעגליך. אבער יעדענפאלס האבען מיר זיך ניט געטארט ווענדען צו די רעוואלוציאנערען נאך הילף געגען סענאר ליאבא'ס פריינד. דער אלטער איז א פרייעד פון דער רעוואלוציאן און שטיצט מאדערא'ן מיט גרויסע סומען געלד. ער היט זיך פאר מיר, אבער איך האב עס ערפאהרען. מיר מוזען זיך ווענדען צו דיאז'ן.

— צו דיאז'ן? — האט אלבערטא געפרעגט ערשטוינט.

— צו דער רעגיערונג — האט קאספארע געענטפערט — סענאר ליאבא שטיצט די רעוואלוציאנערען. איז ער א פעררעטהער צו דער רעגיערונג. וואס קען נאך זיין נאטירליכער און לאגישער ווי מיטצוטהיילען דיאז'ען וועגען סענאר ליאבא'ס געהיימע בעציהונגען מיט דער רעוואלוציאן? דער פערדאמטער איד וועט בעטראכט ווערען אלס פעררעטהער צום פאטערלאנד און אריינגעווארפען ווערען אין פריזאן. איך וועל אויפטרעטען געגען איהם אלס עדות. איך האב שריפטליכע בעווייזע. און אזוי ווי דיאז מאכט גאנץ קורצע פראצעסען מיט פעררעטהער, וועלכע פאלען אריין צו איהם אין די הענד, קענען מיר ערווארטען אז דער פערדאמטער איד וועט געשאסען ווערען.

— דו רעדסט פון'ם שלאף — האט אלבערטא געזאגט.

— איך רעד פון'ם שלאף?

— וואס דו זאגסט וואלט געהאט א זינן, ווען דער רעגיערונג'ס רעגימענטען וואלטען בעהערשט אונזער געגענד. אבער אז אלעס איז אין די הענד פון די אינסורעקטאס, וואס קען אונז העלפען וואס דער איד וועט בעטראכט ווערען פאר א פעררעטהער?

קאספארע האט א שמייכעל געטהאן.

— איך רייד פון'ם שלאף, הא? — האט ער געזאגט — איך האב געהיימע נאכריכטען, מיין זוהן. אין א וואך ארום וועט לעבען הערמאסילדי פארקומען א שלאכט צווישען דער רעגיערונג'ס סאלדאטען און די אינסורעקטאס. דאס וועט זיין די גרעסטע שלאכט זייט די רעוואלוציאן האט אויסגעבראכען. פיער רעגיערונגס רעגימענטען געהען נאך מעריד-א, אין צוויי טעג ארום וועלען זיי דא זיין. דער גאנצער געגענד ביז הערמאסילא וועט זיין אין די הענד פון דער רעגיערונג. ווי געפעלט דיר דאס, מיין קלוגער זוהן?

— אין אזא פאל זעהט די זאך גאנץ אנדערש אויס.

— און נאך עפעס דארף איך דיר זאגען. בריגאדיר-גענעראל עספאראנזאס איז דער קאמאנדיר פון די פיער רעגימענטען. דו ווייסט וואס דאס הייסט א קאמאנדיר פון אן ארמיי אין א געגענד אין דער צייט פון אן אויפשטאנד? דער קאמאנדיר איז דער דיקטאטאר, דער אבסאלוטער הערשער. ער קען טהאן וואס ער וויל מיט די מענשען, וועלכע ער בעטראכט פיר פעררעטהער. ער קען זיי אריינווארפען אין געפענגניס, שיסען, הייגגען, מיט איין ווארט: דאס לעבען און דאס אייגענטהום פון יעדען בירגער איז אין זיינע הענד. עספעראנזאס, מיין זוהן, איז מיינער א נאהענטער פריינד. גאר א נאהענטער פריינד. ער האט דורך מיר פערדיענט שעהנע טויזענדע דאלארס אין ספעקולאציעס. ער איז א הייסער קאטאליק און האט פיינד א אידען ווי דעם טויט. פערשטעהסטו, מיין זוהן, די בעדייטונג פון אלעס וואס איך האב דיר געזאגט?

— איך פערשטעה דאס אויסגעצייכענט! — האט אלבערטא געזאגט ענטציקט — ווען דאס אלעס זאל נאר זיין ווי דו זאגסט.

— אז דו גלויבסט מיר ניט מוז איך דיר געבען בעווייזע — האט קאספארע געזאגט, און ער האט ארויסגענומען א בריעף פון קעשענע און געגעבען אלבערטא'ן לעזען.

"מיין ליעבער ברונא!" האט אלבערטא אנגעהויבען לעזען.

— דו זעהסט? — האט קאספארע איהם אונטערבראכען — דער שרייבער רופט מיך ביים ערשטען נאמען. איצט זעה וער עס איז אונטערגעשריבען.

— עספעראנזא! — האט אלבערטא אויסגערופען.

— איצט לעזן! — האט קאספארע געשמייכעלט.

„מיין ליעבער ברונא!" האט אלבערטא ווידער גענומען לעזען. „איך האב דיר געשריבען אז איך קום מיט 4 רעגימענטען נאך מערידא אין צעהן טאג ארום. אומשטענדען פאדערן אבער מיר זאלען זיין אין מערידא נאך די וואך. עס וועט געקעמפפט ווערען אן ענטשיעדענע שלאכט. וואס דו האסט מיר געשריבען וועגען דעם זילבער־קעניג איז זעהר וויכטיג. ווען מענשען וואס זיינען געווארען פיעלפאכע מיליאנערען דורך דער שטיצע פון דער רעגיערונג זיינען פעררעטער, וואס קען מען שוין האבען צו די ארימע מאסען, וועלכע האבען פיעלייכט אורזאכען זיך צו בעקלאגען אויף דער רעגיערונג? איך וועל געוויס האנדלען ווי געזעץ און טרייהייט צום פאטערלאנד פאדערט. דיין

קאזא עספעראנזא."

— וואונדערבאר! — האט אלבערטא אויסגערופען — דו פערדיענסט צו זיין א מיניסטער!

— איך האב ניט אזעלכע נארישע אמביציעס, מיין ליעבער — האט קאספארע געזאגט — קענען אויסנוצען מיניסטארען פאר דיינע אינטערעסען איז בעסער ווי אליין צו זיין א מיניסטער. זאגאר בעסער ווי צו זיין א פרעזידענט. זיכער ווייניגער געפעהרליך. אלזא, איצט ווייסטו, מיין ליעבער, וואס איך האב געטהאן, און זיי זיכער אז אין א פערלויף פון עטליכע טעג וועט סענאר ליאבא ליעגען א געשמידטער אין קייטען אין עספעראנזא'ס לאגער, און אין א וואך. העכסטענס צוויי, וועט ער זיין א געשאסענער.

און איין שורקע דעם אנדערן איז געפאלען אוים'ן האלז.

10טעס קאפיטעל

מאדערא געווארנט איז צייט.

דער הויפט־קאמאנדיר פון דער רעוואלוציאנערער ארמיי, פראנציסקא מאדערא, איז געזעסען אין „קאבינעט" פון זיין תיהל און געליינט בעריכטע וועלכע די „סקאוטס" (אויספארשער) האבען איהם געבראכט פון פערשיעדענע ריכטונגען.

דער ערשטער בעריכט וועלכען ער האט גענומען אין האנד איז געווען זעהר א פרעהליכער.

ער איז געבראכט געווארען פון'ם לאגער ביי דעם קליינעם שטעדטיל אבינאגע. כאזע דע־לא־קרוז סאנכעס, א בראווער און זעהר פעהיגער רעוואלוציאנער איז געווען דער קאמאנדיר פון דער רעוואלוציאנערער ארמיי פון יענעם לאגער. סאנכעס האט זיך אויסגעצייכענט אין עטליכע שלאכטען מיט די רעגירונגס סאלדאטען. מיט א קליין הייפעלע איינסורעקטאס און מיט בלויז צוויי קאנאנען האט ער געשטורמט עטליכע פאזיציאנען און האט פארטריבען די גארניזאנען און גענומען געפאנגען עטליכע אפיצירען. די פאזיציאנען האט ער נאטירליך בעזעצט מיט רעוואלוציאנערע סאלדאטען און איז אויף אזא ארט געווארען דער הערשער פון די ארומיגע געגענדען. אבער דאס איז ניט געווען אזא גרוים געווינס פאר דער רעוואלוציאן ווי די עטליכע אפיצירען, וועלכע ער האט גענומען געפאנגען.

צווישען די אפיצירען איז געווען איינער, וועלכער איז געווען א מיטגליעד אין דעם גענעראל־שטאב פון'ם הויפט־קאמאנדיר פון דער רעגיערונגס־ארמיי. און פון דיעזען אפיציער האט סאנכעס ארויסגעקריגען העכסט וויכטיגע געהיימניסע וועגען דער טאקטיק און די פלענער פון דער רעגיערונג. ווי גרוים די וויכטיגקייט פון דיזער געהיימניס איז געווען פאר דער רעוואלוציאן, וועלען די לעזער זעהן פון דעם בריעף, וועלכען סאנכעס האט געשיקט דורך זיין עדיוטאנט צו מאדערא.

„פאלגענדיג איער בעפעהל" האט

סאנכעס געשריבען "ניט צו אטאקירען דעם גארניזאן אין שטאדט, אום די פריעדליכע איינוואוינער זאלען ניט פאלען אלס אונשולדיגע אפפער, האב איך ארויסגעפאדערט שריפטליך די רעגיערונגס־מיליטער צו א שלאכט הינטער דער שטאדט. אבער די פייגלינגע האבען ניט געענטפערט. איך האב אפגעווארט א טאג און געשיקט נאך א שריפטליכע ארויסרופונג, און האב ווידער קיין ענטפער ניט געקריגען, דאן האט א יונגער אינסורעקטא, נאך קיין נײַנצעהן יאהר ניט אלט, (סארא דעלא גוערץ איז זיין נאמען) מיך געבעטען איך זאל איהם ערלויבען פערזענליך אויפצופאדערן די פייגלינגע אין מיין נאמען צו א שלאכט. איך האב איהם אפגעשלאגען, ערקלעהרענדיג איהם אז מען קען זיך ניט פערלאזען אויף דער רעגיערונג'ס קאמאנדירען אז זיי וועלען בעהאנדלען א קוריער פון'ם פיינד'ס לאגער ווי אזעלכער ווערט בעהאנדעלט אין ציוויליזירטע ארמייען. "פיעלייכט וועלען זיי דיך נעהמען געפאנגען, אדער דיך פערמאטערען צום טויט" האב איך איהם אפגעשלאגען. אבער מיינע ריד האבען אויף איהם ניט געווירקט. "זאלען זיי מיך נעהמען געפאנגען אדער מאטערען" האט ער מיר געענטפערט, "זאלען זיי האנדלען ווי ווילדע אינדיאנער דאן וועט אונזער זאכע געווינען מעהר סימפאטהיע אין לאנד און אין אויסלאנד", און דיעזער יונגער אינסורעקטא איז ניט דער איינציגער, וועלכער איז אזוי בראוו און אפפערווילליג, אלע מיינע סאלדאטען זיינען גרייט אויסצושטעהן די שרעקליכסטע מאטערנישען אום צו העלפען דעם הייליגען קאמפף פיר פרייהייט און באדען. איך האב דעם יונגענמאן געגעבען די ערלויבניס צו פאהרען. ער איז צוגעקומען צום גארניזאן אין אכינאגא און געבעטען די וואך מען זאל ארויסשיקען דעם קאמאנדיר. ווען דער קאמאנדיר איז ארויסגעקומען און האט אויסגעהערט די ארויספאדערונג האט ער געהייסען דעם יונגען מאן אויסווארטען און אליין איז ער אריינגעגאנגען אין הויף, און באלד האט זיך דערהערט א שיסעריי פון צעהנדליגע ביקסען און אלע קוילען זיינען געפלויגען אין דער ריכטונג וואו מיין קוריער איז געשטאנען און געווארט. גליקליכערווייזע האט איהם קיין קויל געטראפען און ער האט אומגעקירעוועט זיין פערד און אוועקגעלאפירט צוריק אין לאגער.

אזעלכע פייגלינגע און אזעלכע בארבארען זיינען די קאמאנדירען פון דער רעגיערונג'ס גארניזאנען. איך שרייב דאס אייך אום איהר זאלט דעם פאקט איבערגעבען דער אויסלענדישער פרעסע.

איך האב נאך צעהנדליגע פעלע מיטצוטהיילען, וועלכע ווייזען די בעגייסטערונג און אפפערוויליגקייט פון אונזערע בראווע סאלדאטען און די פיינהייט און בארבאריי פון'ם פיינד. איך וועל דאס אבער לאזען אויף אן אנדער מאל. איצט מוז איך אייך מיטטהיילען עטוואס וואס איז פון דער גרעסטער וויכטיגקייט פאר אונזער זאכע. ווי ווייט דאס וואס איך וועל אייך מיטטהיילען איז וואהר, וועט איהר בעסער קענען אויסגעפינען ווי איך.

איהר ווייסט אז אין דער שלאכט נעבען מעקסיקאלי האב איך גענומען געפאנגען א יונגען אפיציער מיט'ן נאמען מארעלא גאמעז, וועלכער איז געוועזען א מיטגליעדער פון'ם גענעראל־שטאב. פון דיעזען חברה־מאן האב איך לאנגזאם ארויסגעקריגען פיעלע וויכטיגע געהיימניסע וועגען דער רעגיערונג'ס פלענער, וועלכע איך האב אייך איבערגעגעבען. היינט גאנץ פריה איז מיר געלונגען פון איהם ארויסצופומפען דאס פאלגענדע: אז די רעגיערונג האט בעשלאסען צו שיקען א גאנצע דיוויזיע, אונטער דער קאמאנדא פון בריגאדיער־גענעראל עספאראנזא, נאך מערידא. און דארט, צווישען מערידא און הערמאסילא, אייך געבען אן ענטשיידענע שלאכט. די שלאכט איז אבער ניט דער הויפט־צוועק. די אבזיכט פון דער שלאכט איז אייך צו צווינגען צו בריינגען אייער גאנצע ארמיי אויפ'ן שלאכט־פעלד, און דאן וועט אן אנדער דיוויזיע אנקומען אין הערמאסילא און פערנעהמען די שטאדט און אייך

אבשניידען פון דער אייזענבאהן ליניע. וועלכעס הייסט אייגענטליך אבשניידען אייער פערקעהר מיט דער אויסערער וועלט און מיט די אינסורעקטא־גרופען פון די אנדערע געגענדען.

דאס איז וואס איך האב היינט אין דער פריה ארויסגעפומפט פון גאמעץ'ן. איך ווייס ניט ווי ווייט דאס איז אמת. אבער דער פלאן איז יעדענפאלס א מעגליכער...

מאדערא האט דורכגעלעזען דעם בריעף ביז צום ענד, אבער ער האט שוין מעהר ניט געפונען קיין וויכטיגעס.

ער האט א ציה געטהאן דעם שטריק און עס איז אריינגעקומען זיין אדיוטאנט.

— סאנכא! — האט ער געזאגט צו איהם — איז ראדעריגא הערמאנאס אין לאגער?

ניין, קאפיטאנא! — האט דער אדיוטאנט געענטפערט.

— ניין? — האט מאדערא זיך געוואונדערט — ער האט מיר בעריכטעט אז מיסטער וואַרד פאהרט אב. איך האב ערוואַרטעט ער זאל היינט ביינאכט שוין זיין דא. איך האב פאר איהם א נויטיגע ארבייט.

— קען מען דאס ניט אן אנדערען פערטרויען?

— הערמאנאס איז דער פאסענדער מאן. אבער דאס קען ניט אבגעלעגט ווערען. ווער דענקסטו פון אונזערע יונגע אפיציערען איז אזוי בראוו און געשיט ווי הערמאנאס?

— קאפיטאן! — האט סאנכא געזאגט — אויב עס איז מיר ערלויבט וואלט איך רעקאמענדירט דעם בראווען אמעריקאנער.

— מיר האבען אין אונזער לאגער עטליכע בראווע אמעריקאנער. וועלכען מיינסטו?

— סטאנלי וויליאמס.

—אה, דו ביזט גערעכט! — האט מאדערא אויסגערופען דערפרעהט — שיק איהם גלייך אריין.

סטאנלי וויליאמס איז א יונגערמאן פון א יאהר דרייסיג, הויך און שלאנק, מיט גרויסע בלויע אויגען און לאנגע בלאנדע האאר. די גרויסע אויגען זעהען אויס ווי פער'חלום'ט, און יעדער וואס זעהט איהם צום ערשטען מאל נעהמט איהם פאר א פאעט, אדער פאר אן אנדער מין טרוימער. וואס איז ווייט פון'ם פראקטישען לעבען. אבער ווען מען איז מיט איהם בעקאנט א האלבע שטונדע זעהט מען גלייך אז דער ערשטער איינדרוק איז א פאלשער.

וויליאמס איז א טרוימער. דאס איז וואהר. אבער זיינע טרוימען זיינען ענג פערבונדען מיט דער ווירקליכקייט. זיינע טרוימען זיינען וועגען א בעסערער ווירקליכקייט, א גליקליכערע און רוהיגערע עקזיסטענץ פאר די ארימע, שווער ארבייטענדע מאסען.

וויליאמס האט געגרינדעט עטליכע קאלאניען אין קאליפארניא, אין וועלכע הונדערטער ארבייטער פאמיליען, וועלכע האבען פערבראכט א העלפט פון זייערע יאהרען אין פעקטארים און מיענען פאר א הונגער־לוין, זיינען אין א פערלויף פון עטליכע יאהר געווארען אייגענטהימער פון הייזער און פרוכט־גערטנער און לעבען אונאבהענגיג און צופריעדען. וויליאמס האט געגרינדעט צעהנדליגע קאאפעראטיווע שעפער און קאאפעראטיווע סטארס, פון וועלכע די ארבייטער זיינען אליין די בעלי בתים און געניסען די פולע פרוכט פון זייער ארבייט. ער האט ארגאניזירט אונארגאניזירטע ארבייטער, און האט געקעמפפט זייערע קעמפפע. און ווען ער האט דערהערט אז עס האט אויסגעבראכען א רעוואלוציאן אין מעקסיקא האט ער צוזאמענגעשטעלט א רעגימענט, זיך אריבערגע'גנב'עט די גרעניץ, און געהענדיג מיט זיין רעגימענט דורך פעלדער און וועלדער, איז ער אין א רעגענדיגער נאכט אנגעקומען אין לאגער פון גענעראל גארציא, לעבען דעם שטעדטיל ניקאלא אין דער פראווינץ גערערא.

וויליאמס האט גלייך אנגעהויבען ארויסווייזען א וואונדערבארען העלדענמוטה. ער האט עטליכע מאל מיט א הייפעלע אינסורעקטאס געקעמפפט געגען גרויסע רעגיערונגס־ארמייען און זיי בעזיעגט. וואס מעהר געפאהר עס איז

געווען אין אן אונטערנעהמונג, אלץ בעגייסטערטער איז ער געווען פאר איהר, און גענעראל גארציא האט בעשלאסען אז אזא יונג ווי וויליאמס פערדיענט א גרעסערע פעלד פאר זיינע העלדענטהאטען, און ער האט איהם אוועקגעשיקט צו מאדערא'ן.

אין דער גרויסער שלאכט ביי הערמאסילא, וועלכע האט שטאטגעפונדען צוויי וואכען איידער אונזער געשיכטע האט אנגעפאנגען, און האט זיך געענדיגט מיט דעם גלענצענדסטען זיעג פאר די רעוואלוציאנערען, האט וויליאמס ארויסגעוויזען ניט נאר זעלטענע טאפפערקייט נאר אויך גרויסע סטראטעגישע פעהיגקייטען, און מאדערא האט איהם זייט דאן געהאלטען לעבען זיך אלס זיין ראטהגעבער.

ווען מאדערא האט איבערגעלעזען סאנכא'ס בריעף האט ער בעשלאסען אוועקצושיקען א רעגימענט אויף דעם וועג צווישען מערידא און ניקסאלא, וואו עספאראנזא וועט מוזען דורכגעהן מיט זיין דיוויזיאן, אויב ער געהט ווירקליך נאך מערידא, און די דאזיגע עקספעדיציע האט ער געוואלט פערטרויען הערמאנאס'ן. וועגען וויליאמס'ן האט ער גאר ניט געטראכט, ווארום וויליאמס האט זיך אויסגעצייכענט אין אפענע שלאכטען, וועהרענד הערמאנאס איז געווען א מזיק אין גערילא־שלאכטען (אנצופאלען אויפ'ן שונא פון בעהעלטענישען), און דא איז נויטיג געווען א גערילא־שלאכט. אבער ווען סאנכא האט איהם דערמאהנט וויליאמס'ן האט ער איהם גלייך געהייסען אריינשיקען. ער איז געווען זיכער אז וויליאמס וועט אין קיין אונטערנעהמונג ניט דורכפאלען.

ווען וויליאמס איז אריינגעקומען האט איהם מאדערא ווארעם געדריקט די האנד און געבעטען זיצען.

— עפעס דא צו טהאן? — האט וויליאמס געזאגט מיט א שמייכעל — איך בין שוין צוזאמענגעוואקסען געווארען זייט דער שלאכט ביי הערמאסילא.

מאדערא האט איהם געגעבען דעם בריעף, וועלכען ער האט ניט לאנג צוריק ערהאלטען פון כאזע דע־לא־קרוז סאנכעס.

— וואס דיינקט איהר דארף מען טהאן? — האט מאדערא זיך געווענדעט צו איהם ווען ער האט אוועקגעלייגט דעם בריעף אויפ'ן טיש.

— בריגאדיר גענעראל עספאראנזא— האט וויליאמס געזאגט נאכדיינקענדיג —אויב ער געהט מיט א דיוויזיאן מיינט דאס א שטארקע און גוט בעוואפענטע ארמיי. אין אן אפענער שלאכט זיינען אונזערע שאנסען זעהר קליין. דאס בעסטע איז איהם ניט לאזען אנקומען אהער. ארויסשיקען א רעגימענט איהם אנקעגען און לאזען אויף איהם פייער אונערווארטעט פון פערבארגענע פאזיציעס.

— דאס איז מיין בעשלוס, מיין ליעבער וויליאמס — האט מאדערא געזאגט צופריעדען וואס זיין ראטהגעבער און פריינד זעהט די זאך פונקט ווי ער — א גערילא־עקספעדיציאן איז דאס איינציגע און דאס בעסטע וואס קען געטהאן ווערען. הערמאסילא פאדערט א גרויסע ארמיי, און מיר קענען פון דארט קיין איין רעגימענט ניט ארויסרופען. דערייבער טארען מיר ניט דערלאזען צו קיין אפענער שלאכט מיט עספאראנזא'ן. ראדריגא הערמאנאס איז א גרויסער בריה אויף גערילא־עקספעדיציעס; איז ער אבער איצט ניטא. ער וועט שוין וואהרשיינליך ניט קומען אין לאגער ביז מארגען אין דער פריה, און איך וויל ארויסשיקען דעם רעגימענט נאך היינט ביינאכט. וואלט איהר דאס געוואלט אונטערנעהמען?

— מיט'ן גרעסטען פערגניגען—האט וויליאמס געזאגט אויפשפרינגענדיג פונ'ם ארט — און מען טאר ניט פערליערען קיין איינציגע מינוט. איך דארף נאר האבען א פאאר אפיציערען, וועלכע זיינען בעסער בעקאנט אין דעם געגענד ווי איך.

— נעהמט מיט לא־קאזא'ן און לעמאנא'ן.

— איך געה שוין!

און ניט רעכענענדיג פאר נויטיג זאגאר צו זאגען דעם געוויינליכען "אדיאס"

אין וויליאַמס אַרויסגעלאָפֿן פֿון'ם מאַדראַ'ס "קאַבינעט."

אין עטליכע מינוט אַרום איז סאַנכאַ אַריינגעקומען אין קאַבינעט און מיטגעטהיילט מאַדראַ'ן אַז אַ פֿריינד פֿון סעניאָר בעניטאַ ליאָבאַ וויל איהם זעהן.

— פֿיהרט איהם אַריין — האָט מאַדראַ געזאָגט.

סאַנכאַ איז אַרויסגעגאַנגען און איז באַלד צוריקגעקומען מיט דאָקטאָר פּעליקס מאַרגאַן.

—אייער נאָמען איז מיר בעקאַנט — האָט מאַדראַ געזאָגט צו דאָקטאָר מאַרגאַן.

— איך בין דער "שפּיאָן," וועלכען אייערע אינסורעקטאָס האָבען געוואָלט אַרעסטירען — האָט דאָקטאָר מאַרגאַן געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

— יאָ. מיר זיינען פֿערפֿיהרט געוואָרען פֿון צוויי פֿון אונזערע פֿריינד, וועלכע האָבען מעהר בעגייסטערונג ווי פֿערשטאַנד. וואָס קען איך פֿאַר אייך טהאָן, ליעבער דאָקטאָר?

מאַדראַ'ן איז געווען זעהר אונבעקוועם צו ריידען וועגען דעם אונגליקליכען פּאַרפּאַל, דורך וועלכען ער איז שיער ניט אַריין אין אַ פּלאָנטער מיט די פֿעראייניגטע שטאַאַטען, און ער איז דעריבער גלייך איבערגעגאַנגען צו "ביזנעס." דעם דאָקטאָר איז יעצט אויך ניט געלעגען אין זיינען יענע פּאַסירונג, און איז געווען העכסט צופֿריעדען וואָס ער קען גלייך אָנהויבען רעדען פֿון דער אַנגעלעגענהייט, צוליעב וועלכער ער איז געקומען.

—איך וויל אייך בעטען איהר זאָלט מיר זאָגען אויב ראָדריגאָ הערמאַנאָס איז ביי אייך אין לאַגער — האָט דאָקטאָר מאַרגאַן געזאָגט.

—ער איז נאָך ניט צוריקגעקומען פֿון מערידאַ — האָט מאַדראַ געענטפֿערט.

—איז ער דען ניט אין סעניאָר ליאָבאַ'ס הויז?

—ניין.

מאַדראַ איז געוואָרען אונרוהיג.

—דאָס איז זאָנדערבאַר — האָט ער געקוועטשט מיט די פּלייצעס—מיסטער וואַרד איז די טעג אָוועקגעפֿאָהרען?

—יאָ, סעניאָר. הערמאַנאָס און מיר אַלע האָבען איהם באַגלייט צו דער באַהן. הערמאַנאָס האָט געזאָלט צוריק פֿאָהרען מיט אונז אום צו נעהמען זיינע זאַכען און געהן צוריק אין לאַגער. אַ אונבעקאַנטער מאַן איז צוגעקומען. האָט זיך פֿאָרגעשטעלט אַלס געשיקטער פֿון אייער לאַגער און האָט איהם איבערגעגעבען אַ פּאַקעט, וועלכער זאָל האָבען ענטהאַלטען איין אויפֿטראַג צו געהן נאָך אָדער־בעי. ער האָט געזאָלט צוריקקעהרען אין 12 שטונדען אָדער עטוואָס לייננער. ביז יעצט איז ער ניט געקומען. מיר זיינען שטאַרק בעזאָרגט. ווייל דער מאַן וועלכער האָט איהם אָוועקגערופֿען האָט געמאַכט אַ שלעכטען איינדרוק. ער האָט אונז אַלע אויסגעזעהען ווי אַ פֿערדעכטיגע פּערזאָן. און הערמאַנאָס — ווי איך ווייס — האָט אין דיעזע געגענד אַ פּאָאַר פֿיינד, וועלכע וואָלטען זיך ניט אָבגעשטעלט פֿאַר קיין נידערטרעכטיגקייט אום איהם אָפּצוראַמען פֿון'ם וועג.

—הערמאַנאָס? — האָט מאַדראַ אויסגערופֿען פֿערוואונדערט — הערמאַנאָס האָט פֿיינד? אַלע וועלכע קענען איהם ליעבען איהם ווי אַ ברודער.

—אַלע, אויסער צוויי אָדער דריי מענשען, וועלכע איהר קענט ניט, און וועלכע קיין עדעלער און עהרליכער מענש דאַרף ניט קענען. אָבער דאָס איז איצט ניט וויכטיג. ער איז ניט צוריקגעקומען קיין מערידאַ. אַלע אין סעניאָר ליאָבאַ'ס הויז זיינען זעהר אונרוהיג. איך האָב זיי פֿערזיכערט אַז ער איז געווים ביי אייך. אָבער זיי האָבען מיר ניט געגעבען קיין רוה און מיך געטריבען צו פֿאָהרען צו אייך און אויסגעפֿינען אויב ער איז ווירקליך דאָ. אַלזאָ, ער איז ניט אין לאַגער און ביי אונז אויך ניט. דאָ איז אָפּגעטהאָן געוואָרען אַ פֿינסטער שטיקעל אַרבייט. איך האָב מוראָ אַז ער איז ערגיץ־וואו פֿערנאַרט געוואָרען. קענט איהר עפּעס טהון?

מאַדראַ האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון

זיין ארט און גענומען אומשפאנען הין און צוריק.

—די שטאדט און די גאנצע אומגעגענד איז אין אונזערע הענד — האט ער געזאגט זיך אפשטעלענד אקעגען דאקטאר מארגאן — אויב ער וועט ביז אין דער פריה ניט קומען צוריק, וועל איך ארויסשיקען עטליכע פארטיעס אינסר־רעקטאס דורכצוזוכען יעדען פערדעכטיגען האטעל און יעדעס פערדעכטיגע פריוואט־הויז. אויף אונזערע געהיימע אגענטען קענט איהר זיך פערלאזען.

—ניט אויף די, וועלכע האבען ענטדעקט אז איך בין א שפיאן פאר דיאז'ן —האט דאקטאר מארגאן באמערקט.

—די ענטדעקונג האבען ניט געמאכט אונזערע געהיימע אגענטען — האט מאדערא געזאגט — זי איז געמאכט געווארען פון פריוואט פערזאנען, וועלכע זיינען איבערגעבען אונזער זאכע. אונזערע געהיימע אגענטען האבען פיעלעס. גאר פיעלעס פאר אונז ענטדעקט און זיי האבען אונז קיינמאל ניט פערפיהרט אדער לעכערליך געמאכט. איך בין אליין זעהר צוגעבונדען צו הערמאנאס'ן. איהר קענט פערזיכערען דאס הויזגעזינד פון סענאר ליאבא'ן אז איך וועל אנווענדען אלעס וואס אין מיין קראפט איהם אויפצוזוכען.

סאנכאס איז צוגעקומען צו דער טיהר און געמעלדעט צו "סקאוט". דאקטאר מארגאן האט זיך געזעגענט מיט מאדעראן און איז אוועקגעפאהרען צוריק קיין מערידא.

עלפטעם קאפיטעל.

אויף דער שפור פון דעם פעלארענעם.

סענאר ליאבא, ראזעטא און ליליאן ווארד, האבען צוגעבראכט צוזאמען ביז שפעט אין דער נאכט ריידענדיג וועגען דעם אונערקלעהרליכען פערשווינדען פון הערמאנאס'ן. און ווען זיי האבען זיך ענדליך צוריקגעצויגען אין זייערע שלאפצימערען האבען זיי אנגעזאגט די דיענער זיי אויפצואוועקען אזוי שנעל ווי דאקטאר מארגאן וועט צוריק קומען. אבער נאר סענאר ליאבא און ראזעטא האבען זיך געלעגט אין זייערע בעטען. ליליאן האט זיך אוועקגעזעצט ביים אפענעם פענסטער, וועלכעס האט ארויסגעקוקט אין פארק אריין, און האט געריכטעט איהר בליק אין דער זייט פון הערמאסילא.

עס איז געווען א שעהנע נאכט, איינע פון יענע נעכט אין די זיד־געגענדען ווען דער הימעל איז בלוי מיט אזא צארטער, העלער בלויהייט אז ער זעהט אויס ווי א דינער דורכזיכטיגער וואואל דורך וועלען עס זעהט זיך נאך א הימעל, וועלכער איז אויך אזוי צארט און העלל און דורכזיכטיג. אין דער צארטער, העלער, דורכזיכטיגער בלויהייט זעהט אויס די זילבער־ווייסע רונדע לבנה ווי אפגעטהיילט פוזים הימעל און שווימענדיג אין דער לופט. די שטערען זעהען אויס פיעל גרעסער פאר'ן אויג אלס אין די קיהלערע געגענדען, און פינקלען מיט אזוי פיעל שארפערען שיין. זיי ווייזען זיך אויס גאנץ נידריג פון דער ערד, און אז מען קוקט זיך איין אין זיי עטליכע זעקונדען שיינט עס אז זיי טוקען זיך אין דער לופט, אזוי ווי זיי וואלטען געהאנגען אויף דראטען, און אימיצער דארט אויבען וואלט זיי ארויפגעצויגען און אראפגעלאזט. טויזענד כשוף'ען און טויזענד געהיימע קרעפטע ליגען פערבארגען אין דעם אויסגעשטערנטען מעקסיקאנישען הימעל אין די זומער־מאנאטען, און דאס אויג וואס ווערט צו איהם איינמאל צוגעצויגען קאן זיך ניט אפרייסען שטונדען־לאנג.

אבער אויך דיעזע טויזענד כשופ'ען האבען ניט געקענט נעהמען געפאנגען די געדאנקען פון דער פערליעבטער מיידעל. איהרע אויגען האבען געקוקט אויף דעם צויבערליכען הימעל אבער זי האט אלץ געטראכט פון איהר געליעבטען און איהר הארץ איז געווען פול מיט שרעק און אנגסט.

א פאאר מאל האט זי זיך פרובירט ליגען אין בעט, אין דער האפנונג איינצושלאפען: אבער געפינענדיג אז דאס איז אונמעגליך, האט זי אויפגעגעבען דעם פערזוך און איז ארונטער אין פארק.

זי איז אומגעגאנגען צווישען די בלומען־בעטען און בעטראכט די ראזען

און ליליען, וועלכע האבען אריינגעטרונקען דעם מארגען-טהוי און האט מקנא געווען די שעהנע פלאנצען, וועלכע וויכען ניט פון קיין מענשליכע אינטריגעס און מענשליכע ליידען.

— אך הערמאנאס! — האבען איהרע ליפען געמורמעלט. — וועסטו נאך א מאל זעהן גאט'ס שעהנע וועלט? וועסטו נאך א מאל געניסען דעם דופטיגען אראמאט פון די בלומען?

און איהרע אויגען האבען זיך אנגעפילט מיט טרעהרען, און די טראפענס זיינען געפאלען אויף די בלומען און האבען זיך צוזאמענגעמישט מיט די פערלדיגע טהוי-טראפענס וואס זיינען אויף זיי געהאנגען.

עס האט אנגעפאנגען ליכטיגער צו ווערען, און ליליאן האט געקעהרט איהרע טריט צוריק צום הויז, אלס פלוצלונג האט זי דערהערט די טריט פון א גאלאפירענדען פערד און האט אויפגעציטערט. באלד האט זי אין דער גרויקייט פון פריה-מארגען בעמערקט פון ווייטען די געשטאלט פון רייטער און פערד, און א ווײלע שפעטער האט זי דערקענט דאקטאר מארגאן. ער איז צוריקגעקעהרט פון מאדערא'ס לאגער.

— גוטען מארגען! — האט ער צוגערופען אין א פרעהליכען טאן, ארונטערשפרינגענדיג פון פערד — אזוי פריה און שוין ביי די בלומען?

ער האט מיט דעם פרעהליכען טאן געוואלט געבען דער מיידעל דעם איינדרוק אז ער האט פיר איהר פרעהליכע נייעס. אבער ליליאן האט דערקענט אן זיין געזיכט אז דער טאן איז א געמאכטער.

— דאקטאר מארגאן — האט זי אויסגערופען צולויפענדיג צו איהם — הערמאנאס איז ניט געווען אין לאגער!

— ער איז ניט געווען אין לאגער — האט מארגאן געענטפערט און זיך בעמיהט צו שמייכלען — אבער מאדערא האט מיר פערזיכערט אז עס איז ניטא וואס זיך צו שרעקען. דאס ער האט זיך וואהרשיינליך וואו אויפגעהאלטען אום צו זאמלען אויסקינפטע, און ער וועט זיכער באלד צוריקקעהרען. פארלויפיג וועט מאדערא ארויסשיקען זיינע געהיימע אגענטען איהם זוכען, און עס איז ניטא קיין פערבארגען ארט אין שטאדט און ארום דער שטאדט פון וועלכען די געהיימע אגענטען ווייסען ניט און צו וועלכען זיי האבען ניט קיין צוטריט.

א דיענער איז ערשיענען און האט אוועקגעפיהרט דאס פערד און דאקטאר מארגאן און ליליאן זיינען אריינגעגאנגען אין הויז.

אין קארידאר איז זיי אקעגען געקומען ראזעטא, און אן ליליאנ'ס אויגען האט זי פערשטאנען אז דאקטאר מארגאנ'ס רייזע צו מאדערא'ן האט געבראכט פערצווייפלונג אנשטאט טרייסט.

— ער איז ניטא אין לאגער? — האט זי געפרעגט.

ער האט וויעדערהאלט דאס זעלבע וואס ער האט געזאגט דער פערצווייפעלטער ליליאן.

ליליאן האט זיך שנעל צוריקגעצויגען אין איהר צימער אום ניט ארויס צו ווייזען איהרע טרעהרען פאר ראזעטא'ן און דאקטאר מארגאן. דאן האט ער ראזעטא'ן מיטגעטהיילט דאס מאדערא ווייס פון קיין שיפסקאפיטאן, און דאס מען האט הערמאנאס'ן ניט געגעבען קיין אויפטראג צו געהן נאך אדעיר-בעי, אין גאלף און קאליפארניא.

— מיין ליעבער פעליקס! — האט ראזעטא געזאגט צו איהם — איך האב מורא אז הערמאנאס איז אין די הענד פון באנדיטען און מערדער — דיעזעלבע באנדיטען און מערדער, וועלכע זוכען דאס לעבען פון מיין ליעבען פאטער.

— ראזעטא! — האט דאקטאר מארגאן אויסגערופען צוטומעלט—דו מיינסט, דו פערדעכטיגסט?....

— מיין ברודער און קאספארען.

— מערקווירדיג! — האט דאקטאר מארגאן אויסגערופען — אונזערע געדאנקען לויפען אין איינער און דערזעלבער ריכטונג. נאך איידער איך בין געפאהרען צו מאדערא'ן איז מיר איינגעפאלען אז אויב הערמאנאס איז ערגעץ פערנארט געווארען איז דאס די ארבייט פון קאספארען און אלבערטא. איך קאן אבער אויף קיין פאל ניט געפינען קיין גרונד פאר דעם פערדאכט. אבוואהל איך פיהל אז אנדערש קאן עס ניט זיין.

— און איך האָב יאָ אַ גרונד — האָט ראָזעטאַ געזאָגט — געדענקסט דו מיט עטליכע טעג צוריק, ווען מיר זיינען געגאַנגען אין וואַלד, האָבען מיר אונטערגעהערט פון אַ בעהעלטעניש אַ שושקעריי צווישען קאַספּאַרען און אַלבערטאַ'ן? מיר האָבען ניט געקענט הערען דעם אינהאַלט פון זייער געשפּרעך, אָבער מיר האָבען דייטליך געהערט מיין פאַטערס נאָמען און הערמאַנאָס'עס נאָמען.

— אַך, דו ביזט גערעכט! — האָט דאָקטאָר מאָרגאַן אויסגערופען — דו ביזט גערעכט, מיין טהייערע, קלוגע ראָזעטאַ! דערפון האָט זיך ביי אונז ביידע גענומען דער פערדאַכט, און איצט איז עס קלאָהר ווי דער טאָג. זיי האָבען דאָן געפּלאַנט הערמאַנאָס'עס פערשווינדונג און דעם טאָג פון וואָרד'ס אַפּפאָהרען האָבען זיי זייער פינסטערען פּלאַן אויסגעפיהרט. אין דעם איז איצט ניטאָ דער מינדעסטער צווייפעל. אָבער ווי צווינגט מען זיי אַרויסצוקומען מיט דער שפּראַך?

— ווי קאָן מען זיי צווינגען?

— מיר שיינט — האָט ראָזעטאַ אויסגערופען מיט בעגייסטערונג — דאָס איך ווייס צו ווענען זיי זיינען געגאַנגען ווען מיר האָבען אונטערגעהערט דעם געשפּרעך אין וואַלד!

— מיר דאַכט אַז דו האָסט מיר געזאָגט אַז זיי זיינען געגאַנגען צו לאָפּעז דעם קוטשער.

— גאַנץ ריכטיג! לאָפּעז איז אַ באַנדיט און זייער אַ געטרייער הונד. לאָפּעז ווייסט געוויס ווער דער פרעמדער איז, וועלכער האָט געבראַכט הערמאַנאָס'ען דעם פּאַקעט און וואוהין ער האָט איהם אוועקגעפיהרט. ווייסט ער ניט אַלעס, ווייסט ער עפּעס, יעדענפאַלס וועלען מיר האָבען דעם ערשטען שפּור.

— דאָס איז ריכטיג! — האָט דאָקטאָר מאָרגאַן געזאָגט — לאָפּעז מוז נאָך היינט געבראַכט ווערען אין מאַדעראַ'ס לאַגער.

ווערענד ראָזעטאַ און דאָקטאָר מאָרגאַן זיינען אַזוי געשטאַנען און גערעדט אין דער שטיל איז סענאָר ליאַבאַ'ס נוירס אַריינגעקומען און געזאָגט דאָקטאָר מאָרגאַן אַז סענאָר ליאַבאַ בעט איהם ער זאָל אַריינקומען צו איהם.

— דאָס מוז בלייבען דערווייל אונטער אונז — האָט מאָרגאַן געזאָגט צו ראָזעטאַ.

— זעלבסטפערשטענדליך! — האָט זי צוגעשטימט מיט אַ שעהנער בעוועגונג פון קאָפּ.

— אויף ווידערזעהן!

מיט האַסטיגע טריט איז דאָקטאָר מאָרגאַן אריין אין סענאָר ליאַבאַ'ס אַפּאַרטמענט.

— גוטען מאָרגען! — האָט דאָקטאָר מאָרגאַן געזאָגט געבענדיג סענאָר ליאַבאַ די האַנד — ווי פיהלט איהר אייך היינט?

— גאַנץ גוט! — איז געווען סענאָר ליאַבאַ'ס ענטפער — אָבער מיין אַנגסט וועגען אונזער יונגען פריינד האָט מיר געגעבען אַ אונרוהיגע נאַכט — וואָס האָט איהר אויסגעפונען ביי מאַדעראַ'ן?

דאָקטאָר מאָרגאַן האָט איהם געזאָגט אַז עס זעהט אויס אַז הערמאַנאָס איז פערנאַרט געוואָרען ערגעץ וואו פון שלעכטע מענשען, וועלכע זעהען אין איהם וואַהרשיינליך אַ שטערונג, און אַז ער מוז באַלד ווידער אוועקפאָהרען צו מאַדעראַ, אום צו דרינגען אַ געהעריגע אונטערזוכונג.

— אום גאָטעס ווילען, טהוט אַלעס וואָס איז נויטיג דעם יונגען מאַן צו רעטען! — האָט סענאָר ליאַבאַ געזאָגט — ער איז אַ בראַווער, ליעבענסווירדיגער מענש. איך בין צו איהם אַזוי צוגעבונדען געוואָרען ווי ער וואָלט געווען מיינער אַ זוהן. נעהמט צו הילף מיין אַלבערטאַ'ן און אויך קאַספּאַרע קאָן אייך פיעל בעהילפיג זיין.

— סענאָר אַלבערטאַ האָט זיך געהאַלטען זעהר פון וויטען פון הערמאַנאָס'ען — האָט דאָקטאָר מאָרגאַן געזאָגט — און אַזוי אויך קאַספּאַרע. איך בין אונטער דעם איינדרוק אַז ביידע האָבען איהם ניט ליעב געהאַט.

סענאָר ליאַבאַ האָט זיך פערטראַכט און צונומען די הענד אין פערצווייפלונג.

— איך קען דאָס ניט בעגרייפען! — האָט ער געזאָגט — מיין זוהן האָט פיינד יידען, וועלכער איז מיר ליעב, און זיינע סימפּאַטיען זיינען אימער אויף דער זייט פון מענשען און זאַכען, וועלכע

זיינען מיר אונאנגענעהם. מיט וואס ערקלעהרט איהר, סענאר מארגאן, אזא זאנדערבארע ערשיינונג, אז א זוהן זאל זיין אין יעדער הינזיכט דער געגענזאץ פון זיין פאטער?

— פיעלייכט איז דערפאר פעראנטווארטליך דער אומשטאנד וואס ער איז ערצויגען געווארען אין דער פרעמד?

— איך גלויב ניט אז דאס זאל זיין די ערקלעהרונג. מיין ברודער איז א ליעבענסווירדיגער מענש. זיין פרוי איז גוטהערציג און ליעבענסווירדיג. ער האט אין מיין ברודער'ס הויז קיין שלעכטעס און בייזוויליגעס ניט געזעהן. און... האט סענאר ליאבא זיך אבגעשטעלט און געזוכט דאקטאר מארגאן'ס האנד — איך וועל דאך אייך פערטרויען. איך מוז בעפרייען מיין הארץ פון א שווערען, דריקענדען געפיהל און איהר זיינט מיין איינציגער פריינד, צו וועלכען איך האב פאלשטענדיגעס צוטרויען. יעדעס מאל וואס מיין זוהן רעדט צו מיר געהט א קעלט דורך איבער מיין לייב און איך פיעל אז דאס רעדט צו מיר א פיינד, יא, מיין ליעבער דאקטאר, איך פיהל אז מיין זוהן, מיין אייגען בלוט און פלייש, איז מיר א פיינד.

דאקטאר מארגאן האט זיך בעמיהט צו פערטרייבען סענאר ליאבא'ס טרויעריגע געדאנקען, ווארום קיין זאך איז ניט אזוי געפעהרליך פאר א קראנקען ווי גייסטיגע ליידען. ער האט איהם געזאגט אז די אלע געפיהלען קענען זיין דער רעזולטאט פון א געוויסען ערשטען איינדרוק, און דער ערשטער איינדרוק חאט געקענט זיין א פאלשער. דאן האט ער איהם פערשריבען עפעס צו בערוהיגען די נערווען און געבענדיג איינציגע אינסטרוקציאנען דער נויירס האט זיך געזעגנט מיט סענאר ליאבא:

— אייער צושטאנד, סענאר, איז גאנץ בעפריעדיגענד — האט ער געזאגט — און איך האף איהר וועט מיינע דיענסטע ניט בעדארפען אזוי שנעל. איך האף צו געפינען א שפור פון דעם יונגען מאן — זייט ניט אונרוהיג אויב איך פערזאם מיך.

סענאר ליאבא'ן איז געווען זעהר שווער מיט איהם זיך צו שיידען זאגאר אויף איין טאג. ער האט איהם בעטראכט פאר זיין רעטונגס-ענגעל און פאר זיין איבערגעבענסטען פריינד, אבער ער האט איהם ניט געקענט ענטזאגען זיין ביטע. אויך איז סענאר ליאבא געוועזען פונקט אזוי ענגסטליך צו געפינען הערמאנאס.

— אייער פעררייזען טהוט מיר וועה — האט ער געזאגט — אבער איך זעה ווי אונפערמיידליך דאס איז. איך ווינש אייך גליק.

ער האט איהם געגרייכט די האנד וועלכע מארגאן האט הערצליך געדריקט.

ווען דאקטאר מארגאן'ס פערד איז שוין געווען געזאטעלט, און ער האט זיך שוין געהאט געזעגנט מיט סענאר ליאבא, ראזעטא און ליליאן, וועלכע זיינען געשטאנען אויף דער ברייטער פיאזא פון'ם פאלאץ, האט ער אפגעפיהרט ליליאן אן א זייט און געזאגט צו איהר:

— מיין ליעב פריינדין! איך פאהר איצט אוועק צו מאדערא'ן אויב הערמאנאס איז נאך ניטא אין לאגער און אויב עס וועט זיך ארויסווייזען אז ער איז ווירקליך ערגעץ פארנארט געווארען, דאן וועט עס זיין מיין אויפגאבע איהם צו געפינען, אויב איך וועל איהם מוזען זוכען אין דער לענג און אין דער ברייט פון מעקסיקא. דערווייל פערליערט אייך ניט און האפט צו הערען גאר אין גיכען פרעהליכע נייעס.

— איך דאנק אייך! — האט ליליאן געזאגט מיט א שטימע געווארגען פון טרעהרען.

מיט א "בלייבט געזונד" פאר אלע איז דאקטאר מארגאן ארויף אויף זיין פערד און אוועקגאלאפירט אין דער ריכטונג פון מאדערא'ס לאגער.

12טעס קאפיטעל.

געשמידט אין קייטען.

ווען הערמאנאס איז ארויס מיט דעם מאן, וועלכער האט איהם געבראכט דעם פאקעט, אויף דעם קליינעם שיף אין אדעיר בעי איז געווען צעהן אוהר אין דער נאכט. אויף'ן דעק האט ארומגעשפאנט אן אפיציר פון נידריגען וואוקס, מיט א געזיכט פון א רויב־

פויגעל און מיט אויגען פון א קאץ. די שווארצע הויט פון זיין געזיכט, די נאז ווי דער שנאבעל פון א אדלער, די דיקע ליפען און די אונרוהיגע אויגען, האבען געמאכט אן אבשטויסענדען איינדרוק אויף יעדען איינעם וואס האט איהם געזעהן צום ערשטען מאל.

—האללא ! — האט דער אפיציער אויסגערופען ווען הערמאנאס און זיין בעגלייטער זיינען ארויף אויף דער שיף

—וועמען האסטו געבראכט, לו ?

—דאס איז דער סענאר צו וועמען דער קאפיטאן האט מיך געשיקט מיט'ן פאקעט.

—אה ! — האט דער אפיציער אויסגערופען דערפרעהט, און זיינע אויגען האבען אויפגעפלאמט—עס פרעהט מיך אייך צו בעגריסען, סענאר — — האט ער זיך געווענדעט צו הערמאנאס'ן

—דער קאפיטאן ווארט אויף אייך אין זיין קאיוטא. ער ווארט אויף אייך מיט אונגעדולד, קומט !

דאס אויסזעהן פון דעם אפיציער, זיינע מאנירען און זיין רעדען, זיינען הערמאנאס'ן גאר ניט געפעלען, אבער ער חאט קיין זאך ניט פערדעכטיגט און איז איהם נאכגעגאנגען.

ווען זיי זיינען אריין אין קאיוטע איז א הויכער קרעפטיגער מאן פון א יאהר פופציג מיט א רויט געזיכט איינגעפאסט אין א שווארצער בארד, אויפגעשפרונגען פון א סאפא אויף וועלכער ער איז געלעגען און זיינע קליינע, שווארצע, ארומלויפענדע אויגעלעך האבען דורכגענומען הערמאנאס'ן.

—קאפיטאן ! — האט דער אפיציער געזאגט — דאס איז דער סענאר וועלכען איהר האט מיט אזא אונגעדולד ערווארטעט.

—אך ! — האט דער קאפיטאן אויסגערופען דערפרעהט — איהר זיינט מאדערא'ס אדיוטאנט ?

—יא, — האט הערמאנאס געענטפערט.

—ווי איז אייער נאמען ?

—רערערינא הערמאנאס.

—וואו האט איהר פערבראכט די לעצטע פאאר וואכען ?

—אין מערידא אין סענאר ליאבא'ס פאלאץ.

—איהר וועט מיר ענטשולדיגען וואס איך שטעל אייך די פראגען האט דער קאפיטאן געזאגט — איך טהו געהיימע ארבייט פאר מאדערא'ן... וואפען... איהר פערשטעהט ? איך מוז זיין פארזיכטיג. וואס איז געווען אייער אויפגאבע אין סענאר ליאבא'ס פאלאץ ?

—איך בין געווען א סארט לייבוואכע פון איינעם א מיסטער ווארד.

—קארעקט ! — האט דער קאפיטאן אויסגערופען — איהר זיינט דער ריכטיגער מאן, מיין נאמען איז עדווארד האף, איך בין ניט נאר דער קאפיטאן נאר אויך דער אייגענטהימער פון דיעזען דאמפפער'ל. מיר, זעע מענשען, וויסען ניט פון צערעמאניעס, מיר זיינען אפענהערציג, וואס אויפ'ן לונג דאס אויפ'ן צונג. איהר מאכט אויף מיר א גוטען איינדרוק, זיצט און לאמיר טרינקען צו גלעזלאך וויין, מארטין ! — האט ער זיך געווענדעט צום אפיציער — געה ארויס און גיב דעם בעפעהל ארויסצוריהרען !

דער אפיציער וועמען דער קאפיטאן האט גערופען מארטין, האט אויסגעשטעלט זיינע דיקע ליפען און געגעבען א שטילען לאנגען פייף און פערלאזט די קאיוטע.

הערמאנאס האט געפיהלט אין דעם פייף א מין געשפאט און צופריעדענעם געלעכטער. אבער ער האט ניט געוואוסט וואס חאס בעדייטעט.

דערווייל האט דער קאפיטאן אנגעגאסען צוויי גלעזער וויין און געבעטען הערמאנאס'ן צום טיש. אויפ'ן טיש זיינען געשטאנען אויסער פלעשער וויין און גלעזער אויך פערשיעדענע פרוכטען, ווארשטען, סארדינען און קייקס.

—קאפיטאן ! — האט הערמאנאס געזאגט — איך בין ניט דורשטיג און ניט הונגעריג, אבער איך דאנק אייך זעהר פאר אייער גאסט פריינדליכקייט.

און זעצענדיג זיך אויף דער סאפא.

וועלכע איז געשטאַנען אנטקעגען טיש, האָט ער צוגעזעצט :

—איך וועל אייך בעטען איהר זאָלט געהן מיט מיר אזוי שנעל ווי מעגליך.

—איך זאָל געהן מיט אייך ? — האָט האָך געזאָגט מיט א שמייכעל.

הערמאַנאָס'ן האָט דער שמייכעל פערקיהלט דאָס בלוט אין די אָדערן און ער האָט זיך אויפגעהויבען.

—דער בעפעהל פון מיין מאַיאָר לויטעט איך זאָל קומען צו אייך און אייך אָבפיהרען צו מאָדראַ'ן — האָט ער געזאָגט מיט אַן איבערגעריסענער שטימע.

—יא, יא — האָט האָך געזאָגט אין אַן ערנסטען טאָן — אָבער איך קען ניט געהן מיט אייך פון דאַנען. ארום דיזען האַפען דרעהען זיך שפּיאָנען. האָט איהר ניט געהערט ווי איך האָב בעפוילען דעם אָפיציער ארויסצופאָהרען ?

ביי די ווערטער האָט די שיף זיך א וויעג געטהאָן.

—אָט ! — האָט דער קאַפּיטאַן צוגעזעצט — מיר פערלאָזען שוין דעם האַפען.

הערמאַנאָס איז געוואָרען אונרוהיג.

—איך פערשטעה ניט וואָס דאָס בעדייטעט — האָט ער געזאָגט — איך האָב אינסטרוקציאָנען צו קומען צו אייך אויפ'ן שיף און אייך נעהמען צו מאָדעראַ'ן. וואָרום האָט איהר געהייסען אָבפאָהרען פון האַפען ?

—האָב איך אייך ניט געזאָגט אַז ארום דיזען האַפען דרעהען זיך שפּיאָנען ?

—אָבער איך מוז האַנדלען לויט מיינע אינסטרוקציאָנען.

—א י ה ר, אָבער ניט איך. איך בין ניט אונטערוואָרפען אייער מאַיאָר און אויך ניט מאָדעראַ'ן. איך בין א פרייער מענש. איך פיהר געשעפטען מיט מאָדעראַ'ן, אָבער איך מוז מיך ניט רעכענען מיט די בעפעהלע פון זיינע מאַיאָרען. דענקט איהר איך וועל שטעלען מיין לעבען אין געפאַהר צוליעב אַן אינסטרוקציאָן פון אייער מאַיאָר ?

הערמאַנאָס האָט אונרוהיג געקוקט דורך'ן פענסטער פון דער קאַיוטע און האָט געזעהן אַז די שיף דערווייטערט זיך פון'ם האַפען.

—איהר האָט זעהר א שנעלע שיף—האָט ער געזאָגט און דער טאָן זיינער האָט אויסגעדריקט זיין וואַקסענדען שרעק.

האָך האָט דאָס פערשטאַנען און האָט צופריעדען געשמייכעלט.

—א שנעלע שיף ? — האָט ער געזאָגט — מיין שיף רופט מען "דער אָדלער". דאָס איז דאָס שנעלסטע דאַמפּפער וואָס שניידט די וואַסערען פון'ם פּאַסיפיק.

—וואו זשע ווילט איהר אראָבשטייגען ?

—מיר וועלען זיך ארומדרעהען א פּאָאר שטונדען אויף'ן וואַסער — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט — אום די שפּיאָנען וואָס האָבען אויף אונז אַן אויג זאָלען מיינען אַז מיר זיינען אוועקגעפאָהרען, דאַן וועלען מיר זיך פערקירעוועז צו דזשאָרדזש בעי און דאָרט אראָבשטייגען.

דאָס אַלעס איז געווען זעהר איינפאַך און לאָגיש, דאָך האָט הערמאַנאָס געפיהלט אַז יעדעס וואָרט פון'ם קאַפּיטאַן איז א ליגען.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צוריק אויף דער סאָפאַ און זיך ארומגעקוקט. אויף די ווענט איז געהאַנגען אַלערליי געוועהר, מאָדערנע און פון גאַנץ אַלטע צייטען. רעוואָלווערס, שווערדען, פייל-און-בויגענס און פערשיעדענע אַנדערע מאָרד אינסטרומענטען. אויף דער וואַנד, נעבען וועלכער די סאָפאַ איז געשטאַנען, האָט הערמאַנאָס, אַזמדרעהענדיג דעם קאָפּ, געזעהן הענגען פערשידענערליי קייטען.

—צו וואָס דאַרפט איהר דאָ אזוי פיעל קייטען ? — האָט הערמאַנאָס געזאָגט מיט א געמאַטערטען שמייכעל.

—זיי קומען צוניץ — האָט האָך געשמייכעלט — עס טרעפט אָפט אַז א מאַטראָז ווערט אַן עזות פּנים, טהוט מען איהם אַן די בראַסלעטלעך אויף די הענד און מען פיהרט איהם אראָב אין "אונטערשטען עטאַזש". דאָרט ליגט ער א פּאָאר טעג אָהן עסען און טרינקען, און ווען מען ברייננט איהם ארויף צוריק

ווייסט ער שוין אז מען דארף פאלגען עלטערע. נו! — האט ער געזאגט ענדערענדיג זיין טאן — פאר וואס געהט איר ניט צום טיש? איך האב אנגעגאסען פאר אייך וויין.

—איך דאנק אייך. איך האב אייך געזאגט אז איך בין ניט דורשטיג.

—איהר ענטזאגט זיך צו געניסען פון מיין טיש? — האט דער קאפיטאן געזאגט אין א שטרענגען טאן — ביי אונז זעע־לייט בעטראכט מען עס פאר א גרויסע בעליידיגונג, ווען איינער ענטזאגט זיך מיט אונז צו עסען אדער טרינקען.

הערמאנאס האט געפיהלט אז נאכאמאל זיך ענטזאגען צו טרינקען, נאך דער ערקלעהרונג פון'ם קאפיטאן, וועט הייסען אזוי פיעל ווי איהם צו זאגען: "נו, אויב דו בעטראכסט עס פאר א בעליידיגונג, איז ווי דו ווילכט זיך", און עס האט זיך איהם אויסגעוויזען אז דער קאפיטאן קוקט נאר ארויס אויף אזא מין ענטפער.

ער האט זיך אויפגעהויבען און געזאגט:

—ענטשולדיגט, סענאר! איך וועל טרינקען צעהן גלעזער וויין, אויב דאס איז נאר אייער וואונש.

און ער איז צוריקגעגאנגען צום טיש און גענומען די גלאז וויין וועלכע דער קאפיטאן האט פאר איהם אנגעגאסען.

—צום וואהלזיין! — האט ער געזאגט, און האט אויסגעטרונקען דעם וויין מיט איין שלונג.

—בראווא! — האט דער קאפיטאן אויסגערופען — אזוי האב איך אייך ליעב. יעצט קען איך אייך בעטראכטען פאר מיינעם א פריינד. ווילט איהר נאך א גלאז?

—איצט וועט איהר מיר שוין מוזען ענטשולדיגען — האט הערמאנאס געזאגט — איך בין ניט געוואוינט צו אזא וויין. עפעס האט ער אזא מאדנע שטארקייט.

און ווי ער האט אויסגערעדט די ווערטער האט ער געפיהלט ווי די פיס האבען זיך איהם אונטערגעהאקט.

—אה! איך מוז מיך צוזעצען—האט ער געזאגט צוטומעלט, אראבלאזענדיג זיך אויף א שטוהל נעבען טיש — דער וויין איז אונגעהייער שטארק.

אין נעקסטען מאמענט האט די קאיוטע זיך אנגעהויבען דרעהען מיט איהם. דער קאפיטאן האט בעקומען צוויי קעפ, צוויי געזיכטער. אלעס אין דער קאיוטע איז געווארען דאפעלט. דאן האט זיך אלעס גענומען צוזאמענמישען און טאנצען, און ווערען מאטער און בלאסער, ביז עס איז אינגאנצען פערשוואונדען געווארען.

הערמאנאס'עס אויגען האבען זיך צוגעמאכט און זיין קאפ איז צוריקגעפאלען אויף דער פארענטשע פונ'ם שטוהל.

"ער איז געפיקסט! — האט האק געלאכט צו זיך אין די דיקע וואנצעס אריין.

ער האט געעפענט די טיהר פון דער קאיוטע און גערופען:

—אה, מארטין!

—אלל ראיט! — איז געקומען דער ענטפער פון א ווייטען עק פון'ם שיף.

דער קאפיטאן איז צוריקגעגאנגען צום טיש און זיך אוועקגעזעצט עסען און טרינקען. דער אפיציער מיט די ארומלויפענדע אויגעלאך איז אין עטליכע סעקונדען ארום אריינגעקומען אין קאיוטע און דערזעהענדיג דעם בעוואוסטלאזען הערמאנאס האט ער צונומען די דיקע ליפען און ארויסגעלאזט עפעס צווישען א הוסט און געלעכטער. דאן האט ער געזאגט צום קאפיטאן:

—וואס דענקט איהר מיט איהם צו טהאן? אריינווארפען אין וואסער?

אין וואסער אזא שעהנעם יונגען מאן? אידיאט! ווייסטו וואס ער איז ווערטה ביי די ווילדע פון צעלעבעס? דער קעניג גיט מיר אוועק פאר איהם יעדען בריליאנט פון זיין קרוין. נעהם טהוט איהם אן די בראסלעטען און פיהר איהם אראב אין "קעללער".

דער "קעלער" אין קעפטען האק'ס רויבער־שיפעל איז געווען א מין חזיר־שטאל אין דעם זאמד אויפ'ן אונטערשטען דעק פון דער שיף. אום א שיף זאל זיך ניט ווארפען און איבערקעהרען. און

זאל געהן טיעף אין וואסער. ווערט דער פלאאר איהרער אנגעלעגט מיט שווער׳ע שטיינער, אדער זאמד. דיזע שטיינער, אדער זאמד, ווערט אנגערופען דער "באלאסט" פון דער שיף. אין קעפטען האק׳ס שיף "דער אדלער", איז דער באלאסט בעשטאנען פון זאמד. און אזוי ווי יעדע שיף ציהט אריין אין זיך וואסער איז דער זאמד אימער געווען נאס. אין דעם דאזיגען נאסען זאמד איז געווען אויסגעגראבען א פיער־עקיכדיגער גריב. וועלכער איז געווען אויסגעלעגט ביי די ווענט און אויפ׳ן דעק מיט דיקע ברעטער — און דער גרוב איז געווען דער "קעלער".

דער אפיציר וואס האט געהייסען מארטין האט גענומען פון דער וואנד הענד־קייטען און צוזאמענגעשמידט מיט זיי הערמאנאס׳עס ביידע הענד. דאן איז ער צוגעגאנגען צו דער טיהר און א פייף געטהאן און צוויי מאטראזען זיינען אריינגעקומען.

—טראגט איהם ארונטער אין קעלער — האט דער אפיציר געזאגט צו די מאטראזען.

—שלאגט איהם ניט! — האט דער קאפיטאן זיך געווענדעט צו זיי — און לעגט אוועק א מאטראץ דארט ער זאל זיך ניט צורייכען דאס געזיכט. מארגען פריה וועט ער ערוואכען, זעהט זשע ער זאל האבען וואס צו עסען.

—אלל ראיט, קעפטען — האבען די מאטראזען געזאגט, און זיי האבען אנגענומען דעם בעוואוסטלאזען הערמאנאס ביי די הענד און די פיס און איהם ארויסגעטראגען פון דער קאיוטע.

—ווי זאל זיין אונזער מארטשוט ? — האט דער אפיציער געפרעגט.

—דאס ערשטע מוזען מיר אריין אין דעם קאמפעטשע בעי — האט האק געענטפערט — פון דארט דרעהען מיר זיך אריין אין דעם קאנאל פון יוקאטאן, און פון דעם קאנאל שניידען מיר אריין אין דעם קאראאיבישען מעער. דאן פערנעהמען מיר זיך נאך קליין־קאימאן און פון דארט שטייגען מיר צו צום אינזעל דזשעמייקא. איך האב איינינע געשעפטען צו מאכען אויף די קאאיקא אינזלען. דאס וועט נעהמען א וואך, אדער פיליייכט צוויי. דארט גלויב איך, וועל איך אויך קענען פערקויפען אונזער געפאנגענעם פאר א גוטען פרייז און פערשפארען זיך צו שלעפען מיט איהם צו די מאלאים. דאן פאהרען מיר צוריק. אלזא, קאמפעטשא בעי איז דער ערשטער פונקט.

דער אפיציר איז ארויסגעגאנגען און דער קאפיטאן האט זיך אוועקגעלעגט אויף דער סאפא און פעררויכערט א לאנגען סיגאר. זיין געוויסען האט איהם ניט אנגעהויבען פלאגען פאר דעם שרעקליכען פערברעכען וואס ער איז בעגאנגען, רויבענדיג א מענשען און איהם אוועקפיהרענדיג אויף אן אינזעל פון מענשענפרעסער. קעפטען האק איז ניט געווען קיין מענש אויכער אין געבוי פון זיין קערפער און אין זיין איסזעהן. זיינע געפיהלען זיינען געווען פון א ווילדחיה, און צווישען די מאטראזען, וועלכע האבען געארבייט אויף זיין שיף איז ער געווען בעקאנט מיט דעם נאמען "דער ים־וואלף".

— — — — — — — — — — — —

ווען דאקטאר מארגאן איז געקומען צוריק צו מאדערא׳ן און איהם מיטגעטהיילט אז הערמאנאס איז ניט געקומען קיין מערידא, איז דער אונגליקליכער יונגערמאן שוין געלעגען געשמידט אין קייטען אין "קעלער" פון קעפטען האק׳ס שיף. וועלכע האט געדאמפפט דורך די שטורמדיגע וואסערן פונ׳ם קאליפארנישען גאלף.

מארגאן האט איבערגעגעבען מאדערא׳ן זיין פערדאכט אז הערמאנאס איז פערנארט געווארען צו א בייזען צוועק. האט איהם איבערגעגעבען וואס ער ווייס וועגען פוהרמאן לאפעז, און וועגען דעם געשפרעך וואס ער האט אונטערגעהערט פון צוויי פערשווערער, און האט איהם אויך געראטהען אז דער ערשטער שריט וואס ער וועט מאכען זאל זיין דער ארעסט פון דעם קוטשער לאפעז.

—האט דער קוטשער געהאט אז אינ־

טערעס אבצוראמען הערמאנאס'ן פונ'ם וועג? — האט זיך מאדערא געוואונדערט.

—פערזאנען וועלכע פערנעהמען א פיעל העכערע פאזיציע אין דער היגער געזעלשאפט האבען געהאט דעם אינטערעס — האט מארגאן געענטפערט — דער קוטשער איז נאר זייערער אן אינסטרומענט.

—ווארום זאלען מיר ניט געהן גלייך צו די קעפ?

— ניין, דאס קען מען ניט טאהן. עס וועט ווערען א צו גרויסער טומעל. און —און דאס איז די הויפט זאך — אונשולדיגע און גאנץ ערעלע זעעלען וועלען פיליכט שטארבען פון קרענקונג און שאנדע ווען די אינטריגאנטען זאלען ארעסטירט ווערען. ווען איהר וואלט געוואוסט וואס פיר א געזעלשאפטליכע שטעלונג די באנדיטען פערנעהמען וואלט איהר געשטוינט. איהר וועט דאס וואהרשיינליך ערפאהרען פון דעם קוטשער. אבער איך וויל זייערע נעמען ניט דערמאהנען. איך וויל ניט אז דורך מיר זאלען קאמפראמיטירט ווערען די אונשולדיגע און ערעלע פערזאנען, וועלכע האבען דאס אונגליק צו זיין נאהענטע פערוואנדטע פון די באנדיטען. לאזט ברייגען צו אייך דעם קוטשער לאפעז. ער איז געווען דער שליח פון די באנדיטען, וואס האבען געווארט אויף הערמאנאס אין אדעיר־בעי. ער וועט אייך אלעס דערצעהלען. עס דארף ניט שווער זיין פון אזא חברה־מאן אלעס ארויסצוקריגען.

אין די צוויי מאל וואס מאדערא האט גערעדט מיט דאקטאר מארגאן האט דער דאקטאר געוואונען דעם רעוואלוציאנער'ס פאלשטענדיגע צוטרויען. מאדערא האט געלאזט רופען איינעם פון זיינע אפיצירען און האט איהם בעאויפטראגט צו געבען דאקטאר מארגאן עטליכע אינסורעקטאס פאר א געוויסער עקספעדיציע, וועלכע זאל אויסגעפיהרט ווערען אונטער דאקטאר מארגאן'ס קאמאנדע.

ווי עס איז נאר פינסטער געווארען איז דאקטאר מארגאן מיט זיינע אינסורעקטאס, רייטענדיג אויף פלינקע פערד, אוועק צו דעם שטיבעל לעבען מערידא'ער וואלד וואו לאפעז האט געוואהנט, און אין ווייניגער ווי פיער שטונדען צייט איז דער קוטשער שוין געווען א געפאנגענער אין מאדערא'ס לאגער.

לאפעז איז געווען א גאנץ איינפאכער פארמער. ער האט געהאט אין זיינע אדערען גענוג אינדיאנישעס בלוט צו זיין פעהיג צו בעגעהן א מארד גאנץ קאלטבלוטיג, אבער ער האט ניט געהאט דאס "פליכט געפיהל" פון'ם פראפעסיאנעלען באנדיט איבערצוטראגען אלערליי מאטערנישען און ניט ארויסגעבען זיינע מיט־באנדיטען. אזוי שנעל ווי ער איז געבראכט געווארען אין מאדערא'ס הייהל און האט אויסגעפונען צוליעב וואס ער איז ארעסטירט געווארען און וואס מען פערלאנגט פון איהם, האט ער זיך גלייך ערקלעהרט גרייט אלעס צו דערצעהלען און געשווארען ביי דער הייליגער מאריע אז ער וועט זאגען די ריינע וואהרהייט. ער האט פראטעסטירט זיין אונשולד און געזאגט אז ער האט נאר אויסגעפיהרט אן אויפטראג.

ער האט דערצעהלט אז מיט עטליכע טעג צוריק זיינען געקומען צו איהם קאספארע און אלבערטא ליאבא און איהם געהייסען געהן צו אדעיר־בעי. צו א קאפיטאן מיט'ן נאמען עדוואורד האק, וועלכער איז געשטאנען אין דעם בעי מיט זיין דאמפפער'ל, וועלכער טראגט דעם נאמען "דער אדלער". און איהם איבערגעגעבען א בריעף.

ווען מאדערא האט דערהערט דעם נאמען אלבערטא ליאבא איז ער א פערציטערטער געווארען.

—אלבערטא ליאבא? — האט ער אויסגערופען — אלבערטא ליאבא, דער זוהן פון סענאר ליאבא. האט דיך געשיקט?

—יא, סענאר! אלבערטא ליאבא, דער זוהן פון סענאר ליאבא. איך שווער דאס אייך ביי דער הייליגער יונגפרוי.

מאדערא האט געהייסען ארויספיהרען לאפעז אין פאדערצימער. האט עטליכע זעקונדען אומגעשפאנט היין און צוריק אין זיין קאבינעט, מאכענדיג פערצוויי־

פעלמע בעוועגונגען מיט די הענד און די אקסלען. דאן האט ער זיך געווענדעט צו דאקטאר מארגאן:

—אלבערטא ליאבא איז אלזא איינער פון די פערשווערער, וועלכע זיינען פעראנטווארטליך פאר אונזער הערמאנאס'עס פערשווינדען? איצט בעגרייף איך ווארום עס איז אייך געווען אונמעגליך מיר צו זאגען די נעמען פון די שורקען. איך וועל אייך אבער מיטטהיילען נאך עטוואס ערשטוינענדעס וועגען דיזען פיינעם יונגענמאן. ער איז א געוויסער דאקטאר זיינען געוועזן די אגענטען, וועלכע האבען מיר געבראכט די ענטדעקונג אז איהר זייט א שפיאן.

—אך, ער איז א דאקטאר?... דאס שטימט! — האט דאקטאר מארגאן געזאגט נאכדענקענדיג — אבער איך קען זעהן דעם גרונד וואס זיי האבען געהאט פון מיר בעפרייט צו ווערען. איך האב זיי געשטערט צו מאכען אן אפעראציאן איבער סענאר ליאבא, וועלכע האט בעדייטעט זיכערער טויט. איך קען אבער אויף קיין פאל ניט בעגרייפען וואס זיי האבען געהאט צו דעם עדעלען הערמאנאס.

—דער זוהן האט געוואלט לאזען מאכען א מערדערליכע אפעראציאן איבער זיין פאטער? — האט מאדערא געשטוינט.

—יא, גענעראל, ניט מעהר און ניט וועניגער. אבער דערפון וועלען מיר נאך צייט האבען צו ריידען. מיר מוזען ארויסקריגען נאך מעהר אינפארמאציאן פון דעם קוטשער. מיר ווייסען דעם נאמען פונ'ם קאפיטאן און פון זיין שיף. אבער ער שטעהט דאך ניט ביז איצט אין אדעיר בעי. ער איז דאך ערגעץ אוועקגעפאהרען מיט זיין אפפער. פיעלייכט ווייס דער קוטשער וואוהין ער איז אוועקגעפאהרען?

—יא, דאס האט איהר רעכט — האט מאדערא געענטפערט, און ער האט געהייסען אריינפיהרען צוריק לאפעז'ן.

ווען מען האט לאפעז'ן גענומען פרעגען אויב ער ווייס ניט וואוהין דער קאפיטאן עדוואַרד האק וויל פערפיהרען דעם געפאנגענעם תאט ער געשווארען אז ער ווייס ניט, האט ניט געהערט א ווארט וועגען דעם. אבער דאקטאר מארגאן האט איהם אויפגעפאדערט ער זאל אנשטרענגען זיין זכרון פיליייכט וועט ער זיך דערמאהנען א נאמען פון א האפען אדער א אינזעל וועגען וועלכען די מאטראזען האבען גערעדט צווישען זיך ווען ער, לאפעז, איז געווען אויף דער שיף.

—אה! — האט דער קוטשער אויסגערופען — איך האב געהערט דערמאהנען עטליכע מאל דעם נאמען דזשעמייקא, איין מאטראז האט געזאגט צום אנדערען: "ווען מיר וועלען זיין אין דזשעמייקא וועלען מיר לעבען א גוטען טאג."

—ביזטו זיכער אז דו האסט דאס געהערט?

—זיכער, איך האב זיי אויך געהערט דערמאהנען עטליכע מאל דעם קאריבעאישען מעער.

—דאס איז שוין א סימן פון א שפור —האט דאקטאר מארגאן געזאגט—איך פאהר מארגען פריה אב קיין דזשעמייקא.

—איהר ווילט נאכיאגען דעם פיראט איבער'ן וואסער? — האט מאדערא געזאגט געריהרט.

—איך וועל איהם נאכיאגען און פאקען, ווען איך זאל דארפען דורכקרייצען דעם פאסיפיק אין דער לענג און אין דער ברייט. נאטירליך וועט איהר זעהן אז דיזער פיינער *מענש* (וויזענדיג אויף לאפעז'ן) זאל ניט האבען די מעגליכקייט צו קומען צו זיינע הערען און זיי מיטטהיילען וועגען מיינע פלענער.

—ער בלייבט א געפאנגענער ביז מיר הערען פון אייך אז אונזער הערמאנאס איז ווידער א פרייער מענש — האט מאדערא פערזיכערט דאקטאר מארגאן.

און איידער עס איז נאך טאג געווארען איז דאקטאר מארגאן אוועקגעפאהרען נאך אדעיר־בעי.

קאפיטעל 12.

די יאגד אויפ'ן וואסער.

אין אדעיר־בעי האט דאקטאר מארגאן פון די האפען־בעאמטע אויסגעפונען אז דארט איז ווירקליך געשטאנען א דאמפפער'ל מיט'ן נאמען "דער אד־

לער" און אז דער קאפיטאן פונ'ם דאמפפער'ל איז א מאן מיט'ן נאמען עדווארד האק, וועלכער שטעהט ניט אין גוטען רוף אונטער מאטראזען. אזוי ווייט אלזא האט דער קוטשער לאפען דערצעהלט ריכטיג. פון דעם האט דאקטאר מארגאן לייכט געקענט שליסען אז קאספארע און אלבערטא האבען געפיהרט אונטערהאנדלונגען מיט דעם קאפיטאן פון "אדלער" וועגען הערמאנאס'ן. עס איז דעריבער ניט געבליבען דער מינדעסטער צווייפעל ביי דאקטאר מארגאן אז הערמאנאס איז א געפאנגענער אויף עדווארד האק'ס שיף, און דאס איינציגע וואס איז איהם געבליבען צו טהאן איז צו "טשארטערן" א שנעלערע שיף ווי "דער אדלער" און נאכיאגען. אין וועלכער ריכטונג? דאס קאראאיבישע מעער אויף דעם וועג נאך דזשאמייקא. לאפען האט געהערט די מאטראזען רעדען צווישען זיך וועגען דזשעמייקא אלס דעם ענדציעל פונ'ם "אדלער'ס" רייזע, און אזוי ווי אלעס וואס לאפען האט דערצעהלט איז ריכטיג איז דאס געוויס אויך ריכטיג.

דאקטאר מארגאן האט פערטרויט איינעם פון די האפען בעאמטע, וועלכער האט געמאכט אויף איהם א גוטען איינדרוק, וועגען דעם מענשען־רויב וואס דער קאפיטאן פונ'ם "אדלער" איז בעגאנגען און וועגען זיין בעשלוס איהם נאכצויאגען, און האט איהם געבעטען ער זאל איהם רעקאמענדירען א שנעל שיפעל מיט אן עהרליכען און ענערגישען קאפיטאן.

—איך האב פאר אייך די ריכטיגע שיף און דעם ריכטיגען מאן — האט דער האפען־בעאמטער געזאגט.

זיי זיינען געזעסען אין א צימער פון א קליינער געביידע ביים האפען, וועלכע האט געדיענט ווי אלס צאלל־הויז, ווי אלס פאסט־אפיס, און די פענסטער פונ'ם צימער האבען ארויסגעקוקט צום וואסער. דער בעאמטער איז צוגעגאנגען צו איינעם פון די אפענע פענסטער און צוגערופען דאקטאר מארגאן.

—איהר זעהט די שיף דארט מיט'ן דאמפף־קוימען און די זעגלען?

— מיט דער אויפשריפט "מעקסיקא'ס שטאלץ"?

—יא, יא. דאס איז די שיף. איהר אייגענטהימער און קאפיטאן איז א בראווער און העכסט ערענטליכער מאן מיט'ן נאמען דזשוזעפע ד'ארלאנדא. ער טרייבט זיין האנדעל מיט די אינזלען פונ'ם קאראיבישען מעער און האסט דעם עדווארד האק ווי דעם טויט. מיט איינינגע טעג צוריק האט ער זיך מיט איהם געקריעגט און עס איז געוועזען נויטיג פאר די אפיצירען פון ביידע שיפען זיך אריינצומישען און זיי צונעהמען. איך בין זיכער אז ד'ארלאנדא וועט זיך אנכאפען מיט ביידע הענד אז דער געלעגענהייט צו קענען זיך אברעכענען מיט עדווארד האק. ד'ארלאנדא ווייסט אויך אלע ווינקעלעך וואו האק טרייבט זיך ארום מיט זיין שיפעל, און ער וועט איהם זיכער אבזוכען. אויב איהר ווילט וועל איך צושיקען מיינעם א מענשען נאך איהם.

—איך וועל אייך קיינמאל די פריינדליכקייט ניט פערגעסען — האט דאקטאר מארגאן געזאגט דריקענדיג דעם בעאמטען'ס האנד.

אין א פיערטעל שטונדע ארום איז ד'ארלאנדא שוין געוועזען אין צימער מיט דאקטאר מארגאן און דעם האפען־בעאמטען.

דזשוזעפע ד'ארלאנדא איז געוועזען א מעקסיקאנער פון פראנצויזישע אבשטאמונג. ער איז געוועזען א מאן פון א יאהר פערציג, פון מיטעלמעסיגער הויך און פעט אבער פון דעסטוועגען זעהר פלינק אין זיינע בעוועגונגען, אזוי גוט ווי אין זיין ריידען און טהאן. זיינע מאטראזען פלעגען איהם רופען "דער סטים־אינזשען". זיין גלאט אבגעראזירטע געזיכט איז געוועזען זעהר סימפאטיש און פון די בלויע אויגען האט ארויסגעקוקט אן אפענהערציגקייט.

— עדווארד האק? דער שורקע האט שוין ניט איינמאל פערקויפט א ווייסען מענשען צו די ווילדע — האט ד'ארלאנדא געזאגט ווען ער האט אויסגעהערט צוליעב וואס מען האט איהם גערופען— ער איז א וואהרער זעע־רויבער. איך

ווייס אז ער איז פון דאנען אוועקגעפאהרען נאך די קאאיקאס אינזלען. מיר וועלען איהם זיכער אפזוכען ערגעץ ארום דזשעמעיקא. איך ווייס אלע זיינע נעסטען.

— האט איהר גענוג מאנשאפט און געוועהר אין פאל מיר דעריאגען איהם און ער וועט זיך ניט ועלען אונטערגעבען?

— ער וועט זיך געוויס ניט וועלען אונטערגעבען, און מיר טאהרען גאר ניט ווארטען ביז ער וועט אונז ערקלעהרען קריעג. אזוי שנעל ווי מיר דעריאגען איהם, מוזען מיר עפענען אויף איהם פייער. וועגען מאנשאפט און געוועהר זייט רוהיג. יעדער מאן פון מיין שיף איז א אויסגעצייכענטער שיסער און אללע זיינען פערטיג אוועקצולייגען זייערע לעבענס פאר זייער קאפיטאן.

— וואס פערלאנגט איהר פאר דער ארבייט? — האט דאקטאר מארגאן געפרעגט דעם קאפיטאן.

— ווי פיעל איהר זיינט אימשטאנד צו בעצאהלען — האט ד'ארלאנדא געענטפערט — איך האב מיט דעם שורקע אלטע און נייע רעכנונגען. איך בין צופריעדען וואס איהר גיט מיר די געלעגענהייט צו מאכען א ענדע צו זיינע נידערטרעכטיגקייטען.

— איהר זיינט עדעל — האט דאקטאר מארגאן געזאגט העכסט ערשטוינט פון דער אפפערווילליגקייט פון דעם קאפיטאן — אבער איך בין אימשטאנד אייך צו בעלוינען ווי די ארבייט פערדיענט, און איך וועל אייך דערוויל געבען עטוואס האנד־געלד.

דאקטאר מארגאן האט ארויסגענומען א טשעק־בוך און אויסגעמאכט א טשעק אויף טויזענד דאללער און דערלאנגט דעם קאפיטאן.

——— גוט! איך דאנק אייך — האט ד'ארלאנדא געזאגט ארייַנשטופענדיג דעם טשעק אין א פאקעטל פון זיין וועסט ווי דאס וואלט געווען א אונוויכטיג שטיקעל פאפיער — מעהר זאלט איהר צו מיר וועגען געלד ניט ריידען.

און אין פאל אונזער יאגד ענדיגט זיך מיט א דורכפאל, נעהם איך פון אייך ניט מעהר קיין איינציגען סענט. מאכט אייך פערטיג צו דער רייזע. אין צוויי שטונדען ארום ריהרען מיר ארויס.

און מיט די ווערטער איז ד'ארלאנדא ווי א שטורמווינד ארויס פון צימער.

דאקטאר מארגאן האט אוועקגעשיקט א בריעף צו סענאר ליאבא, אין וועלכען ער האט איהם מיטגעטהיילט אז ער פאהרט אוועק זוכען דעם פערשוואונדענעם הערמאנאס און די רייזע וועט נעהמען איינינע וואכען. „איך בין אויף דעם ריכטיגען סליאד“ האט ער געענדיגט זיין בריעף, און איך האף אז מיין אונטערנעהמונג וועט זיך ענדיגען מיט ערפאלג“.

צו ראזעטטא'ן האט ער געשריעבען בעזונדער און צו ליליאן וואָרד האט ער אויך געשריעבען א בעזונדערען בריעף. זיין בריעף צו דער פעפּצוויפּעלטער מיידעל איז געווען בעזאנדערס פולל מיט ערמוטהיגונג און האפנונג, ווארום ער האט געוואוסט ווי היים זי ליעבט הערמאנאס'ן און ווי איהר הארץ איז צוריסען.

א האלבע שטונדע פאר דער צייט וואס די שיף האט געדארפט אפּגעהן איז דאקטאר מארגאן שוין געווען אויף'ן דעק.

ד'ארלאנדא איז געשטאנען ביי'ם שטייערבארד און געגעבען אינסטרוקציאנען זיינע אפיצירען. ווי ער האט דערזעהן דאקטאר מארגאן איז ער צו איהם צוגעלאפען און איהם געגעבען א פריינדליכען קלאפּ אויף'ן אקסעל.

— איהר זיינט שוין דא! דאס איז גוט! איך האב ליעב א מענשען, וועלכער איז אויף זיין פאסטען ווייניגסטענס א פערטעל שטונדע פאר דער בעשטימטער צייט. דאס איז דער שליסעל צו ערפאלג אין יעדער מענשליכער טהעטיגקייט. דער וואס זאגט אימער „איך האב נאך צייט“, דער קען קיינמאל ניט אויסנוצען די צייט. אונזער ערשטער פונקט, דאקטאר, איז ווערא קרוז. איך האב אורזאכען צו דענקען אז אונ־

זער רויב־פויגעל וועט זיך דארט אבשטעלען, מעגליך אז מיר וועלען איהם דארט נאך טרעפען און אויב ניט וועל איך פון די קאפיטענע, וועלכע מיר וועלען דארט זעהן אפנעהמען א גרוס פון איהם.

— איך לאז אלעם איבער צו אייך, קאפיטאן — האט דאקטאר מארגאן געזאגט — טהוט ווי איהר פערשטעהט און בעטראכט מיך אלס איינעם פון אייער מאנשאפט, איהר וועט מיך געפינען געהארכזאם, פלייסיג און בראוו.

— קענט איהר שיסען —האט דער קאפיטאן געשמייכעלט.

— איך בין געוועזען א קאר־באי א יאהר און א האלב.

— דאן וועל איך עס געברויכען ווען מיר וועלען אניאגען דעם „אדלער“. ביז דאן זיצט אייך גאנץ רוהיג ענטוועדער אין מיין קאיוטע, אדער אונטער דעם לייוועגט־דאך, וועלכען מיר האבען פאר אייך געמאכט.

און דערביי האט דער קעפטיין געוויזען מיט דער האנד אויף א לייוועגטענעם ביידעל מיט דריי ווענט און א דאך, וועלכעס איז געוועזען אויפגעשטעלט אין דעם הינטער־באארד פון'ם שיף.

דאס איז געוועזען א דעליקאטע אנצוהערעניש פאר דאקטאר מארגאן ער זאל זיך ניט אריינמישען אין דעם קאפיטאן'ס מאנעווערעס און מארשרוט און ניט פרעגען קיין קשיות. דאקטאר מארגאן האט עס פערשטאנען און זיך פארגענומען צו האנדלען לויט דעם קאפיטאן'ס ווינשען.

האלב נאך איינס נאכמיטאג האט „מעקסיקא'ס שטאלץ“ פערלאזען דעם האפען.

די זונן האט געברענט די אבערפלעכע פון'ם וואסער און די געזיכטער פון די מענשען, און דאקטאר מארגאן איז געווען גאנץ צופריעדען צו זיצען אין דעם ביידעל וואס איז פאר איהם געמאכט געווארען און קוקען ווי דאס קליינע שיפעל גליטשט זיך איבער'ן וואסער מיט וואונדערבארער שנעלקייט און גראציע.

אבער אמת'ן פערגניגען פון דער רייזע האט דאקטאר מארגאן געהאט ווען די שיף האט פערלאזען ווערא קרוז, וואו קאפיטאן ד'ארלאנדא האט געקראגען וויכטיגע אויסקינפטע וועגען עדווארד האק'ס מארשרוט. זיי האבען זיך איצט געפונען אין וועסט אינדישען מעער, דער ים וועלכער איז בעריהמט מיט זיינע גרויסע געפאהרען און אויך מיט זיין וואונדערבארער קלאהרהייט און שעהנהייט.

די וואסער פון'ם וועסט אינדישען ים לייכט מיט א ליכטיגקייט פון קרישטאל. אין איניגע ערטער איז די וואסער אזוי לויטער און קלאהר און דורכזיכטיג אז מען קען זעהן אללעס וואס לעבט און בעוועגט זיך אין איהר. מען קען זאגאר זעהן דעם באדען.

דאקטאר מארגאן איז געזעסען ווי א בע'כשוף'טער, ער האט וועגען דעם אלעמען געלעזען, אבער ער האט איטער גערעכענט אז עס איז פיעל איבערטריבען. איצט האט ער זיך איבערצייגט, אז אללעס וואס ער האט געלעזען איז נאך קיין הונדערט טהייל ניט פון די ריכטיגע, ווירקליכע פאקטען.

ער האט געזעהן אין וואסער געשטאלטען פון הונדערטער פערשיעדענע ים־חיות און פון די וואונדערבארסטע פלאנצונגען.

דער וועטער איז געווען זעהר גינסטיג. גאנצע שטונדען איז דאס שיפעל געגאנגען גאר אהן דאמפף, נאר מיט די זעגעל, און דאקטאר מארגאן האט זיך געפיהלט ניט ווי אין א שיף נאר ווי געטראגען פון א ווינד אין דער לופטען. צייטענווייז האט ער זיך גאנצע מינוטען פארגעסען אז ער איז אויפ'ן וואסער. אזוי קלאהר און דורכזיכטיג איז געווען דאס וואסער און אזוי דייטליך איז געזעהן געווארען די וועלט פון חיות און פלאנצונגען אין דער טיעפעניש.

אהן אן אפשטעל האט זיך דער "שטאלץ פון מעקסיקא" געטראגען דורך דעם גאלף פון קאליפארניא, דען דער קאפיטאן האט געוואוסט אז עדווארד האק וועט זוכען זיך ארויסצוחאפען פון מעקסיקאנישע וואסערען אזוי שנעל ווי

מעגליך. אויפ'ן דריטען טאג איז דאס שיף ארויס פון גאלף אין פאסיפיק, און דא האט קאפיטאן ד'ארלאנדא אנגעפאנגען זיך נאכצופרעגען ביי פארבייגערענדע שיפען וועגען „אדלער“. פון א פריינדליכען שיפסקאפיטאן האט ער געלערנט, דאס דער „אדלער“ איז געזעהן געווארען דאמפפענדיג ארום דעם זידליכען ברעג פון מעקסיקא אין וועסטליכער ריכטונג.

— מיינע אהנונג האט מיך ניט גענארט — האט ער געזאגט צו דאקטאר מארגאן — דער שורקע געהט צוערשט נאך דזשעמייקא.

נאך צוויי וואכען פאהרען ביי פולער דאמפף, האלטענדיג זיך אזוי נאהענט צום מעקסיקאנישען ברעג ווי מעגליך, איז ד'ארלאנדאס שיף ענדליך אריינגעקומען אין גאלף פון טעהואנטעפעק. וואו דער ענגער ברעג פון מעקסיקא גרעניצט זיך מיט גוואטעמאלא און האנדוראס. און האט געמאכט ווייטערע נאכפראגען. דארט האט ער ערפאהרען דאס עדווארד האק'ס שיף האט ערשט מיט צוויי טעג פריהער פערלאזען דעם גאלף און איז אוועק דירעקט נאך דעם פארט פון קינגסטאן, אויף דעם אינזעל דשעמייקא.

— ער וועט אונז ניט מעהר ענטריינען — האט געזאגט ד'ארלאנדא צו מארגאן, רייבענדיג זיך די הענד מיט פערגניגען.

אויפ'ן איין־און־צוואנציגסטען טאג, אום 10 אוהר אין דער פריה, איז דער „שטאלץ פון מעקסיקא“ ענדליך אריינגעדאמפפט אין די וואסערען פון דזשעמייקא.

די זונן האט געגליהט און געברענט מיט אזא שוואכקייט אז עס איז געווען אונמעגליך מיט'ן נעקסטען אויג צו קוקען אין דער ווייטקייט.

דער מאטראז וועלכער איז געשטאנען אויפ'ן וואך־טהורם האט געמעלדעט אז ער זעהט א זעגעל שיף, און דארלאנדא האט געגעבען א בעפעהל צו פאהרען אנטקעגען.

ווען זיי זיינען צוגעקומען א ביסעל נעהענטער האבען זיי געזעהן אז דאס איז ניט קיין זעגעל־שיף נאר א דאמפף־יאכט, וועלכע האט זיך אויסער דעם דאמפף אויך מיט צוויי זעגעל בעדיענט.

דאקטאר מארגאן איז געזעסען אין זיין ביידעל און ד'ארלאנדא איז געשטאנען נעבען איהם.

— א טייפלישעס וואסער־שפיעלכען! —האט ד'ארלאנדא געזאגט—עס פליהט מיט א געשווינדקייט, וועלכע איך וואלט מיר קיינמאל ניט פארגעשטעלט.

זיי זיינען צוגעגאנגען צום פארענטש פון'ם דעק אום די יאכט בעסער צו בעטראכטען.

— אך, דאס איז א אינטערעסאנטע יאכט! —האט דער קאפיטאן אויסגערופען.

און ער איז אוועק פון דאקטאר מארגאן און געהייסען געבען א, סיגנאל אויפצופאדערען די יאכט זיך אפצושטעלען.

די יאכט האט זיך אפגעשטעלט און ווען די שיף איז צוגעקומען גאנץ נאהענט צו איהר ברעג, האט דאקטאר מארגאן, בליקענדיג דורך זיין שפאקטיוו, ארויסגעלאזט א אויסגעשריי פון איבערראשונג.

— מיין גאט! וואס זעה איך?— האט ער געזאגט צו זיך אליין. און ער איז צוגעלאפען צום קאפיטאן און איהם געזאגט אז די יאכט בעלאנגט צו איינעם פון זיינע בעסטע פריינד, וועלכער איז גראד אזוי פעראינטערעסירט אין דעם געפאנגענעם אויף עדווארד האק'ס שיף ווי ער אליין.

— לויט דעם אויפשריפט בעלאנגט די יאכט צו איינעם א מיסטער ווארד — האט דער קאפיטאן געזאגט קוקענדיג מיט פערזשמורטע אויגען צו דער יאכט.

— יא, יא—האט דאקטאר מארגאן געזאגט — איך האב איבערגעלעזען די אויפשריפט „פריוואט־יאכט פון וויליאם ראלף ווארד“. דיזער מיסטער ווארד האט פערבראכט א פאאר וואכען אין דער געגענד פון הערמאסילא, און דער פערשוואונדענער אינסורעקטא איז געווען זיין לייב־וועכטער. איך מוז אייך נאך פערטרויען אז מיסטער ווארד'ס

טאכטער איז פערליעבט אין דעם אינסורעקטא מיט דעם גאנצען פייער פון א קאליפארניער מיידעל. קאן מען ניט אנפרעגען אויב מיסטער ווארד איז אויף דער יאכט ?

— גאנץ זיכער קאן מען.

די שיף האט זיך שוין געהאלטען אין אפשטעלען און איז געווען אונגעפעהר דרייסיג יארד פון דער יאכט, און צולעגענדיג די הענט צום מויל ווי א טרובע האט ד׳ארלאנדא אויסגעשריען :

— איז מיסטער ווארד אליין אויף דער יאכט ?

— יא — איז געקומען אן ענטפער.

— קאן מיסטער ווארד אזוי גוט זיין און ארויפקומען צו אונז ?

— מיסטער ווארד איז אין גרויסער איילע. ער קאן קיין איין איבריגע מינוט ניט פערליערען.

— זאגט איהם אז דאקטאר מארגאן פון מערידא איז אויף דער שיף— האט מארגאן געזאגט צום קאפיטאן.

דער קאפיטאן האט איבערגעגעבען דער יאכט וואס מארגאן האט איהם געהייסען. און באלד איז געקומען דער ענטפער אז מיסטער ווארד וועט בעשטייגען די שיף.

א קליין שיפעלע האט זיך אראפגעלאזט פון דער יאכט און זיך געלאזט אין דער ריכטונג פון „מעקסיקא׳ס שטאלץ“.

— אך, דאס איז דאך מיסטער ווארד אין דעם שיפעלע! —האט דאקטאר מארגאן אויסגערופען דערפרעהט ווען דאס שיפעל איז אפגעגאנגען אנטקעגען א צעהן יארד פון דער יאכט.

מיסטער ווארד האט אויך דערקענט דאקטאר מארגאן און ביידע האבען אנגעהויבען דרעהען מיט זייערע הענטס אין דער לופטען. באלד איז דאס שיפעל צוגעקומען צום „גאנג“, וועלכער איז אראפגעלאזט געווארען פון דער שיף און אין דער נעקסטער מינוט האבען זיך מיסטער ווארד און דאקטאר מארגאן ווארים געדריקט די הענט.

— ווי קומט איהר אין דיזען עק וועלט ? —האט ווארד זיך געוואונדערט

— איך האב געמיינט איהר וועט נאך גאנץ לאנג מוזען בלייבען ביי סענאר ליאבא. ווען זיינט איהר אוועקגעפאהרען פון מערידא ?

דאקטאר מארגאן האט אין קורצען איבערגעגעבען מיסטער ווארד׳ן אלעס וואס עס האט פאסירט אין מערידא זייט ער איז אוועקגעפאהרען און דעם צוועק פון זיין רייזע.

מיסטער ווארד איז געווען ערשטוינט פון אלעס וואס ער האט געהערט און הערמאנאס׳עס שיקזאל האט איהם שטארק פערקלעמט ביים הארצען.

— איך גלויב ניט אז אזעלכעס וואלט געקענט פארקומען אין די פעראייניגטע שטאאטען — האט ווארד געזאגט — איינפאכער מענשען רויב! שקלאפען־האנדעל !

ווארד האט איבערגעגעבען דאקטאר מארגאן אז ער פאהרט אויף זיין יאכט צום גאווערנאר פון דזשעמייקא אין א וויכטיגער מיסיאן פון דער רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאאטען. דאס וואס ער פאהרט אין דער יאכט איז נאר אום ניט צו ציהען קיין אויפמערקזאמקייט. עס זאל הייסען פאר דער וועלט אז דאס איז נאר א לוסט־רייזע.

— דיינקט איהר אז איך קען אייך בעהילפיג זיין ? —ווי איהר זאגט מיר ערווארטעט איהר א ווארע שלאכט מיט דעם ים־רויבער. איך האב אויף מיין יאכט א גאנץ גרויסע מאנשאפט און א היבש ביסעל געוועהר.

— דאס דארף איך פרעגען מיין קאפיטאן.

דאקטאר מארגאן האט צוגערופען ד׳ארלאנדאן, און נאכדעם ווי ער האט איהם פארגעשטעלט מיסטער ווארד׳ן, האט ער איהם איבערגעגעבען מיסטער ווארד׳ס פארשלאג איהם צושטעלען צו דיענסט זיין יאכט.

— דאס קען געוויס ניט שאדען — האט ד׳ארלאנדא געזאגט — מיר וועלען מערפאלגען „דעם אדלער“ פון צוויי זייטען. עס וועט זיין לייכטער איהם אפצוזוכען און עס וועט אונז פיעללייכט גע־

לינגען אזוי איהם צו פערשפארען אז ער וועט זיך אונטערגעבען אהן א שלאכט.. נאטירליך וויל איך אויסמיידען בלוט־פערגיסונג ווען דאס איז נאר מעגליך. אבער זאגט מיר, מיסטער ווארד, האט איהר פיעללייכט באגעגענט ערגיץ „דעם אדלער" ?

— איך האב ניט געשיינקט קיין אויפמערקזאמקייט די שיפען וואס מיר האבען באגעגענט, אבער מיין קאפיטאן ווייסט געוויס אויב מיר האבען איהם באגעגענט.

ד'ארלאנדא האט אויסגערופען צו דער יאכט אז מיסטער ווארד בעט דעם קאפיטאן צו זיך אויף דער שיף, און באלד האט א שיפעלע צוגעפיהרט דעם קאפיטאן צו „מעקסיקא'ס שטאלץ".

ווען ד'ארלאנדא האט אויסגעמאהלען דעם קאפיטאן דאס אויסזעהן פון „דעם ארלער" האט דער קאפיטאן געזאגט מיט א זיכערען טאן אז אזא שיף געפינט זיך איצט הינטער דעם „פעדרא־באנק".

— איהר זיינט זיכער ?

— איך וועל אייך זאגאר אויסמאהלען דאס אויסזעהן פון'ם קאפיטאן.

און דער אפיציער פון דער יאכט האט אפגעמאהלט א ריכטיג בילד פון קעפטען עדווארד האק .

— אין אזא פאל וועט ער אדיין ווי א ראט אין א פאסטקע — האט ד'ארלאנדא געזאגט — פאהרט איהר שטייערבארד (פאראויס) און מיר וועלען פאהרען באקבארד (צוריק) און מיר האבען איהם אין מיטען. אבער שנעל, קאפיטאן! קיין סעקונדע טאהר ניט געהן פערלארען. איין ווארט בלויז — האט ד'ארלאנדא געזאגט צום קאפיטאן, וועלכער האט זיך שוין געלאזט געהן איבער'ן „גאנג" צו זיין שיפעל — ווען מיר פערשפארען איהם הינטער דעם "פעדרא באנק" אויב ער גיט זיך ניט אונטער ביי מיין ערשטער אויפפאדערונג, זאלט איהר גלייך לאזען פייער. אבער ציעלט נאר אין אויבערשטען טהייל פון דער שיף, ווארום דער געפאנגענער איז געווים אונטען אין צווישען דעק, אדער נאך נידריגער.

מיסטער ווארד איז געבליבען אויף דער שיף, אום זיך נאכצופרעגען וועגען זיין טאכטער און צו הערען אללע איינצעלהייטען פון די פאסירונגען זייט ער האט פערלאזען מערידא.

ביידע שיפען האבען גלייך אנגעפאנגען אויסצופיהרען זייער פלאן. די יאכט האט זיך אוועקגעלאזט שטייערבארד און די שיף באק־בארד, און ביידע האבען זיך געשניטען צו דער ים־צונג, וועלכע טראגט דעם נאמען "די פעדרא־באנק".

קוים ווערט „דער אדלער" פערשפארט פון ביידע זייטען הינטער דער „פעדרא־באנק" קען ער ניט אנטלויפען, סיידען אין דער געפעהרליכער ים־צונג, און דאס מיינט דער אונטערגאנג פון דער שיף.

ד'ארלאנדא האט געגעבען דעם בעפעהל צו טרייבען די שיף מיט פוללען דאמפף צו דעם "פעדרא באנק". אין פערלויף פון א האלבער שטונדע האט ד'ארלאנדא געזעהן פאר זיך עדווארד האק'ס „ארלער".

ער האט ארויסגעלאזט א געלעכטער, האט ארויסגעכאפט א זעע־קארטע און אפגעזוכט א געוויסען פונקט לעבען וועלכען ער האט געמאכט א צייכען מיט זיין בליישטיפט, און געזאגט צו דאקטאר מארגאן :

— איהר זעהט דאס מולטערל דארט ווייט ?

— יא, איך זעה עפעס, וועלכעס איז עהנליך צו א שיף.

— דאס איז „דער אדלער", אין צעהן מינוט זיינען מיר נאהענט גענוג צו קענען שיסען אויף איהם. באלד וועט די יאכט איהם פערשפארען דעם וועג פון פארענט, און ער וועט זיך געפינען ווי א ראט אין א פאסטקע.

כא־כא־כא! — האט ד'ארלאנדא זיך צולאכט — עדווארד האק וועט האבען א געשמאקען דינער!...קומט און נעהמט אייער ביקס.

— מיר מוזען אבער פארזיכטיג זיין ניט צו שיסען אונטער דער וואסער־ליניע—האט דאקטאר מארגאן געזאגט געהענדיג מיט'ן קאפיטאן צום וואפען־

לאגער — דער געפאנגענער איז געוויס איינגעשפארט ערגעץ אין די אונטערשטע דעק.

— גאנץ נאטירליך — האט ד'ארלאנדא געזאגט — איך האב שוין זאגאר דעם קאפיטאן פון דער יאכט אויף דעם אויפמערקזאם געמאכט.

די יאכט האט זיך אויך באלד בעוויזען. זי איז געגאנגען אנטקעגען „דעם אדלער“.

דאנן האט די יאכט זיך אפגעקירעוועט א ביסעל אן א זייט, אזוי ווי צו מאכען א וועג פאר'ן „אדלער“. און ווי די יאכט האט זיך אויסגעדרעהט מיט דעם „בראדסייד“ צום אדלער האט זיך דערהערט א קראך ווי א דונער. דאס האט מען פון דער יאכט אפגעפייערט אויף'ן אדלער אן אמת'ע הארמאטענקוגעל פון דער קאנאנע וואס מען פייערט געוועהנליך נאר אין א נויטהפאל, און אין נעקסטען אויגענבליק האט מען פון דעק פון „שטאלץ פון מעקסיקא“ בעמערקט א שרעקליכע טומלענים אויף דעם אדלער. די קוגעל האט איינגעשלאגען אין דעם אויבערשטען בוי־ווערק פון „אדלער“ און אנגעמאכט פערוויסטונג.

דיזער פלעצליכער „שלום עליכם“ האט ארויפגעווארפען א טויט־שרעק אויף דער מאנשאפט פון „אדלער“ און אלע מאטראזען און אפיציערען זיינען ארויף צום דעק. עדוואורד האק אויך צווישען זיי.

— די ביקסען! — האט האק אויסגעדונערט.

— איהר הערט? — האט ד'ארלאנדא געזאגט צו דאקטאר מארגאן — פון אונטערגעבען זיך וויל דער שורקע גאר ניט דיינקען. פייער! האט ד'ארלאנדא געגעבען א קאמאנדא, און עס האט גענומען האגלען מיט קוילען אויף דער רויבער־שיף פון פארענט און פון הינטען.

פינף מענשען פון דער רויבער שיף זיינען גלייך געפאלען, און צווישען זיי איז געווען דער קאפיטאן עדוואורד האק.

— איהר האט געזעהן דעם בער מיט דער שווארצער בארד? — האט ד'ארלאנדא געזאגט צו דאקטאר מארגאן.

— דער, וועלכער איז געפאלען צוזאמען מיט די פיער אנדערע?

— יא. דאס איז דער פיראט עדוואורד האק. ער איז געפאלען פון מיין קויל. איך האב איהם ניט געטויטעט, ווי מיר שיינט, נאר שווער פערוואונדעט, דען איך קען זעהן ווי ער בעוועגט זיך. ער וועט אונז נאך מוזען ארויסגעבען זיינע פערבינדעטע אין מערידא.

רעדענדיג האבען זיי אבער ניט אויפגעהערט שיסען. פון דער פיראטען־שיף האט מען איצט אנגעהויבען צוריקצושיסען. אבער די מאנשאפט דארט איז געווען אזוי צוטומעלט פון דעם פלוצליכען איבערפאל און פון דעם וואס זיי האבען געזעהן זייער קאפיטאן און פיער אפיציערען פאלען, אז קיין איינציגער שאס איז ניט געווען גוט געציעלט. און ווען די לעצטע דריי אפיציערען פון'ם "אדלער" זיינען געפאלען, האבען די מאטראזען אוועקגעווארפען די ביקסען און גענומען שרייען אז זיי גיבען זיך אונטער.

ווערענד פון ד'ארלאנדא'ס שיף איז געשאסען געווארען אויף די מענשען, האט דער קאפיטאן פון דער יאכט געהאלטען אין איין לאזען פייער אויף די אויבערשטע טהיילען פון דער שיף, און ביי דער צייט וואס די מאטראזען האבען אנגעהויבען בעטען גנאדע זיינען שוין אלע מאסטבוימער און זעגלען און קוימענס געווען איבערגעבראכען, און די שיף איז געווען א פאלשטענדיגע רואינע.

— איהר האט אבגעטהאן א פיין שטיקעל ארבייט! — האט ד'ארלאנדא צוגעשריען צום קאפיטאן פון דער יאכט — בראווא!

— און איהר האט אוועקגעלעגט אלע אפיציערען און דעם קאפיטאן — איז צוריקגעקומען פון דער יאכט — וואס דיינקט איהר צו טהאן מיט די מאטראזען?

— איך וועל זיי הייסען אריבערגעהן אויף מיין שיף.

און ד'ארלאנדא האט בעפוילען די מאטראזען זיי זאלען אראבלאזען זייערע

קליינע שיפלעך און ארויפגעהן אויף זיין שיף.

די מאטראזען האבען אראבגעלאזט 8 שיפלעך און עס האט אויסגעזעהן אז זיי ווילען ערפילען ד'ארלאנדא'ס בעפעהל אבער אנשטאט צו געהן צו דער שיף האבען זיי גענומען רודערן מיט דער גאנצער קראפט אין דער ריכטונג פון דזשעמייקא, וואו עס האט זיך געזעהן לאנד.

—אה, דאס וועט ניט געהן! — האט ד'ארלאנדא אויסגערופען, און ער האט געגעבען א בעפעהל זיי נאכצויאגען.

זיין שיף איז באלד געווען הינטער איינער פון די שיפלאך און ד'ארלאנדא האט בעפוילען די מאטראזען זיך אבצושטעלען אויב זיי ווילען ניט אלע דערשאסען ווערען.

דאס שיפעל האט זיך אבגעשטעלט.

—האט איהר מיטגענומען דעם געפאנגענעם? — האט דאקטאר מארגאן געפרעגט די מאטראזען.

— מיר האבען קיינעם ניט מיטגענומען. איהר קענט אראפגעהן און זעהן — איז געקומען דער ענטפער.

די אנדערע צוויי שיפלעך אבער זיינען אנטרונען. דען זיי האבען זיך גענומען אין פערשיעדענע ריכטונגען און עס איז ניט מעגליך געווען צו יאגען אלע מיט אמאהל. אויך האט ד'ארלאנדא ניט שטארק חשק געהאט צו חאפען די מאטראזען, און מען האט זיי געלאזט געהן.

ד'ארלאנדא, דאקטאר מארגאן, וואָרד און דער קאפיטאן פון דער יאכט זיינען ארויף אויף'ן "אדלער".

זיי האבען געפונען אויף'ן דעק די לייכען פון די אפיציערען, אבער דער פערוואונדעטער קאפיטאן האט געפעהלט.

— וואו קען ער זיין? — האבען דאקטאר מארגאן און וואָרד געפרעגט.

— וואהרשיינליך האבען די מאטראזען איהם מיטגענומען — האט ד'ארלאנדא גערעכענט — זאל ער געהן צום טייפעל!

זיי האבען זיך גענומען דורכזוכען די שיף. אלעם איז געווען קלאהר אז דאס איז א שיף פון ים רויבער. (דאס האט אבער איצט קיינעם ניט געקימערט. די

הויפט אויפגאבע איז געווען אפצוזוכען דעם געפאנגענעם הערמאנאס.

דאקטאר מארגאן האט אנגעצונדען א לאמטערן און ער און ד'ארלאנדא זיינען ארויפגעגאנגען אין צווישען-דעק. זיי האבען דורכגעזוכט אללע קאמערלאך און קיינעם ניט געפונען, און זיינען ארונטער געגאנגען צו דער אונטערשטער דעק, וואו דער "באללאסט" ליעגט.

זיי האבען באלד בעמערקט דעם גרוב אין דער זאמד, אבער איידער זיי זיינען נאך צוגעקומען צום גרוב האבען זיי דער הערט א קלאנג פון קעטען און א שוואכע שטימע האט געפרעגט:

— ווער איז דארט?

דאס איז געווען א שטימע ווי פון א קבר, און דאקטאר מארגאן און ד'ארלאנדא זיינען געבליבען שטעהן דערשראקענע אויף זייערע ערטער.

— ווער איז דארט?—איז די שטימע פון'ם גרוב ווידערהאלט געווארען.

— סענאר הערמאנאס! — האט דאקטאר מארגאן געזאגט — זייט רוהיג, עס קומען פריינדע.

— וואס פאר א שטימע הער איך?—איז ווידער געקומען פון'ם גרוב—איז עס ווירקליכקייט, אדער עס ווייזט זיך מיר נאר אויס?

ביי די ווערטער האט א קאפ זיך ארויסגעהויבען פון'ם גרוב, און צוויי גרויסע אויגען, טיעף אריין אין די לעכער, האבען אנגעקוקט די צוויי מענער.

— ווער זיינט איהר?—האט ער געפרעגט.

דאקטאר מארגאן און ד'ארלאנדא זיינען שוין געווען נעבען איהם, אבער ער האט זייערע געזיכטער ניט געקענט זעהן, ווארום אין דעם קעללער, אדער "קיעל רוים" ווי די אונטערשטע דעק פון א שיף הייסט, איז געווען שטארק פינסטער און דאקטאר מארגאן האט געהאלטען דעם לאנטערן ביי דער ערד, אום צו קענען גוט בעטראכטען דאס געזיכט פון דעם אונגליקליכען געפאנגענעם.

דאקטאר מארגאן האט אויפגעהויבען דעם לאנטערן אין דער הויך

— אה, מיין גאט!—האט דער געפאנגענער אויסגערופען—דאקטאר מארגאן?

ער האָט מעהר ניט געקענט ריידען, און פאַר איבערראַשונג און פרייד איז ער צוריקגעפאַלען אין זיין גרוב און געבליבען בעוואוסטלאָז.

ד'אַרלאַנדאַ האָט ארויסגענומען פון זיין בוזים-קעשענע אַ שטאָהלען זעגעל און איבערגעזעגט די קעטטען אויף הערמאַנאַסעס הענט. דאַן האָבען זיי איהם ארויסגעהויבען פון'ם גרוב און ארויפגעטראָגען אויף דעם אויבערשטען דעק.

אונטערדעסען איז הערמאַנאַס צו זיך געקומען און געעפענט די אויגען.

— איז דאָ ניט קיין טרוים — האָט ער געזאָגט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ.

— דאָקטאָר מאָרגאַן ?....נאַרען מיך ניט מיינע אויגען?..אַך!—האָט ער אויסגערופען אראָפּקוקענדיג אויף זיינע הענט — איך בין מעהר ניט געשמידט אין קעטטען?..ווי איז דאָס אַללעס געשעהן?

— דאָס וועט מען אייך באַלד ערצעהלען. אָבער דערקענט איהר דיעזען סענאָר ?—האָט דאָקטאָר מאָרגאַן געזאָגט אָנווייזענדיג אויף מיסטער וואָרד, וועלכער איז צוגעקומען פון'ם הינטער באָרד.

— מיסטער וואָרד?!—האָט הערמאַנאָס אויסגערופען — גאָט מיינער!— וואָס איז דאָ געשעהן?....און די שיף איז אין גאַנצייז צושאָסען — האָט ער געזאָגט זיך ארומקוקענדיג — איך האָב געהערט אַ שיסעריי, אָבער איך האָב ניט געוואוסט וואָס דיזעס בעטייט? איהר האָט געהאַט אַ וואָהרע שלאַכט מיט די באַנדיטען.....

— איהר וועט אַללעס ערפאָהרען — האָט דאָקטאָר מאָרגאַן געזאָגט — אָבער דאָס ערשטע קומט אריין מיט מיר אין קאַפּיטאַנ'ס קאַיוטע און טהוט אייך איבער. אייערע קליידער זיינען נאַס און צופוילט.

ער האָט איהם אריינגעפיהרט אין קאַפּיטאַנ'ס קאַיוטע און איהם געהייסען אראָפּוואַרפען פון זיך אַללעס וואָס ער האָט געהאַט אויפ'ן לייב. אליין איז ער אריבערגעגאַנגען אויף זיין שיף און צוריק געקומען מיט דעם מאַטראַז וועלכער האָט געטראָגען וועש און קליידער און אַ פלאַש אַלקאָהאָל.

דאָקטאָר מאָרגאַן האָט אָנגעזאָגט דעם מאַטראָז ער זאָל הערמאַנאָס'ן דאָס גאַנצע לייב גוט אָנרייבען מיט אַלקאָהאָל און בלייבען מיט איהם ביז ער וועט זיך אָנטאָהן. אין פאַל ער וועט ניט גוט פיהלען זאָל ער איהם, דאָקטאָר מאָרגאַנ'ען, אריינרופען.

— איצט מעגען מיר זיך גראַטולירען! האָט ד'אַרלאַנדאַ אויסגערופען און געדריקט די הענד פון דאָקטאָר מאָרגאַן און מיסטער וואָרד און דעם קאַפּיטאַן פון דער יאַכט — איין זאַך נאָר טהוט מיר באַנג, וואָס דער פערדאַמטער עדוואַרד האַק איז אונטער די הענד פערשוואונדען געוואָרען. אויב ער וועט ניט קראַפּירען פון די וואונדען וועט ער זיך מיט אַללעמען נאָך אָפּרעכענען, ער איז אַ טייפעל, אַ וואָהרער טייפעל.

— לוינט זיך ניט צו צושיקען אַ פּאָאר שיפלעך צו דעם ברעג וואו זיינע מאַטראָזען האָבען צוגערודערט?—האָט דער קאַפּיטאַן פון דער יאַכט געזאָגט.

— איהר האָט רעכט — האָט ד'אַרלאַנדאַ צוגעשטימט — קומט מיט מיר.

און ד'אַרלאַנדאַ און דער קאַפּיטאַן פון דער יאַכט זיינען אריבערגעגאַנגען אויף "מעקסיקאַס שטאָלץ", פון וואַנען זיי האָבען אָוועקגעשיקט עטליכע שיפלעך מיט מאַטראָזען צו דעם ברעג, וועלכע די מאַטראָזען פון "אדלער" זיינען צוגעשוואומען.

מיסטער וואָרד און דאָקטאָר מאָרגאַן האָבען דערווייל אָפּגעהאַלטען אַ בעראַטהונג וועגען זייערע ווייטערע בעוועגונגען, און עס איז ביי זיי געבליבען אַז אזוי ווי מיכטער וואָרד מוז פאָהרען נאָך קינגסטאָן, די הויפּט-שטאָדט פון דזשעמייקא, און הערמאַנאָס איז ניט גענוג שטאַרק צו מאַכען אַ לאַנגע רייזע איבערן וואַסער, זאָל דאָקטאָר מאָרגאַן און הערמאַנאָס פאָהרען צוזאַמען מיט וואָרד'ן נאָך קינגסטאָן, וועלכע שטאָדט איז אין גאַנצען איין טאָג רייזע פון דעם פונקט וואו זיי האָבען זיך געפונען. דאָרט האָט מר. וואָרד ערוואַרטעט צו טרעפען בריעף פון זיין טאָכטער — וועלען זיי וויסען וואָס עס טהוט זיך אין מערידאַ און אין דער גאַנצער געגענד, און דאַן וועט הערמאַנאָס קענען בעשליסען אויב ער זאָל גלייך צוריק פאָהרען צו מאָדעראָ'ן, אָדער

פיעלליכט זיך האלטען פון ווייטען פון דער געגענד וואו ער האט אזעלכע בלוטיגע פיינד.

הערמאנאס איז ארויסגעקומען, ארומגעוואשען און איבערגעטהאן.

איצט האט מען ערשט געקענט קלאהר זעהן וואס פאר א שרעקליכע ווירקונג אלעס וואס ער האט די אכט טעג איבערגעלעבט, האט געהאט אויף איהם.

ער האט אויסגעזעהן ווי א סקעלעט. זיין געזיכט איז געווען בלאס, אהן א טראפען בלוט, די אויגען טיעף געזונקען אין די לעכער, און די האאר, וועלכע זיינען ערשט מיט א וואך צוריק געווען פעך־שווארץ, זיינען ערטערווייז געיוען גרוי.

דאקטאר מארגאן האט איהם אייניגע סעקונדען בעטראכט, דאן האט ער געזאגט אז ער מוז מיט איהם אריינגעהן אין קאיוטע אום איהם צו געבען א טיכטיגע אונטערזוכונג.

זיי זיינען אריבערגעגאנגען אויף ד׳ארלאנדא׳ס שיף און זיך געזעצט ביי א טיש אויפ׳ן דעק, וועלכער איז געווען געגרייט צו דינער.

— אבער וואס איך קען ניט בעגרייפען — האט דאקטאר מארגאן געענדיגט — איז וואס האבען די באנדיטען, קאספארע און אלבערטא, צו אייך?

— וועגען דעם האב איך מיט אייך וואס צו ריידען — האט הערמאנאס געזאגט — אבער דאס מוזען מיר אבלייגען אויף שפעטער. אבער זייט אזוי גוט און זאגט מיר וואס מאכען אלע אין סעניאר ליאבא׳ס הויז?

ער האט געוואלט זאגען: וואס מאכט ליליען? אבער ער האט ניט געוואגט צו ווייזען פיר מיסטער וואַרד׳ן אז ער אינטערעסירט זיך מיט איהר אזוי שטארק.

דאקטאר מארגאן האט גאנץ גוט געוואוסט וואס עס קומט פאר ביי הערמאנאס׳ן אין די געדאנקען. אבער ער האט אויך ניט געוואלט ריידען פון הערמאנאס׳עס בעציהונגען צו ליליאן אין דער אנוועזענהייט פון איהר פאטער. ניט צוזאמענגערייערנדיג זיך האבען ביידע בעשלאסען אז די ליעבע צווישען דעם אינ־

סורעקטא און מיס וואַרד מוז בלייבען א געהיימניס פאר מיסטער וואַרד ביז זי אליין וועט עס פאר איהם ענטדעקען.

דאן האט מיסטער וואַרד איהם געזאגט וועגען זיין וואונש אז ער צוזאמען מיט דאקטאר מארגאן זאלען איהם בעגלייטען אויף זיין יאכט נאך קינגסטאן.

— דאס איז זעהר נויטיג — האט דאקטאר מארגאן געזאגט — אין קינגסטאן וועט איהר זיך א ביסעל אויסרוהען און קריגען פרישע קראפט פאר דער לאנגער רייזע וואס עס שטעהט אונז פאר.

—איהר זיינט מיין רעטונגס־ענגעל — האט הערמאנאס געזאגט — אייער מינדעסטער פערלאנג איז ביי מיר א הייליג געבאט.

— ווי איך זעה הייסט איהר מיר שוין געהן צו אלע טייפלען — האט ד׳ארלאנדא געשמייכעלט.

— מיר הייסען אייך געהן מיט גאט — האט דאקטאר מארגאן געזאגט — איהר זיינט דער אמת׳ער רעטונגס־ענגעל. אהן אייך וואלטען מיר גאר ניט געקענט אויפטהאן. איך האף אז מיר פערבלייבען פריינד אויפ׳ן גאנצען לעבען. ווען איהר וועט זיין אין סאן פראנציסקא, קאפיטאן, קומט אריין צו מיר אין הויז. דא איז מיין קארטע און איצט מוז איך אייך נאך עפעס געבען.

די מאטראזען וועלכע זיינען געשיקט געווארען צום ברעג וואו האק׳ס מאטראזען האבען געלאנדעט זיינען איצט צוריקגעקומען.

זיי האבען מיטגעטהיילט אז זיי האבען די מאטראזען שוין ביים ברעג ניט געפונען, און אזוי ווי קיין מענש און קיין וואהנונג פון א מענשען געפינט זיך ניט אויף דעם ברעג אזוי ווייט ווי דאס אויג קאן זעהן, האבען זיי גאר ניט געקענט אויסגעפינען.

— אויב עדוואַרד האק איז ניט טויט —האט הערמאנאס געזאגט — וואלט איך איהם נאך א מאל געוואלט באגעגנען.

און ער האט דערצעהלט די שרעקען און גרויליכקייטען וואס ער האט איבער־

געלעבט אין די וואכען פון זיין געפאנגענשאפט.

— גאט מיינער! — האט ער גענענדיגט — קען מען דאס זיך פארשטעלען אז אין דער היינטיגער צייט זאל אזעלכעס געשעהן!

— ווען איהר רעדט פון דער היינטיגער צייט — האט ד'ארלאנדא געזאגט — האט איהר אין זינען די ציוויליזירטע לענדער. איהר האט אבער גאר קיין בעגריף ניט וואס עס טהוט זיך אפ אויפ'ן ים און אויף די פערווארפענע אינזלען. עס זיינען דא ים־רויבער היינט פונקט ווי מיט הונדערטע יאהרען צוריק, און מענשען ווערען פערקויפט צו ווילדע יעדען טאג.

ווארד, דאקטאר מארגאן, הערמאנאס און דער קאפיטאן פון מיסטער ווארד'ס יאכט האבען זיך געזעגענט מיט ד'ארלאנדא'ן און מיט זיינע אפיציערען און מאטראזען און אריבערגעגאנגען אויף דער יאכט.

— נאך קינגסטאן, אלזא? — האט דער קאפיטאן געפרעגט מיסטער ווארד'ן.

— נאך קינגסטאן.

און די יאכט האט גענומען געהן אין דער ריכטונג פון דעם אינזעל דזשעמייקא.

פיערצעהנטעס קאפיטאל.

דער חורבן אין מערידא.

פון די שרעקליכע לאנגע וואכען וואס הערמאנאס האט צוגעבראכט אלס געפאנגענער אין דעם שמוטץ פון דעם אונטערשטען דעק פון דעם "אדלער", איז זיין געזונדהייט געוועזען אזוי געבראכען, דאס ער האט זיך געפונען אין א זעהר קריטישען צושטאנד. עס האט אויסגעוויזען דאס די אויסזיכטען אויף בלייבען לעבען זיינען פאר איהם גאנץ קליין. ערשט נאכדעם ווי ער איז ארויסגעבראכט געווארען צוריק אויף דער ליכטיגער וועלט איז געקומען דער קריזיס. עס איז געוועזען קלאר צו דר. מארגאן ווי אויך צו מר. ווארד, דאס נאר דורך זארגפעלטיגע פפלעגע, גוטע מעדיצינישע הילפע, און רוהע, קען מען האפען פיעלייכט איהם צו ברייננען צו זיך.

דאס ערשטע וואס דר. מארגאן האט געטהאן איז געוועזען צו בעזארגען פיר דעם קראנקען הערמאנאס א פאאר בעקוועמע צימערן אין א שטילען רוהיגען האטעל, וואס איז געוועזען בעקאנט אין קינגסטאן אלס האטעל "ענגלאנד" און אין דעמזעלבינגען האטעל האט אויך דר. מארגאן און מיסטער ווארד גענומען אן אפארטמענט. אן ענגלישע נוירס איז בעשטעלט געווארען פאר'ן קראנקען, און דר. מארגען האט איהם פערזענליך געגעבען די מעדיצינישע בעהאנדלונג.

דעמזעלבינגען טאג האט דאקטאר מארגאן אבגעשיקט א קייבעל־דעפעשע צו ראזעטא מיטטהיילענדיג איהר אלעס וואס עס האט פאסירט, פון הערמאנאס' רעטונג און פון זיין צושטאנד, און א צווייטע דעפעשע האט ער אבגעשיקט מיט דעמזעלבינגען אינהאלט צו א פריינר אין דאגלאס, אריזאנא, ביי דער מעקסיקאנישער גרעניץ, מיט דער ביטע עס איבערצוגעבען צו פראנציסקא מאדערא, דעם פיהרער פון דער רעוואלוציאן.

מיסטער ווארד האט זיך דעמזעלבינגען נאכמיטאג בעגעבען צום יונייטער סטייטס קאנסולאט פון דזשעמייקא, וואו ער האט געהאט צו בעזארגען געוויסע בעשטעלונגען און וואו עס האבען איהם ערווארטעט אינסטרוקציאנען פון וואשינגטאן און א בריעף פון סאן פראנציסקא.

דער ערשטער בריעף וואס איז איהם אריינגעפאלען אין האנד איז געוועזען אדרעסירט צו איהם אין דער האנדשריפט פון זיין טאכטער ליליאן וועלכע ער האט תיכף דערקענט, און האט געטראגען דעם פאסט־זיגעל סאן־פראנציסקא. דאס האט איהם איבערראשט.

— וואס? ליליאן אין סאן פראנציסקא! — האט ער אויסגערופען האלב ערשראקען.

ער האט זי געהאט איבערגעלאזען אין מערידא, מעקסיקא, מיט דעם אבמאך זי זאל דארט פערבלייבען ביז ער קומט צוריק, און האט ניט געקענט בעגרייפען ווארום זי האט מערידא אזוי שנעל פערלאזען.

מיט א נערוועזער האנד האט ער אויפגעריסען דעם בריעף און האט געלעזען פאלגענדעס:

"סאן פראנציסקא, יולי 10, 1910.

ליעבער טהייערער פאפא — דו וועסט געוויס זיין איבערראשט צו ערהאלטען דיעזען בריעף פון מיר אויס סאן־פראנציסקא נאכדעם ווי דו האסט מיך צוריקגעלאזען אזוי גליקליך און בעקוועם אין מערידא ביי מיין גוטער ראזעטא. אבער א שרעקליכע איבערקעהרעניס איז געשעהן אין מערידא באלד נאך דיין אוועקפאהרען. ערשטענס איז דער ליעבער יונגער הערמאנאס פערשוואונדען געווארען. און ווי מיר האבען דא ערפאהרען איז ער פערנארט געווארען פון שלעכטע מענשען צו א שיף אין אדעירבעי, און מעהר האט מען פון איהם ניט געהערט. איך קען דיר אזוי פיעל ניט ארויסזאגען, ליעבער פאטער, ווי אונגליקליך דאס האט מיך געמאכט, ווען ער איז א ליעבער גוטער געטרייער מענש, און אזוי עלענד!

און עטליכע טעג דערנאך האט זיך אנגעהויבען הערען, דאס מעקסיקאנישע סאלדאטען אונטער גענעראל עספעראנזא געהען אויף הערמאסילא און מערידא און א שלאכט ווערט ערווארטעט. די געגענד האט אנגעהויבען ווערען אונזיכער און מיין ליעבע ראזעטא און סעניאר ליאבא האבען דורכאויס פערלאנגט איך זאל פאהרען אהיים, פון זיכערהייטוועגען. איך האב געבעטען ראזעטא זאל מיטפאהרען מיט מיר קיין סאן־פראנציסקא, אבער ראזעטא האט געענטפערט, דאס איהר פליכט איז צו בלייבען ביי דער זייט פון איהר פאטער.

איך בין אבגעפאהרען נאך סאן־פראנציסקא, און זייט דאן האב איך פון זיי ניט געהערט. דאס מאכט מיך שרעקליך אונרוהיג. איך האב מורא אז זיי זאל ניט זיין עטוואס בייזעס געשעהן דורך עספעראנזא מיט זיינע סאלדאטען.

וואס עס האט פאסירט ביי דער שלאכט צווישען די פעדעראל סאלדאטען און מאדערא'ס לייטע וועסטו לעזען פון די צייטונגען וועלכע איך שיק דיר ארויס. אבער איך וויל דיך בעטען, ליעבער פאפא, דו זאלסט אנווענדען דיין איינפלוס מיט פרעזידענט טאפט און טהאן עטוואס צו געפינען דעם אונגליקליכען הערמאנאס. דו ביזט עס איהם שולדיג, ער האט דיר אזוי טריי געדיענט, און טהו עס אויך פון מיינטוועגען, ווען ער איז מיר אזוי ליעב געווארען אין דער צייט וואס ער איז געוועזען מיט אונז.

ערווארטענדיג צו הערען פון דיר מיט אונגעדולד, און מיט טויזענד קושען דיין ליעבענדע ליליאן".

—הם... הם!... האט מיסטער ווארד געמורמעלט פאר זיך אלס ער האט געענדיגט דעם בריעף — מיין ליליאן, שיינט מיר, איז ניט גלייכגילטיג צו דעם יונגען אינסורעקטא.

און מיסטער ווארד האט זיך א ווארף געטאהן לעזען די אמעריקאנישע און מעקסיקאנישע צייטונגען וועגען די פאסירונגען ארום מערידא.

וואס ער האט פון די צייטונגען ארויסגעפונען איז פאלגענדעס:

גענעראל עספעראנזא איז אנגעקומען אין דער געגענד פון מערידא מיט א קליינע ארמעע פון פינף הונדערט מאן, אונגעפעהר א פאר וואכען נאך זיין (ווארד'ס) אבריזען. דאס מאדערא האט ארויסגעשיקט סטענלי וויליאמס, דעם בעריהמטען אמעריקאנער רעוואלוציאנער, אויף דעם וועג הינטער מערידא, וואו עספעראנזא האט געדארפט דורכגעהן, צו בעפאלען זיין ארמעע אונערווארטעט פון בעהאלטענע ערטער, און אזוי איהם אפצוהאקען דעם וועג נאך מערידא.

סטענלי וויליאמס האט געפינען אויסגעצייכענטע פאזיציאנען פאר זיין קליינער ארמעע פון אינסורעקטאס. זיי האבען זיך צוטהיילט אויף צוויי אבטהיילונגען און זיך צוטהיילט פון ביידע זייטען וועג אין די פערבארגענע ערטער וואס זיי האבען געקענט געפינען. דער פונקט איז געווען אזעלכער, וועלכען עספעראנזא האט אויף קיין פאל ניט

געקענט אויסמיידען געהענדיג אויף מערידא. זיי זיינען געווען בעזארגט מיט עטליכע קאנאנען און מיט די בעסטע ביקסען, און יעדער אינסורעקטא פון דער ארמיי איז געווען א אויסגעצייכענטער שיסער.

די בראווע רעוואלוציאנערע ארמיי האט זיך צוגעגרייט צו געבען עספעראנזא'ס ארמיי דעם ווארימסטען "שלום־עליכם". צוויי שטונדען צייט זיינען די קליינע ארמייען אויף די צוויי בערג געשטאנען און געווארט. ענדליך האבען זיי זיך דערווארט. עס האט זיך דערהערט א טראכקעריי פון וואגענס, א טופען פון פערד און א קלאנג פון שפארען און ווי די פערערשטע רייהען פון דער ארמיי זיינען אריינגעטרעטען צווישען די צוויי בערג, האט פון ביידע זייטען פון דער הויך, גענומען אויף זיי האגלען מיט קוילען און די רייטער מיט די פערד זיינען אויסגעלעגט געווארען אויף דער ערד.

עס האט אויסגעזעהן ווי דער הימעל האט זיך פלוצים געעפענט און גענומען שליידערען פייערדיגע שטיינער אויף די קעפ פון דיאז'עס סאלדאטען.

די ארמיי איז צוטומעלט געווארען און גענומען ליפען צוריק אין אונארדנונג. וואלטען די אינסורעקטאס געהאלטען זייערע פאזיציעס וואלט עספעראנזא קיינמאל ניט געקענט דורכגעהן דעם פאס צווישען די צוויי בערג. אבער דער אפיציער, וועלכען וויליאמס האט איבערגעגעבען די קאמאנדא אויף דער רעכטער זייט פון'ם פאס (וויליאמס אליין איז געווען אויף דער לינקער זייט), א יונגער, זעהר בראווער, אבער צו היציגער רעוואלוציאנער, איז אזוי איבערראשט געווארען פון'ם ערשטען ערפאלג אז ער האט פערלארען דעם קאפ און פערגעסען אז ער האט צו טהאן מיט א שטארקערע ארמיי, וועלכע איז נאר אין ערשטען מאמענט צוטומעלט געווארען.

—נאכיאגען! — האט ער געגעבען א קאמאנדא — מיר טהארען זיי ניט לאזען אנטלויפען מיט'ן לעבען.

און ווי איין מענש האבען אלע אינסורעקטאס פון דער רעכטער זייט פון'ם פאס זיך אראפגעלאזט פון'ם בארג און גענומען נאכיאגען עספעראנזאס ארמיי.

—צוריק! צוריק! אום גאטעס ווילען! — האט וויליאמס געשריען צו זיי, אבער קיינער האט איהם ניט געהערט. ווי די משוגעים זיינען אלע געפלויגען אראב פון'ם בארג און נאך דער צוטומעלטער אנטלויפענדער ארמיי, וועלכע איז געווען פופציג מאל אזוי גרויס אין צאהל ווי זייערע פערפאלגער.

און עס איז געשעהן דאס וואס עס האט אונטער די אומשטענדען געמוזט געשעהן.

אקעגען א האלבע מייל איז עספעראנזאס ארמיי געלאפען אין טויט־שרעק פון הייפעלע רעוואלוציאנערען, וועלכע האבען זי נאכגעיאגט און געשיקט א טויטליכעס פייער אין איהר הינטערשטען פלינעל, דאן האט עספעראנזא דערזעהן אז ער ווערט געיאגט פון א לעכערליכער ארמיי, און עס איז איהם געלונגען צו ברייננגען ארדנונג אין זיינע רייהען, און אין עטליכע מינוט איז די סיטואציאן אינגאנצען אומגעוואנדעלט געווארען.

די אנטלויפענדע זיינען געווארען די נאכיאגער און די נאכיאגער די אנטלויפענדע.

עספעראנזא האט זיי אבער ניט געלאזט ווייט ליפען. דאס קליינע הייפעלע אינסורעקטאס איז באלד ארומגערינגעלט געווארען פון אלע זייטען.

די עטליכע וועלכע עס איז געלונגען זיך דורכצורייסען דורך דעם שונא'ס רייהען זיינען געקומען צולויפען צו וויליאמס'ן און איהם איבערגעגעבען די אינגליקליכע לאגע פון די טאקטלאזע היטצקעפ, און ער האט געמוזט פערלאזען זיין פאזיציע און געהן צו הילף זיינע חברים.

א העלפט פון זיי זיינען שוין געווען געפאלען, אבער די וואס זיינען געבליבען האט ער געטראפען קעמפפענדיג ווי די לייבען. זיין ערשיינען האט געבראכט פערוויהרונג אין די רייהען פון דעם שונא, וועלכע האבען געהאט פערשפארט די אינסורעקטאס דעם וועג צו מערידא, און צוזאמענשליסענדיג ביידע טהיילען פון זיין ארמיי האט ער זיי בעגייסטערט צום קאמפף.

מיט געשריִען "פרייהייט און בארען!" האבען די עטליכע הונדערט רעוואלוציאנערען זיך א ווארף געטאהן אויפ'ן פיינד מיט וואונדערבארען העלדענמוטה און געמאכט פערוויסטונגען אין זיינע רייהען. ביקס און שווערד און מעסער זיינען באנוצט געווארען אין איינער און דערזעלבער צייט. און אלעס מיט ערשטוינענדער פלינקייט און געשיקטקייט. פיעלע זיינען געפאלען פון די סאלדאטען פון דער רעגיערונג איידער עס איז זיי געלונגען אורעקצולעגען עטליכע צעהנדליג רעוואלוציאנערען. אבער עספעראנזא האט ניט געקוקט אויף דער גרויסער צאהל פון זיינע געפאלענע און האט זיך וועגען דעם ניט געקימערט. אלעס וואס ער האט געוואלט איז זיך אריינצורייסען מיט זיין ארמיי אין מערידא, זאל זיין אפילו מיט א העלפט פון זיין דיוויזיע. און דאס האט ער אויסגעפיהרט.

נאך א צוויי שטונדיגער שלאכט זיינען די רייהען פון די רעוואלוציאנערען בעדייטענד שיטערער געווארען און עס איז געווארען פאר זיי אונמעגליך ווייטער אנצוהאלטען דעם אונגליקליכען קאמפף, וויליאמס האט א קאמאנדע געטאהן אפצוטרעטען. און עספעראנזא'ס ארמיי האט געהאט א פרייען וועג נאך מערידא.

פינף אוהר אין דער פריה איז עספעראנזא מיט זיין גרויסער ארמיי אנגעקומען אין מערידא: און אויף די איינוואהנער פון'ם שטעדטיל איז ארויפגעפאלען א טויט-שרעק.

כמעט יעדער איינוואהנער פון מערידא און די פארמערס פון ארום און ארום האבען סימפאטיזירט מיט די רעוואלוציאנערען. עספעראנזא האט געהאט א נאמען פאר א טיראן, א בלוטדורשטיגען מערדער, און עס האבען אנגעהויבען ארומגעהן פערשיעדענע שרעקליכע "נייעסען" אין שטעדטיל.

איינער האט דערצעהלט אז ער האט געהערט אז עספעראנזא האט בעשלאסען אויסצוהרג'ענען אלע יונגעליים פון דער געגענד, ועלכע זיינען בעסאמט אלס סימפאטייזער פון דער רעוואלוציאן. אן אנדערער האט מיטגעטהיילט אז ער ווייסט פון א זיכערער קוועלע אז עספעראנזיא האט בעשלאסען אונטערצוצינדען די שטאדט. אן אנדער קלאנג איז געווען אז עספעראנזא וועט נעהמען צוויי פון די אנגעזעהענסטע מענשען פון מערידא און זיי אויפהיינגען אין מיטען מארק, אלס א ביישפיעל ווי ער האנדעלט מיט פעררעטהער. און אז איינער פון די צוויי איז זיכער סענאר ליאבא.

פון ליליאן'ס בריעף האט שוין מיסטער ווארד געוואוסט דאס סענאר ליאבא און ראזעטא זיינען געזיכערט פון דער צארן פון עספעראנזא. און דאס האט איהם זעהר געפרעהט.

—דו ביזט מיין קינד, מיין איינציג קינד — האט סענאר ליאבא געדריקט ראזעטא'ן צו זיין ברוסט — דיין ברודער וואג איך זאגאר דאס געהיימניס ניט צו ענטדעקען, ער איז מיר אזוי פרעמד. אזוי פרעמד....מעהר ווי פרעמד, איך שרעק מיך אפט פאר איהם. ווי ער וואלט געווען מיינער א פיינד....

ער האט זיך ליכט בעפרייט פון ראזעטא'ן און גענומען אומשפאנען איבער'ן צימער.

—וואו איז ער איצט?—האט ער זיך אפגעשטעלט—אזא צייט, אך ער איז גאר אין דער היים ניטא. עס געהען אוועק טעג וואס ער קומט אפילו ניט אריין צו מיר פרעגען ווי איך פיהל מיך.

פלוצלונג האט ראזעטא ארויסגעלאזט א געשריי און צוגעלאפען צום פאטער.

— וואס איז געשעהן?—איז סענאר ליאבא פארציטערט געווארען.

— פאפא!—האט ראזעטא קוים געקענט ארויסריידען — רעגיערונגס סאלדאטען זיינען צושטעלט פאר דעם גאנצען פראנט פון'ם הויז.

זי איז אפגעשפרונגען פון איהם און געפענט א פענסטער ועלכעס האט ארויסגעקוקט אין פארק אריין — מיין גאט!—האט זי אויסגערופען — אין פארק אויך! דאס גאנצע הויז איז ארומגערינגעלט מיט סאלדאטען.

און איידער זי האט נאך געענדיגט די ווערטער האט זיך דערהערט אין קארידאר א קלינגעריי פון שפארען און שווערען און א שטרענגע שטימע האט געפרעגט אין א בעפעהלענדען טאן וואו סענאר ליאבא איז.

— פאפא! מען וויל דיך ארעטירען— איז ראזעטא צוגעלאפען צום פאטער — וואס קענען מיר טאהן?

— שרעק דיך ניט, קינד—האט דער פאטער זי בערוהיגט — זיי קענען מיר גאר ניט טהאן, עס זיינען ניטא געגען מיר קיינע בעווייזע, איך בין געוועזן זעהר פארזיכטיג.

די שטרענגע בעפעהלענדע שטימע אין קארידאר איז ווידער דערהערט געווארען, און אין נעקסטען מאמענט איז די טיהר אויפגעריסען געווארען און א מאיאר מיט לאנגע שווארצע באקען־בערד און גרויסע בייזע אויגען, באגלייט פון פיער סאלדאטען, זיינען אריין אין צימער.

— זיינט איהר סענאר בעניטא ליאבא? —האט דער מאיאר זיך געווענדעט צום בלינדען מאן.

— יא—האט סענאר ליאבא געענטפערט—קאן איך וויסען ווער איהר זיינט, און צו וועלכען צוועק איהר האט ארומגערינגעלט מיין הויז מיט סאלדאטען?

— איך בין מאיאר מאיא, פון גענעראל עספאראנזאס שטאב, און ארומגערינגעלט דאס הויז מיט סאלדאטען האבען מיר, ווייל מיר דארפען אייך האבען. און מיר האבען געוואלט זיין זיכער אז איהר וועט ניט קענען אנטלויפען. קומט מיט מיר צו גענעראל עספאראנזא.

— איך וואלט מיט אייך אויך געגאנגען ווען איהר וואלט געקומען איינער אליין. גאנץ אומזיסט האט איהר געבראכט אהער אזוי פיעל סאלדאטען. זיצט! איך וועל מיך איבערטאהן און געהן מיט אייך.

מיט די ווערטער האט סענאר ליאבא זיך געלאזט געהן אין זיין שלאפצימער.

— בלייבט דא — האט דער מאיאר א געשריי געטאהן פארשפארענדיג דעם בלינדען מאן די וועג—פון מיר איז ניט לייכט זיך ארויסצודרעהען.

— סעניארא — האט ער זיך געווענדעט צו ראזעטא'ן — ברענגט פון יענעם צימער דעם סענארס קליידער און ער וועט זיך דא איבערטהאן.

ראזעטא איז ארויסגעגאנגען ברענגען פאר'ן פאטער א ראק, שיך און א הוט, און סענאר ליאבא האט דערווייל אראפגעווארפען פון זיך דעם כאלאט.

— קענט איהר מיר זאגען ווארום איהר בעהאנדעלט מיך ווי איך וואלט געוועזן א פערברעכער? — האט ער געפרעגט דעם מאיאר.

— איהר ווערט בעשולדיגט, אז איהר האט געשטיצט דעם באנדיט מאדערא מיט גרויסע סומען געלד. איהר, דער זילבער־קעניג, א חבר מיט באנדיטען און טרעמפס שעהמט אייך

— דאס איז ניט וואהר — האט ליאבא געזאגט — איך האב מאדערא'ן קיינמאל ניט בעגעגענט. איך האב מיט איהם קיינמאל קיין געשעפטען ניט געהאט.

פופצעהנטעס קאפיטעל.

דער בלינדער אלס קריעגס געפאנגענער.

אויף מארגען נאכדעם ווי מיס ליליאן וואַרד האט פערלאזען מערידא איז סענאר ליאבא געזעסען אין זיין בעקוועמען ווייכען שטוהל, אין דעם גרויסען גאסט־צימער פון זיין הויז. וועהרענד ראזעטא איז געזעסען נעבען איהם און האט איהם פארגעלעזען פון אמעריקאנישע און מעקסיקאנישע צייטונגען די נייעס פון טאג. סענאר ליאבא האט זיך געפיהלט זעהר ניעדערגעשלאגען און ענטמוטהיגט. דאס פערשווינדען פון הערמאנאס, דאס אוועקפאהרען פון דאקטאר מארגאן און ענדליך אויך פון ליליאן, די בענעהמונג פון אלבערטא וועלכער האט איהם אויסגעמיעדען אלץ מעהר און מעהר, און די קלאנגען פון מלחמה וועלכע זיינען געקומען רק נעהענטער צו מערידא, האבען דערוועקט געפיהלען פון זארג און טרויער

אין דעם נעמיטה פון דעם אלטען בלינדען מאנן.

ראזעטא האט עס געוואוסט, און האט זיך געגעבען אלע מיהע איהם אויפצומונטערען. זי האט זיך כלומרשט געמאכט פרעהליך, האט גערעדט מיט א שטימע פון זארגלאזיגקייט, האטש אויך איהר הארץ איז געוועזען שווער, און זי האט מיט מיהע געמוזט אונטערדריקען דאס שלוכצען וואס איהר האט געווארגען.

אלס זי איז געקומען פארלעזענדיג אין א סאן־פראנציסקא'ער צייטונג צו א דעפעשע וועגן די בעוועגונגען פון גענעראל עספעראנזא מיט זיין ארמעע, האט סענאר ליאבא ארויסגעוויזען א צייכען פון גרויסע אונרוהע.

—וואס איז דיר, פאטער? — האט ראזעטא געפרעגט ענגסטליך.

— גאר נישט, גאר נישט, מיין טאכטער; אבער איך האב א פארגעפיהל דאס אונז ערווארטען שווערע צייטען.

— ווארום זאלסטו זיך מאכען אזעלכע אומזיסטיגע זארגען?

— איך האב מיינע אורזאכען, מיין קינד. דו ווייסט, מיר זיינען געוועזען א ביסעלע צו פריינדליך צו מאדערא און זיין זאך. און אויב דאס זאל ארויסקומען, קענען מיר ניט ערווארטען קיין נאכזיכט פון דיאז'עס לייטע און פון עספעראנזא.

— אבער ווי אזוי וועט דאס ארויסקומען? —האט ראזעטא געזאגט איהם צו בערוהיגען — די איינוואהנער פון מערידא זיינען אלע דיינע גוטע פריינד. קיינער וועט דיך ניט פערראטהען.

— ווער קען וויסען? מיט לעבען אין שווערע צייטען. אט איז הערמאנאס — א ליעבענסווירדיגער יונגער מאנן, א פרעמדער, האט קיינעם קיין בייז געטאהן — און אויך ער איז פערראטהען געווארען פון שלעכטע מענשען. איך קען דיר אזוי פיעל ניט ארויסזאגען, טאכטער, ווי ווייט דער יונגער מאנן איז מיר איינגעבאקען אין הארצען...דאס פון דאקטאר מארגאן זאל גאר קיין נייעס ניט זיין וועגען איהם, שיינט מיר צו זיין א ביזער סימן.

ביי דער ערינערונג פון דאקטאר מארגאן'ס נאמען איז ראזעטא אויפגעמינטערט געווארען. איהר איז געוועזען אנגענעהם צו הערען ווי איהר פאטער רעדט פון איהם מיט אזא צוטרויען. זי האט זיך אויפגעהויבען, איז צוגעגאנגען צו איהר פאטער און האט צארט אומשלונגען זיין האלדז מיט איהרע ארעמס.

— אויף דאקטאר מארגאן מעגסטו טרויען, פאטער—האט זי געזאגט — ער איז א מאנן אויף וועלכען מען קען זיך פערלאזען.

— דאס איז עס וואס מאכט מיך אונרוהיג, מיין קינד — האט דער בלינדער מאנן געזאגט שווערמיטהיג ;— איך וויים אז מען קען זיך פערלאזען אויף איהם, און דערפאר בין איך אזוי אונרוהיג וואס מען הערט פון איהם ניט. ווער ווייס, אפשר האט איהם אליין עטוואס פאסירט.....

סענאר ליאבא האט דערשפירט ווי ראזעטא האט א ציטער געטאהן, און איז פלוצלונג אנטשוויגען געווארען.

א פאאר מינוטען זיינען אוועק אין שווייגען וואס איז געוועזען שווער פיר ביידען. דאנן האט דער בלינדער געזאגט :

— ראזעטא !—און ער האט צערטליך בעפרייט זיין נאקען פון איהר אומארמונג און האט זי אויסגעקעהרעוועט צום פארענט פון זיין שטוהל. וואו ער האט זי געלאזט זיך זעטצען אויף א שטוהל דערביי....

— ראזעטא ! איך וויל מיט דיר ריידען וועגען א וויכטיגע זאך, מיין קינד. איך האב שווערע פארגעפיהלען. געדיכטע וואלקענס היינגען איבער אונזערע קעפ. עס איז פיעלייכט רעכט אז מיר זאלען א טראכט טאהן וועגען דער צוקונפט, בעזאנדערס וועגען דיין צוקונפט.....

— ווארום גראד יעצט, פאטער?— האט ראזעטא געזאגט. און איז בלאס געווארען.

— דערפאר, מיין קינד, וואס איך קען זעהן מיט מיינע פערשלאסענע אויגען מאנכע זאכען וואס קומען פאר אין דיין יונגענדליכען הארצען...חו ביזט

ניט גלייכגילטיג צו דאָקטאָר מאָרגאַן.... דו האָסט איהם ליעב, ניט אמת, מיין קינד ?

ראָזעטאַ האָט געפיהלט ווי איהר האַרץ קומט איהר אין מונד אריין...זי האָט געוואָלט עטוואָס זאָגען אָבער זי האָט ניט געקָנט.

— איך פאַרשטעה, איך פאַרשטעה !

—האָט דער בלינדער מאַנן פאָרטגעזעצט

— בין אויך אַ מאָהל יונג געוועזען....דיין גוטע ליעבע מוטער איז אַזוי געוועזען... צערטליך, ליעבפאָל און שוויגזאַם...... געדיינקסטו דיין מוטער, ראָזעטאַ ?

— יאָ, פאָטער !—האָט ראָזעטאַ געענטפערט, איינהאַלטענדיג זיך פון אויסברעכען אין געוויין.

— געדיינקסטו איהר לעצטען אבשיעד פון אונז ?

— יאָ פאָטער.

— דערמאָהנסטו זיך, ווי אַזוי אין איהרע לעצטע אויגענבליקען, ווען איהרע ליעבע אויגען זיינען שוין געוועזען געבראָכען, און דו, אַ צאַרט קינד פון עלף יאָהר, ווי זי האָט דיך געדריקט צו זיך און האָט דיר געזאָגט : ראָזעטאַ, ליעב קינד, בלייב טריי דיין פאָטער, דיין מוטער, און צו די טראַדיציאָנען פון אונזער פאָמיליע...מיר שטאַמען פון אידען... דאָרט אין שפּאַניען האָבען אונזערע פאַמיליען זיך געמוזט פאַרלייקענען..... דאָ האָבען דיין פאָטער'ס אינטערעסען אונז געצוואונגען צו פאַרלייקענען אונזער אבשטאַמונג, די הייליגסטע מנהגים פון אונזערע אור־עלטערן...אפשר וועסטו ווערען פריי....היט אָפּ די ליכט, פרייטאָג צו־נאַכט....און ווען דו וועסט ווערען גרויס, און שעהן..זיך זוך דיר אויס אַ חבר... אַ אידישען יונגען מאַן — געדיינקסטו דאָס, קינד מיינס ?

אַ שטיל אונטערדריקט שלוכצען איז געווען ראָזעטאַ'ס ענטפער אויף איהר פאָטער'ס פראַגע.

— זעהסטו, קינד, אַז איך האָב מיך ניט גענאַרט—האָט סענאָר ליאָבאַ געזאָגט שטרייכלענדיג איהרע האָאָר — דאָקטאָר מאָרגאַן איז אַללעס וואָס אַ יונג ערעל ערצויגענע מיידעל קען ווינשען איהר מאַן זאָל זיין. עס וואונדערט מיך ניט וואָס ער האָט געוואונען דיין האַרץ, אָבער אויב דו ווילסט איך זאָל אויסלעבען רוהיג די עטליכע יאָהר וואָס עס איז מיר נאָך באַשערט צו לעבען, בעט איך דיר זאָלסט מיר נאָך אַ מאָהל שווערען אַז דו וועסט האַלטען דאָס פערשפּרעכען וואָס דו האָסט דאַמאָלס געגעבען דיין מוטער אין דעם העכסטען אויגענבליק.

— ראָזעטאַ האָט ניט געענטפערט.

— דו ענטפערסט מיר ניט ? וואָס בעדייטעד דיין שווייגען ?

— פּאַפּאַ !—האָט ראָזעטאַ געזאָגט צווישען איהרע שלוכצען—וואָרום פערלאַנגסטו פון מיר אַזאַ אָפּפער ? ביז מיט דריי יאָהר צוריק האָב איך געמיינט אַז איך בין אַ קריסטין, און אַללע מיינען נאָך איצט אויך אַז מיר זיינען קריסטען. ווען איך האָב דיר געגעבען דעם שוואָור איז מיין האַרץ געווען פריי. איך האָב ניט געוואוסט וואָס עס הייסט ליעב האָבען. איך האָב ניט געוואוסט אַז דער שוואָור וואָס איך האָב דיר געגעבען האָט געשטעלט אין קאַן מיין גליק און מיין לעבען. און וואָרום ? וואָרום ? ווייס איך פון אידען און פון דער אידישער רעליגיאָן איך זאָל זיי מוזען ברייגגען אַזאַ גרויסען אָפּפער ?

— דו ווייסט וואָס די קריסטען האָבען געטאָהן צו אונזערע עלטערן אין שפּאַניען. זיי האָבען זיי געמאַטערט אין קערקערס מיט טייפלישע מאַרטער געצייג, געברענט אויף שייטער־הויפענס און צולעצט ארויסגעטריבען פון'ם לאַנד. דו ווייכט אַז דו ביזט אַ אייניקעל פון די געמאַטערטע און פאַרברענטע און פאַרטריבענע—איז דאָס ניט גענוג ?

— דאָקטאָר מאָרגאַן איז ניט קיין שפּאַניער.

— די דייטשען, די ענגלענדער, די פראַנצויזען, די רוסען — אַללע האָבען פערגאָסען אידיש בלוט און אין אַללעמען ליעגט אַ איינגעבוירענער האָס צום אידען. ביי מאַנכע איז דער האָס פאַרבאָרגען, זיי ווייסען פון איהם אַליין ניט, אָבער ביי דער מינדעסטער געלעגענהייט

שווימט ער ארויף. איך האב געזינדיגט
נעגען מיין פאלק מיט דעם וואס איך
האב יאהרענלאנג, צוליעב מיין בעקוועמ־
ליכקייט און צוליעב דעם אירדישען גליק
פון מיינע קינדער, פארלייקענט מיין
אבשטאמונג און מיך אויסגעגעבען פאר
א קריסט. זייט איך האב פערלארען דאס
ליכט פון מיינע אויגען האט דיזע זינד
אנגעהויבען ליגען שווער אויף מיין גע־
וויסען, און איך בין זיכער אז דאס איז
גאט'ס שטראף פאר מיין שווערער זינד.
איך האב א נדר געטאהן צו גאט אז איך
וועל ענטדעקען פיר מיינע קינדער זייער
אידישע אבשטאמונג און אנווענדען אלע
מיינע קרעפטען זיי זאלען זיך אומקעה־
רען צום אידישען פאלק. אויב דו וועסט
ברעכען דיין צוזאג, וועסטו צוברעכען
מיין הארץ, און גלויב מיר, קינד, עס
וועט דיר ניט ברייננען קיין גליק.

— פאפא! פאפא!—האט ראזעטא
זיך צו־וויינט און זיך ארויפגעיוארפען
דעם פאטער אויף'ן האלדז — איך וועל
מיין שבועה ניט ברעכען, און איך שווער
דיר איצט נאכאמאל אז איך וועל ניט
הייראטהען קיין קריסט. און אום דיך
נאך מעהר צו בערוהיגען, וועל איך דיר
זאגען אז ווי גרויס און שטארק מיין
ליעבע איז פאר דאקטאר מארגאן, האב
איך איהם געזאגט אז איך קאן איהם
נאר בעטראכטען פאר מיין בעסטען
פריינד אבער עס איז מיר אונמעגליך
צו ווערען זיין פרוי.

— דאס וועט שוין גענעראל עספא־
ראנזא אויסגעפינען.

ראזעטא איז אריינגעקומען און גע־
האלפען דעם פאטער זיך אנטהאן.

— איז דאס אייער טאכטער? —
האט דער מאיאר געפרעגט סענאר ליאבא.

— יא, מאיאר

— מען האט אונז איבערגעגעבען אז
ביי אייך אין הויז האט א היבשע צייט
זיך אויפגעהאלטען א אינסורעקטא, און
אייער טאכטער איז געוועזן מיט איהם
נאר ווי א שוועסטער מיט א ברודער.

— דער אינסורעקטא האט מיט אונז
ניט געהאט קיין פערבינדונג — האט ליא־
בא געענטפערט — ביי אונז אין הויז
האט פערווײלט א פאאר טעג אן אנגעזע־
הענער גאסט פון די פעראייניגטע שטאא־
טען, דער וואויל־בעוואוסטער וויליאם
ראלף ווארד, און דער אינסורעקטא איז
געוועזן מיט איהם אלס זיין לייב־וואך.

— דאס וועט שוין גענעראל עספע־
ראנזא אויסגעפינען — האט דער מאיאר
געזאגט — נו! קומט!

— קאן איך מיט געהן מיט מיין פא
טער? — האט ראזעטא געזאגט מיט א
ציטערענדע שטימע.

—איך האב דעם בעפעהל צו ברענ־
גען נאר סענאר ליאבא — האט דער מא־
יאר געענטפערט.

— צו וואס זאלסט דו מיטגעהן? —
האט סענאר ליאבא זיך בעמיהט צו
בערוהיגען ראזעטא'ן, אבוואהל ער אליין
האט אנגעהויבען פיהלען אז די געשיכטע
איז ערנסטער ווי ער האט גערעכענט --
איך וועל באלד צוריק קומען. זיי קענען
מיך לאנג ניט פערהאלטען. דער גענע־
ראל וועט זיך באלד איבערציינגען אז
מען האט איהם דערצעהלט וועגען מיר
ליגענס. זיי געזונד, טאכטער!

— אויף גיכען וויעדערזעהן, פאפא!

און פאטער און טאכטער האבען זיך
אומגעארעמט און זיך. צוקושט מיט
פערוויינטע אויגען האט ראזעטא בע־
גלייט איהר בלינדען פאטער ביז צו דער
פיאזא און געזעהן ווי ער ווערט אוועק־
געפיהרט אין עספעראנזא'ס לאגער, וועל־
כער איז געלעגען אויסגעשפרייט אין ליי־
ווענטענע פאלאטקעס הינטער דער
שטאדט.

די איינוואוינער פון שטעדטיל און
בייטס־געבער און וואהלטהעטער ווערט
געשטאנען אין דער ברייטער גאס, פאר
א סך ארומיגע פארמערס, וועלכע זיינען
מיט טיעפען בעדויערען ווי זייער אר־
סענאר ליאבא'ס פאלאץ, און צוגעקוקט
אוועקגעפיהרט צום טיראז אין לאגער,
זיינען ארויף אויף דער פיאזא און ארומ־
גערינגעלט די פערוויינטע ראזעטא און
זי געטרייסט און איהר געגעבען האפנונ־
גען אז איהר פאטער וועט זיך באלד צו־
ריקקעהרען. די דיענסטען פון פאלאץ
זיינען אויך געווען אויף דער פיאזא און
אנגעווענדעט אלע זייערע קרעפטען צו
טרייסטען זייער בעליעבטע סענארא און
פערטרייבען איהר פערצווייפלונג. נאך

דריי מענשען זיינען ניט געווען צווישען דעם סימפאטיזירענדען עולם. דאס זיינען געווען קאספארע, דאנעלא און אלבערטא.

דיעזע דריי זיינען איצט געזעסען פערשפארט אין קאספארע'ס אפארטמענט און זיך געפרעהט מיט זייער טריאומף. הערמאנאס'ן האבען זיי אבגעראמט פון וועג, זיי זיינען געווען זיכער אז דיעזער אמת'ער זוהן פון סענאר ליאבא איז שוין איצט ערגעץ אויף א ווילדען אינזעל, פון וואנען ער וועט שוין קיינמאל ניט צוריק קומען. סענאר ליאבא איז אין עספארענזאים הענד, און קאספארע האט געגעבען דעם טיראנישען גענעראל קלאהרע בעווייזע אז ליאבא האט געשטיצט מאדערא'ן מיט געלד. ליאבא, אלזא, איז אויך אזוי גוט ווי אפגעראמט פון וועג. נאך א פאאר טעג ווערט אלבערטא דער אייגענטהימער פון ליאבאים מינען און פלאנטאציעס, ער ווערט דער זילבער קעניג, דער רייכסטער מאן אין מעקסיקא, און אלעם פאר וועלכען זיי האבען געארבייט אכצעהן יאהר, אלע זייערע האפנונגען און זיסע חלומות, ווערען איצט פערווירקליכט.

אבער איבער די טעלעגראף־דראטען האט זיך פון א ווייטען אינזעל געטראגען פאר זיי א פינסטערע בשורה.

זעכצעהנטעס קאפיטעל.

אין עספאראנזא'ס לאגער.

גענעראל עספאראנזא איז געזעסען אין זיין פאלאטקע ביי א שרייב טיש און איבערגעקוקט פערשיעדענע פאפיערען.

ער איז געווען א הויכער שלאנקער מאן פון א יאהר זעכציג מיט גרויסע דיקע און לאנגע וואנצעס, וועלכע זיינען ניט געווען פערדרעהט ביי די עקען און זיינען אראבגעהאנגען פון ביידע זייטען פון זיין מויל ווי צוויי בערשטלעך. די בארד איז געווען געראזירט, און אז די טארטשענדיגע באקענביינער, פלאטשיגע נאז און שמאלע שווארצע אויגען איז געווען צו זעהן אז ער איז מעהר ווי העלפט אינדיאנער.

איין קוק אויף איהם איז געווען גענוג צו פיהלען אז דער וואס פאלט אריין אין זיינע הענד קאן קיין גנאדע ניט ערווארטען.

מאיארען און אפיציערען זיינען אריין און ארויס ברענגענדיג בעריכטען און געהמענדיג בעפעהלען. עספאראנזא האט אויסגעהערט וואס מען האט איהם מיטגעטהיילט און געגעבען זיינע בעפעהלע ניט אויפהויבענדיג דעם קאפ פון די פאפיערען. נאר ווען דער אדיוטאנט, וועלכער איז געשטאנען ביי דער טיהר פון זיין פאלאטקע האט איהם געמעלדעט אז קאלאנעל זשאזע פאלאצא וויל איהם זעהן האט דער גענעראל אויפגעהויבען דעם קאפ און ארויסגעוויזען עטוואס נייגעריגקייט.

ווען פאלאצא איז אריינגעקומען האט ער איהם געבעטען זיצען און געזאגט דעם אדיוטאנט ער זאל קיינעם ניט אריינלאזען ביז דער קאלאנעל וועט ניט ארויסגעהן.

— וואס האט איהר אויסגעפונען? — האט עספאראנזא זיך געווענדעט צו פאלאצא'ן.

— איך שאץ אב מאדעראים ארמיי ביי הערמאסילא אויף דריי טויזענד מאן — האט פאלאצא געזאגט — אבער ווען ער זאל געפינען פיר נויטיג קאן ער אין צוויי טעג צייט האבען נאך צוויי טויזענד מאן: ער האט די טריין און קאן צוזאמענברענגען עטליכע אבטהיילונגען אינסורעקטאס פון פערשיעדענע פונקטען. אבער דאס איז ניט דאס וויכטיגסטע וואס איך האב אייך מיטצוטהיילען. ווייסט איהר וואס עס טהוט זיך איצט אין דוראנגא?

— עס האט נעכטען דארט אויסגעבראכען א שלאכט.

— און היינט אין דער פריה זיינען די רעגיערונגס סאלדאטען אנטלאפען און איבערגעלאזט די שטאדט אין די הענד פון די באנדיטען.

עספאראנזא איז אונטערגעשפרונגען פון'ם ארט.

— איז דאס מעגליך?!

— איך האב דאס געהערט אין מאדערא'ס לאגער. זייענדיג אנגעטהאן ווי א גלח בין איך פריי אומגעגאנגען צווישען די פערוואונדעטע און קיינעם איז

גאָר ניט איינגעפאַלען צו פערדעכטיגען אַז דער גלח טראָגט אונטער זיין מאַנטעל אַ מונדיר. עס איז געווען אַרום 6 אוהר אין דער פריה ווען די נייעס איז געבראַכט געוואָרען אין לאַגער אַריין. זיי זיינען דאָרט געווען משוגע פון פרייד.

— זיי מעגען זיין! — האָט עספּאַראַנזא געזאָגט — באַרעכענט נאָר דוראַנגאָ! די הויפּשטאָדט פון סטייט דוראַנגאָ!... און מיר האָבען דאָרט געהאַט אַ אַרמיי פון צוויי טויזענד מאַן!.. וואָס דיינקט איהר, פּלאַנעוועט איצט מאַדעראַ? אַן אַטאַקע אויף אונז אָדער ער ריכט זיך מיר זאָלען איהם אַטאַקירען?

— עס געהט אַן אַ פיעבערהאַפּטע טהעטיגקייט אַרום דער הויפּט-קוואַרטיר. קוריערען און "סקאַוטס" קומען צופליהען און גאַלאָפּירען אַוועק, אָבער אין לאַגער ווייס קיינער ניט וואָס מען וועט טהאָן. מיין איינדרוק איז אַז קיין אַטאַקע וועלען זיי ניט מאַכען. זיי האָבען דאָרט צו גוטע פּאָזיציעס זיי זאָלען זיך אַרויסריהרען. דער גאַנצער לאַגער איז אויסגעשפּרייט הינטער אַ קייט פון בערג, וועלכע ציהען זיך אויף צוויי מייל-הויכע שטיינערנע בערג. קיין פעסטונג געבויט פון מענשליכע הענד איז ניט אַזאַ זיכערער שוץ.

— האָבען זיי פיעל קאַנאָנען?

איך האָב געזעהן נאָר פינף אויסגעשטעלט אויף די בערג. אויב זיי האָבען נאָך האָב איך ניט געקענט אויסגעפינען. די אינסורעקטאָס מיט וועלכע איך האָב גערעדט האָבען געלאַכט ווען איך האָב זיי געזאָגט אַז זיי האָבען ווייניג קאַנאָנען. "יעדער אינסורעקטאָ איז אַ קאַנאָנע" האָבען זיי געענטפערט.

— און דאָס איז ליידער צו וואָהר — האָט עספּאַראַנזא געזאָגט — זייער העלדענמוטה און אָפּפערוויליגקייט איז אונפערגלייכליך.

עספּאַראַנזאַ האָט זיך צוריקגעזעצט ביי זיין דעסק, און דער קאָלאָנעל האָט פערשטאַנען אַז ער מעג שוין געהן.

— איך האָף צו ברענגען מאָרגען וויכטיגערע אויסקינפטע — האָט ער געזאָגט אויפשטעהענדיג — אַדיאָס עקסעלענץ!

און פערנייגענדיג איז ער אַרויסגעגאַנגען.

אַזוי שנעל ווי דער קאָלאָנעל איז אַרויס איז דער אַדיוטאַנט אַריינגעקומען און געמעלדעט אַז מאַיאָר מאַיאָ מיט דעם אַרעסטאַנט זיינען אין דרויסען.

— זאָלען זיי אַריינגעהן!

דער מאַיאָר איז אַריינגעקומען פיהרענדיג ביי דער האַנד דעם בלינדען אַרעסטאַנט.

—איהר זייט סענאָר בעניטאָ ליאבאָ, דער זילבער-קעניג? — האָט עספּאַראַנזא אַדרעסירט דעם אַרעסטאַנט.

עס איז געווען גוט פאַר סענאָר ליאַבאַ וואָס ער האָט ניט געקענט זעהן ווי די קליינע אויגען פון דעם טיראַן האָבען זיך אָנגעצונדען און זיין געזיכט האָט אָנגענומען דאָס אויסזעהן פון אַ בלוטדורשטיגע חיה. וואָלט ער דאָס געקענט זעהן וואָלט ער גלייך פערלאָרען יעדע האָפנונג אַז ער וועט נאָך אַ מאָל זיין אַ פרייער מענש.

ווען סענאָר ליאבא האָט איהם געגעבען אַ בעשטענדיגען ענטפער האָט ער געהייסען דעם מאַיאָר איהם אַוועקזעצען און איהם לאָזען אליין מיט דעם אַרעסטאַנט.

— איהר ווייסט פאַרוואָס איך האָב אייך געלאָזט ברענגען צו מיר? — האָט ער זיך געווענדעט צו ליאבאָין ווען דער מאַיאָר האָט פאַרלאָזען די פּאַלאַטקע.

— דער מאַיאָר האָט מיר געזאָגט אַז מען האָט אייך דערצעהלט וועגען מיר אַז איך האָב געשטיצט מאַדעראָין מיט געלד.

— און וואָס האָט איהר וועגען דעם צו זאָגען?

— עס איז ליגען!

— עס איז ליגען? האָט עספּעראַנזאַ געזאָגט — גלויבט איהר אַז איך וואָלט בעלאַגערט האָס הויז פון איינעם פון די פּראָמינענטסטע בירגער פון מעקסיקאָ און איהם געלאָזט ברענגען צו מיר אין לאַגער ווי אַ געמיינעם פערברעכער ווען איך וואָלט ניט געהאַט קיין פעסטע בעווייזע אַז ער איז אַ פעררעטהער צום פאַטערלאַנד?

עספּעראַנזאַ'ס שטימע איז געווען ווי

דאס ברילען פון א בער און סענאר ליאבא האט געפיהלט ווי יעדעס ווארט פערקיהלט איהם דאס בלוט אין די אדערען.

— איהר האט בעוויזע געגען מיר?

— האט דער אונגליקליכער בלינדער געזאגט מיט א ציטערענדער שטימע.

— איך האב בעווייזע, אייזערנע בעווייזע, א צעטעלע, וועלכעס מאדערא האט צו אייך געשיקט מיט זיינעם אדיוטאנט.

— איך האב פון מאדעראיז קיינע צעטעלעך ניט ערהאלטען.

— איהר זאגט א ליגען! — האט עספעראנזא אויסגעדונערט — איהר האט דאס צעטעלע ערהאלטען און עס איז פיר אייך איבעגעלעזען געווארען און איהר האט עס צוריסען און אריינגעווארפען אין פאפיער קארב. אבער א טרייער בירגער האט עס ארויסגענומען פונ'ם פאפיער קארב און עס מיר צוגעשיקט. איך האלט עס איצט אין מיין האנד, צוזאמענגעקלעפט. מאדערא שרייבט אייך אז די פופציג טויזענד דאלער וואס איהר האט איהם געשיקט פאר דער זאך פון "פריי־הייט און באדען" האט ער ערהאלטען און ער דאנקט אייך. קענט איהר איצט אויך זאגען אז עס איז א ליגען?

סענאר ליאבא איז געבליבען זיצען פערשטיינערט.

באלד ווי מאדערא איז אנגעקומען אין הערמאסילא און פערטריבען דאס רעגיערונגס־מיליטער און זיך בעפעסטיגט אין דער געגענד האט ער צוגעשיקט צו סענאר ליאבא זיין אדיוטאנט סאנכא מיט דער אינסטרוקציאן צו פרעגען דעם זילבער־קעניג, אויף וועלכער זייט ער שטעהט, מיט דער רעגיערונג אדער מיט דער רעוואלוציאן? און סענאר ליאבא, וועלכער האט אימער טיעף סימפאטיזירט מיט די אונטערדריקטע מעקסיקאנער פארמערס, וועלכע זיינען פערשקלאפט ביי די גרויסע לאנד בעזיצער, האט ערקלעהרט אז אין הארצען איז ער אויף דער זייט פון דער רעוואלוציאן. נאטירליך קאן ער ניט ארויסווייזען אפען זיין סימפאטיע. ער האט מיענען און פלאנטאציעס איבער'ן גאנצען לאנד. און די רעגיערונג וואלט איהם געקאנט רואינירען. אבער אלס בעוויז אז אין הארצען איז ער מיט'ן אונטערדריקטען פאלק האט ער געגעבען סאנכא'ן א זעקיל מיט צעהן פעקלעך פאפיער־געלד, פינף טויזענד דאלאר אין א פעקעל. דערזעלבער סאנכא האט איהם אויפ'ן אנדערען טאג געבראכט א צעטעלע פון מאדערא'ן, אין וועלכען מאדערא האט איהם פערזיכערט שוין און אויסגעדריקט זיין אייניגסטען דאנק פאר דער גרויסער ביישטייערונג פאר דר הייליגער זאך. דאס צעטעלע האט ליאבא מיט זיינע אייגענע הענד גלייך צוריסען און עס אריינגעווארפען אין פאפיער־קארב. ליאבא האט אויך קיין פאל ניט געקאנט פערשטעהן ווער עס האט דאס צוריסענע צעטעלע געקענט ארויסנעהמען פונ'ם קארב און ס איבערגעבען דעם טיראן עספעראנזא. דאס איז די ארבייט פון אן אייגענעם מענשען, א מענש, וועלכער האט פרייען צוטריט אין זיין קאבינעט. זאל דאס א דיענער האבען געטהאן? ער איז געוועזן זיכער אז יעדער פון זיינע דיענער איז איהם טריי און איבערגעבען מיט לייב און זעלע. די לעזער פערשטעהען נאטירליך, אז דאס איז געוועזן די ארבייט פון ברונא קאספארע מיט דער בעטהייליגונג פון אלבערטא'ן, אבער סענאר ליאבא איז געוועזן אזוי איינגעגלויבט אין זיין נידערטרעכטיגען געשעפטס־פערוואלטער, אז ווען אימיצער וואלט איהם געזאגט אז דאס איז קאספארע'ס ארבייט, וואלט ער עס ניט געגלויבט.

—איהר האט מיר ניט געגעבען קיין ענטפער — האט עספעראנזא ארויסגעריפען דעם אונגליקליכען בלינדען פון זיינע געדאנקען.

—עס איז יואהר — האט סענאר ליאבא געזאגט — איך האב געשיקט מאדערא'ן פופציג טויזענד דאלער. אבער האב איך דען געקענט אנדערש האנדלען אונטער די אומשטענדען? דער גאנצער געגענד איז געוועזן אין זיין האנד ביז דעם פריה מארגען וואס איהר זענט אהער אנגעקומען. אלס זיינער א געגנער וואלט איך און מיין פאמיליע ניט געוועזן זיכער מיט'ן לעבען. די פופציג טויזענד דאלער

זיינען געווען איינפאך אויסקויף־געלט, נאטירליך איז געווען בעסער פאר מיר איהם צו זאגען אז איך גיב איהם דאס געלד אלס סימפאטיזירער פון דער רע־וואלוציאן. וועלכער בירגער וואלט אנ־דעריש געהאנדעלט אין א געגענד, וועלכע איז אין דער מאכט פון רעוואלוציאנערען און וואו כמעט אלע איינוואוינער זיינען אויף זייער זייט?

די לעזער דארפען פערשטעהן אז א מענש וועלכער האט ערוואָרבען אזא אונ־געהויער פערמעגען צו ווערען בעטראכט פאר דעם רייכסטען מאן אין לאנד, אז אזא מענש האט ניט געקענט זיין אזוי ווייט דורכגעדרונגען פון זיינע רעוואל־ציאנערע סימפאטהיען און נייגונגען, אז ער זאל בערייט זיין צו ווערען צוליעב זיי א מארטירער. די מענשען וועלכע זיינען פעהיג צו ווערען מארטירער און שטאר־בען צוליעב א אידעע אדער א איבערציי־גונג, קאנען ניט ווערען קיין מילליאנע־רען. גרויסע מילליאנערען קאנען אבער האבען די עדעלסטע נייגונגען און סימ־פאטיזירען מיט די פארטגעשריטענסטע אידעען און אוועקגעבען פאר זיי א גרוי־סען טהייל פון זייער פערמעגען. אבער זיי געהען געוויינליך נאר אזוי ווייט אויף וויפיעל דאס איז זיכער פאר זייער לעבען און בעקוועמליכקייט.

צו דער קלאס מילליאנערען האט אויך בעלאנגט סענאר ליאבא, און דער לעזער דארף זיך ניט וואונדערען וואס צו רעטען זיין לעבען האט ער פערלייקענט זיינע סימפאטיען מיט דער רעוואלוציאן.

עספאראנזא האט בעטראכט דעם בלינדען מאן און געזאגט מיט א שטעכי־גען טאן:

—איך וואלט אייך געגלויבט אלעס וואס איהר זאגט ווען... איהר וואלט ניט געווען קיין איד.

סענאר ליאבא האט א ציטער געטהאן.

—ווער האט אייך געזאגט אז איך בין א איד?

—ווילט איהר דאס אויך אפלייקענען?

—איך בין פון אידישע אבשטאמונג. אבער זייט איך בין אין מעקסיקא געה איך אין קירכע און מיינע קינדער זיינען גוטע קאטאליקען. זיי ווייסען זאגאר ניט פון זייער אידישער אבשטאמונג.

די אידישע אבשטאמונג איז גאנץ גע־נוג איך זאל אייך ניט גלויבען אז איהר האט געגעבען מאדערא'ן די פופציג טוי־זענד דאל. אלס אויסקויף־געלד. פון דער־זעלבער קוועלע איז מיר מיטגעטהיילט געווארען, אז איהר האט סימפאטיזירט מיט די באנדיטען פון דעם ערשטען מא־מענט וואס די רעבעלליאן האט אויסגע־בראכען. איהר זייט א פעררעטהער צו דער רעגיערונג און צום פאטערלאנד און איהר מוזט בעהאנדעלט ווערען שטרענ־גער ווי א געוויינליכער פעררעטהער. ווען א ארימער פארמער אדער טאג ארבייטער שטעהט צו צו די באנדיטען קאן מען עס איהם נאך פערצייהען. מע האט זיי איינ־גערעדט אז זיי זיינען שקלאַ'ווען און יוע־רען בערויבט פון זייערע רעכטע. אבער ווען א מאן וועלכער איז געקומען אהער פון א פרעמד לאנד און האט דורך דער שוץ פון דער רעגיערונג ערווארבען א קאלאסאלען פערמעגען — ווען אזא מאן טרעט אויף געגען דער רעגיערונג העל־פענדיג איהרע פיינד איז ניטא פאר איהם קיין גענוג שטרענגע שטראפע.

ער האט אנגעקלונגען און דער אדיו־טאנט איז אריינגעקומען.

—שיק אריין מאיאר מאיא — האט ער בעפוילען דעם אדיוטאנט.

—צו בעפעהל, עקסעלענץ!

באלד איז אריינגעקומען דער מאיאר.

—טהוט אן דעם רעבעל קעטען אויף די פיס און די הענט און ווארפט איהם אריין אין קערקער. אין צוויי טעג ארום קומט צו מיר נאך וויטערע אינסטרוק־ציאנען.

—גענעראל! — האט ליאבא געזאגט אויפשטעהענדיג און זיך אויסגלייכענדיג אין זיין גאנצער הויך—איך האב פריינד אין פרעזידענט דיאז'עס קאבינעט.

—דעסטא ערגער פאר אייך און מעהר שאנדע! — האט עספעראנזא איהם אי־בערגעשלאגען.

—אבער איהר האט קיינע בעווייזע, אבסאלוט קיינע בעווייזע וועלכע זאלען מיך שטעמפלען אלס רעבעל. איך האב

געגעבען מארעאן אויסקויף־געלד וועלכעם איך בין אונטער די אומשטענדען געוועזן געצוואונגען צו טהאן. איהר גיט אליין צו אז יעדער אנדערער אויף מיין ארט וואלט געהאנדעלט ווי איך.

—פיהרט אוועק דעם פערדאמטען אידען! — האט עספאראנזא אויסגעדונערט.

אין 10 מינוט ארום איז דער זילבערקעניג, געשמידט אין קייטען, ארויסגעפיהרט געווארען אין א פינסטערער שטיינערנער הייהל און אניעדערגעווארפען געווארען אויף א צופוילטען שטרויזאק אין א ווינקעל.

און ווייניגער ווי א האלבע מייל פון דער פינסטערער הייהל איז געשטאנען דעם בלינדען ארעסטאנט'ס פרעכטיגע פאלאץ, געלאשטשעט פון די שטראהלען פון דער זון און געפאכט פון די צווייגען פון די טהייערסטע פרוכט־בוימער.

פופצעהנטעס קאפיטעל.

ראזעטא געהט אין קאמפף.

ראזעטא ליאבא איז ניט געוועזן פון די מיידלאך, וועלכע קענען אין אן אונגליק נאר וויינען און זיין פערצווייפעלט. און דאן זיך אונטערגעבען דעם שיקזאל. זי איז געוועזן א שפאניערין, אויסגעוואקסען אין א פרייע ווילדען, בערגיגען געגענד. איהר בלוט האט ניט נאר געקענט זידען פון ליעבע, נאר אויך שטורמען פון האס און ראכע־לוסט, און ווען זי איז געבראכט געווארען אין אזא צושטאנד איז זי ניט געוועזן צו דערקענען. זי איז ניט מעהר געוועזן די צארטע ליעבליכע, ערעל־ערצויגענע מיידעל, נאר א ווילדע, וויטענדע טיגערין, פעהיג זיך צו ווארפען אין גרעסטען געפאהר און בעגייסטערען פאר איהר קאמפף אנדערע.

ניט לאנג איז זי געשטאנען אויף דער פיאזא און געוויינט און געבראכען די הענד נאכדעם ווי איהר בלינדער פאטער איז אוועקגעפיהרט געווארען אין עספאראדאס לאגער. זי האט זיך ענטשולדיגט פאר די איינוואהנער פון שטעדטיל און די פארמערס פון ארום, וועלכע זיינען געשטאנען ארום איהר און זי געטרייסט און איז אריין אין פאלאץ.

זי האט געשיקט רופען איהר געטריוע דיענסט טארעלא, וועלכע איז געוועזן איהר אם און האט זי ליעב געהאט ווי זי וואלט געוועזן איהר אייגען קינד, און זיך פערשפארט מיט איהר אין א צימער.

—טארעלא! — האט זי געזאגט צו דער דיענסט — איך דארף האבען א איבערגעבענעם מאן, א שטארקען און אונערשראקענעם מאן, צו שיקען אין א שליחות, וועלכעם איז פערבונדען מיט גרויס געפאהר, ווער דיינקסטו וועט געהן פאר מיר און וועמען קען איך עס פערטרויען?

—א מאן צו וועלכען דו קענסט האבען צוטרויען און וועלכער זאל זיין גרייט זיך צו אונטערווארפען יעדען געפאהר צוליעב דיר?

—יא אזא מאן.

—גאמען! אונזער דיענער גאמען.

—ניין. איך ווייס, ער איז מיר איבערגעבען און איז אויך זעהר בראוו, אבער עס טאר ניט זיין קיין מאן פון אונזער הויז. דו פערשטעהסט, טארעלא? דאס איז אזא שליחות אז א מאן פון אונזער הויז וועט ארויסרופען פערדאכט. איך מוז האבען איינעם פון די איינוואהנער פון דער שטאדט וועלכער קומט צו אונז גאנץ זעלטען. א פארמער, וועלכער וואוינט א מייל אדער צוויי פון דער שטאדט, וואלט געוועזן נאך בעסער.

—מיין ברודער! — האט טארעלא אויסגערופען — מיין ברודער קאזא פון דער טאהל.

—האסט רעכט, טארעלא. דיין ברודער קאזא פון דער טאהל איז דער ריכטיגער מאן. זעץ זשע זיך אנידער, גוטע טארעלא, און הער וואס איך האב דיר צו זאגען.

ראזעטא האט אנגענומען די גוטע פרוי ביי דער האנד און זי אוועקגעזעצט לעבען זיך.

—הער, טארעלא. דאס איז זעהר וויכטיג. זעהר א סך היינגט אפ פון דעם, זעהר א סך — האט ראזעטא גערעדט שנעל און נערוועז ענטוויקלענדיג וועהרענד זי האט גערעדט א פלאן, וועלכער איז איהר אליין נאך ניט געוועזן גאנץ דייטליך — דו געה אוועק צו דיין ברו־

דער קאזא פון דער טאהל... דאס איז דאך הינטער אינזער וואלד הא ? ניט אויף'ן עספעראנזא'ס לאנער?

—געוויס הינטער דעם וואלד.

—זעהר גוט, זעהר גוט. געה זשע אוועק צו דיין ברודער און זאג איהם אי ווי עס וועט נאכט ווערען זאל ער אנזאטלען צוויי פון זיינע בעסטע פערד... האט ער פערד, דיין ברודער קאזא ?

געוויס האט ער פערד. זעכס פערד זוי די לייבען, און פיער מיולס, און א קיה, און היהנער, און טויבען, און — — —

—גענוג, גענוג — האט ראזעטא איהר איבערגעשלאגען — ער זאל אנזאטלען צוויי ברענענדיגע פערד און קימען צו פאהרען... ווארט ! אין פארק אריין זאל ער ניט אריינפאהרען. ער זאל בלייבען שטעהן אין וואלד ביי דער שמאלער סטעזשקע וואס פיהרט פונ'ם וואלד אין פארק אריין. דו פערשטעהסט, טארעלא ? אין וואלד זאל ער בלייבען שטעהן, ביי דער שמאלער שטעזשקע... און — — —

ראזעטא האט זיך אפגעשטעלט און זיך פערטראכט.

—נו ? וואס זשע זאל ער דארט טהון ?

—יא ! יא ! — האט ראזעטא אויסגערופען אונטערשפרינגענדיג. פארענדיגענדיג אין איהרע געדאנקען דעם פלאן וואס זי האט פערטראכט — האב איך דען ניט אזוי פיעל מוטה ווי מארגאריטא נערי ? און האב איך ניט טויזענד מאל, א מיליאן מאל מעהר אורזאכע ווי זי ?

—טארעלא האט אנגעקוקט איהר ראזעטא'ן מיט ערשטוינען און שרעק. זי האט זי נאך קיינמאל ניט געזעהן אזוי נערוועז און צומישט און צוטומעלט. קיינמאל נאך האט זי ניט געזעהן ראזעטאן אזוי אויפגערעגט און צוקאכט. מיט אזא ווילדען פייער אין די אויגען. און ריידענדיג מיט אזא זאנדערבארען און מיט אזעלכע משונה'דיגע מיענעם און... ווי איהר האט זיך אויסגעוויעזען, עפעס גאר ניט צו דער זאך.

—מיין ליעב קינד, ראזעטא ! — האט די גוטע פרוי אויסגערופען אויסשפרינגענדיג פון'ם ארט — וואס רעדסטו עפעס אזעלכע רייד ?... וואס ביזטו פלוצלונג אריין עפעס מיט א מארגארעטא ? ווער האט גערעדט פון א מארגאריעטא ? מיר האבען דאך גערעדט פון מיין ברודער קאזא.

—אה, דו גוטע, גוטע טארעלא — האט ראזעטא געזאגט גלעטענדיג איהר קאפ — דו האסט מורא אז איך בין אראפ פון'ם זינען און ווייס שוין ניט וואס איך רייד ? מארגארעטא דרעהט זיך ביי מיר אין די געדאנקען... זי איז פערבונדען מיט דעם פלאן, צוליעב וועלכען איך שיק דיך צו דיין ברודער קאזא. האסטו גאר ניט געהערט וועגען מארארעטא נערי ? די צייטונגען שרייבען דאך וועגען איהר שוין צוויי וואכען. דו לעזט ניט קיין צייטונגען, אבער האסטו דען גאר ניט געהערט וועגען איהר ?

—זאל איך אזוי ניט הערען פון בייז און קיינמאל ניט וויסער פון בייז.

—נו, גוט, גוט. איך וועל דיר שפעטער דערצעהלען וועגען מאגארעטא נערי, אבער איצט געה אוועק צו דיין ברודער קאזא און גיב איהם איבער וואס איך האב דיר געזאגט.

אבער דו האסט דאך מיר ניט געזאגט וואס ער זאל טהון ווען ער וועט צוקימען צו דער שמאלער שטעזשקע ביים ברעג וואלד.

— אה ! יא, יא, ביזט גערעכט. ווען ער וועט צוקומען צום ברעג וואלד ביי דער שמאלער שטעזשקע זאל ער ווארטען ביז... ביז דו און איך וועלען צוקומען צו איהם.

—הייליגע יונג פרוי ! ביי נאכט ?... דו און איך... אין וואלד ?...

—יא, יא, טארעלא. יא, מיין גוטע. אזוי מוז מען. רעד ניט קיין איין ווארט. ווען דו וועסט צוריק קומען וועל איך דיר אלעס ערקלעהרען. געה שוין אוועק צו דיין ברודער קאזא אין דעם טאהל. און זאג קיינעם ניט וואוהין די געסט. קיינעם ניט.

די גוטע פרוי האט איצט, נאך מעהר ווי פריהער, זיך געשראקען אז ראזעטא איז ניט ביים זינען. וואס ? ווען ? איהר

ברודער קאַזאַ וועט צוקומען מיט צוויי פערד... און זי מיט ראַזעטאַ'ן וועלען אַרויסקומען צו איהם אין וואַלד אַריין אין מיטען דער נאַכט ?... וואָס זשע וועלען דריי מענשען טהון מיט צוויי פערד ? און ווי קומען צוויי פרויען ביי נאַכט אין א וואַלד אַריין... און וואָס איז זי פלוצלונג אַריינגעפאַלען מיט דער מאַרגאַרעטאַ ?... אָבער טאַרעלאַ איז געווען געוואוינט, זייט ראַזעטאַ האָט אָנגעהויבען האָבען פערלאַנגען און פאָדערונגען. אויסצופיהרען איהרע יעדען פערלאַנג און נאָכגעבען איהר יעדען קאַפּריז. און דיעזע געוואוינהייט האָט זי אויך איצט געטריבען צו טהון וואָס ראַזעטאַ האָט איהר געהייסען, כאָטש אין איהר הארצען איז זי געווען זיכער אז איהר סענאָריטאַ איז פון דעם אונגליק וואָס האָט געטראָפען איהר פאָטער גערידהרט געוואָרען פון'ם זינען.

אָבער ראָזעטאַ איז געווען ביי איהר פולען פערשטאַנד. איהר מח האָט נאָר געאַרבייט זעהר שנעל אויף א פּלאַן, וועלכער האָט געפאָדערט מעהר געוואַגטקייט ווי א דורכשניטליך מיידעל בעזיצט און וועלכער וואָלט איהר אויף קיין פאַל ניט איינגעפאַלען ווען איהר בלוט וואָלט ניט געווען ווי א שטורמדיגער ים.

ווער זי האָט געשיקט רופען טאַרעלאַ'ן האָט דער פּלאַן זיך אָנגעהויבען ענטוואַרפען ביי איהר אין מח. דאָך איז געווען א בעשלוס צו געהן צו מאַדעראַ'ן און איהם איבּפּאָדערען צו רעטען איהר פאָטער פון עספּאַראַנזאַ'ס הענט. ווי אַזוי דאָס זאָל געטאָהן ווערער האָט זי נאָך ניט געהאַט קיין אידעע. צוליעב דעם צוועק האָט זי געדאַרפט האָבען א איבערגעגעבענעם בראַווען מאַן מיט צוויי ברענענדיגע פערד. איין פערד פאַר'ן מאַן, וועלכער זאָל זיין איהר בעגלייטער, און איין פערד פאַר זיך. אָבער רעדענדיג מיט טאַרעלאַ'ן האָט זי געפאַסט א בעשלוס ניט נאָר צו בעטען מאַדעראַ'ן ער זאָל רעטען איהר פאָטער, נאָר אַליין אַרויסצוטרעטען אין די פערדערשטע רייהען פון אַן אַרמיי

אינסורעקטאָס און זיי בעגייסטערען צום קאַמפּף מיט דעם טיראַן, וועלכער האָט זיך אַריינגעריסען אין איהר געבורטסשטאָדט און דאָרט איינגעפיהרט א הערשאַפט פון שרעק און באַרבאַריי.

די לעזער קען אַזאַ ענטשלוס פון א ערעל-ערצויגען מיידעל פאַרקומען אונגלויבליך. אָבער ווער עס איז גוט בעקאַנט מיט די מעקסיקאַנער מלחמות פון פערגאַנגענע צייטען און מיט דער איצטיגער רעוואָלוציאָן, פאַר דעם איז עס איינע פון די געוועהנליכסטע ערשיינונגען אז מיידלעך און פרויען, מאַמעס מיט טעכטער, זאָלען נעהמען רעוואָלווערס און ביקסען און געהן צום שלאַכטפעלד. און אין פיעלע פעלע אויסרופען ערשטוינונג מיט זייערע העלדישקייטען.

מיט זעכציג יאָהר צוריק, ווען די פעראייניגטע שטאַאַטען האָבען געפיהרט קריעג אין מעקסיקאָ, האָט דזשענעראַל גרענט, דאַן א ליוטענאַנט, געשריבען אין א קאָרעספּאָנדענץ צו א נויאָרקער צייטונג :

"אין טשאַפּולטעפּעק האָב איך געזעהן א סצענע, וועלכע איך וועל אין מיין לעבען ניט פערגעסען. א גאַנצער רעגימענט פון פרויען ! און ווי דיזע אַמאַזאָנקעס האָבען געשאָסען ! און ווי זיי זיינען געלאָפען אין פייער אַריין !..... אָבער זיי האָבען ניט נאָר מוטה נאָר אויך טאַקט. דאָס איז געווען א רעגימענט וועלכער וואָלט געווען א שטאָלץ פאַר יעדער אַרמיי."

גענעראַל מעקלעלאַן און פיעלע אָפיצערען און סאָלדאַטען האָבען אויך געשריבען וועגען די העלדישקייטען פון די מעקסיקאַנער סאָלדאַטען אין קליידלעך.

אין דער איצטיגער רעוואָלוציאָן איז דאָס זעלבע. אָבער די פרויען קען מען נאָר געפינען אין די אַרמייען פון די רעוואָלוציאָנערען.

עס איז ניטאָ איין לאַגער פון אינסורעקטאָס אין וועלכען א טהייל פון די סאָלדאַטען זאָלען ניט זיין פרויען. פיעלע פון זיי ווייזען אַרויס וואונדערבאַרע העלדענטהאַטען. אָבער איינע, מאַרגאַריטאַ נערי, איז די וואונדערבאַ-

סטע פון אלע, און איהר נאמען איז שוין פיעלע מאל דערמאהנט געווארען אין די צייטונגען.

דיזע מארגאריטא נערי איז ביז די רעוואלוציאן איז אויסגעבראכען געוועזען אין א מאנאסטיר־שוהלע. אין איין שעהנעם פריה־מארגען, ווען איהר פאטער, גענעראל קאנוטא נערי, האט זיך געפונען אין לאגער פון דער רעוואלוציאנערער ארמיי לעבען גערערא, איז זיין טאכטער פלוצים אויסגעוואקסען לעבען איהם. זי האט איהם ערקלעהרט אז זי איז געקומען אין לאגער אנטהייל צו נעהמען אין קאמפף פאר פרייהייט און בארען, און וויפיעל דער פאטער האט זי ניט געבעטען זי זאל אהיים פאהרען האט ניט געהאלפען. ער האט איהר געמוזט געבען א ביקס און זי לערנען ווי צו שיסען און אין א פערלויף פון עטליכע וואכען איז דאס מאנאסטיר־מיידעל געווארען א קאמאנדיר פון א קליינער ארמיי אינסורעקטאס. דער אלטער פאטער איז געשטארבען און זיין טאכטער האט אוועקגעגעבען דאס גאנצע פערמעגען וואס ער האט איהר איבערגעלאזט פאר דעם הייליגען קאמפף און איז אויך גרייט איהר לעבען אוועקצוגעבען.

מארגאריטא נערי איז געוועזען א קוואל פון בעגייסטערונג פאר הונדערטער מיידלעך פון הויכען שטאנד, וועלכע האבען נאכגעפאלגט איהר ביישפיעל. און איצט וועלען די לעזער פארשטעהן ווארום ווען ראזעטא האט געגעבען טארעלאין אינסטרוקציאנען וועגען דעם שליחות צו איהר ברודער קאזא האט זי איהר פלוצים געפרעגט צו זי האט ניט געהערט פון מארגארעטא נערי. אויך פאר ראזעטאין איז מארגאריטא נערי געוועזען א ביישפיעל און א קוואל פון בעגייסטערונג.

ווען טארעלא איז ארויסגעגאנגען איז ראזעטא אריינגעגאנגען אין אלבערטאים אפארטמענט צו נעהמען פון זיין קליידער־שראנק א קאסטיום און א העמ, ווארום זי האט בעשלאסען צו פאהרען אין מאדעראים לאגער פערקליידעט פאר א באי, אום ניט דערקענט צו ווערען און צו ציהען וועניגער אויפמערקזאמקייט. זי האט אלבערטאין א גאנצען פריהמארגען ניט געזעהן און איז געוועזען זיכער אז ער איז ערגעץ אוועקגעפאהרען. וואלט זי געוואוסט אז ער איז דא אין פאלאץ וואלט זי עס ניט געטהאן, ווארום זי האט זיך פאר איהם געהיט נאך מעהר ווי פאר א פרעמדען, האבענדיג גענוג אורזאכע איהם צו בעטראכטען פאר איהר פאטערים פיינד און פאר א באנדיט.

זי האט ארויסגענומען פונים שראנק וואס זי האט געדארפט און עס אריינגעטראגען צו זיך אין רום. דאן האט זי זיך דערמאהנט אז זי האט ניט פערמאכט דעם שראנק און, ניט ווילענדיג אז ער זאל זיך כאפען באלד ווי ער וועט אריינקומען אז אימיצער האט זיך געפארעט מיט זיינע קליידער, איז זי אריינגעגאנגען צוריק אין זיין אפארטמענט אום צו פערמאכען דעם שראנק. ווען זי האט אלעס געבראכט אין ארדנונג און זיך געלאזט געהן צוריק איז אלבערטא איהר אנגעקומען.

—וואס האסטו געטהאן אין מיין צימער? — האט ער זי געפרעגט שטרענג און אביסעל צוטומעלט.

—איך בין געגאנגען דיך זוכען — האט זי געענטפערט — דו ביזט א פיינער זוהן! פאפא איז אוועקגעשלעפט געווארען צו עספעראנזאין, די גאנצע שטאדט קאכט ווי א קעסעל, און דו שלעפסט דיך ערגעץ ארום און עס געהט דיך גאר ניט אן.

זי האט דאס נאר געזאגט אום אבצוציהען זיין אויפמערקזאמקייט פון איהר געפינען זיך פלוצים אין זיין צימער. אבער ריידענדיג איז איהר בלוט אויפגעקאכט געווארען טאקע אויף אן אמת און אלבערטא האט געקענט לעזען אין איהרע אויגען איהר גאנצען האס און פעראכטונג פאר איהם.

—אויף וועמען האסטו דיך אזוי צושריען? — האט אלבערטא זיך אוועקגעשטעלט אקעגען איהר — פערגעס נאר ניט אז ווען אונזער פאטער איז ניטא בין איך דער בעל הבית דא אין הויז,

און איבער דעם גאנצען פערמעגען. רעספעקט! איך בין איצט דער איינציגער דא אין הויז, וועלכער קען פאדערען רעכנונג און געבען בעפעהלע. מיך האט קיינער ניט צו פרעגען.

—אט דאס ליגט דיר איצט אין קאפ?.. איצט, ווען אונזער פאטער ליעגט א געשמידטער אין קייטען ערגעץ אין א גרוב ליעגט דיר אין קאפ ווער עס איז דער בעל-הבית דא אין הויז און איבער דעם פערמעגען? ביזטו א קינד פון סענאר בעניטא ליאבא אדער זיינער א פיינד, וועלכער בעט אויף זיין טויט?

אלבערטא איז בלאס געווארען און אבגעטרעטען צוריק.

—וואס פאר א פראגע איז דאס? — האט ער געשטאמעלט.

אזוי ווי אבער ראזעטא האט מיט די ווערטער גאר ניט געמיינט, ווייל זי האט ניט געהאט דעם מינדעסטען פערדאכט אז אלבערטא איז ניט איהר לייבליכער ברודער, האט זי ניט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט אלבערטאס פערלירען זיך, און ער האט זיך דערוויילע בעהערשט.

—איך בין א טרייער בירגער פון מיין פאטערלאנד — האט ער געזאגט צו איהר אין זיין געוועהנליכען ברוטאלען טאן — ווער עס איז א פעררעטהער צו דער רעגיערונג קען ניט ערווארטען פון מיר קיין סימפאטיע און קיין הילף, מעג ער אויך זיין מיין אייגענער פאטער.

ראזעטא האט איהם עטליכע סעקונדען בעטראכט דאן האט זי געזאגט צו איהם:

—איצט האב איך אריינגעקוקט אין דער טיעפעניש פון דיין שמוציגער זעעלע.

און איז ארויסגעלאפען פון זיין אפארטמענט.

זעכצעהנטעס קאפיטעל.

ראזעטא ווערט א אינסורעקטא.

צעהן אוהר ביינאכט איז טארעלא, איינגעהילט אין א שווארצער שאל און טראגענדיג א פעקיל אונטערן ארם, שטיל און אונבעמערקט ארויס דורך א הינטער-טיהר פונים פאלאץ, וועלכע האט געפיהרט אין פארק אריין. זי איז אבגעגאנגען א צוואנציג שפאן און האט זיך אבגעשטעלט ביי דער שטעזשקע וואס פיהרט צום מערידאיער וואלד.

אין עטליכע מינוט ארום איז ראזעטא, אויך איינגעהילט אין א שווארצער שאל, ארויסגעגאנגען פונים פאלאץ דורך דערזעלבער הינטער-טיהר און מיט האסטיגע טריט געגאנגען אין דער ריכטונג וואו טארעלא איז געווען.

עס איז געווען א געדיכטע פינסטערניש אין פארק, און ראזעטא האט ניט געזעהן איהר געטרייע דיענסט און אם ביז זי איז ניט צוגעקומען גאנץ נאהענט צו איהר און יענע האט ארויסגעשטרעקט איהר האנד און זי אנגערופען ביים נאמען.

—טהו דיך איבער — האט טארעלא געזאגט ארויסנעהמענדיג דאס פעקעל פון אונטערן ארם.

—לאמיר נאך אבגעהן א ביסעל ווייטער — האט ראזעטא געזאגט — אימיצער פונים הויז קען זיך דא אומדרעהען.

זיי זיינען געגאנגען מיט האסטיגע שריט איבער דער שמאלער סטעזשקע, האלטענדיג זיך ביי די הענד, ביז זיי זיינען אבגעגאנגען ביי א פיערטעל מייל פונים פאלאץ.

זיי האבען זיך איצט געפונען אויף א פונקט וואו די סטעזשקע איז איבערגעהאקט געווארען פון א שמאל ריטשקעלע, אונגעפעהר א יארד די ברייט, און א הילצערן בריקעל האט געפיהרט איבער דער ריטשקעלע.

דא האבען זיךביידע פרויען אנידערגעזעצט, און ראזעטא האט ארא‏בגעווארפען פון זיך די שאל און די אויבערשטע קליידער און זיך גענומען אנטהאן אין אלבערטאס קאסטיום, וועלכען טארעלא האט ארויסגענומען פון דעם פעקעלע וואס זי האט געטראגען אונטערן ארם.

עס איז געווען שטאק פינסטער. די שטערין זיינען געווען פערשטעלט פון די געדיכטע דאבלעטערטע צווייגען פון די הויכע בוימער, זשאבעס האבען געקוואקעט אין דעם וואסער אונטערן בריקעל. אײלען און אנדערע וואלד פייגעל.

וועלכע זיינען נאר וואכענדיג ביי נאכט, האבען אנגעפיהלט די לופט מיט א מורא'דיגען ברומען, וועלכער האט זיך צוזאמענגעמישט מיט דעם מיסטעריעזען גערויש פון די בלעטער. דאס אלעס האט געגעבען דעם איינדרוק ווי דער גאנצער פארק איז אנגעפילט מיט גייסטער, וועלכע לויפען אום, סוד'ען זיך און לאזען ארויס משונה'דיגע קולות אום אפצושרעקען די מענשען וועלכע האבען געוואגט אהער צו קומען אין אזא שפעטע שטונדע.

שטאדטיגע פרויען, און זאגאר פיעלע מענער, וואלטען פארציטערט געווארען פון די אלע מורא'דיגע און געהיימניספאלע גערוישען. אבער ראזעטא און טארעלא האבען געוואוסט פון וואנען און פון וואס דאס אלעס קומט און האבען ניט געפיהלט דעם מינדסטען שרעק. זייער איינציגער שרעק איז געווען פאר מענשען. טאמיר קומט אימיצער אן און טרעפט זיי דא און פרעגט זיי ווי זיי קומען אהער אזוי שפעט ביי נאכט.

אבער קיינער איז ניט אנגעקומען.

ראזעטא איז געווען אנגעטאהן אין הויזען, א וועסט, א ראק, א סאמבעררא, זאגאר א מענערשע העמד מיט א קאלער און האלז־בענדיל האט זי געהאט אויף זיך. אבער זי האט זיך געכאפט אז זי האט פארגעסען זיך צו בעזארגען מיט מענערשע שיך.

—אך, ווי דום איך בין! — האט זי אויסגערופען — איך האב קיין שיך ניט מיטגענומען. ווי פאסט דער קאסטיום מיט דעם סאמבררא צו מיינע טופליעם? יעדער וואס וועט א קוק טהון אויף מיינע פיס וועט דאך גלייך זעהען אז דאס איז א מיידעל פארקליידעט פאר א מאן.

נאריש קינד. ווער וועט זעהען דיינע פיס? דו וועסט אנקומען אין לאגער נאך איידער עס וועט טאג ווערען. אבער פאלג מיך, ראזעטא, טהייער קינד. ס'איז נאך צייט זאלסט דיך בערעכענען און פאלגען די נארישע טארעלא. לאמיר געהן צוריק און דו וועסט שיקען אלבערטא'ן אויף דיין ארט.

—קום! קום, טארעלא! רעד ניט קיין נארישקייטען — האט ראזעטא געזאגט אננעהמענדיג טארעלא'ן ביי דער האנד און געהענדיג מיט האסטיגע טריט ווייטער, מיטשלעפענדיג מיט זיך די עלטערע פרוי — איך האב דיר דאך געזאגט הונדערט מאל אז אלבערטא וועט גאר ניט טהאן צו רעטען פאפא. ווען ער זאל וויסען וואס איך טהו וואלט ער מיר געשטערט, צו וואס זשע רעדסטו איבער נאכאמאל וואס דו האסט מיר שוין הונדערט מאל געזאגט?

—אבער, ווי איז דאס מעגליך? — האט טארעלא גערעדט צו זיך אליין — וואו האט מען אזעלכעס געהערט אז א קינד זאל ניט וועלען רעטען דאס לעבען פון אן אייגענעם פאטער.

—רעד גאר ניט טארעלא, עס זיינען דא מאמענטען ווען איך הויב אן צווייפלען אויב אלבערטא איז מיין ברודער און מיר זיינען קינדער פון איין פאטער און איין מוטער. ער איז דאך אזוי פערשיעדען פון אונז אלע. ניט מיט'ן אויסזעהן און ניט מיט'ן כאראקטער האט ער די מינדעסטע עהנליכקייט צו איינעם פון אונז.

—איך האב איהם קיינמאל ניט ליעב געהאט. קיינמאל ניט. איך האב עס דיר ביז איצט מורא געהאט צו זאגען.

זיי זיינען אבגעגאנגען עטליכע מינוט שווייגענדיג, דאן האט טארעלא געפרעגט ראזעטא'ן אויב זי האט געהערט עפעס וועגען הערמאנאס'ן.

—גאר ניט, איך האב געהאט פון דאקטאר מארגאן א בריעף אז ער איז אויפ'ן ריכטיגען שפור, אבער מעהר האב איך גאר ניט געהערט.

—האב איך דיר דערצעהלט ווי איבערראשט איך בין געווארען ווען איך האב איהם דערזעהן צום ערשטען מאל?

—וועמען? הערמאנס'ן?

—געוויס הערמאנאס'ן. איך האב דיר ניט דערצעהלט?

—פילייכט האסטו מיר דערצעהלט און איך האב פערגעסען. וואס איז געווען די איבערראשונג?

—ער איז דאך עהנליך ווי צוויי טראפען וואסער צו סענאר ליאבא'ס בילד אהן דער בארד.

—דאס בילד פון פאפא ווען ער איז אלט געווען צוואנציג יאהר?... ווען האסטו עס בעמערקט?

—איך האב עס בעמערקט גלייך ווי איך האב אויף איהם א קוק געטהאן. איך האב עס איהם גלייך געזאגט אויך און איהם אריינגעפיהרט אין דער בילדער־גאלערי און איהם געוויזען סענאר ליאבא'ס בילד. ער איז א צוטומעלטער געווארען ווען ער האט דערזעהן די מערקווירדיגע עהנליכקייט און דאס עטליכע מינוט ניט געקענט אוועקרייסען זיינע אויגען פונ'ם בילד. האסטו ניט בעמערקט די עהנליכקייט?

—איך האב שוין א צייט ניט געזעהן דאס בילד. מיר דאכט אז עס הענגט נאר ניט מעהר אין דער בילדער־גאלערי.

—געוויס הייננט עס ניט מעהר אין דער בילדער גאלערי. אויפ'ן צווייטען צו אויפ'ן דריטען טאג וואס הערמאנאס איז אנגעקומען צו אונז האב איך עס שוין ניט געזעהן אין דער בילדער־גאלערי. איך האב געמיינט דו האסט עס ארויסגענומען און אויפגעהאנגען ערגיץ אנדערש.

—איך? איך האב מיך דערצו ניט צוגעריהרט. פיליכט האט פאפא געהייסען אימיצען עס ארויסנעהמען פון דער בילדער־גאלערי. אבער וואו האט עס געקענט אהין קומען? איך האב עס אין קיין אנדער צימער ניט געזעהן.

—איך האב די גאנצע צייט געמיינט אז עס איז אין סענאר ליאבא'ס אפארטמענט.

—אין פאפא'ס אפארטמענט געוויס ניט.

זיי זיינען איצט צוגעקומען צו דעם ברייטען וועג, וועלכער האט אפגעטהיילט דעם פארק פונ'ם וואלד.

—שטעה! — האט טארעלא געזאגט

—לאמיר זיך איינקוקען פון ביידע זייטען אויב אימיצער געהט ניט. וועל איך געבען קאזא'ן דעם צייכען אז מיר זיינען שוין דא.

אויף דעם ברייטען וועג איז שוין ניט געווען פינסטער. דער הימעל איז געווען אויסגעשטערינט און די לבנה האט זיך געזעהן פון אונטער א דינעם גרויען וואל־קען, אין וועלכען זי איז געווען ווי פארפלאנטערט און זיך געמאטערט פון איהם ארויסצופלאנטערן.

טארעלא האט געקוקט אין איין זייט און ראזעטא אין דער אנדערער און ביידע האבען ניט געזעהן קיין לעבעדיגען נפש.

—גיב דעם סיגנאל — האט ראזעטא געזאגט.

טארעלא האט ארויסגעלאזט א לאנגען פייף אזוי ווי אין א לאקאמאטיוו קומט אן, און פונ'ם וואלד האט אפגעענטפערט פונקט אזא פייף.

—ער איז דא! — האט טארעלא געזאגט — ווארט! ער וועט באלד ארויסקומען צו אונז.

און אין עטליכע זעקונדען האבען זיך דערהערט טריט און קאזא, א הויכער, דארער מעקסיקאנער, איז ארויסגעקומען פונ'ם וואלד צום ברעג פונ'ם וועג און געבליעבען שטעהן צוטומעלט.

ראזעטא און טארעלא זיינען צוגעגאנגען צו איהם.

—ווער איז דער יונגערמאן? — האט ער געפרעגט טארעלא'ן.

—דאס איז ראזעטא — האט טארעלא געזאגט — זי איז פערליירעט באר א מאן.

—דאס איז סענארא ראזעטא? — האט קאזא זיך איינגעקוקט אין זיין שוועסטער'ס פערשטעלטע קאמפאניאנקע — עס איז אייך אונמעגליך צו דערקענען.

—מיר טארען ניט פערלירען קיין צייט — האט ראזעטא געזאגט — געה אהיים, טארעלא.

טארעלא האט זיך געווארפען איהר סענארא אויפ'ן האלז, זי געקושט און געדריקט צו איהר הארצען און געשעפטשעט אין דער שטיל געבעטען און ברכות.

ראזעטא האט זי אויך געקושט און האט זיך ענדליך ליכט בעפרייט פון איהר.

—זעה זשע, מארגען זאלסטו זיין צר ריק — האט די גוטע פרוי נאכגערעדט ראזעטא'ן. וועלכע האט שוין אנגעשרי־

בען געהן מיט קאזא'ן אין וואלד אריין.

—יא, יא, טארעלא — האט ראזעטא געענטפערט, ניט אפשטעלענדיג זיך — געה שוין, געה !

אבער טארעלא איז ניט אוועקגעגאנגען ביז ראזעטא און קאזא זיינען ניט פערשוואונדען פון איהרע בליקען.

ראזעטא האט געזאגט טארעלא'ן אז זי געהט נאר צו מאדערא'ן איהם בעטען ער זאל בעפרייען איהר פאטער. און אויך פון דעם האט די געטרייע דיענסט זיך בעמיהט מיט אלע איהרע קרעפטען זי אבצוראטהען. וואלט זי איהר געזאגט פון איהר בעשלוס צו פערבלייבען אין לאגער פון די אינסורעקטאס און זיך בעטהייליגען אין זייער קאמפף, וואלט זי אויף קיין פאל ניט געגאנגען צו איהר ברודער און איהר ניט געהאלפען מיט קיין זאך אויסצופיהרען איהר פלאן.

טיעף אין וואלד, אקעגען א פערטיל מייל פון'ם ברייטען וועג, זיינען געשטאנען קאזאס צוויי ברענענדיגע פערד.

קאזא האט נאר געוואוסט אז ער דארף ברייננגען צוויי פערד און זיי לאזען אין וואלד און אליין ארויסקומען צום וועג און ווארטען אויף זיין שוועסטער און ראזעטא'ן. אזוי פיעל האט איהם טארעלא געזאגט, מעהר האט זי אליין ניט געוואוסט ווען זי איז געגאנגען צו איהם. איצט האט קאזא גענומען פרעגען ראזעטא'ן וואוהין זיי דארפען פאהרען.

—אין מאדערא'ס לאגער — האט ראזעטא געזאגט, און זי האט איהם ערקלעהרט אז זי וויל בעטען מאדערא'ן ער זאל רעטען איהר פאטער פון עספאראנזאס הענט.

—מיינט ניט אז מיר שווייגען — האט קאזא געזאגט — די פארמערס פון'ם גאנצען געגענד זיינען אויפגעקאכט. צו נעהמען אזא מאן ווי אייער פאטער, וועלכער האט יעדען איינעם פון אונז נאר גוטעס געטאהן, און איהם בעהאנדלען ווי דעם געמיינסטען פערברעכער ! האט ער דען ניט א רעכט צו סימפאטיזירען מיט די אינסורעקטאס ? מיר סימפאטיזירען אלע מיט דער רעוואלוציאן !

—אבער וואס קענט איהר אויפטהון מיט דעם וואס איהר זענט אויפגעבראכט ? וואס קען דאס העלפען מיין פאטער ?

—אה, מיר וועלען אויפטהון זעהר פיעל. מארגען ביינאכט דארף אפגעהאלטען ווערען א פערזאמלונג פון די פארמערס און איך וויים שוין איצט וואס עס וועט בעשלאסען ווערען.

—וואס, קאזא ?

— יונג און אלט וועט זיך בעוואפענען. מיר קענען צוזאמענשטעלען אן ארמיי פון עטליכע טויזענד. און מיר וועלען שיקען א דעלעגאציאן צו עספאראנזא'ן און איהם אויפפאדערען ער זאל אונז ארויסגעבען סענאר ליאבא. וועט ער אונזער דעלעגאציאן בעליידיגען, וועט ער האבען צו קעמפפען מיט צוויי ארמייען, מיט מאדערא'ס און אונזערע.

איז דאס ריכטיג ווי דו זאגסט ? אלע פארמערס זיינען אויפגעבראכט און זייען ענטשלאסען אזוי צו האנדלען ?

—איך האב אליין גערעדט מיט איבער הונדערט, און איך פארזיכער אייך, סענארא, אז דאס איז דער סענטימענט פון דער גאנצער בעפעלקערונג צווישען מערידא און הערמאסילא.

זיי זיינען צוגעקומען צו די פערד. וועלכע זיינען געווען צוגעבונדען צו א בוים.

ביי דעם פונקט וואו זיי האבען זיך געפונען איז א שטיק וואלד געווען אויסגעהאקט און א רויהער, ניט גוט איינגעריבענער וועג האט געפיהרט דורך'ן וואלד צו א זעג־מיהל וואו מען האט געמאכט ברעטער, און פון דער זעג־מיהל איז שוין געלאפען א ברייטער וועג קיין הערמאסילא.

זיי האבען גענומען דעם רויהען וועג צו דער זעג־מיהל, וועלכער איז געווען זיכערער ווי דער ברייטער וועג אין דארף. דא האבען זיי געמוזט געהן גאנץ פארזיכטיג, ווארום אויף יעדע עטליכע שפאן האבען די פערד זיך אנגעשלאגען אן קלעצער און פענקעס. אבער ווען זיי

זיינען צוגעקומען צו דער מיהל האבען זיי געגעבען זייערע פערד די שפארען און אין צוויי שטונדען ארום זיינען זיי שוין געווען ביי מאדערא'ס לאגער.

מאדערא'ס לאגער איז שוין איצט ניט געווען בעהאלטען אין היילען, ווי מיט עטליכע וואכען צוריק, ווען אונזער געשיכטע האט אנגעפאנגען. דאן האט מאדערא געהאט ארום זיך א גאנץ קליינינקע ארמייעלע, און האט געציטערט פאר אן אנפאל. אין פערלויף פון די לעצטע עטליכע וואכען האט זיך זיין ארמיי אויף צוואנציג מאל פארגרעסערט. "ערפאלג ברייגנט ערפאלג" איז ריכטיג אין יעדער פעלד פון מענשליכער טהעטיגקייט. די גלענצענדע זיעגער פון די רעוואלוציאנערען אין גערערא, מעקסיקאלי, כוזאנא, מעקסיקא סיטי און אין צעהנדליגע אנדערע ערטער האבען בעגייסטערט אלץ מעהר און מעהר מעקסיקאנער פאר דער רעוואלוציאן און אלע לאגערען זיינען געוואקסען און פערשטארקט געווארען מיט יעדען טאג. מאדערא האט איצט געהאט אן ארמיי פון עטליכע טויזענד מאן און מעהר ווי גענוג קאנאנען און ביקסען. ער האט זיך געפיהלט אלס א קאמאנדיר פון א מעכטיגער ארמיי, און האט אויסגעלעגט זיין לאגער אויפ'ן פרייען פעלד, הינטער דער קייט פון בערג, וועלכע האבען איהם בעשיצט ווי א ריעזיגע פעסטונג.

ווען ראזעטא האט ערקלעהרט דער וואך אז זי וויל זעהען מאדערא'ן האט מען איהר און איהר בעגלייטער געהייסען אראפגעהן פון די פערד, וועלכע מען האט איבערגעגעבען א אינסורעקטא, און זיי אליין האט מען אוועקגעפיהרט צו דער אינערער וואך. וועלכע האט זיי איבערגעגעבען צו א יונגען אפיציער מיט'ן נאמען גאנזאלעס. גאנזאלעס האט זיי אויסגעפרעגט ווער זיי זיינען, פון וואנען זיי קומען, זייערע נעמען, בעשעפטיגונגען און זיי אריינגעפיהרט אין א פאלאטקע און זיי געהייסען ווארטען ביז ער וועט צוריקקומען.

ראזעטא האט דעם יונגען אפיציער געזאגט דעם אמת, אז זי איז א מיידעל פארקליידעט פאר א מאן.

עס האט גענומען א היבשע צייט איז גאנזאלעס צוריקגעקומען, אין דער צייט האט ראזעטא פון איהר פאלאטקע געקענט בעטראכטען דעם לאגער. זי האט געזעהן אז אין דער מיטט פון'ם לאגער איז רוהיג און שטילל. צעהנדליגע לאנגע רייהען פון פאלאטקעס זיינען געלעגען אויסגעשפרייט אין דער לייגג פון דער קייט פון די בערג און קיינער איז פון זיי ניט ארויסגעקומען און קיינער איז אין זיי ניט אריינגעגאנגען. די ארמיי איז געשלאפען, אבער ארום און ארום דעם לאגער איז אנגעגאנגען א פיבערישע טהעטיגקייט. רייטער זיינען געלאפען הין און צוריק. פייפ־סיגנאלען זיינען אנגעקומען און געגעבען געווארען. פון די בערג זיינען געגעבען געווארען סיגנאלען דורך פערשיעדענע קאלירענדע בעלייכטענדע לאטערנעס. און יעדער סיגנאל האט געזעצט אין בעוועגונג צעהנדליגע יונגע אינסורעקטאס, וועלכע זיינען געלאפען אין פערשידענע ריכטונגען זיי איבערגעבען. וואגענס מיט פראוויאנט זיינען אנגעקומען, וואגענס מיט געוועהר זיינען אנגעקומען, ליידיגע וואגענס זיינען ארויסגעפאהרען. א טראסקעריי, א פייפעריי. א געלויף פון פוס־געהער און רייטער. א אונאויפהערליכער קאך און טומעל ארום און ארום, און אין מיטען—שטיל. רוהיג, נאכט....

ענדליך איז דער אפיציער געקומען צוריק און געהייסען ראזעטא'ן מיט איהר בעגלייטער איהר נאכגעהן.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו מאדערא'ס פאלאטקע האט ראזעטא געהייסען קאזא'ן אויסווארטען אין דרויסען ביז זי וועט ארויסקומען און זי איז אריינגעגאנגען מיט'ן אפיציער אינווייניג. דאס איז אבער נאר געווען א פאדערצימער, וואו עס זיינען געשטאנען עטליכע ליווענטענע ביינקלאך. דער אפיציער האט געהייסען ראזעטא'ן זיך זעטצען און איז ארויסגעגאנגען, און דער אדיוטאנט, וועלכער איז געשטאנען ביים

שווערען פארהאנג, וועלכער האט אבגעטהיילט מאדערא'ס קאבינעט פון'ם פאדער־צימער, האט געזאגט ראזעטא'ן אז זי וועט לאנג ניט דארפען ווארטען. און ווירקליך, אין עטליכע מינוט ארום האט זיך דערהערט פונ'ם "קאבינעט" א קלונג און דער אדיוטאנט האט צוגעמען דעם שווערען פארהאנג און געהייסען ראזעטא'ן אריינגעהען.

ראזעטא האט מיט א מאל א ציטער געטאהן.

דאס ערשטע מאל זייט עס איז איהר איינגעפאלען איהר פלאן איז איהר געקומען אויפ'ן געדאנק אז פאר א מיידעל איז עס צו פיעל ריזיקירט זיך צו געפינען אין א לאגער פון סאלדאטען אין מיטען דער נאכט. און דא ווערט זי נאך אריינגעפיהרט צו א פרעמדען מאן אין א צימער...

דאס האט זיך א ריס געטאהן דער אינסטינקט פון דער ריינער פרוי, וועלכער איז אימער אויף דער וואך און פארפעהלט ניט צו גיבען דעם געפאהר־סיגנאל אין יעדען אונזיכערען מאמענט.

אבער ראזעטא האט זיך באלד בערעכענט אז דער מאן, צו וועלכען זי ווערט אריינגעפיהרט, איז פראנציסקא מאדערא, דער אידעאליסט, דער עדעלמאן און דער אנפיהרער פון דער רעוואלוציאן פאר פרייהייט און בארען פאר דעם מעקסיקאנער פאלק, און זי איז גלייך בערוהיגט געווארען.

—גוטען מארגען, סענאר! — האט זי זיך פארנייגט.

—איהר זענט סענאר בעניטא ליאבא'ס טאכטער? — האט מאדערא געזאגט צו איהר אין א זעהר פריינדליכען טאן.

—יא סענאר, מיין נאמען איז ראזעטא.

—זיצט — האט ער איהר אנגעוויזען א שטוהל.

זי האט זיך פארנייגט און זיך געזעצט.

—איך האב געהערט וואס עס איז געשעהן מיט אייער פאטער — האט מאדערא געזאגט צו איהר. נאכדעם ווי ער האט זי א פאאר זעקונדען בעטראכט בעוואונדערענדיג איהר אויסערגעוויינליכע שעהנהייט, וועלכע ער האט נאר געקענט פארגלייכען מיט איהר אויסערגעוועהנליכען מוטה — און איך פארשטעה אז דיעזע אונגליקליכע פאסירונג האט אייך געבראכט צו מיר אין לאגער.

—איך בין געקומען אייך בעטען צו בעפרייען מיין אונגליקליכען בלינדען פאטער פון דעם טיראן'ס הענד.

—מיין ליעבע סענארא! איהר דארפט אייך ניט שרעקען פאר אייער פאטער'ס לעבען. עספאראנזא וועט ניט וואגען אויף איהם צו לעגען א האנד. ער ווייסט גאנץ גוט אז סענאר ליאבא האט מעכטיגע פריינד.

—אבער מיין פאטער איז קראנק און בלינד — האט ראזעטא געזאגט מיט א שטימע געווארגען פון טרעהרען — און ער האט איהם געשמידט אין קייטען און אריינגעווארפען אין א גרוב. מיין אונגליקליכער פאטער קען אונטער אזעלכע בעדינגונגען לאנג ניט לעבען.

מאדערא האט איהר געזאגט אז ער וועט אין איניגע טעג ארום געבען עספאראנזא'ן א שלאכט. ער האפט אז די שלאכט וועט זיך ענדיגען זעהר גליקליך פאר דער רעוואלוציאן. און דאן וועט ער קענען רעטען איהר פאטער.

—אבער ווי אזוי וועט איהר וויסען וואו מיין פאטער געפינט זיך? און ווי זייט איהר זיכער אז אנטלויפענדיג וועט דער טיראן איהם ניט מיטנעהמען?

—וואו אייער פאטער געפינט זיך וויסען מיינע מענשען. מיר וויסען א סך געהיימניספאלערע זאכען פון עספעראנזאס לאגער. און איך וועל אנזאגען מיינע קאמאנדירען זיי זאלען זעהן דאס ערשטע זיך צו מאכען א וועג צו אייער פאטערים פריזאן און איהם ארויסראטעווען. אבער — האט מאדערא צוגעזעצט קוקענדיג אויף איהר פון דער זייט אח זי שטודירענדיג — איהר וועט מיר ענטשולדיגען א פראגע.

— פרעגט וואס איהר ווילט, סענאר.

— איהר האט דאך א ברודער?

— יא, סענאר!

— ווארום איז ער ניט געקומען?

ראזעטא איז געווארען עטוואס פערלעגען.

— מיין ברודער — האט זי געזאגט רויט ווערענדיג — ער איז א לאיאלער. (טריי דער רעגיערונג).

— א לאיאלער? — האט מאדערא געשמייכעלט — א זוהזים ערשטע און העכסטע פפליכט איז צו זיין לאיאל צו זיין פאטער. מיין ליעבע סענארא! אייער ברודער — עס טהוט מיר לייד אייך צו מוזען דאס זאגען — אייער ברודער איז געווען דא ביי מיר מיט א פאאר וואכען צוריק און זיך ערקלעהרט אלס פריינד פון דער רעוואלוציאן. אייער פאטער'ס פריינד, דאקטאר מארגאן, און איך האבען א פערדאכט אז ער איז פעראנטווארטליך פאר'ן פערשווינדען פון מיין ליוטענאנט ראדעריגא הערמאנאס, און איך גלויב אז איהם האט אייער פאטער צו דאנקען פאר זיין ארייננפאלען אין די הענד פון עספעראנזא. איך זאג דאס אייך, ווייל איצט, ווען איהר זיינט אליין מיט איהם אין הויז, מוזט איהר עס וויסען און זיין פארזיכטיג.

— לײדער ווייס איך עס צו גוט — האט ראזעטא געזיפצט — אבער איך וועל מעהר מיט איהם ניט זיין צוזאמען.

— איהר וועט ניט זיין מעהר אין אייער פאטערס הויז?

— איך וויל בלייבען ביי אייך אין לאגער און מאכען דעם קאמפף פון'ם מעקסיקאנער פאלק פאר מ י י ן קאמפף

מאדערא האט זי ווידער בעטראכט פון דער זייט און שטודירט. זיין ערפאהרונג מיט אלבערטאין האט איהם געגעבען א פאראורטהייל אויף געגען ראזעטא'ן, איז זי ניט אלבערטא'ס א שוועסטער? אבער ער האט ניט געזעהן די מינדעסטע עהנליכקייט אין ראזעטא'ן צו איהר ברודער. קיינע צוויי ווילד פרעמדע מענשען וואלטען ניט געקאנט זיין וועניגער אונעהנליך אין אויסזעהן ווי זיי ביידע. און אין איהרע אויגען האט ער געלעזען אויפריכטיגקייט און אפענהערציגקייט.

— מיר האבען אייניגע מיידלעך און פרויען אין אונזערע רייהען — האט מאדערא געזאגט — איהר וועט אייך ניט פיהלען עלענד און פרעמד. אבער... דענקט איהר ניט אז איהר זייט אביסעל צו אריסטאקראטיש צו קענען איבערטראגען דאס הארטע לעבען פון א לאגער?

— דאס לעבען אין לאגער קאן ניט זיין הארטער פאר מיר ווי עספעראנזא'ס פריזאן פאר מיין בלינדען פאטער.

אין דעם איינפאכען ענטפער האט פאר מאדערא'ן אפגעקלונגען די גאנצע טיף־איינגעווארצעלטע ליעבע פון א געטרייער טאכטער פאר איהר פאטער און איהרע גרויסע שווארצע אויגען, וועלכע זיינען ביי די ווערטער פייכט געווארען פון טהרערען האבען פאר איהם אפגעשפיגעלט איהר ריינע, ערעלע, העלדענמוטהיגע זעעלע.

מאדערא איז געווען שטארק געריהרט ער האט דערפיהלט צו ראזעטא'ן א צערטליכקייט ווי פון א פאטער צו א קינד.

— גוט! האט ער געזאגט אויפשטעהענדיג — איהר זאלט בלייבען ביי מיר אין לאגער און זיך געפינען אונטער דער אויפזיכט פון מיין פרוי.

ער האט אנגעקלונגען און זיין ליוטענאנט סאנכא איז אריינגעקומען.

—נעהם דיעזע סענארא — האט ער געזאגט צו איהם — און פיהר זי אפ צו מיין פרוי אין פאלאטקע. זאג מיין פרוי אז די סענארא איז די טאכטער פון מיינעם א פריינד. זאל זי איהר געבען א ביקס און א פערד, זי לעהרנען ווי צו קעמפפען פאר פרייהייט און באדען און זי בעטראכטען ווי איינע פון אונזער פאמיליע.

— איך דאנק אייך, סענאר! — האט ראזעטא זיך פערנייגט און זיך געלאזט ארויסגעהן.

— איין ווארט, סענארא — האט מאדערא זי אבגעשטעלט — האט איהר ערהאלטען דעפעשען אדער בריעף פון דאקטאר מארגאן?

— ניין, סענאר!

— דאס איז אונבעגרייפליך. איך האב ערהאלטען פון איהם א דעפעשע פון קינגסטאן. ער שרייבט מיר אז ער האט אנגעיאגט די רויבער־שיף אויף וועלכע הערמאנאס איז פארנארט געווארען און

ער איז איצט מיט הערמאנאסיען אין קינגסטאן.

— מיין גאט! — האט ראזעטא אויסגערופען איבערראשט און דערפרעהט —

ראזעטא אין מאדעראס לאגער סיגנאל צו פעלדגוירסעס.

הערמאנאס איז גערעטעט, און דאקטאר מארגאן איז מיט איהם אין קינגסטאן!... שרייבט ער ווען זיי קומען צוריק?

— דאס שרייבט ער ניט. אבער עס איז דאך אונמעגליך אז דאקטאר מארגאן זאל אייך גאר ניט האבען געשריעבען! וואהרשיינליך נעהמט אימיצער איבער אייערע בריעף. שרייבט צו דאקטאר מארגאן ער זאל אייך פון איצט אן שיקען בריעף אדער דעפעשען אויף מיין אדרעס. שרייבט צו איהם: קינגסטאן, דזשעמייקא, האטעל "ענגלאנד."

דאנקענדיג איהם פון טיעפסטען הארצען, געריהרט פון זיין פריינדליכקייט און גליקליך פון דער פרעהליכער בשורה און פון דער האפנונג אז איהר פאטער וועט אין גיכען זיין א פרייער מענש איז ראזעטא ארויסגעגאנגען מיט סאנכא'ן פון מאדעראס פאלאטקע.

17טער קאפיטעל.

עדוארד האק ווידער אויף דער סצענע.

אזוי שנעל ווי מיסטער ווארד האט ערהאלטען זיין טאכטער'ס בריעף, אין וועלכען זי האט איהם מיטגעטהיילט וואס עס איז פארגעקומען אין מערידא און ווארום זי האט געמוזט אפפאהרען נאך סאן פראנציסקא, האט ער איהר געקלאפט א דעפעשע אז ער האט אויפ'ן וואסער בעגעגענט דאקטאר מארגאן און אז הערמאנאס איז גערעטעט. באלד נאכדעם האט ער איהר געשיקט בריעף, אין וועלכען ער האט בעשריעבען אויספיהרליך די שלאכט מיט דער פיראטען-שיף און איהר מיטגעטהיילט אז הערמאנאס'עס געזונד איז שטארק אנגעגריפען און אז ער מוז פערבלייבען אין קינגסטאן, אונטער דאקטאר מארגאנ'ס פפלעגע אז אונבעשטימטע צייט. אבער אזוי ווי ער האט פערשטאנען פון צווישען די שורות פון איהר בריעף אז זי איז אין דעם יונגען שעהנעם אינסורעקטא שטארק פעראינטערעסירט, האט ער זי פערזיכערט אז אלעס וואס הערמאנאס דארף איז רוהע און גוטע לופט און אז אין א מאנאט אדער צוויי וועט ער זיין פאלשטענדיג געזונד. ער האט איהר אויך געשריעבען אז ער קען אין קינגסטאן לאנג ניט פערבלייבען. אין עטליכע טעג וועט ער ווערען פערטיג מיט זיין מיסיאן און א היים פאהרען.

הערמאנאס און דאקטאר מארגאן האבען אויך געשיקט בריעף צו ליליאן, און אין הערמאנאס'עס בריעף האט ליליאן געלעזען צווישען די שורות אז איין בעריהרונג פון איהר האנד, איין בליק פון איהרע אויגען, וואלטען איהם מעהר געקרעפטיגט ווי דאקטאר מארגאנ'ס אלע מעדיצינען און די טהייערסטע לופט.

ליליאן איז געווען פון די מיידלעך, ביי וועלכע דער וואונש ווערט גליך פערוואנדעלט אין א פעסטען בעשלוס, און דער בעשלוס — אין טהאט.

— איך מוז זיין לעבען איהם — האט

זי געזאָגט צו זיך אליין, ווי זי האָט איבערגעלעזן הערמאַנאַס'עס בריעף — מיין אָרט איז ביים קראַנקען-בעט פון מיין געליעבטען!

אין פערלויף פון 24 שטונדען איז ליליאַן געוועזען רייזע-פערטיג. די איינוועגדונגען פון דער מוטער און פון הויזגעזינד האָבען זי ניט געקענט צוריקהאַלטען. שוין דעם נעכסטען טאָג האָט זי דער שנעל-צוג פון דער סאַנטאַ-פע ליין געטראָגען דורך די ברייט פון יונייטעד סטייטס ביז צום מעקסיקאַן גאָלף וואו זי האָט דריי טעג שפּעטער גענומען א סטיימרום אויף דעם ערשטען שיף וואָס איז געגאַנגען דירעקט נאָך קינגסטאָן, דזשעמייקא.

פון'ם וועג האט זי געשריעבען איהר מוטער וואוהין זי איז אוועקגעפאָהרען. און אין דעם בריעף האָט זי אויך געעפענט פאר איהר הארץ. זי האָט איהר געשריעבען אז זי ליעבט דעם יונגען אינסורעקטא מיט איהר גאַנצער נשמה. ער איז איהר לעבען, איהר גליק, אָהן איהם איז פאר איהר די וועלט פינסטער און דאָס לעבען אָהן אן איגהאלט. די מוטער מוז איהר ענטשולדיגען, זי ווערט בעוואויגען פון געפיהלען, וועלכע זי קען ניט בעהערשען, און זי האָפט אז איהר פאָטער וועט איהר אויך פערצייהען.

פון שיף איז ליליאַן געפאָהרען דירעקט צום האָטעל ענגלאַנד, וואו זי האט צו איהר גרעסטען בעדויערען ערפאַהרען, דאס איהר פאָטער האָט ערשט צוויי טעג צוריק פארלאזען קינגסטאָן אין זיין יאכט. דאן האָט זי זיך געלאָזט מעלדען צו דאָקטאָר מאָרגאַן.

עס איז געוועזען באַלד נאָך דינער. דאָקטאָר מאָרגאַן מיט זיין פּאַציענט הערמאַנאָס, וועלכער איז יעצט שוין געוועזען פיעל בעסער, זיינען געזעסען אליין אין גאַסט-צימער פון האָטעל און געלעזען צייטונגען וועגען די פּאַסירונגען אין מעקסיקא אלס א דינער פון האָטעל איז אריינגעקומען און געמעלדעט דאָקטאָר מאָרגאַן דאָס א יונגע דאמע וויל איהם זעהן.

— ווער איז די דאמע? — האָט דאָקטאָר מאָרגאַן געפרעגט.

— זי וויל ניט זאָגען איהר נאָמען.

— בעט זי הערייַן.

ביידע, מאָרגאַן און הערמאַנאָס האָבען אוועקגעלייגט זייערע צייטונגען און האָבען ערוואַרטונגספאָל געריכטעט זייערע בליקען צום טיהר.

ווען די טיהר האָט זיך געעפענט און די געשטאַלט פון ליליאַן וואָרד האט זיך בעוויעזען, זיינען זיי ביידע אויפגעשפּרונגען ווי בעריהרט פון אן עלעקטרישען שטראָם

— ליליאַן! — האָט הערמאַנאָס אויסגערופען, און ניט פיהלענדיג זיין שוואַכקייט האָט ער זיך א לאָז געטהאָן צו דער געליעבטער מיידעל, אליין ניט פיהלענדיג ווי אזוי. זי איז איהם געקומען האַלבוועגס און אין נעכסטען פּינטעל מיטין אויג איז זי געלעגען אין זיינע אָרעמס, צוגעדריקט צו זיין ברוסט מיט אַלע כחות וועלכע זיינען נאָך אין איהם געבליבען.

עס האָט אויסגעוויעזען דאָס די גע גענוואַרט פון דאָקטאָר מאָרגאַן איז זיי אין גאַנצען ניט אַנגעגאַנגען, אקוראַט ווי ער וואָלט פאר זיי ניט עקזיסטירט.

דאָקטאָר מאָרגאַן איז א ווײַלע געשטאַנען איבערראַשט. דערנאָך האָט ער שמייכלענדיג בעטראַכט דאָס פּאָריל, וואָס האָט ווי עס האָט אויסגעזעהן פארגעסען די גאַנצע וועלט און זיך אליין. דאן האָט ער זיך עראינערט אן ראזעטאַ'ן און האָט אַנגעפאַנגען צו ברענען פאר אונגעדולד, עטוואָס צו ערפאהרען פון ליליאן, און ענדליך איז ער אויך געוואָרען אונרוהיג וועגען הערמאַנאָס'עס אויפרעגונג, דען ער איז נאָך געוועזען שוואך פון דער קראנקהייט און א צו גרויסע אויפרעגונג האָט איהם געקאָנט שאַדען.

נאָכדעם ווי די ערשטע איבערראַשונג פון ווידערזעהן איז געוועזען פארביי, און די צוויי פערליעבטע זיינען געקומען צו זיך פון די אויבערשטע הימלען, האָט זיך אָנגעפאַנגען א ישוב הדעת וואָס צו טהאָן מיט ליליאן. דאָקטאָר מאָרגאַן האָט זיך געפיהלט ווי איין עלטערער ברודער פון די צוויי פערליעבטע און האָט עס געהאַלטען פאר זיין פפליכט צו שיטצען איהר גוטען נאָמען. אויף א העפליכען אופן האָט ער דיעזען געדאנקען

ארויסגעזאגט צו די צוויי יונגע לייט, וועלכע זיינען איין אויגענבליק געבליבען אין פערלעגענהייט.

— זעהר אן אונאנגענעהמע לאגע! — האט הערמאנאס געזאגט.

— מיינע ליעבע פריינדע! — האט ליליאן געזאגט מיט א שעלמישען שמייכעל — איהר מענער זייט אלע מאל הילפלאז ווען איהר געפינט זיך אין א פערלעגענהייט. וואס פאר א אונאנגענעהמע לאגע איז דא? וואס פאר א געלעגענהייט צום רעדען און דערצעהלען געשיכטען זעהט איהר דא? הערמאנאס איז א פאציענט, דאס וויסען אלע אין האטעל. איהר זייט זיין דאקטאר, דאס וויסען אויך אלע, און איך — בין זיין נוירס. זיין נוירס, וועלכע איהר האט ספעציעל אראפגעבראכט פון אייער קליניק אין סאן פראנציסקא. וואס קען נאך זיין מעהר נאטירליך?

— דאס איז ווירקליך א אויסגעצייכענטע אידעע! — האבען ביידע מענער געזאגט צופריעדען.

— און דאס איז ווירקליך געווען דער אבזיכט פון מיין רייזע — האט ליליאן געזאגט — איך בין א נוירס. איהר האט מיך אויסגעלעהרענט די פראפעסיאן ווען מיר זיינען געווען אין מערידא. ווארום זאל איך ניט זיין א נוירס ביי הערמאנאס'ען?

אין א האלבע שטונדע ארום איז ליליאן שוין געווען אנגעטהאן אין א ווייסען פארטוך און א קליינטשיק ווייס היטעלע אויפין שפיץ קאפ, וועלכער קאסטיום האט איהר זעהר געפאסט. און אלע אין האטעל האבען געוואוסט אז דאקטאר מארגאן האט אראבגעבראכט פון סאן פראנציסקא א שעהנע נוירס פאר זיין פאציענט.

זי האט גענומען צוויי רומס נעגענאיבער דעם אפארטמענט פון דאקטאר מארגאן און הערמאנאס, און די פראגע פון "לייטישע רייד" איז געלייזט געווארען אויפין בעסטען און נאטירליכסטען אופן.

עס איז נאר געבליבען די זארג וועגען מיסטער ווארדים כעס אויף ליליאן פאר איהר לאזען זיך אוועקטראגען פון איהרע אימפולסען אזוי ווייט צו מאכען — אזא לאנגע רייזע צו א יונגען מאן אין א פרעמד לאנד אהן די עלטערען'ס ערלויבניס. אבער דאס האט ליליאן געזאגט, וועט שוין רעכט ווערען. איהרע עלטערען ליעבען זי צו שטארק איהר ניט צו פערצייהען.

זייט ליליאן איז געווארען הערמאנאס'עס נוירס האט זיין געזונד זיך געבעסערט פון טאג צו טאג, און א וואך נאך איהר אנקומען אין קינגסטאן האט שוין א פארב אנגעהויבען שפיעלען אויף זיינע באקען, און זיינע שווארצע אויגען האבען אנגעהויבען קריגען זייער אמאליגען פייער און מאגנעטיזם.

נאר אפט האט ליליאן געהערט ווי עס רייסען זיך ארויס פון זיין ברוסט שווערע זיפצען, און עס פלעגען טרעפען טעג ווען ער איז ארומגעגאנגען פערטראכט און מעלאנכאליש.

ליליאן האט איהם א פאאר מאל געפרעגט וועגען די אורזאכען פון זיין מרה שחורה, און ער האט איהר יעדעס מאל געענטפערט אז ער האט איהר שוין אלעס געזאגט אין מערידא.

— דאס וואס דו ווייסט ניט ווער דיינע עלטערען זיינען?

— יא.

— אבער דו ווייסט דאך אז ביי מיר ביזטו גוט און ליעב און טהייער ווי דו ביזט און איך קימער מיך ניט ווער דיינע עלטערען זיינען געווען, און מיין פאטער איז גענוג ליבעראל און פערנינפטיג אונז ניט צו שטערען אונזער גליק צוליעב א צופאל פאר וועלכען דו ביזט ניט פעראנטווארטליך.

עטליכע מאל האט ליליאן איהם געשטעלט דיעזע פראגע און ער האט איהר ניט נעענטפערט און ליליאן האט געפיהלט אז דאס אליין איז ניט די אורזאכע פון זיין דריקענדער מעלאנכאליע. זי האט אויך דערקענט אן דאקטאר מארגאן אז ער ווייס דאס וואס הערמאנאס בעהאלט פון איהר, און זי האט בעשלאסען צו צושטעהן צו דאקטאר מארגאן ער זאל איהר אויסזאגען.

זי האט אבגעווארט א געלעגענהייט ווען זי איז געווען מיט דאקטאר מארגאן אליין אין איהרע רומס און איז צוגעשטא-

נען צו איהם ער זאָל איהר זאָגען וואָס עס דריקט איהר געליעבטען'ס האַרץ.

דאָקטאָר מאָרגאַן האָט איניגע סעקונדען געשוויעגען, דאַן האָט ער געזאָגט צו איהר:

— דאָס איז ניט קיין סוד, וועלכען ער וויל פון אייך בעהאַלטען. ער דערצעהלט דאָס אייך ניט, ווייל דאָס וועט אייך פאַרקומען ווילד און אונגלויבליך.

— קיין זאַך וואָס הערמאַנאָס וועט מיר זאָגען וועגען זיך וועט מיר ניט פאַרקומען ווילד און אונגלויבליך. און יעדענפאַלס, האָב איך ניט א רעכט צו וויסען א זאַך וועגען מיין געליעבטען, וועלכע איהר ווייסט?

אין די לעצטע ווערטער האָט געקלונגען א נאָטע פון אייפערזיכט, וועלכע האָט ארויסגעבראכט א שמייכעל אויף דאָקטאָר מאָרגאַן'ס ליפען. זינט ליליאַן איז געקומען קיין קינגסטאָן האָט זיך אין איהר בעזעצט אן אונערקלעהרליכער פאַרשטיקטער געפיהל פון פערדרוס אויף דאָקטאָר מאָרגאַן, מיט וועלכען, עס האָט זיך איהר אויסגעוויעזען, הערמאַנאָס איז געווען מעהר אָפּענהערציג ווי מיט איהר. זי האָט אליין ניט געוואוסט אז דאָס געפיהל וואָס מאַטערט זי אין דער שטיל איז אייפערזיכט, אבער דאָקטאָר מאָרגאַן האָט עס דערקענט אין דעם שאַרפען טאָן מיט וועלכען זי פלעגט צו איהם אָפט רעדען, און אין די גרויסע בייזע אויגען וואָס זי פלעגט אויף איהם אַנשטעלען יעדעס מאָל וואָס זי האָט איהם געטראָפען מיט הערמאַנאָסין אין א אינטימען געשפּרעך, און דאָס פלעגט אלע מאָל אין איהם ארויסרופען א אינערליך געלעכטער און פרייד. ווארום דאָס האָט געוויעזען ווי גרויס איהר ליעבע איז פאַר דעם יונגען שעהנעם אינסורעקטאָ, וועלכען ער האָט ליעב געהאַט ווי א אינגערען ברודער.

— איהר האָט זיכער יעדעס רעכט צו וויסען וועגען הערמאַנאָס'ן אלעס וואָס איך וויים — האָט דאָקטאָר מאָרגאַן גוטמוטהיג געזאָגט — אבער איך האָב מורא — און הערמאַנאָס האָט מורא — אז דער סוד וועלכען איהר ווילט אזוי שטאַרק וויסען וועט ניט נור אייך פאַרקומען ווי א ווילדע פאַנטאַזיע נאָר איהר וועט בעטראַכטען הערמאַנאָסין פאַר אן איינפאַכען משוגענעם, און דאָס איז די אורזאַכע ארום ער קען דאָס אייך ניט דערצעהלען.

— און איהר בעטראַכט איהם ניט פאַר משוגע, אבוואָהל איהר ווייסט דעם סוד? — איז ליליאַן געוואָרען נאָך מעהר נייגעריג.

— איך האָב געוויסע איינדריקע — פאַרשטעהט מיך: — א י י נ ד ר י ק ע, ניט קיין פאַקטען, און אויך ניט קיין שטאַרקע לאָגישע שליסע — וועלכע מאַכען מיר, די זאַך אויסזעהן פאַר א מעגליכקייט.

— אבער לאָמיך שוין הערען וואָס דאָס איז! — איז ליליאַן שוין ארוים פון געדולד.

— עס האַנדעלט זיך וועגען הערמאַנאָס'עס אבשטאַמונג. ער האָט געוויסע גרינדע צו גלויבען אז ער איז דאָס קינד פון א זעהר וואויל-בעקאַנטען און פיעל-געאַכטעטען מיליאָנער.

— האָס איבערראַשט מיר גאָר ניט — האָט ליליאַן געזאָגט — איך האָב אלע מאָל געפיהלט אז ער שטאַמט פון איינער פון די שעהנסטע פאַמיליעס. ווי דען איז מעגליך אזוי פיעל עדעלקייט, אזעלכע איינגעבוירענע אריסטאָקראַטישע מאַניערען?

— אבער וואָס וועט איהר זאָגען ווען איהר וועט הערען אז ער האָט אורזאַכען צו גלויבען אז זיין פאָטער איז — — — — סענאָר בעניטאָ ליאַבאַ?

ליליאַן האָט א ציטער געטהאָן און איז בלאַס געוואָרען ווי א מת.

— ווי? — האָט זי קוים געקענט אויסריידען — סענאָר — — — בעניטאָ ליאַבאַ?

— יעס, מיין פריינדין, און איך האַלט האָס פאַר זעהר מעגליך.

— אבער ווי אזוי? פון וואַנען האָט זיך גענומען צו איהם דער פערדאַכט?

— דעם פריהמאָרגען וואָס ער איז אַנגעקומען אין ליאַבאַ'ס הויז האָט ראַזעטאַ'ס דיענסט, טאַרעלאַ, איהם ארייַנגעפיהרט אין זיין אַפּאַרטמענט און ניט געקאָנט פון איהם אראָבנעהמען די אויגען. אויף זיין פראַגע וואָס זי קוקט אזוי

אויף איהם, האט די נאאיווע פרוי אויסגערופען:

„מיין גאט! איהר זייט עהנליך ווי צוויי טראפען וואסער צו א בילד פון סענאר ליאבא ווען ער איז געוועזען א יונגער מאן, אהן בארד און וואנצעס.“

און זי האט איהם אריינגעפיהרט אין דער בילדער-גאלערי און איהם געוויזען דאס בילד פון סענאר ליאבא.

— און דאס בילד איז ווירקליך געוועזען עהנליך צו איהם?

— אזוי ווי צוויי טראפען וואסער.

— זאל ער זיין סענאר ליאבא'ס א אונגעזעצליך קינד?

— דאס איז געוועזען הערמאנאס'עס ערשטער געדאנק, עס זיינען אבער דערנאך צוגעקומען גרינדע צו גלויבען, אז הערמאנאס איז סענאר ליאבא'ס געזעצליכער זוהן, און אז דער וואס ווערט פון יעדען בעטראכט אלס ליאבא'ס זוהן איז א פרעמדער און א נידערטרעכטיגער אינטריגאנט.

— איהר מיינט אלבערטא'ן?

— גאנץ געוויס, אלבערטאן!

וואס זיינען די צוגעקומענע גרינדע?

— האט איהר ניט בעמערקט אז אלבערטא טראגט ניט די מינדסטע עהנליכקייט צו סענאר ליאבא און ראזעטא?

— דאס טרעפט אבער זעהר אפט, אז א קינד זאל זיין פאלשטענדיג אונעהנליך צו זיינע עלטערען און שוועסטער און ברידער.

— יא, דאס טרעפט זעהר אפט. עס טרעפט אבער זעהר זעלטען אז א קינד זאל זוכען צו ערמארדען א פאטער!

— און אלבערטא האט געוואלט ערמארדען סענאר ליאבא?

— די אפעראציאן, וועלכע ער האט אונבעדינגט געוואלט דורכפיהרען איז געוועזען א ריינער פערזוך אויף מארד. דאס איז פאר מיר אזוי קלאהר ווי דער טאג, און ראזעטא האט עס אויך פערדעכטיגט. איך האב די מארד-אפעראציאן געשטערט, און עס איז געמאכט געווארען א פערזוך מיך אפצוראמען פון וועג. איך בין פערמסריט געווארען צו מאדעראן אלס א שפיאן און אלס רעזולטאט איז, ווי איהר ווייסט, געמאכט געווארען דער איבערפאל אין וועלכען אייער פאטער איז אנשטאט מיר אוועקגעשלעפט געווארען אין מאדעראס לאגער. ווער האט געזאגט מאדעראן אז איך בין א שפיאן?

—אלבערטא!

—אלבערטא. דאן איז הערמאנאס פערנארט געווארען אויף א פיראטען־שיף און געזאלט אוועקגעפיהרט ווערען ערגיץ אויף א ווילדען אינזעל. און, ווי איהר ווייסט שוין, איז דאס אויך אלבערטא'ס ארבייט, אלבערטא'ס צוזאמען מיט קאספארעסעס. אלזא, וואס פאר אורזאכען קען אלבערטא האבען צו זוכען דעם טויט פון זיין פאטער? וואס פאר אורזאכען קען ער האבען צו זוכען דעם אונטערגאנג פון הערמאנאס'ן, וועלכער האט איהם קיין בייזעס ניט געטהאן, וועלכען ער האט זאגאר קיינמאל קיין בייז ווארט ניט געהערט?

ליליאן איז געזעסען מיט פערמאכטע אויגען און געקנייטשט דעם שטערן.

—דאס לעצטע — זיין זוכען אפצוראמען פון'ם וועג הערמאנאס'ן — צוזאמען מיט הערמאנאס'עס עהנליכקייט צום בילד — מאכען יעדענפאלס דעם פערדאכט פאר פיעל מעהר ווי א פאנטאזיע —האט זי געזאגט ווי צו זיך אליין — אבער האט זי זיך געווענדעט צו דאקטאר מארגאן — ווער איז אלבערטא אויב ער איז ניט סענאר ליאבא'ס זוהן, און ווי האט א פרעמדער מענש געקענט קומען צו סענאר ליאבא און זיך אנגעבען פאר זיין קינד?

— איך קען פערשטעהן ווי ער האט געקענט קומען צו סענאר ליאבא און זיך אנגעבען אלס זיין קינד — האט דאקטאר מארגאן געזאגט — ווען ער איז געקומען אין מערידא, מיט עטליכע מאנאט צוריק, איז סענאר ליאבא געוועזען בלינד, האט וועגען דערקענען ניט געקענט זיין קיין רעדע. ראזעטא האט איהם ניט געקענט. ווען מען האט איהם אוועקגעפיהרט קיין ענגלאנד איז ראזעטא אין גאנצען אלט געוועזען צוויי יאהר. אבער וואס איך קען ניט בעגרייפען, איז ווי קומט ער קיין ענגלאנד, צו סענאר ליא־

באַ'ס ברודער? און ווי קומט הערמאַנאַס צו דעם אָרימען שוסטער אין מעקסיקאָלי?

— די גאַנצע געשיכטע איז אונבעגרייפליך — האָט ליליאַן געזאָגט.

— דעריבער האָב איך איך געזאָגט גלייך אין אָנהויב, אַז איך האָב ניט קיין פאַקטען. איך האָב נאָר איינדריקע און גאַנץ שוואַכע לאָגישע שליסע. אָבער אין דער טיעפעניש פון מיין הארצען גלויב איך אַז הערמאַנאָס איז סענאָר ליאַבאַ'ס זוהן און אַז אַלבערטאָ איז אַ אָוואַנטיוריסט, און איך האָב עס מיר געמאַכט פאַר מיין לעבענסדאויפגאַבע צו דערגרונטעווען די אינטריגע און פערטרייבען דעם אָוואַנטיוריסט פון סענאָר ליאַבאַ'ס הויז.

— וואָרום — האָט ליליאַן געזאָגט נאָכדיינקענדיג — האָט איהר ניט אויפמערקזאַם געמאַכט ראָזעטאַ'ן אויף הערמאַנאָס'עס עהנליכקייט צו איהר פאַטער'ס בילד?

— הערמאַנאָס האָט מיר ניט געזאָגט קיין וואָרט וועגען דעם אין מערידאַ. ערשט דאָ, אין קינגסטאָן, האָט ער מיר ענטדעקט זיין פערדאַכט. יאָ! נאָך אַ פונקט, וועלכער ווייזט אַז די אינטריגאַנטען — איך מיין אַלבערטאָ'ן און קאַספאַרע'ן, וואָרום זיי זיינען אימער צוזאַמען און דער לעצטער שטיצט אַלבערטאָ'ן אין אַלע זיינע נידערטרעכטיגקייטען — זיינען אויך געווען בעאונרוהיגט פון הערמאַנאָס'עס עהנליכקייט צו סענאָר ליאַבאַ'ס בילד איז דער פאַקט וואָס דאָס בילד איז באַלד פערשוואונדען געוואָרען פון דער בילדער־גאַלערי און הערמאַנאָס האָט עס מעהר ניט געזעהן אין קיין אַנדער צימער.

— דער קאָפּ האָט זיך מיר אָנגעהויבען דרעהען פון אַלעס וואָס איך האָב געהערט — האָט ליליאַן געזאָגט.

— איך וועל אייך לאָזען אַליין, אַלעס איבערצודיינקען און זיך צו בערוהיגען, און איך וועל זאָגען הערמאַנאָס'ען אַז איך האָב אייך אַלעס דערצעהלט.

ווען דאָקטאָר מאָרגאַן איז אַריינגעקומען צו זיך אין רום האָט ער געטראָפען אויף זיין דעסק צוויי בריעף פון מאַדערראַ'ס לאַגער און איינער איז געווען אַדרעסירט אין ראָזעטאַ'ס האַנדשריפט.

מיט ציטערנדע הענד האָט ער אויפגעריסען דעם אינוועלאָפּ און פון יעדער צייל׳ע וואָס ער האָט געלעזען איז אַ שווערער דורכגעגאַנגען איבער זיין לייב.

נאָכדעם ווי זי האָט איהם מיטגעטהיילט וועגען עספּאַראַנזאַ'ס אַריינרייסען זיך אין מערידאַ און איהר פאַטער'ס אַרעסט, און ווי זי האָט זיך ביינאַכט אַריינגע'גנב'עט אין מאַדעראַ'ס לאַגער און געוואָרען אַן אינסורעקטאַ, האָט זי איהם געשריבען דאָס פאָלגענדע:

"מיין ליעבער פעליקס! עס איז שוין צוויי טעג אַז איך בין אין לאַגער. איך בין אונטער סענאָרא מאַדעראַס אויפזיכט און אין איהר רעגימענט. מיר גרייטען זיך צו אַן איבערפאַל אויף עספּאַראַנזאַ'ן און די אינסורעקטאָס האָבען אַ בעפעהל אום יעדען פרייז זיך דורכצוברעכען אַ וועג צו מיין פאַטער'ס פריזאָן און איהם רעטען. מיין זיסער ברודער דיינקט אָבער, ווי עס ווייזט אויס, אַז מיין פאַטער וועט זיך שוין מעהר ניט אומקעהרען אַהיים. ווי טאַרעלאַ'ס ברודער, וועלכער קומט צו מיר יעדע נאַכט, דערצעהלט מיר, האָט מיין ברודער איבערגענומען די פערוואַלטונג פון'ם הויז און פון די געשעפטען. ער שיקט אַוועק אַלע דיענער און דיענסטען וועלכע זיינען צוגעבונדען צו מיין פאַטער און שטעלט אַן אויף זייער אָרט אַנדערע. פאַר די מיענען און פּלאַנטאַציעס זוכט ער אויך אַנדערע אָנגעשטעלטע. גאָט מיינער! מיט יעדען טאָג שטאַרקט זיך אין מיר דאָס געפיהל אַז אַלבערטאָ איז ניט מיין ברודער, ניט מיין פּאַפּאַ'ס קינד. אָבער איך וויל דיר איצט דערצעהלען אַ מערקווירדיגע זאַך, פון וועלכע איך פערשטעה ניט די בעדייטונג.

"איך האָב דיר געשריבען אַז אום ניט דערקענט צו ווערען אויפ'ן וועג אין מאַדעראַ'ס לאַגער האָב איך מיך אָנגעטהאָן אין אַלבערטאָ'ס אַ קאָסטיום. וועלכען איך האָב אַרויסגענומען פון זיין קליידער־

שראנק. ווען איך בין אריינגעפירט געווארען אין סענארא מאדערא'ס פאלאטקע האט זי מיר געגעבן א פראוויזיוניפארם און איך בין אריינגעגאנגען אין א הינטערשטען צימער זיך איבערטהאן. ווען איך האב אראבגעווארפען פון זיך דעם מענער־קאסטיום איז פון דער בוזים־קעשענע פון דער וועסט ארויסגעפאלען אן אויפגעריסענער אינוועלאפ. עכ האט מיך א ציה געטהאן צו זעהן וואס ליעגט אין דעם אינוועלאפ. פיעלייכט איז עס געוועזן איינפאכע נייגיעריגקייט, אדער פיעלייכט האט מיך אנגערעגט דערצו מיין שטענדיגער פערדאכט אז אלבערטא פלאנעוועט פערשווערונגען געגען פאפא און אלע וואס זיינען איהם ליעב. איך האב ארויסגענומען דעם בריעף פון'ם אינוועלאפ און געלעזען דאס פאלגענדע.... אבער איך מוז דיר פריהער זאגען אז דער בריעף איז געוועזן געשיקט פון מעקסיקאלי. איצט צום אינהאלט:

"סענאר אלבערטא ליאבא!" האט זיך דער בריעף אנגעהויבען. "איך האב ערהאלטען די צוויי הונדערט דאלאר, און ווען עס וואלט איצט געוועזן א בעסערע צייט וואלט איך זיי אייך אבגעשיקט. וואס מיינט איהר בין איך עפעס? א בעטלער? צו גלויבט איהר אז איך וויים ניט און פערשטעה ניט אז דא האנדעלט זיך וועגען צעהנדליגע מיליאנען? קאספארע פלעגט מיך שוין בעסער בעהאנדלען ווי איהר. אז איך האב איהם געשריבען עטליכע בריעף און געסטראשעט אז איך וועל אלעם דערצעהלען, פלעגט ער מיר צושיקען פיער אדער פינף הונדערט דאלאר. זינט איהר זיינט אהיים געקומען האט ער מיר געשריבען איך זאל זיך ווענדען צו אייך. האב איך אייך געשריבען זעכס בריעף, און איהר האט זיך קוים צובראכען, און מיר אריינגעשיקט צוויי הונדערט דאלאר!... דאס איז לעכערליך. איהר מאכט איינפאך חוזק פון מיר. אבער איך מוז אייך זאגען אז נאטאכע גאמען איז ניט א מענש וועלכער ערלויבט מען זאל פון איהם חוזק מאכען. איך בין טאקע ניט מעהר ווי א שוסטער און א קאנטראבאנדיסט, און איהר זיינט א זוהן פון א מיליאנער. אבער איך קען אייך מאכען פאר אוים מיליאנער מיט צוויי ווערטער. איך דארף אייך קיין סך ניט זאגען. איהר פערשטעהט גאנץ גוט וואס איך מיין. נאר איין זאך וועל איך אייך יא זאגען, און דאס וועט זיין פאר אייך א פיינע איבערראשונג. ראדעריגא געפינט זיך איצט אין גאנצען 20 מייל פון מערידא, ער איז אין מאדערא'ס לאגער. אויב איהר וועט מיר ניט צושיקען גלייך ווי איהר וועט ערהאלטען דיזען בריעף צוויי טויזענד דאלאר, וועל איך שרייבען צו ראדעריגא'ן און איהם ערקלעהרען ווער ער איז. אז עס וועט נויטיג זיין וועל איך אליין אריבערפאהרען קיין מערידא. לייגט אייך גוט איבער וואס איך שרייב אייך און רעדט אייך ניט איין אז איך טרייב שפאס.

אייער נאטאכע גאמען."

מיין ליעבער פעליקס! איך האב דיר איבערגעגעבען דעם בריעף כמעט ווארט אין ווארט. איך הויב ניט אן צו פערשטעהן וואס דאס אלעס בעדייטעט. אבער ווייזט ניט דיזער בריעף אז אלבערטא האט עפעס אבגעטהאן א גרויסע נידערטרעכטיגקייט פאר וועלכע ער האט מורא? און וואס בעדייטען די ווערטער: "איך קען אייך מאכען פאר אוים מיליאנער"? און ווער איז דער ראדעריגא מיט וועלכען דער שרייבער פון'ם בריעף סטראשעט אלבערטא'ן? איז דאס ניט אפשר אונזער ראדעריגא הערמאנאס? וואס מיינען די ווערטער "איך וועל אויסזאגען ראדעריגא'ן ווער ער איז"?

מיין מוח הויבט זיך מיר אין דער לופטען. ווילדע געדאנקען שטויסען זיך און יאגען איינער דעם אנדערן. איך האב מורא איך וועל פון'ם זינען אראב. איך בעט דיך, טהייערער פעליקס, קום קיין מערידא אזוי שנעל ווי מעגליך. נאר דו וועסט קענען אלעם אויסגעפינען און ערקלערען. אויך איז זעהר נויטיג דו זאלסט צוריקקומען ווי אם שנעלסטען צוליעב מיין אונגליקליכען פאפא. דו קענסט פערשטעהן ווי זיין געזונד מוז זיין אבגע־

גריפען פון אלעם וואס ער האט די לעצטע עטליכע טעג איבערגעלעבט. איך האף אז עס וועט אונז געלינגען צו פערטרייבען עספערעאנזא'ס ארמיי און בריינגען מיין אונגליקליכען פאפא צוריק אין זיין הויז. אבער ווער ווייסט אין וואס פאר א שרעקליכען צושטאנד ער וועט זיך געפינען. דו קענסט איהם און ער האט צו דיר אזוי פיעל צוטרויען. נאר דו וועסט איהם קענען רעטען, ליעבער, טהייערער! קום אהיים! קום צו דער געליעבטער פון דיין הארצען. פאהר ארויס אזוי שנעל ווי דו ערהאלטסט דיזען בריעף.

דיין ראזעטטא."

ווען מארגאן האט איבערגעלעזען דעם בריעף איז ער אריינגעגאנגען צו הערמאנאס'ן אין צימער, וואו ער האט געטראפען ליליאן און הערמאנאס'ן. און איין בליק אויף זייביידע איז געווען גענוג פאר איהם צו וויסען אז זי האט איהם שוין דערצעהלט אז זי ווייסט פון זיין געהיימניס.

—מיינע פריינד — האט ער געזאגט צו זיי — איך האב פאר אייך זעהר וויכטיגע נייעס. א בריעף פון ראזעטטא'ן פול מיט איבערראשונגען.

און ער האט זיי איבערגעלעזען דעם בריעף.

די טרויעריגע נייעס וועגען סענאר ליאבא'ס ארעסט האט צוריסען די הערצער פון הערמאנאס'ן און ליליאן, און ביי דער לעצטער זיינען די גרויסע בלויע אויגען אנגעפילט געווארען מיט טרעהרען. אבער דער בריעף וועלכען ראזעטטא האט געפונען אין אלבערטא'ס וועסט, האט אלע אנדערע נייעסען אפגעשטופט אין הינטערגרונד.

ווען דאקטאר מארגאן איז לעזענדיג פאר די געליעבטע דעם בריעף געקומען צו דעם פונקט וואו דער שוסטער פון מעקסיקאלי רופט זיך אן ביים נאמען איז הערמאנאס אויפגעשפרונגען פון'ם ארט און אויסגערופען:

—מיין גאט! דאס איז דאך דער שוסטער וועלכער האט מיך אויפגעהאדעוועט!

—איך האב פערשטאנען — האט דאקטאר מארגאן געזאגט.

און ווען עס איז געקומען צו דער שטעלע וואו דער שוסטער סטראשעט אלבערטא'ן מיט איינעם א ראדעריגא, וועלכער געפינט זיך אין מאדערא'ס לאגער, האבען זיך אלע דריי איבערגעקוקט און עס איז ביי זיי ניט געווען דער מינדעסטער צווייפעל אז דאס איז ראדריגא הערמאנאס.

—ווער קען זיין דער ראדריגא? פרעגט זי! — האט ליליאן זיך געוואונדערט — מיין גאט! קען זי ניט פערשטעהן אז דאס איז מיין ראדריגא הערמאנס?

—פארגעסט ניט — האט זי דאקטאר מארגאן אויפמערקזאם געמאכט — אז ראזעטטא ווייסט ניט וואס מיר ווייסען. און דאן זעהט מען אויך פון איהר שרייבען אז עפעס שטויסט זיך ביי איהר אין מח אזא געדאנק, אבער ער איז איינגעהילט אין א נעבעל.

צוגליעדערענדיג יעדען וויכטיגען פונקט פון'ם בריעף האבען זיי געצויגען די פאלגענדע שליסע:

— דער שוסטער פון מעקסיקאלי, וועלכער, ווי הערמאנאס האט זיי דערצעהלט, פלעגט איהם אפט זאגען אז ער איז א זוהן פון א מיליאנער, האט ניט געפלוידערט עפעס וואס איז ניט געשטויגען און ניט געפלויגען. ער האט גאנץ גוט געוואוסט וועמעס קינד הערמאנאס איז. זיין פארערן געלד פון אלבערטא'ן, זיין ערקלערען אז ער קען איהם מאכען פאר אוים מיליאנער און, הויפטזעכליך, זיין סטראשען איהם מיט ראדעריגא'ן, וועלכעם היסט מיט הערמאנאס'ען — דאס אלעם בעוויזט דייטליך אז אלבערטא איז ניט סענאר ליאבא'ס אמת'ער זוהן און אז דער אמת'ער אלבערטא איז הערמאנאס.

און צוזאמענבינדענדיג דיזע שליסע מיט די פאקטען וואס אלבערטא זוכט סענאר ליאבא'ס טויט און וואס צוזאמען מיט קאספארע'ן האבען זיי געזוכט אומצוברייגען הערמאנאס'ן זיינען די שלו-

סע געווארען פאר זיי פעסטע איבערצייגונגען.

— און איצט מוזען מיר זיך נעהמען צו דער ארבייט! — האט דאקטאר מארגאן געזאגט אויפשטעהענדיג — איך, מיס ווארד, פיהרען מיר אב אהיים, און הערמאנאס און איך פאהרען אַוועק קיין מעקסיקאלי און מאכען דעם שוסטער רעדען.

הערמאנאס'עס געזונד, ווי שוין געזאגט, איז געווען פיעל פערבעסערט און דאקטאר מארגאן איז געווען זיכער אז די רייזע קען איהם גאר ניט שאדען. איבערהויפּט ווען ער איז אונטער זיין אויפזיכט און אונטער דער אויפזיכט פון אזא "נוירס" ווי ליליאן.

ליליאן און הערמאנאס האבען נאטירליך איינגעשטימט מיט דאקטאר מארגאן. זיי זיינען אלע דריי געווען גלייך אונגעדולדיג צו פערטרייבען דעם נידערטרעכטיגען אוואנטיוריסט פון מערידא און בעקאנט צו מאכען די וועלט מיט קאספּאר'ס אלע שווינדלען און אינטריגען און צו ברייגען הערמאנאס'ן אין די ארמס פון זיין נאבעלן אונגליקליכען פאטער.

יעדער טאג, יעדע מינוט איז ביי זיי געווען צו טהייער, און אזוי ווי עס איז געווען צו ווארטען א פּאאר וואכען ביז א גרויסער דאמפּפער וועט אנקומען אין קינגסטאן'ער האפען, האבען זיי בעשלאסען צו דינגען איינס פון די קליינע דאמפּפערלעך, וועלכע פאהרען ארום צווישען דזשעמייקא און די ארומיגע אינזלען. זיי האבען געוואוסט אז מאנכע פון די דאמפּפערלעך געהען אזוי שנעל ווי די גרויסע שיפען און זיינען ניט ווייניגער זיכער.

דאקטאר מארגאן האט זיך געזעצט שרייבען א בריעף צו ראזעטא'ן. און הערמאנאס און ליליאן זיינען אוועקגעגאנגען צום האפען.

זיי האבען דארט געטראפען צוויי שיפען,ביידע פון דעם סארט וועלכע פאהרען אום צווישען די ארומיגע אינזלען. זיי האבען אויסגעקליבען די שעהנערע. און וועלכע איז אין הערמאנאס'עס אויגען אויך געווען די שטארקערע. און נעפרעגט דעם אפּיציער, וועלכער האט זיך אומגעדרעהט אויפ'ן דעק, אויב דער קאפּיטאן וואלט זיך אונטערגענומען צו מאכען א רייזע צום מעקסיקאנישען גאלף.

— אונזער קאפּיטאן נעהמט אלעס אונטער אויב מען בעצאהלט איהם נאר גוט — האט דער אפּיציער געענטפערט שארף אנקוקענדיג הערמאנאס'ן. און ער האט זיי געזאגט אז דער קאפּיטאן איז איצט ניטא אויפ'ן שיף, אבער ער וועט זיין צוריק אין א שטונדע — קענט איהר מיר זאגען אייער נאמען און אין וועלכען האטעל איהר שטעהט? — האט דער אפּיציער זיך געווענדעט צו הערמאנאס'ן, בעטראכטענדיג איהם פון קאפּ ביז פיס.

— מיין נאמען איז ראדעריגא הערמאנאס. מיר שטעהען אין האטעל "ענגלאנד."

ביי די ווערטער האט דער אפּיציער אוועקגעקעהרט זיין געזיכט און אויף זיינע ליפּען האט געשפּיעלט א דעמאנישער שמייכעל.

ווען הערמאנאס און ליליאן זיינען אוועקגעגאנגען איז דער אפּיציער אריינגעגאנגען אין קאפּיטאן'ס קאיוטע, וואו א הויכער קרעפּטיגער מאן מיט א לאנגען שווארצען בארד איז געלעגען אויף א קאאוטש און געשלאפען.

— שטעהט אויף, קאפּיטאן! — האט דער אפּיציער איהם גענומען וועקען.

דער קאפּיטאן האט גלייך געעפענט די אויגען.

— ווארום האסטו מיך אויפגעוועקט?

— וויכטיגע נייעס.

— נו, רעד.

— א יונגערמאן מיט א שעהנער פרייליין זיינען געקומען פרעגען אויב איהר ווילט זיי אבפיהרען צום מעקסיקאנישען גאלף.

— איז דאס אזא וויכטיגע נייעס?

— הערט ווייטער. איהר האט מיר אבגעמאהלט דעם יונגען מעקסיקאנער וועלכער איז געווען א געפאנגענער אויף אייער געשאסענעם "אדלער"...

— נו, וואס? — איז דער קאפיטאן אונטערגעשפרונגען פון'ם ארט.

— ווי איך האב א קוק געטהאן אויף דעם יונגענמאן איז מיר איינגעפאלען אז דאס איז אייער גערעטעטער געפאנגענער.

— וואו איז ער? — האט דער קאפיטאן געדונערט.

— נור רוהיג — האט דער אפיציער גאנץ קאלטבלוטיג געזאגט — איך האב איהם געהייסען קומען אין א שטונדע ארום, פערזיכערענדיג איהם אז איהר וועט אונטערנעהמען יעדע רייזע פאר א גוטען פרייז.

— דומקאפ! ווארום האסטו מיך ניט ארויסגערופען?

— איך האב ניט געוואוסט אז איהר האט זיך געלעגט שלאפען אין אייער פאלשען בארד, און איהר ווילט זיך דאך ניט ווייזען אין קינגסטאן ניט פארשטעלט.

— גערעכט, ענטשולדיג! — האט דער קאפיטאן געזאגט — אבער האסט דאך איהם געקענט פרעגען זיין נאמען.

— דאס האב איך געטהאן — האט דער אפיציער רוהיג געשמייכעלט—און ער האט מיר געזאגט — האט ער גענומען צעהלען די ווערטער — אז זיין נאמען איז... ראדעריגא... הערמאנאס.

— אלע טייפלען! — האט דער קאפיטאן ארויסגערופען אין ווילדער פרייד. — איז דאס מעגליך אז ער וועט אליין ארויף צו מיר אויף שיף?... אבער ער איז מיר איצט ניט אזוי וויכטיג ווי זיין פריינד, דער דאקטאר מארגאן. יאגא!

— האט ער געלייגט די האנד אויף דעם אפיציער'ס אקסעל — ווען דער הערמאנאס וועט קומען צום שיף מיט דער פריילין וועסטו מאכען מיט זיי אלע פערהאנדלונגען און גלייך אבריהרען, און איך וועל בלייבען דא זיך אברעכענען מיט דעם דאקטאר.

— איהר ווייסט זיכער אז דער דאקטאר איז אין קינגסטאן?

— איך האב דאך דיר געזאגט אז איך האב נעכטען ביינאכט אויסגעפונען אז הערמאנאס און דער דאקטאר זיינען אין האטעל "ענגלאנד." איך וועל ניט אוועקפאהרען פון דאנען ביז דער דאקטאר וועט ניט פאלען פון מיין האנד. די וועסט אבפאהרען אין טיעפען וואסער און דאס פאארל בינדען און זיי פערשטאפען די מיילער און זיי אריינווארפען אין פריזאן, דאן וועסטו צופאהרען צום ערשטען קיאקו אינזעל און דארט ווארטען ביז איך וועל קומען.

די לעזער פערשטעהען שוין געוויס אז דער קאפיטאן מיט דער לאנגער פאלשער בארד איז אונזער אלט־בעקאנטער ים־רויבער עדווארד האק.

די מאטראזען וועלכע האבען איהם מיטגענומען מיט זיך אויפ'ן קליינעם שיפעל נאך דער שלאכט אויפ'ן וואסער האבען אויך מיטגענומען דעם שיף־"דאקטאר", אן אינדיאנער וועלכער איז געוועזען א גרויסע בריה אויסצושניידען פערוואונדעטע פלייש און ארויסצונעהמען די קויל פונ'ם פערוואונדעטען ארט. זיי האבען אויך ניט פערגעסען צו פערכאפען מיט זיך די זעק מיט געלד און פאפיער־געלד, וועלכע זיינען געווען אויף דער צושאסענער שיף.

זיי האבען זיך דערשלאגען מיט דעם שיפעל צו איינעם פון די קיאקו אינזלען. דארט איז עדווארד האק, אונטער דער אויפזיכט פון דעם אינדיאנער, וועלכער האט געהאט אייגענארטיגע כירורגישע מעטהאדען און אייגענארטיגע מעדיצינען, וועלכע ער פלעגט צוזאמענשטעלען פון פערשיעדענע גראזען, אין עטליכע טעג געזונד געווארען. דאס גליק האט איהם געשפיעלט. זיינער א פריינד, אויך א פיראט, א מעקסיקאנער מיט'ן נאמען יאגא, איז אנגעקומען צום אינזעל מיט א שיף פון וועלכער די מאטראזען האבען זיך צובונטעוועט. עדווארד האק האט געמאכט שלום צווישען די מאטראזען אין דעם קאפיטאן, האט אבגעקויפט ביים קאפיטאן די שיף און איהם געמאכט פאר זיין אפיציער און אוועקגעפאהרען קיין קינגסטאן, וואו ער האט געהאפט צו קומען אויפ'ן סליאד פון דאקטאר מארגאן און הערמאנאס'ן. ער איז געווען ענטשלאסען זיי צו פער־

פאלגען ווען דאס זאל איהם מוזען נעה־
מען יאהרען. אבער אויך איצט האט
איהם דאס גליק געשפיעלט.

ער איז אנגעקומען אין האפען פון
קינגסטאן נעכטען פארנאכט, און פאר־
שטעלענדיג זיך מיט א פאלשען פאריק
און א פאלשער באָרד איז ער אראב פון
דער שיף און זיך געלאזט געהן צווישען
די האטעלען אויסגעפינען פון די רעד־
זשיסטער־ביכער אויב זיינע פיינד גע־
פינען זיך נאך אין קינגסטאן, און אויב
ניט ווען און וואוהין און מיט וועלכער
שיף זיי זיינען אוועקגעפאהרען. ער איז
אריינגעגאנגען צום ערשטען אין האטעל
"ענגלאנד", און האט גלייך אויסגעפונען
אז זיינע "פויגעל" זיינען דא!

ער האט אנגעהויבען מאכען פערשיע־
דענע פלענער ווי מיט זיי זיך אבצורע־
כענען. ווען ער וואלט זיי נאר געקענט
ארויפקריגען צו זיך אויף דער שיף!...
אבער ער האט ניט געזעהן קיין וועג ווי
דאס אויסצופיהרען. ווען מיט אמאל
דערצעהלט איהם יאגא אז הערמאנאס
וויל איהם דינגען ער זאל איהם אבפיה־
רען צום מעקסיקאנישען גאלף!... נו,
האט ער צוריק זיין געפאנגענעם, און
מיט דעם דאקטאר וועט ער שוין פער־
טיג ווערען.

אבער עס איז באשערט געווען האס'ען
נאך מעהר דעמאנישע פרייד.

פונקט אין א שטונדע ארום איז הער־
מאנאס וויעדער צוגעקומען צו דער שיף,
און דאס מאל שוין מיט דאקטאר מאר־
גאן אנשטאט ליליאן.

יאגא, וועלכער האט זיך ארומגע־
דרעהט אויף דעם דעק און ארויסגעקוקט
אויף דעם "פויגעל" האט גלייך געוואוסט
אז דאס איז דאקטאר מארגאן, ווארום
האס האט איהם ריכטיג בעשריבען דעם
אמעריקאנער'ס הויכע פיגור און אלע צי־
גע פון זיין געזיכט. ער האט איהם גע־
פרעגט אויב ער וויל אויך מיטפאהרען,
און ווען ער האט ערהאלטען א ענטפער
אויף יא, האט ער זיך ניט געקענט איינ־
האלטען אין זיך זיין גרויסע פרייד און
ענטשולדיגענדיג זיך פאר זיי איז ער
אריינגעלאפען אין קאיוטע און מיטגע־
טהיילט האס'ען די פרעהליכע בשורה.

— יאגא! — האט האס אויסגעגרו־
פען אין ענטציקונג — דו קריגסט ביי
מיר פינף הונדערט דאלאר פאר דער
בשורה. אבער געה שנעל צוריק און מאך
מיט זיי דאס געשעפט. שטעל ניט קיין
צו גרויסען פרייז, אבער אויך ניט קיין
צו ניעדריגען, זיי זאלען ניט פערדעכטי־
גען אז מיר זיינען שטארק פעראינטע־
רעסירט זיי ארויפצוקריגען אויף
אונזער שיף, נאר זאג זיי אז מיר
קענען אויף זיי ווארטען העכסטענס ביז
מארגען פריה, ווייל מיר האבען דא ניט
מעהר וואס צו טהאן.

יאגא איז צוריקגעקומען צו הערמא־
נאס'ען און דאקטאר מארגאן און אנ־
געהויבען מיט זיי האנדלען.

וועגען פרייז האבען זיי זיך באלד
אויסגעגליכט, אבער דאקטאר מארגאן
האט געזאגט אז ער וויל זעהן דעם קאַ־
פיטאן.

— ער שלאפט — האט יאגא געזאגט
— און ער איז זעהר בייז ווען מען וועקט
איהם אויף. און ער מישט זיך סיי ווי
ניט אין ביזנעס. דאס לאזט ער איבער
אין גאנצען אויף מיר. יא! איין פונקט.
מיר קענען דא בלייבען העכסטענס ביז
מארגען פריה. איילט אייך בעסער צו
מיט אייער געפעק.

— איז ניט מעגליך מיר זאלען נאך
היינט אבענד אבפאהרען? — האט
דאקטאר מארגאן געזאגט—יעדע שטונ־
דע איז פאר אונז אן אונגעהייערער
פערלוסט. איך גיב אייך הונדערט דא־
לאר עקסטרא אויב מיר פאהרען אב נאך
היינט.

— איהר דארפט מיר גאר ניט געבען
עקסטרא — האט דער אפיציער געזאגט
— מיר ווילען אליין אבפאהרען וואס
פריהער. מיר האבען גאר ניט וואס צו
טהאן מעהר אין קינגסטאן. אזוי שנעל
ווי איהר קומט צו מיט אייער געפעק קע־
נען מיר ארויסריהרען.

7 אוהר אבענדס זיינען דאקטאר מאר־
גאן, הערמאנאס, ליליאן און אלע זייע־

רע זאכען געווען אויף דער שיף. און 8 אוהר האט די שיף פערלאזט דעם האפען.

קאפיטעל 18.

דער טריאומף פון'ם ים רויבער.

עדווארד האק'ס נייע שיף האט געטראגען דעם אונשולדיגען נאמען "דער וואסער פויגעל", און עס פערשטעהט זיך אז איידער זי איז צוגעקומען אין האפען פון קינגסטאן איז אלעס אין איהר אזוי איינגעריכטעט געווארען אז עס זאל ניט בלייבען דער מינדעסטער שפור אז דאס איז א פיראטען שיף.

אונזערע פריינד האבען דעריבער קיין זאך פערדעכטיגט ווען זיי זיינען ארויף אויפ'ן דעק. דאקטאר מארגאן, וועלכער האט שוין געהאט א היבש ביסעל בעקאנטשאפט מיט דעם געבוי און די איינריכטונגען פון שיפען, האבענדיג געלערנט זעהר פיעל אין דיזען פאך פון דארלאנדאין, דעם קאפיטאן פון "מעקסיקאים שטאלץ", האט מיט א גענויט אויג בעטראכט אלעס אויף דעם שיף און האט פארזיכערט הערמאנאס'ן און ליליאן אז "דער וואסער פויגעל" איז אן אויסגעצייכענט און זעהר בעקוועם שיפעל.

דער אפיציער, דער שוין בעקאנטער יאגא, האט זיי אנגעוויעזען צוויי קאיוטען, איינע נעבען דער אנדערער. א גרעסערער פאר די צוויי מענער, און א קלענערע פאר דער דאמע, און די קאיוטען זיינען געווען בעזארגט מיט אלע בעקוועמליכקייטען וואס מען האט נאר געקענט ווינשען.

— מיר האבען זעהר גוט געטראפען מיט דער שיף — האט ליליאן געזאגט ענטציקט פון אלעס וואס זי האט געזעהן.

— "קייזער ווילהעלם דער גראסע" איז א כאלופקע אין פערגלייך מיט אונזער "וואסער פויגעל" — האט דאקטאר מארגאן געזאגט.

זיי זיינען א קורצע צייט ארומגעגאנגען אויפ'ן דעק, געשפאסט און געווארען פריינד מיט די אפיציערען און מאטראסען, וועלכע האבען גערעדט צו זיי זייער העפליך און ליעבליך.

אויסער יאגא'ן האט קיינער פון דער מאנשאפט ניט געוואוסט אז די דריי פאסאזשירען זיינען געכאפט געווארען אין א נעץ, ווארום האק איז געווען פארזיכטיג ניט צו האבען אויף דער שיף קיין איינציגען פון זיינע אלטע מאטראסען, וועלכע הערמאנאס וואלט געקענט דערקענען. אבער יעדער איינציגער פון די אפיציערען און מאטראסען איז געווען א גוט-דיסציפלינירטער ים-רויבער, און ווען יאגא האט זיי געזאגט אז עס איז נייטיג זיי זאלען ערשיינען פאר די דריי פאסאזשירען אלס שטילע, פריעדליכע מענשען האבען זיי ניט געשטעלט קיינע פראגען און געפאלגט וואס מען האט זיי געהייסען.

ווען די ליכט פון דער האפען-שטאדט האבען זיך שוין מעהר ניט געקענט זעהן פון'ם דעק און ארום-אין-ארום איז געווען ניט מעהר ווי הימעל און וואסער, זיינען אונזערע פריינדע אריינגעגאנגען אין דער גרויסער קאיוטע, וועלכע איז געווען גאנץ העלל בעלויכטען און זיך אוועקגעזעצט רעדען וועגען דעם וואס האט פערנומען אלע זייערע געדאנקען.

— איינס נאר שרעקט מיך — האט הערמאנאס געזאגט — אז איידער מיר וועלען אנקומען אין מערידא, וועט שוין סענאר ליאבא ניט זיין צווישען די לעבעדיגע. איז דען מעגליך פאר אזא קראנקען מענשען — און נאך דערצו איינער וועלכער איז געוואוינט צו יעדען לוקסוס — איבערצולעבען די מארטערנישען פון א פריזאן אין דעם טיראן עספעראנזא'ס לאגער?

— מיין ליעבער הערמאנאס — האט דאקטאר מארגאן געזאגט — דער שוואכסטער מענש קען איבערטראגען פיעל מעהר ווי מיר דענקען עס איז מעגליך. די לוסט צום לעבען איז א וואונדערבארער טאניק. פרינצען און קעניגע האבען יאהרענלאנג געשמאכטעט אין ענגע, פינסטערע, נאסע קערקערס, און זיינען דאך ארויסגעקומען לעבעדיגע. אויסער דעם, ווי ראזעטא שרייבט, וועט איהם העכסטענס אויסקומען צו ליגען אין זיין געפענגניס א וואך, אדער צוויי.

— קען מען דען זיין זיכער — האט ליליאן געזאגט — אז די רעוואלוציאנערען וועלען זיעגען איבער עספעראנזא'ן?

— פאר מיר איז אין דעם ניטא דער מינדעסטער צווייפעל — האט הערמאנאס געזאגט בעגייסטערט — עספאראנזא האט העכסטענס פינף טויזענד מאן. איין רעוואלוציאנער צו פינף רעגיערונגס־סאלדאטען איז אלע מאל געווען גענוג פאר א זיעג פון אונזערע — און מאדערא האט איצט געווים אן ארמעע פון עטליכע טויזענד. זייער געשפרעך האט זיך פערקירעוועט פון דער רעוואלוציאן צוריק צו סענאר ליאבא'ס טרויעריגע לאגע, און פון דעם פונקט זיינען זיי איבערגעגאנגען צו הערמאנאס'עס קינדהייט, און ליליאן האט געפרעגט הערמאנאס'ן אויב ער געדענקט גאר ניט, קיין מינדעסטע זאך ניט, פון זיין פריהער קינדהייט, וועלכע זאל געבען אן אנדייטונג אז ער איז געבוירען געווארען אין א רייך הויז און איז געווען ארומגערינגעלט פון צערטליכע מענשען.

— ניט די מינדעסטע עראינערונג, ניט דעם מינדעסטען איינדרוק — האט הערמאנאס געענטפערט.

—דאס איז אונערקלערליך! — האט ליליאן געזאגט — ווי עס ווערט איבערגעגעבען אין מערידא איז אלבערטא אוועקגעפיהרט געווארען נאך ענגלאנד ווען ער איז אלט געווען פיער יאהר. נאך אונזער טהעאריע אז דו ביזט אלבערטא ביזט דו אלזא אלט געווען פיער יאהר ווען דו ביזט אוועקגענומען געווארען פון דיינע עלטערען'ס הויז. געשיקט זיך עס אז א פיער־יעהריג קינד זאל ניט האבען קיינע עראינערונגען און איינדריקע פון זיין אומגעבונג און פון די מענשען צווישען וועלכע ער האט זיך געפונען? עפעס א שוואכע און אונקלאהרע פארשטעלונג, בילדער וועלכע זאלען זיך איהם אויסווייזען ווי זאכען, וועלכע ער האט געזעהן אין חלום?

— איך געדענק אפילו ניט ווי איך בין געקומען צו דעם שוסטער אין הויז אריין — האט הערמאנאס געזאגט — מיינע קינדהייטס עראינערונגען הויבען זיך אן מיט דעם שוסטער'ס הויז, ווען איך בין שוין געווען א אינגעל פון א יאהר פינף. ווייטער צוריק געהען זיי ניט. זאל זיין אז איך בין נ י ט סענאר ליאבאס זוהן, זאל זיין אז מיינע עלטערען זיינען די ארעמסטע און די נידריגסטע. אבער איך בין דאך ניט געבוירען געווארען פון א שטיין. איך בין דאך געווען צווישען מענשען ב י ז איך בין אנגעקומען צום שוסטער אין מעקסיקאלי. ווארום געדענק איך קיין זאך ניט פון יענע ערשטע עטליכע יאהר פון מיין קינדהייט?

— דאס קען ערקלעהרט ווערען נאר אויף איין וועג — האט דאטאר הערמאנאס געזאגט נאכדענקענדיג.

— וואס איז אייער ערקלעהרונג?

— האט ליליאן געפרעגט נייגעריג.

— ווען ער איז אוועקגענומען פון זיינע עלטערען'ס הויז, אדער אביסעל שפעטער, יעדענפאלס צווישען דער צייט וואס ער איז אוועקגענומען געווארען פון זיינע עלטערען'ס הויז און דער צייט וואס ער איז אריינגעבראכט געווארען אין דעם שוסטערים הויז — איז ער בעטויבט געווארען. עס פאסירט א מאל, גאנץ זעלטען אבער עס פאסירט, אז ווען א מענש ווערט בעטויבט און געפינט זיך אין דעם צושטאנד א לענגערע צייט, ווערט פאר איהם זיין פערגאנגענהייט א ליידיגע בויגעל פאפיער. איך האב אין מיין קליניק אין סאן פראנציסקא געהאט אזא קייס. א מיידעל פון א יאהר זיעבצעהן, וועלכע האט ניט געוואוסט איהר נאמען, ווער זי איז, כון וואנען זי איז, ווער איהרע עלטערען זיינען. מיט איין ווארט, זי איז געווען פאלשטענדיג אפגעשניטען פון איהר פערגאנגענהייט. און נאך עטליכע אונטערזוכונגען האבען מיר אויסגעפונען אז דאס איז איהר געקומען פון א בעטויבונג. איהרע עלטערען האבען זי געלאזט אליין אין הויז און זי איז איינגעשלאפען. א גנב איז אריין, האט זי בעטויבט, צוגענומען וואס ער האט געקאנט, און זי געלאזט ליגען אין דעם בעוואוסטלאזען צושטאנד. מען ווייס ניט ווי לאנג זי איז אזוי געלעגען, אבער ווען די עלטערען זיינען אנגעקומען און געבראכט א דאקטאר, וועלכער האט זי דערמינטערט, האט איהר פערגאנגענהייט פאר איהר מעהר ניט עקסיסטירט.

א ווייטער איז אריינגעקומען און געבראכט קאפע און צובייסען אויף א טאץ און איז ארויסגעגאנגען, און זיי האבען

גענומען טרינקען און עסען און ווייטער פארטגעזעצט זייער געשפרעך.

אין דערזעלבער צייט איז אויפ'ן דעק פון דער שיף געפיהרט געווארען פאלגענדער געשפרעך צווישען עדווארד האק און דעם אפיציער יאגא:

— וואס זאגסטו ווי די פויגעלעך זיינען אליין געקומען צופליהען אין מיין שטייגעלע! — האט עדווארד האק געזאגט, קלאפענדיג דעם אפיציער איבערן אקסעל.

— וואס דענקסט דו מיט זיי צו טהאן? אריינוווארפען אין וואסער?

— אה, ניין! דאס האט קיין זינן ניט. מען קען קריגען פאר זיי א סך געלד ביי די ווילדע. איבערהויפט פאר דער מיידעלע. זי קענען מיר פערקויפען אין א האַרעם. דער סולטאן פון די זולוס וועט מיר פאר איהר אוועקגעבען זיין קרוין.

— ווען איך בין דו וואלט איך אליין געוועזען דער סולטאן — האט יאגא געשמייכעלט, און זיינע שווארצע אויגען האבען גענומען גליהען ווי צוויי פייערדיגע קוילען.

— אה, ניין! — האט האק געזאגט

— אזא ביסען קאן איך מיר ניט פארגינען. איך בין אלט, יאגא, איך האב שוין ניט די אמאליגע כחות און אויך ניט די אמאליגע ענערגיע. עס איז צייט פאר מיר ארויסצוגעהן פון די ביזנעס. יעדענפאלס איז די ביזנעס היינט געווארען צו געפעהרליך. איך פערקויף די דריי צום בעסטען פרייז וואס מען קאן פאר זיי קריגען און ווער א רוהיגער אמעריקאנער בירגער.

— פיעלייכט נאך א באנק פרעזידענט

— האט יאגא געשמייכעלט.

— פיעלייכט נאך א סיטי מעיר, אדער א סענאטאר — האט האק געלאכט — כא, כא, כא! עס זיינען דא גענוג אזעלכע ביזנעס לייט ווי מיר אין די פעראייניגטע שטאאטען, וועלכע פארנעהמען גאר הויכע פלעטצער אין דער פאליטיק.

— וואוהין ווילסטו זיי אוועקפיהרען?

דערווייל וועל איך זיי אוועקפיהרען אויף א אינזעלע, וועלכעס ליגט ווי פערלארען אין ים. קיין שיף קומט אהין ניט צו. דו אליין ווייסט אויך ניט וואו עס געפינט זיך.

— אין וועלכער ריכטונג פון דאנען ליגט עס?

— וועסט.

— אבער די צוויי מענער זיינען דאך ריעזען שטארק, איבערהויפט דער דאקטאר מארגאן.

— מיר וועלען זיי נעהמען איינציגווייז. איך וועל באלד אריינשיקען א מאטראז צו זיי אין קאיוטע ער זאל זאגען דעם דאקטאר אז א אפיציער איז קראנק געווארען און דער קאפיטאן בעט איהם ער זאל איהם בעטראכטען. דער מאטראז וועט איהם אריינפיהרען צו מיר אין קאיוטע, און מיר וועלען מיט איהם פערטיג ווערען. דאן וועלען מיר דאסזעלבע טהאן מיט הערמאנאס'ן. איהם וועט דער מאטראז זאגען אז דער דאקטאר רופט איהם.

— וואו ליגט דאס אינזעלע, האק?

— עס ליגט אונטער דעם פערציגסטען גראד פון דער זידליכער ברייט, אויף דער הויך פון די אויסטער אינזלען. עס האט נאך קיין נאמען ניט, און איז ארומגערינגעלט פון קרעלען-בערג.

— אבער מיר וועלען האבען צו פיעל מענשען וואס וועלען וויסען פון אונזער געהיימניס. יעדער פון די מאטראזען און אפיציערען קאן אונז אויסגעבען.

— דארף מען זעהן זיי זאלען ניט קענען ריידען.

— וואס מיינסטו?

— מיר ביידע דארפען זיין די איינציגע, וועלכע וועלען לעבעדיג די שיף פערלאזען.

— אה, אזוי! — האט יאגא געזאגט אונטער דער נאז. און געטראכט האט ער דערביי: "איך קען דיך, עדווארד האק! זעהר מעגליך אז דו האסט אין זינען איך זאל אויך נישט לעבעדיג די שיף פערלאזען. נו, מען דארף זיין פארזיכטיג מיט דיר!"

עס איז געוועזען א פינסטערע נאכט. לבנה און שטערען זיינען געווען בעהאלטען אונטער שווארצע וואלקענס, און אויפ'ן וואסער איז אויך געלעגען א נעבעל. די שיף איז געגאנגען גאנץ לאנגזאם.

אונזערע פריינד זיינען נאך געזעסען אין דער גרויסער קאיוטע און אויסגעארבייט זייערע פלענער ווי צו ווירקען אויף דעם שוסטער פון מעקסיקאלי ער זאל אויסזאגען אלעס וואס ער ווייסט וועגען אלבערטא'ן און הערמאנאס'ן, ווען א מאטראז איז אריינגעקומען און געפרעגט וועלכער פון די צוויי מענער איז דאקטאר מארגאן.

— איך! — האט דאקטאר מארגאן געזאגט.

— א אפיציער איז זעהר קראנק געווארען — האט דער מאטראז געזאגט — און אונזער דאקטאר פערשטעהט ניט די קראנקהייט, האט דער קאפיטאן געבעטען איהר זאלט אריינגעהן איהם בעטראכטען. ער איז אין קאפיטאן'ס קאיוטע.

דאקטאר מארגאן האט זיך גלייך אויפגעהויבען און געגאנגען מיט'ן מאטראז.

אויפ'ן דעק איז געווען אזוי פינסטער אז ער האט געמוזט אננעהמען דעם ארם פון'ם מאטראז און זיך לאזען פון איהם פיהרען.

ווען זיי זיינען אפגעגאנגען עטליכע שפאן האט דער מאטראז פון איהם פלוצלונג אפגעטראטען און אין נעקסטען אויגענבליק האט מארגאן דערפיהלט א שרעקליכען האק איבער'ן קאפ, און גלייך נאך איינעם און נאך איינעם.

ער איז אומגעפאלען בעוואוסטלאז אויפ'ן דעק ניט ארויסלאזענדיג קיין הויכען געשריי.

— ער איז צורעכט געמאכט — האט האק, וועלכער האט געגעבען מארגאן'ען די דריי בעטויבענדע קלעפ איבער'ן קאפ געזאגט צו די מאטראזען וואס זיינען געשטאנען לעבען איהם — טראגט איהם אראפ אין קיעל־רום.

און די מאטראזען האבען אנגענומען דעם בעוואוסטלאזען דאקטאר מארגאן ביי די הענד און די פיס און איהם אוועקגעטראגען.

— איצט געה רוף ארויס דעם אנדערען — האט האק געזאגט צום מאטראז, וועלכער האט ארויסגערופען דאקטאר מארגאן — זאג איהם אז דער דאקטאר רופט איהם. איהם פיהר אריין צו מיר אין קאיוטע.

אין עטליכע מינוט ארום האט דער מאטראז אריינגעפיהרט הערמאנאס'ן אין קאפיטאן'ס קאיוטע, וואו האק, אין זיין פאלשער שווארצער בארד, איז געזעסען אין א ווייכען שטוהל אקעגען דער טיהר.

— וואו איז דער פאציענט און דער דאקטאר? — האט הערמאנאס געפרעגט ווען די טיהר פון דער קאיוטע האט זיך הינטער איהם צוגעמאכט.

— איהר זייט דער פאציענט און איך בין דער דאקטאר — האט עדוואורד האק געזאגט מיט א טייפעלשען שמייכעל.

פון דעם קלאנג פון דער שטימע איז הערמאנאס'ן דורך א שוידער איבער'ן לייב.

— די שטימע! — האט הערמאנאס געזאגט צו זיך אליין, פיהלענדיג ווי עפעס האט זיך איהם אפגעריסען אינעווייניג.

— די שטימע איז אייך גאנץ גוט בעקאנט — האט האק געזאגט אויפשטעהענדיג — איהר האט א פאאר מאל זי געהערט אויף אייער פערגניגענסרייזע אויף א געוויסען דאמפפערל.

— מיין גאט! דאס איז די שטימע פון עדוואורד האק! — האט הערמאנאס אויסגערופען — איז דאס א בייזער חלום?

— ווארום זאל עס זיין א חלום? — האט דער מאן מיט דער שווארצער בארד געלאכט — איהר האט געמיינט אז עדווארד האק איז שוין טויט און ער וועט שוין קיינמאל קיין שיף ניט האבען און קיין שיף־קאפיטאן ניט זיין. עדווארד האק לעבט! — האט ער אויסגערופען אויפשטעהענדיג — און ער איז דער קאפיטאן פון דיעזער שיף.

און ביי די ווערטער האט ער אראפגעריסען זיין פאלשען בארד.

— ליליאן! מיין אונגליקליכע ליליאן! — האט הערמאנאס זיך צו וויינט.

ער האט שוין איצט געוואוסט אז דאס איז ניט קיין חלום, נאר די שרעקליכע קאלטע ווירקליכקייט. פאר איהם איז געשטאנען עדוואורד האק, דער ים־רוי־

בער, מיט א דעמאנישען שמייכעל אויף די ליפען און מיט אויגען וועלכע האבען געגליהט פון טריאומף און ראכע־לוסט. ער אליין איז שוין פערלארען. דאס האט ער גוט געוואוסט, און דאס האט איהם איצט גאר ניט געהארט. אבער ליליאן, די זיסע, ערדלע, טרייע און איבערגעבענע ליליאן, זי איז איצט א געפאנגענע אויף עדווארד האק'ס פיראטען־שיף!... ער וואלט מיט פערגניגען געליטען די גרויזאמסטע יסורים, שטיקערווייז געלאזט זיין קערפער שניידען אבי ליליאן זאל געבראכט ווערען צוריק צו איהרע עלטערען, אבער ער האט געוואוסט אז קיין געבעט וועט ניט העלפען.

ער האט געהאט ביי זיך א רעוואלווער און זיין האנד איז מעכאניש געגאנגען צום פאקעט וואו דער רעוואלווער איז געלעגען, אבער באלד איז זי צוריקגעפאלען ווי געלעהמט אויף זיין זייט. ער האט זיך בערעכענט אז דאס האט ניט קיין זינן. ווען עס זאל איהם זאגאר אויך ליליאן'ען גאר ניט העלפען. עס איז עדווארד האק'ס שיף און די גאנצע מאנשאפט איז זיינע און מיט איהם.

— וואס ווילט איהר טהאן מיט אונז?

— האט הערמאנאס געפרעגט האק'ן מיט א איבערגעריסענע שטימע.

— דאס וועט איהר שוין געוואהר ווערען — האט האק געענטפערט — פארלויפיג קומט מיט מיר. איך וועל אייך ברענגען צו אייער פריינד. אבער איך האב בעמערקט אז אייער האנד האט זיך געלאזט געהן צום פיסטאל־פאקעט. האט איהר דארט א רעוואלווער? גיט איהם בעסער מיר. עס וועט זיין פאראייך פיעל בעסער.

הערמאנאס האט איהם מיט א ציטערענדע האנד געגעבען דעם רעוואלווער.

— איהר זייט א גאנץ קלוגער יונגער מאן — האט האק געזאגט — און איך זעה אז איהר זייט מעהר בעזארגט וועגען דער שעהנער פריילין ווי וועגען אייך אליין. דאס געפעהלט מיר. איהר ווייכט א ים רויבער איז א סארט ריטער אין סימפאטיזירט שטארק מיט א איבערגעגעבענעם געליעבטען. נו, איך יועל אייך אביסעל בערוהיגען. דער שעהנער פריילין וועט אויף דער שיף קיין שלעכטעס געשעהן. ניט איך און ניט קיינער פון מיינע מענשען וועט אויף איהר א פינגער ארויפלעגען.

— וואס ווילט איהר מיט איהר מאכען?

— ביזנעס.

— איהר ווילט זי פערקויפען?

— איהר האט געטראפען.

— מיסטער האק — האט הערמאנאס געזאגט צוגעהענדיג צום ים רויבער און אננעהמענדיג זיין האנד — וויפיעל איהר זאלט ניט קענען קריגען פאר איהר פון א ווילדען קעניג וועט אייך איהר פאטער געבען מעהר, און איך פערזיכער אייך אז ער וועט אייך ניט פערפאלגען.

— איז איהר פאטער זעהר רייך?

— ער איז א מיליאנער.

— ווי איז זיין נאמען?

— וויליאם ראלף וואַרד.

דער נאמען איז מיר בעקאנט — האט האק געזאגט — עס איז א גרויסע ריזיקע מיט אזא מענשען צו פיהרען פערהאנדלונגען. ער האט מעכטיגע פריינד אין וואשינגטאן.

— אבער איך פערזיכער אייך אז ער וועט אייך ניט פערפאלגען.

— וואס איז די גאראנטי?

הערמאנאס האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען. ער האט ניט געזעהן אויפ'ן מאמענט קיין וועג ווי דעם ים רויבער קען פערזיכערט ווערען אז ער וועט ניט מוזען בעצאהלען מיט זיין לעבען פאר זיין שווערען פערברעכען.

— איהר זעהט האט האק געשמייכעלט — איהר ווייסט ניט ווי מיך צו פערזיכערען. אבער איך ווייס יא. עס טאר ניט בלייבען קיין איינציגער, וועלכער זאל דערצעהלען דער ציוויליזירטער וועלט וואו זי, צוזאמען מיט אייך און אייער פריינד, זייט פערשוואונדען געווארען. קומט מיט מיר!

הערמאנאס האט געזעהן אז רייד און געבעט וועלען דא גאר ניט העלפען. פיזישע קראפט געוויס ניט. ווארום ער איז איינער, און דערצו נאך שוואך. און ער־

ווארד האט האט א גאנצע מאנשאפט, און ער איז שטיל, מיט א געזונקענעם קאפ, נאכגעגאנגען האק'ן.

אין קיעל־רוים, וואוהין האק האט איהם אראפגעפיהרט, האט הערמאנאס, ביים שוואכען ליכט פון צוויי לאנטערנעס, געזעהן זיין פריינד, דאקטאר מארגאן ליגענדיג אויפ'ן זאמד א געשמידטער אין קייטען, זיינע אויגען זיינען שוין געווען אפען. ער איז שוין געווען ביים בעוואוסטזיין, אבער זעהר שוואך.

— הערמאנאס! — האט ער געזאגט מיט א שוואכע שטימע — ווער האט דאס מיר געטהאן?

— זעה ווער עס שטעהט לעבען מיר — האט הערמאנאס געזאגט צו איהם.

דאקטאר מארגאן האט זיך איינגעקוקט אין האק'ן, אבער ער האט איהם ניט דערקענט. ער האט איהם נאר געזעהן איינמאל אין דער שלאכט אויפ'ן וואסער, און נאר עטליכע סעקונדען.

— איך קען ניט דעם מאן — האט דאקטאר מארגאן געזאגט.

— שטעלט מיך פאר — האט האק געזאגט מיט זיין טייפלישען שמייכעל.

— דאס איז עדווארד האק — האט הערמאנאס געזאגט.

דאקטאר מארגאן האט זיך איינגעקוקט אין איהם און גאר ניט געזאגט.

— איהר זעהט? — האט האק געזאגט — מענשען בעגעגענען זיך און צושטענדע בייטען זיך. איהר האט זיך צו פריה גראטולירט מיט אייער זיעג איבער מיר.

די מאטראזען וועלכע זיינען געשטאנען אין קיעל־רוים לעבען דאקטאר מארגאן האבען ערהאלטען פון האק'ן א בעפעהל אויך הערמאנאס'ן צו שמידען אין קייטען.

— און לייגט איהם אוועק לעבען זיין פריינד — האט האק געענדיגט זיינע אינסטרוקציאנען — קריעגס־געפאנגענע מוזען בעהאנדעלט ווערען העפליך און מילד. זאלען זיי קענען פיהרען געשפרעכען און זיך אמוזירען מיט אנעקדאטען. און זעהט עס זאל זיי קיין זאך ניט פעהלען. גיט זיי גענוג צו עסען און טרינקען. די הענד מאכט זיי פריי — האט ער צוגעזעצט זעהענדיג אז ביי דאקטאר מארגאן זיינען געשמידט די הענד און די פיס. גיט זיי סיגארען און מעטשעס און זייט צו זיי ניט גראב. גוטע נאכט, מיינע פריינד! — האט ער געזאגט צו די געפאנגענע. שלאפט רוהיג. עס וועט איך קיין בייזעס געשעהן. אין א פאאר טעג ארום וועט איהר זיך געפינען אויף א אינזעל, פון וועלכען איהר וועט זיין די פאלשטענדיגע אייגענטהימער און הערשער.

מיט די ווערטער איז ער ארויסגעגאנגען.

אין עטליכע מינוט ארום האט ער געעפענט די טיהר פון דער קאיוטע וואו ליליאן איז געווען.

— גוטען אבענד, מיסס! — האט ער זיך העפליך פארנייגט.

— ווער זייט איהר? — האט ליליאן געפרעגט דערשראקען אויפשפרינגענדיג פון איהר ארט.

— איך בין דער קאפיטאן פון דער שיף.

— אה! — האט ליליאן געזאגט צוטומעלט, ווארום זיין דעמאנישער שמייכעל האט איהר געגעבען א בעאונרוהיגענדען פארגעפיהל — וואו זיינען מיינע פריינד?

— איך האב אייערע פריינד איבערגעפיהרט אין אן אנדער פלאטץ — האט האק געזאגט זיך זעצענדיג — איך בין זעהר א פרומער קריסט, איך האב אויסגעפונען אז איהר זייט ניט קיין שוועסטער און ניט קיין פרוי פון איינעם פון די מענער, קאן איך ניט ערלויבען ביי מיר אויף דער שיף איהר זאלט זיין צוזאמען.

ליליאן האט אבער דערקענט פון האק'ס שמייכעל אז ער טרייבט מיט איהר א טייפלישען שפאס.

— וואו זיינען מיינעפריינד? — האט זי אויסגערופען לויפענדיג צו דער טיהר — איך מוז זעהן מיינע פריינד.

האק האט איהר פארשפארט דעם וועג.

— זייט נאר רוהיג — האט ער [illegible]

שוין מיט אַן ערנסטער מיענע — איהר געפינט זיך אויף אַ שיף פון ים רויבער. מיין נאָמען איז אייך וואהרשיינליך בעקענט. איך בין עדוואַרד האָק.

ליליאַן האָט אַרויסגעלאָזען אַ פערצווייפלונגס־געשריי און אַריינגעפאַלען אין אַ שטוהל.

— זייט ניט אַזוי פערצווייפעלט, מיסס! האָט האָק געזאָגט צו איהר — עס וועט אייך קיין שלעכטעס געשעהן, איהר זייט ביי מיר אויף דער שיף זיכערער ווי אין אייער אייגענער שטאָדט. די אָפיציערען און מאַטראָזען האָבען בעפעהלע צו זיין צו אייך זעהר העפליך.

— וואָס ווילט איהר מיט מיר טהאָן?

— האָט ליליאַן געבראָכען די הענד — לאָזט זיך מיך אַריינוואַרפען אין וואַסער!

— דאָס איז אַ נאַרעשקייט — האָט האָק געלאַכט — אַזאַ שעהן מיידעל ווי איהר זייט ביי מיר אויף דער שיף זיכער וועלען שוין זעהן איהר זאָלט אייך אין וואַסער ניט אַריינוואַרפען.

— וואָס ווילט איהר מיט מיר טהאָן?

— אַה, איהר זייט געבוירען געוואָרען צו זיין אין אַ קעניגליכען פּאַלאַץ — האָט האָק געזאָגט — און איך וועל זעהן איהר זאָלט אָנקומען אויף אייער ריכטיגען אָרט. איהר וועט זיין אַ קעניגין, מיין עהרען וואָרט דאַרויף.

ליליאַן האָט פערשטאַנען וואָס ער האָט געמיינט.

— איהר ווילט מיך אוועקפיהרען אויף אַ ווילדען אינזעל? — האָט זי געזאָגט ברעכענדיג די הענד.

— איך וועל אייך אוועקפיהרען אין אַ קעניגליכען פּאַלאַץ. אַבער וואָרום עהמט איהר עס אייך אַזוי צום האַרצען? ס וועט אייך דאָרט גוט זיין.

ליליאַן האָט אויפגעהערט ברעכען י הענד און אויפגעהויבען די אויגען צום ם־רויבער. זי האָט געקוקט אויף איהם יט אַזאַ אַנשטרענגונג אַזוי ווי זי וואָלט עוואָלט מיט איהרע בליקען איהם היפּנאָטיזירען.

האָק האָט זיך צולאַכט.

— וואָס קוקט איהר אויף מיר אַזוי?

— האָט ער געזאָגט — קום איך אייך פאַר בעקאַנט?

— איך וויל זעהן אין אייערע אויגען אויב איהר האָט אַ מענשליך געפיהל.

— דאָס איז גאַנץ אינטערעסאַנט — האָט האָק געזאָגט לאַכענדיג — נו? וואָס האָט איהר אויסגעפונען?

— איך גלויב אַז אונטער אייער אויסערליכער גרויזאַמקייט ליגט דאָך פערבאָרגען אַ מענשליך האַרץ.

— איך דאַנק פאַר אַ קאָמפּלימענט אַלזאָ, ליעבע מיסס, וואָס ווילט איהר דערמיט מאַכען?

— איך וויל אַפּעלירען צו אייער מענשליך האַרץ. איך וויל אייך בעטען איהר זאָלט אַריינגעהן אין דער לאַגע פון מיין פאָטער און מיין מוטער. איך בין ביי זיי איין איינציג קינד. איך בין ביי זיי מעהר ווי זייער לעבען. ווען איהר ערמאָרדעט מיך, אָדער — וואָס איז נאָך ערגער — ווען איהר פערקויפט מיך צו אַ ווילדען קעניג ערגעץ אויף אַ אינזעל, וועלען מיינע עלטערען עס ניט איבערלעבען, און זיי האָבען דאָך אייך קיינמאָל קיין שלעכטעס געטהאָן.

עס איז געווען גוט פאַר ליליאַן וואָס עדוואַרד האָק האָט ניט געוואוסט אַז איהר פאָטער האָט זיך בעטהייליגט אין דער וואַסער שלאַכט, אין וועלכער זיין שיף איז צושאָסען געוואָרען און ער אַליין איז פערוואונדעט געוואָרען. ליליאַן האָט געוואוסט אַז ער ווייסט דאָס ניט, אָבער זי איז געווען צו נאַאיוו צו האָפען אַז זי קען ערוועקען מיטלייד אין דעם האַרץ פאַ אַ ים־רויבער צו מענשען, וועלכע ער האָט קיינמאָל אין זיינע אויגען ניט געזעהן, נאָר צוליעב דעם וואָס זיי האָבען איהם קיין שלעכטעס ניט געטהאָן.

— מיין ליעבע מיסס! אייערע רייד זיינען אַרויסגעוואָרפען. פון מענשליכע געפיהלען און מיטלייד מאַכט מען ניט קיין געלד. איך בין אין מיין געשעפט אום געלד צו מאַכען. ביזנעס ווייסט ניט פון מיטלייד. מיין געשעפט איז ניט ערגער און ניט בעסער ווי אַלע געשעפטען. ווען די גרויסע געשעפטס־לייט רואינירען די קלענערע, ווי דאָס ווערט געטהאָן טאָג־טעגליך אין די פעראייניג-

טע שטאאטען, קימערען זיי זיך ניט וואס זייערע אפּפער וועלען מוזען באנקראטירען, ווערען בעטלער, בענעהן זעלבסטמארד, און דאדורך ווערט פערניפּטעט ווערען דאס לעבען פון זייערע פרויען, קינדער, פאטערס, מוטערס. ווייז מיר א וועג ווי איך קען מאכען מעהר געלד ווען איך זאל אייך פריי לאזען אלס איך וועל אייך פערקויפען, און איך זאל אין דערזעלבער צייט זיין גאראנטירט מיט מיין לעבען און פרייהייט, און איך גיב אייך אפּ צו אייערע עלטערען.

ליליאן איז אויפגעשפרונגען פון איהר ארט.

— מיסטער האק! — האט זי אויסגערופען — איך שווער אייך ביי מיין לעבען אז מיין פאטער וועט אייך געבען די גרעסטע סומע וואס איהר קענט נאר אנרופען און אז ער וועט אייך ניט פערפאלגען.

— קאן אייער פאטער געבען הונדערט טויזענד דאלאר?

— אויך צוויי הונדערט טויזענד.

— און ווי קענט איהר מיך פערזיכערען אז ער וועט מיך ניט פערפאלגען?

— איך וועל איהם זאגען אז איך האב אייך געשווארען ביי מיין לעבען איהר זאלט ניט פערפאלגט ווערען, און איך בין ביי איהם צו טהייער ער זאל ברעכען מיין שוואור.

האק האט זיך פערטראכט.

ליליאן׳ס פערזיכערונגען האבען אויף איהם אנגעהויבען ווירקען. זי איז איין איינציגע ביי איהרע עלטערען. זיי זיינען רייך. ער קען קריגען פון איהר פאטער צוויי הונדערט טויזענד דאלאר. וואלט ער נאר געווען זיכער אז איהר פאטער וועט איהם ניט פערפאלגען, צו וואס זאל ער זי פערקויפען צו א ווילדען קעניג?...

— איך וועל מיר די זאך איבערלעגען — האט ער געזאגט צו איהר — איך מוז גוט אויסרעכענען די געפאהרען וואס שטעהען מיר פאר פון א אונטערהאנדלונג מיט אייער פאטער. אויך דארף מען אויסטראכטען א וועג ווי אנצופיהרען די פערהאנדלונגען. אין מיין קאפּ ענטוויקעלט זיך א פּלאן. איך וועל איהם אין פערלויף פון דער נאכט אויסארבייטען, און מארגען פריה וועל איך אייך געבען א בעשטימטען ענטפער. יעדענפאלס זייט גאנץ רוהיג. קיינער פון מיינע לייטע וועט צו אייך ניט קענען צוקומען. איהר זעהט? — האט ער געזאגט ארויסנעהמענדיג דעם שליסעל פון דער טיהר — איך וועל פערשליסען די טיהר פון דרויסען און קיינער וועט אייך ניט קענען בעאונרוהיגען. קיינער וועט עס אויך ניט פערזוכען. אלע האבען ערהאלטען שטרענגע בעפעהלע ניט צוקומען נאהענט צו אייער קאיוטע. א גוטע נאכט!

און ער איז ארויסגעגאנגען פון דער קאיוטע און פארשלאסען די טיהר פון דרויסען.

— מען קען דאס דורכפיהרען — האט האק גערעדט צו זיך אליין, ווען ער איז ארויסגעגאנגען — ווארום ניט? יא, מען קען דאס גאנץ גוט דורכפיהרען.

און ווען ער איז אריין צו זיך אין דער קאיוטע האט ער גענומען אומשפּרינגען הין און צוריק און אויסארבייטען די איינצעלהייטען פון׳ם פּלאן, וועלכער איז איהם איינגעפאלען ווען ער האט גערעדט מיט ליליאן.

אין א האלבע שטונדע ארום איז זיין פּלאן געווען פערטיג.

— יא, דאס וועט זיין אויסגעצייכענט — האט ער געמורמעלט צו זיך אליין — איך וועל זי אוועקפיהרען קיין נויארק און זי האלטען פערשפּארט אין הויז פון מיין פריינד דזשים איקיעף. נאטירליך וועט זי אריינגעבראכט ווערען קיין ניו יארק ביינאכט. איהר מויל וועט זיין פערשטאפּט, איהרע אויגען פערבונדען. זי וועט ניט וויסען וואו זי געפינט זיך. זי וועט אנשרייבען צום פאטער א בריעף אז זי איז א געפאנגענע, אבער עס איז איהר קיין שלעכטעס געשעהן און מען וויל צוויי הונדערט טויזענד דאלאר אויסלייז געלט. ער זאל קומען קיין ניו יארק מיט׳ן געלד. ער זאל קומען אין א בעשטימטער שטונדע אויף א בעשטימטען פּלאץ. ער זאל קומען אליין. קוים קומט ער מיט א דעטעקטיוו, קוים מעלדעט ער וועגען דער געשיכטע דער פּאליציי ווערט זי געשאסען. די לייטע ביי וועלכע זי איז

געפאנגען וועלען איהם נאכשפירען און בעאבאכטען פון וויטען, איידער זיי וועלען צוקומען צו איהם אויף דעם בעשטימטען פלאץ. קוים איז ער ניט אויפריכטיג און פאלשטענדיג עהרליך מיט זיי, קוים ערפילט ער ניט דעם מינדעסטען פונקט פון זייערע בעדינגונגען — ווערט זי דערשאסען. ווען ער וועט אוועקגעבען דאס געלד, די צוויי הונדערט טויזענד דאלאר, זאל ער אוועקפאהרען אין א געוויסען האטעל, דארט זאל ער ווארטען, ניט געהן אין קיין פאליציי־הויז, אין קיין דעטעקטיוו־ביורא, ווארום מען וועט איהם נאכשפירען, און דאס וועט מיינען איהר זיכערער טויט. ער זאל זיצען רוהיג אין האטעל און ווארטען. עס וועט נעהמען א שטונדע, צוויי, דריי — און זי וועט קומען צו איהם אין האטעל.

ער איז אליין בעגייסטערט געווארען פון זיין פלאן. ער האט איהם צונלידערט אויסגעבעסערט, צוגעגעבען נאך בעווארענישען און פערזיכערונגען, און ווען ער האט זיך געלעגט שלאפען איז ער געווען ענטשלאסען איהם דורכצופיהרען.

ער האט זיך אוועקגעלעגט אויפ'ן קאוטש אין די קליידער און איז באלד איינגעשלאפען.

19טער קאפיטעל.

די צוויי גליהענדע אויגען.

עדוואַרד האק פלעגט זעהר זעלטען בעאונרוהיגט ווערען פון חלומות. זיין געוויסען איז געווען פערהארטעוועט ווי א שטיין. די רויבערייען און מערדערייען וואס ער איז בעגאנגען האבען איהם ניט געשטערט זיין שלאף און ניט געבראכט קיין אונאנגענעהמע חלומות. ער איז געווען א גאנצער מענש. זיין לעבען און זיינע אויפפיהרונגען זיינען געווען אין פאלשטענדיגען איינקלאנג מיט זיינע איבערצייגונגען און זיין גלויבען. רעכט און אונרעכט האט פאר איהם ניט עקסיסטירט. מיטלייד איז פאר איהם געווען א אונבעקאנטער בעגריף, און וועגען "יענע וועלט" איז ער געווען זיכער אז דאס איז א "טריק" אבצושרעקען די נארים. ער האט געלעבט מעהר אויפ'ן וואסער און צווישען די ווילדע ווי אין דער ציוויליזירטער וועלט, און איבעראל האט ער געזעהן אז דער שטארקער הערשט איבער'ן שוואכען, אז דער שטארקער פערניכטעט דעם שוואכען ווען ער איז איהם אין וועג, אז דער שטארקער פרעסט אויף דעם שוואכען ווען ער איז הונגעריג. און ער האט גאר ניט פערשטאנען ווי דאס קען אנדערש זיין, אין דער ציוויליזירטער וועלט האט ער אויך געזעהן דאס זעלבע, נאר דארט איז עס אביסעל פערשטעלט. אנשטאט דעם לעבען נעהמט איינער פון אנדערען אוועק די מיטעל פון'ם לעבען, און אנשטאט דעם קולאק, אדער די צייהן, אדער דאס געוועהר געברויכט מען ביזנעס־מיטאדען. וואס־זשע איז דער אונטערשיעד? ווען איינער נעהמט אוועק ביים אנדערען די מיטעל צום לעבען, איז עס אזוי גוט ווי ער נעהמט אוועק ביי איהם דאס לעבען. און ווען מען טויטעט דורך א קלאפ איבער'ן קאפ אדער דורך אונטערשטעלען א פוס איז דאך געווים קיין אונטערשיעד ניט.

אזוי איז עדוואַרד האק אלע מאל געווען שלום מיט זיך און מיט זיין בעשעפטיגונג און האט ניט געוואוסט פון פון קיין געוועסענביסע און פון קיין אונרוהיגע חלומות. דאס בלוט פון זיינע קרבנות האט צו איהם קיינמאל ניט געשריען און זייערע פערקרימטע געזיכטער, אין די לעצטע מאטערנישען פאר'ן טויט, האבען זיך איהם ניט בעוויזען אין שלאף.

נאר היינטיגע נאכט איז זיין שלאף געווען אן אונרוהיגער.

צוויי אויגען האבען געקוקט אויף איהם, צוויי אויגען וועלכע האבען געליהט ווי קוילען.

ער האט זיך אויפגעכאפט, געעפענט די אויגען, געקוקט אין דער ליידיגקייט און גאר ניט געזעהן.

— צום טייפעל! — האט ער געמורמעלט און צוגעמאכט די אויגען, און איז באלד ווידער איינגעשלאפען.

אבער ווידער האט ער געזעהן פאר זיך די צוויי גליהענדע אויגען, און אזוי עטליכע מאל.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אַנידערגעזעצט.

ער איז איצט געווען אין גאַנצען וואַכעדיג און האָט זיך דערמאָהנט אַז ער האָט היינט ביינאַכט געזעהן וואַכענדיגערהייט די צוויי גליהענדע אויגען.

"דאָס זיינען יאַנגאַ'ס אויגען" האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין. "אַזוי גליהענדיג, ווי צוויי קוילען פייער, זיינען זיי געווען ווען איך האָב מיט איהם גערעט אויפ'ן דעק, אַזוי האָבען זיי געגליהט ווי צוויי פייערדיגע קוילען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט. עפּעס וויל ער טהאָן, דער הונד!... דאָס איז אַ וואָרנונג!"

און ער איז אויפגעשפּרונגען פון'ם אָרט און ארויסגעלאָפען אויפ'ן דעק.

— יאַנגאַ! — האָט ער אויסגערופען — יאַנגאַ!

עס איז ניט געקומען קיין ענטפער.

ער האָט געוואוסט אַז יאַנגאַ'ס אָרט היינט ביינאַכט איז געווען לעבען שטייערמאַן אויפ'ן בריק. ער האָט זיך געלאָזט געהן צום שטייערמאַן און עס איז איהם אויסגעקומען פאַרבייצוגעהן די קאַיוטע וואו ליליאַן האָט זיך געפונען. מיט אַ מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען אַז ער הערט אַ פערשטיקט געשריי פון דער קאַיוטע.

ער האָט זיך צוגעהערט און עטליכע זעקונדען איז אַלעס געווען שטיל. דאַן האָט ער ווידער דערהערט אַ פערשטיקט געשריי פון דער קאַיוטע.

ער איז צו צו דער טיהר און אַנגעריבען אַ מעטש, צו זעהן וואו דעם שליסעל אריינצושטעקען. אָבער ער האָט דערזעהן אַז דער שלאָס איז אָבגעבראָכען. ער האָט אויפגעריסען די טיהר און אריינגעלאָפען אינעווייניג. און דאָס ערשטע וואָס ער האָט דערזעהן איז געווען יאַנגאַ'ס צוויי גליהענדע אויגען. דאַן האָט ער דערזעהן אין אַ ווינקעל ליליאַן וואָרד מיט אַ רעוואָלווער אין האַנד.

— רעטעט מיך פון דער ווילדער בעסטיע! — האָט זי אויסגעשריען מיט אַ חייזעריגער שטימע און ווי מיט די לעצטע כחות. און ביי די ווערטער האָט זיך איהר קאָפּ אַראָבגעלאָזט אויף איהר ברוסט און זי איז אומגעפאַלען אויפ'ן פּלאָאָר.

דאָס אַלעס איז געשעהן אין דעם זעלבען מאָמענט ווי האַק איז אריין אין קאַיוטע, און עס האָט געדויערט וויניגער ווי עס נעהמט צו דערצעהלען.

האַק האָט גלייך פערשטאַנען וואָס דאָ איז געשעהן און ער האָט אויפ'ן שטעל בעשלאָסען וואָס צו טהאָן מיט יאַנגאַ'ן. אָבער דאָס ערשטע מוז ער דערמינטערען ליליאַן, זי בעדייטעט פאַר איהם צוויי הונדערט טויזענד דאָלאַר. יאַנגאַ וועט פון איהם ניט אַנטלויפען.

— געה ארויס! — האָט ער אַ ברום געטהאָן צו יאַנגאַ'ן — ביים שטייערמאַן איז דיין אָרט.

און יאַנגאַ איז מיט אַ אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ און מיט אונטערגעהאַקטע פיס ארויס פון דער קאַיוטע.

ער האָט געוואוסט וואָס עס ערוואַרטעט איהם, און ער האָט מורא געהאַט פאַרין טויט. האַק האָט איהם געקענט און האָט איהם אַלע מאָל געהאַלטען פאַר אַ פּיינליכנג.

ווען יאַנגאַ איז ארויסגעגאַנגען האָט האַק צוגעמאַכט די טיהר און האָט זיך גענומען דערמינטערען ליליאַן'ען.

דאָס איז איהם אַנגעקומען גאַנץ לייכט. ער האָט איהר אַ דריק געטהאָן מיט זיינע גראָבע פינגער די שלייפען און זי האָט געפּענט די אויגען, אָבער באַלד האָבען זיך די דעקלעך ווידער גענומען צומאַכען.

ער האָט זי אַנידערגעלייגט אויפ'ן קאָוטש. אויפ'ן טיש איז געשטאַנען אַ פלאַש שטאַרקער שנאַפּס, ער האָט אַנגעגאָסען אַביסעל שנאַפּס אין זיין דאַלאָניע, וועלכע ער האָט איינגעבויגען ווי אַ שיסעלע, און האָט איינגעריבען ליליאַן'ס הענד און בענעצט איהרע ליפּען.

זי האָט פרייער אויפגעאָטהעמט און איינגאַנצען געעפענט די אויגען.

— דאָס געפאַהר איז פאַריבער און דער הונד וועט בעשטראָפט ווערען — האָט ער געזאָגט צו איהר.

— איך דאַנק אייך — האָט זי געזאָגט מיט אַ שוואַכער שטימע און זיך געוואָלט אויפזעטצען, אָבער איהר קאָפּ

איז צוריקגעפאלען צום צוקאפענס פון׳ם קאוטש.

— זייט גאנץ רוהיג — האט ער געזאגט צו איהר כמעט מיט א צערטליכע שטימע — עס וועט אייך קיין שלעכטעס ניט געשעהן, און איך האב בעשלאסען אייך אפצוגעבען צו אייער פאטער.

— איז דאס מעגליך? — האט זי אויסגערופען. דאן האט זי צוגעלעגט איהר האנד צו איהר הארץ און שווער געאטהעמט.

— אה, עס איז געוועזן א שרעקליכער קאמפף — האט זי געזאגט נאך א קורצען שטיל שווייגען — א שרעקליכער קאמפף און מאכענדיג אן אנשטרענגונג האט זי זיך אויפגעזעטצט.

האס האט זיך אוועקגעזעצט אנקעגען איהר.

—דערצעהלט מיר ווי דאס איז געשעהן — האט ער געזאגט — אויב עס איז אייך ניט שווער.

און זי האט איהם דערצעהלט אין א שוואכער שטימע, אבשטעלענדיג זיך עטליכע מאל זיך אפצורוהען, דאס פאלגענדע :

ווי ער האט זי איבערגעלאזט אליין און פערשלאסען די טיהר הינטער איהר איז אויף איהר געפאלען א מורא. זי האט מורא געהאט טאקע פאר איהם אליין, פאר האק׳ן, ער זאל ניט אריינקומען אין קאיוטא ווען זי וועט שלאפען. זי האט געוואוסט אז די מענער, איהרע קאמפאניאנען, האבען אין זייערע רענצליך רעוואלווערס, און זי האט געפונען א רענציל און ארויסגענומען א רעוואלווער און איהם אוועקגעלעגט אויפ׳ן טיש, צודעקענדיג איהם מיט א צייטונג.

דאן האט זי גענומען א בוך און זיך אוועקגעזעצט לעזען.

אבער זי האט זיך אויף קיין פאל ניט געקענט פערטיפען אין דעם אינהאלט פון׳ם בוך. פאר איהרע אויגען זיינען געשטאנען די בילדער פון הערמאנאס׳ן אין דאקטאר מארגאן. ווי זיי ליגען, געשמידטע אין קייטען, אויפ׳ן דעק פון׳ם שיף, אין א גרוב פון נאסען זאמד, און האק מיט זיינע מיטהעלפער מאטערען זיי. ...יך זיינען די בילדער פון איהר פאטער און מוטער געשטאנען פאר איהר. זי האט געזעהן זייערע טרויעריגע פערצווייפעלטע געזיכטער און געהערט זייערע שווערע זיפצען. זי האט אוועקגעלעגט דעם בוך און אראפגעלאזט דעם קאפ, אונטערשפארענדיג איהם מיט די הענד. דאן האט זי דערפיהלט ווי איהרע אויגענדעקלעך הויבען זיך אן צומאכען. זי האט געקעמפפט מיט׳ן שלאף, אבער איז ענדליך דאך איבערוועלטיגט געווארען.

מיט א מאל האט זי דערהערט א גערויש ווי א סקריפען פון א טיהר. זי האט געוואלט עפענען די אויגען און ער האט ניט געקענט. דאן איז ווידער אלעס שטילל געווארען.

דאן האט זיך איהר אויסגעוויזען ווי א האנד לעגט זיך ארום איהר טאליע. זי איז אויפגעשפרונגען פון׳ם ארט און דערזעהן פאר זיך צוויי אויגען ווי פייערדיגע קוילען. זי האט געוואלט אויסשרייען, אבער א האנד האט אנגעכאפט ביים האלז און זי האט נאר געקענט ארויסגעלאזען א הייזעריגען קרעכץ. זי האט גענומען קעמפפען מיט איהר אנגרייפער. זי ווייסט ניט וואו עס האבען זיך גענומען צו איהר די כוחות, אבער זי האט זיך פון איהם ארויסגעריסען, געכאפט דעם רעוואלווער, און איהם אנגעשטעלט אויף איהם. ער האט אפגעטרעטען צוריק. זי איז געגאנגען הינטערוויילעכטס צו דער וואנד, אלץ האלטענדיג אקעגען איהם דעם רעוואלווער, גרייט צו שיסען אויב ער מאכט נאר א שפאן צו איהר. דאן האט זיך די טיהר אויפגעריסען — און — האט זי געענדיגט — וואס ווייטער איז געשעהן ווייסט איהר שוין בעסער ווי איך.

—ווייטער וועט אזעלכעס מיט אייך ניט געשעהן — האט האק זי פערזיכערט —דאס וועט מעהר ניט קענען געשעהן. איך וועל אויסשטעלען פאר דער טיהר פון אייער קאיוטע א פערטרויענסווערטהען מאטראז ער זאל האלטען וואך ביי טאג און ביי נאכט.

—קענט איהר מיר ניט אריינשיקען דעם דאקטאר? — האט זי איהם געבעטען.

—אייער דאקטאר?

—יא.

—דאס איז אונמעגליך. אבער איך האב אויף מיין שיף א דאקטאר, וועלכער פערשטעהט בעסער די פראפעסיאן ווי אלע דאקטוירים פון די אוניווערזיטעטען. איך וועל איהם אייך ארייגשיקען.

—האט איהר ווירקליך בעשלאסען מיך אבצופיהרען צו מיין פאטער?

—יא. אבער צוערשט מוז איך אבפיהרען אייערע צוויי קאמפאניאנען אויף אן ארט פון וואנען זיי זאלען ניט קענען אנטלויפען.

—וואס האט איהר צו זיי?

—איך האב צו זיי אייגענטליך גארניט, ספעציעל צו דעם אנדערן, דעם הערמאנאס'ן. אבער געשעפט!... איך קריעג זעהר א גרויסע סומע געלד פאר זיין פערשווינדען, א פיעל גרעסערע סומע ווי איהר פערשפרעכט מיר פאר אייער בעפרייאונג.

—פון וועמען קריגט איהר דיזע גרויסע סומע?

—גלויבט איהר דאס איך בין אזוי נארריש צו ענטפערן אויף דיזער פראגע?

—און דעם אנדערן, דעם דאקטאר — האט ליליאן געזאגט נאך א קורצען שווייגען — איהם ווילט איהר אומברייגען אויס ראכע?

—איך האב געהאט דאס געפיהל ביז נעכטען, ביז איך האב איהם געזעהן געשמידט אין קייטען אין קיעלרום, אויף'ן זאמד. איצט פיהל איך מיך פאלשטענדיג צופריעדענגעשטעלט וואס דער ראכע אנבעטרעפט. אבער איך מוז איהם האלטען אויף א זיכערען פלאטץ איינפאך ווייל ער איז מיר געפעהרליך. ער האט ארויסגעריסען הערמאנאס'ן פון מיינע הענט. דאס האט געמיינט פאר מיר א פיערטעל מיליאן דאלאר. און ער האט צושאסען מיין שיף און מיך פערוואונדעט. ער איז צו געפעהרליך פאר מיר צו זיין אויף דער פרייהייט. און דאן — האט ער צוגעזעצט מיט זיין דעמאנישען שמייכעל — עס וועט זיין צו אומעדיג פאר דעם ארעמען הערמאנאס צו זיין אליין אויף דעם פערוואראפענעם אינזעל. זאל ער האבען א קאמפאניאן.

האק איז געווען זעהר אויפריכטיג מיט ליליאן. ער האט איהר געזאגט די ריינע וואהרהייט. ער האט איבערהויפט זעהר זעלטען געזאגט א ליגען. און זי האט געפיהלט אז זי רעדט מיט א מענשען, וועלכער, אבוואהל רויב און מארד איז זיין פראפעסיאן, דאך קען מען זיך אויף זייןווארט פערלאזען.

און עס איז איהר איינגעפאלען אז אזוי ווי זיין איינציגע אבזיכט איז אבראמען הערמאנאס'ן און דאקטאר מארגאן פונ'ם וועג איז נאר געלד, זאל זי איהם ענטדעקען ווער הערמאנאס איז און ווארום מען וויל ער זאל פערשווינדען, און איהם איבערצייגען אז ער קען קריגען מעהר געלד פון הערמאנאס'עס פריינד ווי פון זיינע פיינד.

—וואס טראכט איהר? — האט זי דער ים־רויבער אויפגעוועקט פון איהרע געדאנקען.

—איך ווייס ווער עס האט אייך געדונגען איהר זאלט אוועקפיהרען הערמאנאס'ן.

—דאס איז זעהר מעגליך.

—אלבערטא און קאספארע.

—פיליכט.

—אבער ווייסט איהר ווארום הערמאנאס איז זיי אין וועג?

—דאס האט מיך ניט אינטערעסירט. און עס אינטערעסירט מיך אויך איצט ניט.

—אבער ווען איהר זאלט וויסען דעם גרונד ווארום די לייטע זוכען הערמאנאס'עס אונטערגאנג וואלט איהר געזעהן אז זיין פרייהייט קען אייך ברייגען מעהר געלד ווי זיין געפענגענשאפט אויפ'ן אינזעל.

—דאס הייסט אז זיינע פריינד זיינען רייכער ווי זיינע פיינד?

—זיינע פיינד זיינען גאר ניט רייך. זיי האפען ערשט דורך זיין פערשווינדען רייך צו ווערען.

—דאס ווייס איך, און דארום האב איך בעשלאסען אנשטאט איהם צו טוי־

טען, ווי דער אפמאך איז געווען, איהם אוועקצופיהרען אויף דעם אינזעל.

—זיי האבען אייך נאך ניט געגעבען דאס גאנצע געלד?

—איהר פערשטעהט דאך א געשעפט!
—האט האק אויסגערופען ענטציקט — זיי האבען מיר געגעבען א גאנץ אונבעדייטענדע סומע האנד־געלד. ווען איך וועל צוריקקומען וועלען זיי שוין האבען עררייכט זייער ציעל. זיי וועלען אריינקריגען אין זייערע הענד א אונגעהייער פערמעגען, דאן וועלען זיי מיר געבען דאס איבריגע.

—און אום צו זיין זיכער מיט זיי, און זיך קענען מיט זיי רעכענען אין פאל זיי בעצאהלען אייך ניט, ווילט איהר האלטען הערמאנאס'ן אויף אן ארט פון וואנען איהר זאלט איהם קענען צוריקברייננגען אויב עס וועט נויטיג זיין?

—פאלשטענדיג ריכטיג, ווי איהר וואלט געלעזען מיינע געדאנקען, און אז איך בין שוין מיט אייך אזוי אפענהערציג,וועל איך אייך שוין זאגען אז אנפאנגס איז געווען מיין אבזיכט איהם אוועקצופיהרען אויף אן אינזעל פון מענשענפרעסער, וועלכע קויפען שעהנע יונגע לייט צוליעב זייער גאטעס־דיענסט און צוליעב אנדערע צוועקען. איך האב מיך אבער דערנאך בערעכענט אז איך מוז האבען א בייטש פאר מיינע קליענטען, און דאריבער האב איך בעשלאסען איהם אוועקצופיהרען אויף דעם אינזעל.

ליליאן האט דערצעהלט האק'ן אלעס וואס זי האט געוואוסט וועגען הערמאנאס'ן און אלבערטא'ן. אז הערמאנאס איז דער אמת'ער זוהן פון דעם בעריהמטען בלינדען מיליאנער סיניאר בעניטא ליאבא, און אז אלבערטא איז אן אוואנטיוריסט, און אז דאס איז די אורזאכע ווארום אלבערטא מיט קאספארע'ן האבען געזוכט פטור צו ווערען פריהער פון סיניאר ליאבא, דאן פון דאקטאר מארגאן און איצט פון הערמאנאס'ן.

זי איז געווען קלוג גענוג איהם ניט צו דערצעהלען אז סענאר ליאבא איז ארעטירט און אז אלבערטא איז פארלויפיג דער הערשער אין פאלאץ און איבער דעם פערמעגען.

—מיר האבען דאקומענטען און פיעלע אנדערע בעווייזע — האט זי געענדיגט — וועלכע וועלען קלאהר שטעלען פאר דעם וועלט און פאר סענאר ליאבא, אז הערמאנאס איז זיין זוהן און אלבערטא איז א פרעמדער, אן אוואנטיוריסט און אינטריגאנט. נו, מיסטער האק, לוינט זיך אייך ניט פיעל בעסער זיך צו שטעלען אויף אונזער זייט? וועט אייך סענאר ליאבא ניט בעסער בעלוינען דערפאר וואס איהר וועט איהם אפברייננגען זיין קינד, איידער די אינטריגאנטען דערפאר וואס איהר וועט איהם אומברייננגען.

—דאס איז זעהר לאגיש און זעהר גלויבליך — האט האק געזאגט — אבער צו ערשט מוז איך האבען פעסטע בעווייזע.

—איך וועל אייך ווייזען א בריעף, וועלכען סענאר ליאבא'ס טאכטער האט געשיקט צו דאקטאר מארגאן..

דער בריעף איז געלעגען צווישען דאקטאר מארגאן'ס פאפיערען אין זיין רענצעל, זי האט עס געעפענט. ארויסגענומען דעם בריעף און איהם געלאזט לעזען דעם טהייל, אין וועלכען עס איז איבערגעגעבען געווארען דער בריעף פון'ם שוסטער פון מעקסיקאלי.

עדווארד האק האט גענומען אומשפאנען איבער דער קאיוטע און נאכגעדענקט.

ליליאן האט אויף איהם אלע מאל א קוק געטהאן פון דער זייט, און זי האט זיך געוואונדערט אויף זיך אליין וואס זי פיהלט זיך זיכער זייענדיג מיט אזא בריאה אליין אין א קאיוטע, אין מיט'ן דער נאכט. ער האט אויסגעזעהן ווי א וואלף, און זיינע אויגען רויט פון ניט שלאפען, האבען אויסגעזעהן ווי אנגעגאסען מיט בלוט. און נאך מעהר האט זי זיך געוואונדערט אויף זיך אליין וואס ז' רעדט מיט איהם און פיהרט מיט איהם פערהאנדלונגען וועגען דעם לעבען און דער פרייהייט פון איהר געליעבטען און פון דאקטאר מארגאן מיט אזא רוהינקייט ווי זי וואלט בעשטעלט א נייע

קלייד. "אומשטענדען מאַכען אַלעס מענליך" האָט זי געזאָגט צו זיך אַליין.

האָק האָט זיך אָוועקגעזעצט צוריק אויף זיין אָרט אַנטקעגען איהר.

—וואָס איהר זאָגט מיר שיינט צו זיין גאַנץ ריכטיג — האָט ער געזאָגט צו איהר — אָבער איצט איז נאָך מעהר נויטיג פאַר מיר ווי פריהער אָבצופיהרען הערמאַנאַס'ן און זיין פריינד אויף דעם אינזעל.

—וואָרום? האָט ליליאַן געפרעגט אין שרעק, דענקענדיג אַז זי האָט נאָך ערגער געמאַכט מיט איהר ענטדעקען פאַר דעם ים־רויבער די געהיימניסע און אינטריגען פון דעם פּאַלאַץ אין מערידאַ.

—קיין צוויי געשעפטען צוזאַמען קען מען ניט מאַכען. צוערשט מוז איך מיט אייך פערטיג ווערען. און ווען איך וועל האָבען די צוויי יונגע לייט אויפ'ן אינזעל וועט דאָס געשעפט מיט אייער פאַטער אויך געהן גלאַטער און ווערען פיעל וועניגער ריזיקאַליש. וואָרום איהר זייט שטאַרק פעראינטערעסירט אין דעם הערמאַנאָס'ן — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל — ער איז פיליייכט אייערער אַ חתן?

—פיעל מעהר ווי דאָס. ער איז מיין זעעלע.

—אַזוי האָב איך פערשטאַנען. אַלזאָ ווען אייער "זעעלע" וועט זיין אויף אַ פערוואָרפענעם אינזעל, פון וועלכען נאָר עדוואַרד האָק קען איהם צוריקברינגען, וועט אייער פאַטער, וועלכען אייער "זעעלע" איז געוויס אַזוי טהייער ווי איהר אַליין, ניט זוכען זיך צו פערקריעגען מיט עדוואַרד האָק. איהר פערשטעהט?... ווען איך וועל פערטיג ווערען מיט אייער פאַטער און איהר וועט זיין פריי, וועט איהר אריבערפאָהרען אין מערידאַ, ענטדעקען פאַר סענאָר ליאַבאַ אַלעס וואָס איהר ווייסט, און ווען איהר וועט איהם איבערצייגען אַז הערמאַנאָס איז ווירקליך — און דאָס וועט אייך אָנקומען גאַנץ לייכט, וואָרום די אַלע אינטריגען פון קאַספּאַרע'ן און אַלבערטאָ'ן צוזאַמען מיט דעם שוסטער'ס בריעף בעווייזען דאָס זעהר קלאָהר — אַלזאָ, ווען איהר וועט איבערצייגען סענאָר ליאַבאַ אַז הערמאַנאָס איז זיין זוהן און ער וועט איהם וועלען האָבען, וועט איהר מיר שרייבען און איך וועל קומען קיין מערידאַ און מאַכען דאָס געשעפט.

—אָבער דאָס וועט דאָך נעהמען אַזוי לאַנג און זיי וועלען דערווייל דאָרט אומקומען אויפ'ן אינזעל.

—אַה, ניין. דערפאַר דאַרפט איהר זיך גאָר ניט שרעקען. אויף דעם אינזעל זיינען דאָ פרוכט־בוימער, פערשידענע פויגעל זיינען דאָרט דאָ וועלכע מען קען שיסען, און זייער פלייש איז זעהר געשמאַק. אויך קען מען כאַפּען פיש. מיר וועלען זיי איבערלאָזען געוועהר און נעצען און קליידער און קאָלדרעס. זיי וועלען דאָרט לעבען זעהר בעקוועם. עס וועט זיי פיליייכט אויסקומען צו פערברענגען דאָרט אַ האַלב יאָהר. דאָס איז גאָר ניט.

ליליאַן האָט געזעהן אַז קיין רייד און געבעט וועלען איהר גאָר ניט העלפען אין זי האָט אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט און געשוויגען, דאַנקענדיג אין הארצען גאָט וואָס זי האָט כאָטש אַזוי פיעל אויסגעפיהרט אַז זי וועט געבראַכט ווערען אַהיים און זי האָט האָפנונגען אַז אויך הערמאַנאָס און דאָקטאָר מאַרגאָן וועלען אַמאָל צוריקקומען אין דער ציוויליזירטער וועלט.

פערזיכערענדיג זי נאָך אַמאָל אַז עס וועט איהר קיין שלעכטעס געשעהן איז האָק ארויסגעגאַנגען פון דער קאַיוטע.

די גרעסערע סומע געלט וואָס האָק האָט ערוואַרטעט צו קריגען פון ליליאַן'ס פאַטער איז ניט געווען די איינציגע אורזאַכע, וועלכע האָט איהם בעוואויגען ניט צו פערקויפען זי צו אַ ווילדען קעניג. די הויפּט אורזאַכע איז געווען וואָס די לעצטע צייט איז פאַר די ים־רויבער ניט געווען אַזוי לייכט צו פיהרען געשעפטען מיט די ווילדע. ביי די זולוס און די מאַלאַיס איז מען קיינמאָל ניט געווען זיכער אַז ערגיץ אין דער נאָכבאַרשאַפט דרעהט זיך ניט ארום אַ שיף פון די אייראָפּייאישע מעכטע, אָדער פון די פעראייניגטע שטאַאַטען, צו בעשיצען זייערע "מיסיאָנערען". וועלכע קומען אָפּ־

ציעל צו פערשפרייטען צווישען די ווילדע די קריסטליכע רעליגיאָן, און וועלכע זיינען דאָרט אין דער ווירקליכקייט צוליעב פּאָליטישע און קאָמערציעלע צוועקען.

דיעזע מיסיאָנערען, אָדער אַגענטען, האָבען פאַר די פּיראַטען געמאַכט זעהר שווער צו פיהרען די געשעפטען מיט די ווילדע, וועהרענד אין די גרעסטע צענטערס פון דער ציוויליזאַציאָן האָט "די שוואַרצע האַנד" און אַנדערע באַנדיטען־געזעלשאַפטען כמעט יעדען טאָג געקידנעפּט קינדער און מיידלעך און זיי אָפּגעגעבען צוריק פאַר גרויסע סומען געלט, און זיינען זעלטען ווען אריינגעפאַלען אין די הענד פון דער פּאָליציי. האָק האָט שוין לאַנג געדיינקט איבערצובייטען זיין בעשעפטיגונג און ווערען א קידנעפּער אַנשטאַט א ים רויבער. זיין פריינד אין נויאָרק, דזשים א'קיעף וועלכער איז געווען אין די קידנעפּינג "ביזנעס", האָט איהם א פּאָאַר מאָל געשריעבען אַז דער מענשענרויב איז פיעל לייכטער און זיכערער אין די גרויסע שטעדט ווי אויפ'ן ים און די ווילדע אינזלען. ווארום אין די גרויסע שטעדט קען מען "ארבייטען" צוזאַמען מיט דער פּאָליציי. איצט איז האָק'ן גראָד געקומען צו דער האַנד די געלעגענהייט צו מאַכען א געשעפט אין זיין פריינד א'קיעף'ס פאַך, און אַזוי ווי די סומע געלט, וועלכע איז געשטאַנען צו פערדיענען, איז געווען גענוג גרויס זיך צו טהיילען מיט א פּאַרטנער, האָט ער בעשלאָסען צו מאַכען דאָס געשעפט צוזאַמען מיט זיין פריינד און אויף אַזאַ ארט אריינגעהן אין די נייע ביזנעס און ווערען א "ציוויליזירטער" מענש.

ווען האָק איז ארויסגעקומען פון ליליאָן'ס קאַיוטע האָט ער אָפּגעזוכט א מאַטראָז, וועלכער איז איהם געווען זעהר איבערגעגעבען און איהם געגעבען א בעפעהל ער זאָל זיך אוועקשטעלען, מיט א ביקס אויף די אַקסעל, ביי דער טיהר פון ליליאָן'ס קאַיוטע און ניט צולאָזען צו איהר קיינעם אויסער דעם ווייטער, וועלכער ברענגט איהר עסען. דאָן האָט ער גענומען א לאַמטערן און איז אראָפּגעגאַנגען אין קיעל־רום.

ווען ער איז צוגעקומען נאָהענט צו זיי האָט ער געזעהן אַז זיי ליגען מיט אָפענע אויגען.

—איהר זיינט גאָר ניט געשלאָפען? —האָט ער זיי געפרעגט.

דאָס מאָל האָבען זיי ניט געזעהן דעם דעמאָנישען שמייכעל אויף זיינע ליפּען, און זיי האָבען איהם אַנגעקוקט פערוואונדערט.

—איך בין געקומען אייך מיטטהיילען וויכטיגע נייעס — האָט ער געזאָגט זיך זעצענדיג ניט ווייט פון זיי — איך מעג זאָגען, איך ברינג אייך א פרעהליכע בשורה.

—וואָס איז אייער פרעהליכע בשורה? —האָט הערמאַנאָס געזאָגט.

דאָקטאָר מאָרגאַן האָט זיך בעמיהט ניט ארויסצוווייזען קיין נייגיערינקייט, אָבער האָק איז געווען גענוג דורכטריבען צו זעהן אַז ער איז פּונקט אַזוי פּעראינטערעסירט ווי הערמאַנאָס.

—דאָס איז א שטאָלצער הונד — האָט ער געמורמעלט פאַר זיך.

—וואָס איז אייער פרעהליכע בשורה? — האָט הערמאַנאָס איהם ווידער געפרעגט.

—איך וועל אָפּפיהרען מיסס וואַרד צו איהר פאָטער.

—איהר מיינט דאָס ערנסט? —האָט הערמאַנאָס אויסגערופען זיך אויפזעצענדיג.

—איך מיין דאָס ערנסט.

דאָן האָט ער זיי דערצעהלט וועגען דעם קאַמפף וואָס ליליאָן האָט געהאַט מיט יאַנגאָ'ן, ווי ער איז אַנגעקומען אין דעם ריכטיגען מאָמענט און ווי דערנאָך האָט ער געהאַט א לאַנגען געשפּרעך מיט ליליאָן, אין וועלכען זי האָט איהם ענטדעקט די געהיימניסע און אינטריגען פון סענאָר ליאַבאָ'ס הויז. אויך וועגען דעם בריעף פון מעקסיקאָלי, וועלכען ליליאָן האָט איהם געוויזען. האָט זיי דערצעהלט, און ער האָט געענדיגט:

מיס ווארד האט מיר בעוויזען מיט אלעם וואס זי האט פאר מיר ענטדעקט, אז עס איז פיעל בעסער פאר מיר זיך צו שטעלען אויף אייער זייט ווי צו העלפען אייערע פיינד, אלבערטא'ן און קאספארא'ן, און איך האב בעשלאסען זיך צי שטעלען אויף אייער זייט.

—וועט איהר אונז אויך פריי לאזען? — האט דאקטאר מארגאן, וועלכער האט זיך אונטערדעסען אויך אויפגעזעצט און שוין ניט געזוכט צו ערשיינען גלייכגילטיג, געפרעגט.

—איך וועל אייך אויך פריי לאזען. אבער איך מוז אייך האלטען געפאנגען ביז איך וועל פערטיג ווערען מיט מיסטער ווארד. ווען ער וועט מיר בעצאהלען דעם פרייז פאר זיין טאכטער און וועט זיין מיט מיר עהרליך און אויפריכטיג, ניט זוכען מיר א ביס צו טהון פון הינטען און אונטערשטעלען א פיסעל, וועל איך צוזאמען מיט איהם. אדער מיט זיין טאכטער, אוועקפאהרען קיין מערידא, איבערצייגען סענאר ליאבא ווער זיין אמת'ער זוהן איז. און ווען ער וועט מיר בעצאהלען מיין געלד וועט איהר צוריקגעבראכט ווערען אין דער ציוויליזירטער וועלט. איהר זעהט, עס איז אייער אייגענער אינטערעס צו זיין מיט מיר אויפריכטיג און מיר צו העלפען דורכפיהרען מיינע פלענער. ווארום איהר האט אין מיר דעם בעסטען עדות געגען אלבערטא'ן און קאספארע'ן.

ער האט זיי פערזיכערט אז אויף דעם אינזעל וואו ער וועט זיי אוועקפיהרען וועלען זיי האבען אלעם וואס עס איז נויטיג צום לעבען, אויך געוועהר זיך צו בעשיצען פון חיות און רויב־פויגעל און האט זיי נאך געזאגט אז אויב זיי וועלען איהם געבען זייער עהרענווארט אז זיי וועלען ניט זוכען אויפצורייצען געגען איהם די מאטראזען און ניט געבען קיין סיגנאלען צו קיין שיפען, וועלכע זיי וועלען באגעגנען, וועט ער אויפשליסען זייערע קייטען און זיי לאזען זיין צוזאמען מיט ליליאן ביז זיי וועלען אנקומען צום אינזעל.

דאקטאר מארגאן און הערמאנאס האבען איינגעזעהן אז עס לוינט זיך פאר זיי אין יעדער הינזיכט צו זיין גוטע פריינד מיט האק'ן און איהם האבען אויף זייער זייט, און זיי האבען איהם געשווארען ביי זייער עהרע אז ער וועט פון זיי ניט האבען דעם מינדעסטען ווידערשטאנד אזוי לאנג ווי זיי וועלען זיין אויף'ן שיף און אז זיי וועלן אנווענדען זייער גאנצען איינפלוס מיט מיסטער ווארד און סענאר ליאבא ער זאל ניט פערפאלגט ווערען, אויך ווען זיי וועלען שוין זיין פרייע מענשען.

ער האט אויפגעשלאסען זייערע קייטען און זיי זיינען צוזאמען מיט איהם ארויף אויפ'ן דעק.

—דאס וועט זיין אן אנגענעהמע איבערראשונג פאר אייער פייגעלע — האט האק געזאגט צו הערמאנאס'ן — איך מיט מאל צו דערזעהן אריינקומענדיג אין קאיוטא.

עס איז שוין געוועזן טאג ווען זיי זיינען ארויף אויפ'ן דעק און די מאטראזען זיינען איבערראשט געווארען צו זעהען ווי די צוויי געפאנגענע קומען ארויף אויפ'ן דעק מיט'ן קאפיטאן.

—וואס בעדייטעט דאס? — האט איינער פון די אפיצירען געפרעגט האק'ן.

—זיי זיינען פרייע מענשען — האט האק געזאגט — און זיי מוזען בעהאנדעלט ווערען מיט רעספעקט.

ביי ליליאן'ס קאיוטע איז דער מאטראז, וועלכען האק האט געגעבען דעם בעפעהל צו שטעהן אויף דער וואך, שוין געוועזן אויף זיין פאסטען.

—איצט דארף מען דיך דא שוין ניט מעהר — האט האק געזאגט צום מאטראז — געה און טהו דיין ארבייט. דאן האט ער געזאגט צו הערמאנאס'ן און דאקטאר מארגאן:

—געהט אייך אריין אין קאיוטע און קושט זיך דארט מיט דער מיס ווארד וויפיעל איהר ווילט. איך וויל אייך ניט שטערען, נאר געדיינקט אייער עהרענווארט און וויסט אז עס איז פיעל בעסער צו האבען עדווארד האק פאר א פריינד ווי פאר א פיינד. ווען איהר וועט

ווערען פרייע מענשען און וועלען ברעכען אייער ווארט. קען איך פיעלייכט געלינגען מיך איבערצוגעבען אין די הענט פון דער פאליציי. אבער זייט וויכען אז איך האב מעכטיגע פריינד אין די פעראייניגטע שטאאטען און אין מעקסיקא, וועלכע וועלען נעהמען פאר מיר ראכע.

דאקטאר מארגאן און הערמאנאס זיינען געווען איבערצייגט אז וואס ער זאגט זיי איז ריכטיג און זיי האבען איהם נאכאמאל פערזיכערט אז זיי וועלען בלייבען טריי זייער עהרענווארט.

עס איז איבריג צו בעשרייבען די איבערראשונג און די פרייד פון ליליאן ווען זי האט דערזעהן איהרע פריינד פריי און צוריק מיט איהר. זי האט זיך געווארפען פריהער אויף הערמאנאס'עס האלז דאן אויף דאקטאר מארגאן'ס, געוויינט און געלאכט, און ווען זי איז בערוהיגט געווארען און זיי האבען זיך אוועקגעזעצט און איבערגערעדט פון וואס עס איז מיט זיי געשעהן ביז איצט און וואס עס ערווארטעט זיי, זיינען זיי געקומען צום שלוס אז דער אונגליק איז אין דער ווירקליכקייט פאר זיי א גרויס גליק. ווארום אלע דריי זיינען געווען איבערצייגט אז צו האבען עדווארד האק אלס זייער פערבינדעטען און אלס עדות געגען אלבערטא'ן און קאספארען איז פאר זיי ווערטה אוצרות. עדווארד האק צוזאמען מיט דעם בריעף פון דעם שוסטער פון מעקסיקאלי, זיינען די קאנאנען וועלכע וועלען צושמעטערן די פעסטונג פון די אינטריגאנטען.

— אבער איהר וועט דאך מוזען בלייבען אויף דעם וויסטען אינזעל א שטיק צייט — האט ליליאן געזאגט.

— מיט'ן גוטען ווילען וואלט איך דארט ניט געבליבען — האט מארגאן געזאגט מיט א שמייכעל — אבער אז עס איז נויטיג בין איך שוין אונגעדולדיג צו זעהן ווי עס זעהט אויס.

—עס וועט זיין א אינטערעסאנטע איבערלעבענים — האט הערמאנאס געזאגט — צוויי ראבינסאן קרוזאס אויף א אינזעל! און ווי האק זאגט זיינען דארט דא פרוכט־בוימער און מען קען כאפען פיש. עס וועט גאר ניט זיין אזוי שלעכט.

— אויף מיין ווארט, איך וואלט אויך געוואלט בלייבען מיט אייך — האט ליליאן געלאכט. אבער אין הארצען האט זי טאקע געוואונשען צו קענען בלייבען אויף דעם אבגעזונדערטען פערלארענעם אינזעל צוזאמען מיט איהר געליעבטען.

מארגאן און הערמאנאס זיינען געווען מוטהיגע און אונרוהיגע נאטורען, וועלכע גארען נאך נייע ערפאהרונגען און איבערלעבענישען, און דער פראספעקט אבצולעבען א פאאר מאנאט אויף אן אבגעשלאסענעם אינזעל האט זיי איצט, מיט דער זיכערהייט אז דאס איז נאר אויף א קורצע צייט, ניט נאר ניט געשראקען נאר זאגאר פערשאפט א מין פערגניגען. און ליליאן, וועלכע איז ביז א געוויסען גראד אויך געווען עהנליך צו זיי אין דיזער הינזיכט, האט זיי אין הארצען מקנא געווען.

דערווייל איז אויפ'ן דעק פון דער שיף פארגעקומען אן אינטערעסאנטע סצענע.

האק האט געלאזט יאגא'ן שמידען אין קייטען און האט צוזאמענגעשטעלט א מין קריעגס־געריכט פון די איבריגע אפיציערען און די עלטערע מאטראזען. און פאר זיי פערקלאגט דעם געפאנגענעם.

האק האט דערצעהלט ווי יאגא האט זיך אריינגעריסען צו מיס׳ ווארד אין קאיוטע, אויפברעכענדיג דעם שלאס. דער צוועק איז זעלבסטפערשטענדליך, און ווי נאר א וואונדערבארער צופאל האט איהם געשטערט אויסצופיהרען זיין נידערטרעכטיגען פלאן.

— פערשטעהט מיך, מיינע הערען ריכטער — האט האק געזאגט — ווען דעם פערברעכער זאל געווען געלינגען אויסצופיהרען זיין אבזיכט וואלט די געפאנגענע, וועלכע איז ווערטה פאר אונז אזוי פיעל געלד, אין גאנצען פערלארען איהר ווערטה. דא איז ניט נאר א פראגע פון איבערטרעטען מיין בעפעהל, דעם בעפעהל פון'ם קאפיטאן. ער איז בעגאנגען א פערברעכען געגען אונז אלע. מיר

וואָלטען אלע נעליטען פון א שווערען געלד־פערלוסט.

אויף דער פראגע פון׳ם "געריכט" וואס ער האט צו זאגען צו זיין פערטהיידיגונג האט יאגא געענטפערט אז עס איז אמת, אז ער האט זיך אריינגעריסען צי דער מיידעל אין קאיוטע, אבער ער האט ניט בעאבזיכטיגט צו בעגעהן געגען איהר א פערברעכען. ער האט זי נאר געוואָלט א קוש טהאן. זי האט אנגעצונדען אין זיין הארצען א פייער פון ליעבע און ער האט ניט געקענט רוהען.

ער איז משוגע געווארען פון דעם מאָמענט וואס ער האט זי דערזעהן. און ער האט געוואָלט לעשען דאס פייער מיט א קוש. און מעהר ניט ווי מיט א קוש. זאל מען זעהן דאס מיידעל און זאל זי זאגען אויב ער האט געמאכט א פערזוך זי צו פערונגליקען.

— רוף דאס מיידעל מיט איהרע צוויי פריינד — האט האק בעפוילען א מאטראָז — זאג זיי אז עס האנדעלט זיך וועגען דעם לומפ, וועלכער האט זיך אריינגעריסען בייניאכט צו איהר אין קאַיוטע.

ווען ליליאן, מארגאן און הערמאנאס זיינען צוגעקומען צו דעם פלאטץ אויפ׳ן הינטער־טהייל פון׳ם דעק, וואו דאס "קריעגס־געריכט" איז געזעסען אויף לייוענטענע ביינקלעך אין א האלבען צירקעל זיינען זיי דאס ערשטע געריהרט געווארען פון דער לעבערליכער זייט פון דער סצענע.

ים־רויבער, מערדער, מיט פערווילדערטע געזיכטער, זיינען געזעסען מיט ערנסטע, ווירדיגע מיענעם פון ריכטער און געדארפט אורטהיילען א מענשען פאר א פערברעכען. אבער ווען זיי האבען א קוק געטהאן אויף יאגא׳ן און געזעהן דעם טויט־שרעק וועלכער איז געלעגען אויף זיין פנים האבען זיי דערפיהלט א מיטלייד פאר איהם און דערזעהן די גאנצע ערנסטקייט פון דער סיטואציאן.

עס האט זיך געהאנדעלט וועגען דעם לעבען און טויט פון א מענשען.

—זאל די ליידי אליין דערצעהלען — האט איינער פון די "ריכטער", א ניגער פון וועסט אינדיען, מיט א אויסגעשלאגענע אויג און א צושפאלטענע אונטערסטע ליפ, געזאגט.

—פריהער מוזען-מיר דער ליידי און איהרע פריינד זאגען וואס דא קומט פאר — האט האק געזאגט.

און ווענדענדיג זיך צו ליליאן, מארגאן און הערמאנאס, וועלכע זיינען געשטאנען צוזאמען, אביסעל פון ווייטען פון דעם "געריכט", האט ער אנגעצויגען אויף זיין געזיכט א מיענע ווי קיין זאך אין דער וועלט וואלט איהם ניט אנגעגאנגען נאר אז די וועלט זאל זיך פיהרען נאך די שטרענגסטע פרינציפען פון גערעכטיגקייט.

—מיסס וואָרד, דאקטאר מארגאן און סענאר הערמאנאס! — האט ער אנגעהויבען אין א נידריגען ערנסטען טאן— דא זיצט פאר אייך א געריכט וועלכעס דארף ענטשיידען איבער דעם לעבען און טויט פון א מענשען. דער מענש איז איינער פון אונזער געזעלשאפט און דארף בעהאנדעלט ווערען לויט די געזעצע און דעם גערעכטיגקייטס־בעגריף פון אונזער געזעלשאפט. אונזערע געזעצע, די געזעצע פון די ים רויבער, זיינען ניט אנגעשריבען אויף פאפיער. אבער יעדער פון אונזערע קען זיי גאנץ גוט. זאג איך אמת! האט ער זיך געווענדעט צו די "ריכטער".

—אמת — האבען די ריכטער געענטפערט.

דער ניגער מיט׳ן אויסגעשלאגענעם אויג, וועמעס מויל איז געווען אנגעשטאפט מיט טשו־טאבעקא, האט ניט געגעבען זיין ענטפער גלייך מיט די איבריגע. ער האט אויפגעהויבען א פינגער צום צייכען אז האק זאל ווארטען, דאן האט ער אויסגעשפיגען פון׳ם ווינקעל פון׳ם מויל, ארויסגענומען די שטיק טשו־טאבעקא, און געזאגט:

—אמת, קעפטען!

און צוריק אריינגעלייגט אין מויל די שטיק טשו־טאבעקא.

האק האט פארטגעזעצט:

אונזערע געזעצע לויטען אז צווישען אונז און דער אויסערער וועלט איז ניטא

קיין בעציהונג פון געזעץ און פפליכט. רויב, מארד און אלעס וואס ווערט בעטראכט פאר א פערברעכען צווישען די ציוויליזירטע מענשען איז ביי אונז קיין פערברעכען ניט — ווען עס האנדעלט זיך וועגען די וואס שטעהען אויסערהאלב אונזער געזעלשאפט. אבער אין אונזער אייגענער מיטטע איז די זאך גאנץ אנדערש. ניט נאר טאר איינער דעם אנדערען ניט בערויבען אדער ערמארדען, נאר יעדער איינציגער דארף בעטראכטען אלע איבריגע ווי זיינע לייבליכע ברידער. ער איז פערפליכטעט צו ריזיקירען זיין לעבען צו רעטען דאס לעבען פון א שיף־ברודער. טאר ניט ארויסגעבען קיין געהיימנים פון דער געזעלשאפט, טאר ניט טהון קיין זאך, וואס קען שעדיגען די ביזנעס פון דער געזעלשאפט, און יעדער בעפעהל פון'ם קאפיטאן — אויב ער איז נאר ניט אין ווידערשפרוך מיט אונזערע געזעצע — מוז מיט דער שטרענגסטער פינקטליכקייט פון יעדען איינעם דורכגעפיהרט ווערען. זאג איך אמת, הערר ריכטער?

—אמת קעפטען—האבען די ריכטער געזאגט מיט דער טיעפסטער ערנסטקייט.

און איצט — האט האק פארטגעזעצט ווייזענדיג אויף יאנא'ן — קוקט אז דיעזען מאן. ער, ווי אלע איבריגע פון דער מאנשאפט, האט ערהאלטען מיין בעפעהל ניט צו בעאונרוהיגען די ליידי, אונזער געפאנגענע. ער, מעהר ווי אלע אנדערע, האט געוואוסט אז דיעזע ליידי, אונזער געפאנגענע, איז פאר אונז א אוצר, פאר אונז אלע. אבער נאר ווען זי ווערט געבראכט אויפ'ן בעשטימטען ארט א ריינע און אונשולדיגע. וואס זשע האט דיעזער מאן געטאהן? געגען מיין שטרענגען בעפעהל האט ער זיך אריינגעריסען צו איהר אין קאיוטע, אויפברעכענדיג דעם שלאס פון דער טיהר, דער אבזיכט פון זיין טהאט איז גאנץ קלאהר פאר יעדען פערשטענדיגען מענשען. נו, זאגט ער אבער, אז ער האט נאר געוואלט דער ליידי געבען א קוש. נאר א קוש. ניט מעהר. דעריבער —האט ער זיך געווענדעט צו ליליאן — האב איך אייך געשיקט רופען. איהר זייט אימשטאנד צו וויסען גאנץ גענוי אויב זיין אבזיכט איז געווען בלויז א קוש, א קוש און ניט מעהר, און איך ערווארטע, און דאס געריכט ערווארטעט, אז איהר וועט אונז זאגען די ריינע וואהרהייט.

דאס איז געווען א זעהר אונאנגענעהמע לאגע פאר ליליאן. זי האט גוט פערשטאנען אז פון איהר עדות זאגען היינגט אב דאס לעבען פון איהר אנגרייפער, און זי האט ניט געוואלט זיין די אורזאכע פון א מענשען'ס טויט, ווער דער מענש זאל ניט זיין, איבערהויפט ווען זיינע ריכטער זיינען ים רויבער, וועלכע בעגעהן די שרעקליכסטע פערברעכענס ניט ליידענדיג דערביי אויף דאס מינדעסטע קיין געוויסענסביסע.

הערמאנאס און מארגאן האבען פערשטאנען איהר לאגע. אבער זיי האבען מורא געהאט איהר צו זאגען א ווארט. אדער זאגאר זיך איבערווינקען מיט איהר, ווארום האק און די "ריכטער" האבען פון זיי ניט אראפגענומען די אויגען.

איך קען ניט זאגען בעשטימט וואס זיין אבזיכט איז געווען — האט ליליאן געזאגט צוטומעלט — ווי קען איך דאס וויסען? ווען איך האב איהם דערזעהן לעבען מיר אין קאיוטע בין איך אזוי דערשראקען געווארען אז איך האב ניט געהערט וואס ער האט צו מיר גערעדט. פיעלייכט האט ער מיר געזאגט אז ער וויל מיך נאר א קוש טהון.

—ער האט אייך אנגענומען ביים האלז און פערשטיקט אייער שטימע?

—האט האק זי געפרעגט.

—איהר האט אייך געראנגעלט מיט איהם מיט א״ערע לעצטע קרעפטען?

—יא.

—איהר האט זיך ארויסגעריסען פון איהם און געכאפט א רעוואלווער פון'ם טיש און איהם אנגעשטעלט אויף איהם?

—יא.

—איהר זעהט? — האט האק זיך געווענדעט צו די ריכטער — איך האב אייך איבערגעגעבען אלע פאקטען מיט דער שטרענגסטער פינקטליכקייט. די ליידי זאגט אז זי קען ניט וויסען

וואס זיין אבזיכט איז געווען. איהר זיינט אלע מענער, קען זיך ביי אימיצען פון אייך לעגען אויפ'ן שכל אז א מאטראז יועט איבערטרעטען א בעפעהל פון א קאפיטאן (וועלכעס מיינט זיך אונטערוואַרפען א שווערע שטראף) בלויז צוליעב א קוש ?

—נאנסענס ! — האבען די ריכטער גערדרעהט מיט די קעפ.

אבער דער ניגער מיט'ן אויסגעשלאגענעם אויג און מיט דער צושפאלטענער ליפ, וועמעס מויל איז אויך יעצט געווען אנגעפאקט מיט טשו־טאבאקא, האט ווידער געמאכט א צייכען מיט דער האנד אז ער האט עפעס צו זאגען. און ארויסשפריצענדיג דורך'י ווינקעל פון'ם מויל א ברוינע פליסיגקייט האט ער ארויסגענומען מיט דער האנד די שטיק טשוי־טאבעקא און געזאגט צו האק'ן:

קעפטען ! ערלויבט מיר צו זאגען עטליכע ווערטער.

—דו ביזט איצט א ריכטער, דזשים —האט האק געזאגט — און קענסט זאגען וואס דו ווילסט.

—אל ראיט ! — האט דזשים געזאגט הערט'זשע וואס איך וועל אייך זאגען. איך בין אונפארטייאיש. דער בעשולדיגטער איז ניט נעהנטער צו מיך ווי צו יעדען איינעם פון אייך. אבער איך מוז זאגען מיינע קאלעגען, די איבריגע ריכטער, אז איך קאן יא גלויבען, אז זיין צוועק איז געווען ניט מעהר ווי א קוש.

—ווארום קענסטו דאס יא גלויבען ?

—האבען עטליכע געפרעגט צוזאמען.

—ווייל איך האב דאס אליין איבערגעלעבט — האט דער ניגער געענטפערט — איהר זעהט מיין אויסגעשלאגען אויג און מיין צושפאלטענע ליפ ?

—געוויס זעהען מיר זיי, דזשים, געוויס.

—איך האב זיי געקריגען פון א יוויכען מאב אין מיסיסיפי. מען האט מיך געוואלט לינטשען, און זאל מיר גאט אזוי העלפען, איך בין ניט בעגאנגען קיין פערברעכען און האב ניט געוואלט בעגעהן קיין פערברעכען. איך האב נאר געוואלט א קוש טהון א ווייסע פרוי, א קוש טהון און ניט מעהר. זאג איך אייך א ליגען זאל מיך א דונער דערשלאגען דא אויפ'ן ארט. עס פאלט אמאל אן אויף א מאן אזא משוגעת ווען ער דערזעהט א שעהנע פרוי אז ער איז גרייט איינצושטעלען זיין לעבען נאר איהר צו געבען א קוש. און דארום גלויב איך יאגא'ן.

—אפשר איז ער גערעכט — האבען עטליכע פון די "ריכטער" געזאגט זיך איבערקוקענדיג. יאגא ! — האט איינער פון זיי געזאגט צום בעשולדיגטען, וועלכער איז געשטאנען אין מיטען דעם האלבען צירקעל מיט אן אראפגעלאזטען קאפ —שווער ביי אונזער ערלעזער אז דו האסט מעהר ניט בעאבזיכטיגט ווי א קוש, וועלען מיר דיר גלויבען.

—איך שווער ביי אונזער ערלעזער — האט יאגא אויפהויבענדיג צוויי פינגער אין דער הויך.

—איך זעה אז איהר זענט ענטשלאסען איהם צו גלויבען — תאט האק געזאנט— אלל ראיט ! אבער עס בלייבט נאך אלײן זיין פערברעכען פאר איבערטרעטען דעם בעפעהל פון'ם קאפיטאן. וואס פאר א שטראף ווילט איה איהם געבען פאר דעם פערברעכען ?

—צעהן טעג אין קיעל־רוים אויף ברויט און וואסער — האט א מאטראז געזאגט.

—דאס איז א צו לייכטע שטראף — האט א אפיציער, וועלכער האט זיך געוואלט צו חנפ'ענען צו האק'ן. איינגעווענדעט — צעהן טעג אין קיעל־רוים איז א לעכערליכע שטראף פאר איבערטרעטען א בעפעהל פון א קאפיטאן. אויף דער שיף וואו איך בין געווען אייךער איך בין אנגעקומען צו האק'ן איז געווען איינגעפיהרט, אז ווען איינער האט איבערטראטען א בעפעהל פונ'ם קאפיטאן, האט מען איהם אראפגעלאזט אויף א קליין שיפעלע, איהם מיטגעגעבען ברויט אויף אכט טאג, און איהם איבערגעגעבען צו זיין שיקזאל. און איך מאך א פארשלאג אז דאס זעלבע זאל מען טהון מיט יאגא'ן.

—ראס איז זעהר א גערעכטע שטראף — תאבען עטליכע ריכטער געזאגט.

—איך בין צופריערען — האט האק צוגעשטימט. זייט איהר אלע איינשטימיג.

—יא — איז געקומען דער ענטפער פון אלע ריכטער.

און דער אורטהייל איז באלד אויסגעפיהרט געווארען.

אין עטליכע מינוט ארום איז יאגא אראפגעלאזט געווארען אין א קליין רעטונגס שיפעל, וועלכעס איז באלד פערטראגען געווארען פון די כוואליעס גאנץ ווייט פון דער גרויסער שיף. און א פערטעל שטונדע צייט האבען ליליאן, הערמאנאס און דאקטאר מארגאן, וועלכע האבען באגלייט מיט זייערע בליקען דאס מולטערל, וועלכעס האט זיך געוואקעלט ווי א שכור'ער פון איין זייט צו דער אנדערער און געווארען אלע מאל קלענער, געזעהן ווי א גרויסע כוואליע האט עס א שמיים געטאהן און צוגעדעקט. אבער אין נעקסטען מאמענט האט זיך עס בעוויזען, אויפ'ן שפיץ פון א הויכען וואסער־בארג. דאן האט זיך עס אראפגעגליטשט פון'ם בארג און זיי האבען עס שוין מעהר ניט געקענט זעהען.

פון דער מאנשאפט האט נאר דער ניגער מיט'ן אויסגעשלאגענעם אויג נאכגעקוקט עטליכע סעקונדען דעם איינזאמען שיפעלע. די איבריגע זיינען זיך אוועקגעגאנגען צו זייערע פערשיעדענע ארבייטען אזוי ווי עס וואלט גאר ניט געשעהן.

זייט יענעם טאג איז אויף דער שיף גאר ניט פארגעקומען קיין אויסערגעוויינליכעס. אויף האק'ס בעפעהל האבען ליליאן, הערמאנאס און דאקטאר מארגאן ניט געטארט ארויסקומען אויף'ן דעק דעם גאנצען טאג, אום זיי זאלען ניט זעהן אין וועלכער ריכטונג די שיף געהט און ניט קענען געבען קיין סיגנאלען צו אנדערע שיפען. נאר ביינאכט האבען זיי געקענט א האלבע שטונדע אומשפאצירען אויפ'ן דעק.

דאס וועטער איז געווען זעהר גינסטיג און די שיף איז געגאנגען גאנץ שנעל. אבער עס איז אוועק א טאג נאך א טאג און די שיף האט זיך אלץ ניט אבגעשטעלט.

אויפ'ן נייננטען טאג איז ליליאן געווארען זעהר אונרוהיג.

— פיעלייכט איז דאס אין גאנצען א ליגען? — האט זי געזאגט צו איהרע פריינד — ער האט געזאגט אז עס איז אין גאנצען עטליכע טעג רייזע צום אינזעל און מיר פאהרען שוין ניין טעג. פיעלייכט וויל ער מיר גאר ניט אבפיהרען אהיים?

— איך זעה ניט איין צו וואס עס איז איהם נויטיג געווען צו געהן מיט ליגען. מיר זיינען פאלשטענדיג אין זיינע הענד, איבערהויפט ווען מיר זיינען געלעגען אין קיעל־רוים געשמידט אין קייטען האט ער געווים ניט נויטיג געהאט צו געברויכען מיט אונז דיפלאמאטיע.

ווי זיי האבען אזוי גערעדט האט מען אנגעקלאפט אן טיהר פון זייער קאיוטע. און אויף ליליאן'ס "קאם אין!" האט זיך די טיהר געעפענט און האק האט אריינגעשטעקט דעם קאפ.

— קומט ארויס — האט ער געזאגט

— וועט איהר זעהן מיין אינזעלע.

זיי זיינען ארויס אויפ'ן דעק און דערזעהן גאנץ ווייט, אין דער ריכטונג וואוהין די שיף איז געגאנגען, אזוי ווי א וואלד איינגעהילט אין א נעבעל.

— איז דאס דער אינזעל? — האבען זיי געפרעגט.

— יא — האט האק געענטפערט, און ער האט זיי געגעבען א טעלעסקאפ, דורך וועלכען זיי האבען געזעהן גאנץ דייטליך א גרינעם אינזעל, מיט א סך בוימער, ארומגערינגעלט פון רויטען ראנד.

— וואס איז דער ראנד? — האבען זיי געפרעגט.

—דאס זיינען קאראלען־בערג.

באלד האבען זיי שוין געזעהן דעם אינזעל אהן דער הילף פון'ם טעלעסקאפ.

דאס איז געווען א גרינע שטיק ערד, איבער וועלכער עס זיינען געווען צווארפען פערשיעדענע בוימער, די קאראלען־בערג האבען ארומגערינגעלט די ערד ווי פארקען, נאר אין איין ארט איז גע־

ווען אן עפענונג, ברייט גענוג א שיף זאל זיך קענען אריינשטופען.

ליליאן האט זיך געווארפען הערסטנאס'ן אויפ'ן האלז.

— ווער ווייס אויב מיר וועלען זיך נאך אמאל זעהן — האט זי געוויינט.

—עס איז גאט'ס ווילען, טהייערע — האט הערמאנאס זיך בעמיהט זי צו טרייסטען, וועהרענד זיין הארץ איז געווען אנגעפיהלט מיט פערצווייפלונג.

די צויבערליכקייטען פון זיין א ראבינסאן קרוזא, וועלכע האבען איהם מיט עטליכע טעג פריהער געצויגען און גערייצט זיין פאנטאזיע, זיינען איצט אין גאנצען פערשוואונדען געווארען. איצט האט ער נאר געזעהן פאר זיך א שטיק ערד אין מיטען ים, א אפגעזונדערטען פערלוירענעם, האלב וויסטען אינזעל, אויף וועלכען ער וועט זיין א געפאנגענער אזוי לאנג ווי עדווארד האק וועט וועלען. און ווער ווייס ? פיעלייכט וועט ער שוין קיינמאל ניט צוריקקומען אין דער ציוויליזירטער וועלט ?... און דא שטעהט פאר איהם ליליאן, די געליעבטע פון זיין הארצען, די טרייע, איבערגעבענע הייס־ליעבענדע זעעלע, וועלכע האט איבערגעקרייצט א ברייטען שטורמדיגען ים איינע אליין אום צו זיין לעבען איהם, לעבען זיין קראנקען־בעט. און וואס איז איהר לוין ? זי איז א געפאנגענע אויף א שיף פון ים רויבער און זיי האבען נאר עדווארד האקים ווארט אז ער וועט זי אפפיהרען צו איהר פאטער. ווער ווייסט צו וועט ער האלטען זיין ווארט ? ווער ווייס צו יועט ער ניט ענדערן זיין בעשלוס ?...

די אלע טרויעריגע געדאנקען זיינען דורכגעפלויגען אין הערמאנאס'עס מח אין דער מינוט וואס ליליאן האט זיך איהם געווארפען אויפ'ן האלז, און זיין הארץ איז אין איהם צוריסען געווארען אויף שטיקער.

ער האט זיך געשעהמט צו וויינען. ער האט זיך בעמיהט אויסצוזעהן בראוו און פולל מיט האפנונג, אבער ער האט ניט געקענט איבערוועלטיגען די טרעהרען וועלכע האבען איהם געווארגען און ער האט זיך צו וויינט ווי א קליין קינד.

—זענט איהר א מאן, הערמאנאס ?— האט דאקטאר מארגאן געזאגט צו איהם —זעהט ! דאס אינזעלע איז דאך א וואהרער גן עדן.

—אה, עס ארט מיך ניט פאר מיר— האט הערמאנאס געזאגט דורך שלוכצען —איך וואלט מיט פערגעניגען געוועזען צעהן יאהר אויף דעם אינזעל און געליטען די אונערטרעגליכסטע מאטערנישען, ווען איך זאל נאר זיין זיכער אז ליליאן וועט אפגעפיהרט ווערען אין זיכערהייט צו איהר פאטער.

די שיף איז אין דער צייט אריין אין דער עפענונג פון די קאראללען־בערג, וועלכע האבען ארומגערינגעלט דאס אינזעל, און עס האט זיך געהערט עדווארד האק'ס בעפעהל מען זאל אוועקלעגען דעם "גאנג".

אין נעכסטען מאמענט איז האק געווען לעבען אונזערע דריי פריינד.

—האט איהר זיך שוין געזעגענט — האט ער געזאגט צו זיי.

הערמאנאס איז אוועקגעגאנגען פון ליליאן און אפגעקעהרט דאס געזיכט, שעהמענדיג זיך אויסצוזעהן ווי א בייבי אין די אויגען פון'ם ים־רויבער.

אבער האק האט עס בעמערקט און זיך צולאכט.

—איהר וויינט ? כא־כא־כא ! און איהר זענט געווען א אינסורעקטא, און נאך מאדערא'ס א ליוטענאנט ?

—ער איז נאך זעהר שוואך — האט דאקטאר מארגאן איהם פארענטפערט— און ער איז בעזארגט וועגען זיין געליעבטע.

— וועגען איהר מעג ער זיין פאלשטענדיג רוהיג — האט האק געזאגט אין א ערנסטען טאן — עדווארד האק האלט זיין ווארט. זי ווערט אבגעפיהרט צו איהר פאטער און איך וועל זי אבהיטען ווי דאס אויג אין קאפ. און איצט, מיינע פריינד, געהט אראב פון דער שיף. קומט ! איך געה אויך מיט אייך. דזשים ! — האט ער צוגערופען דעם ניגער מיט'ן אויסגעשלאגענעם אויג, וועלכער איז געשטאנען ניט ווייט פון זיי — נעהם דאס פעקיל וואס איך האב דיר געגעבען און פאלג אונז נאך.

נאכאמאל האט הערמאנאס זיך צוקושט מיט ליליאן, דאס מאל שוין אהן טרערן און אהן ווערטער, און איז מיט אן אראבגעלאזטען קאפ אריבערגעגאנגען דעם "גאנג," וועלכער האט איהם אבגעשניטען פון זיין געליעבטער און פון דער ציוויליזירטער וועלט. דאקטאר מארגאן האט געזאגט ליליאן'ען עטליכע טרייסטענדע ווערטער און איהר געגעבען זיין האנד, וועלכע זי האט מעכאניש געדריקט. זי האט ניט געהערט וואס ער האט איהר געזאגט. איהרע געדאנקען און איהר הארץ זיינען געווען ביי הערמאנאס'ן.

— קומט! — האט דאקטאר מארגאן געזאגט צו האק'ן — און ער איז אריבערגעגאנגען דעם "גאנג," געפאלגט פון האק'ן און פון דעם ניגער, וועלכער האט געטראגען א לעדערנעם זאק, אין וועלכען עס זיינען געווען רעוואלווערס, נעצען, מעסערס, דעקען, קאלדרעס, מעטשעס און פערשיעדענע אנדערע זאכען, וועלכע האק האט געוואוסט אז זיינע געפאנגענע וועלען דארפען.

ליליאן האט שוין איצט ניט געוויינט. זי איז געשטאנען א צוטומעלטע, אזוי ווי אויף א פרעמדע וועלט. איהרע גרויסע בלויע אויגען ברייט־אפען, און געקוקט מיט א צוגעשמידטען בליק צו הערמאנאס'ן, וועלכער איז געשטאנען אויפ'ן אינזעל, עטליכע שפאן פון'ם "גאנג," דעם קאפ געזונקען אויף דער ברוסט. זי האט ניט קיין פינטעל געטהאן מיט'ן אויג און ניט בעוועגט מיט קיין גליעד, זי האט אויסגעזעהן ווי א פערגליווערטע, ווי א לעבעדיגע סטאטוע.

— שרייבט מיר אן עטליכע ווערטער — האט האק געזאגט צו דאקטאר מארגאן.

— וואס זאל איך אנשרייבען?

— שרייבט אן אז איהר און הערמאנאס געפינט אייך אויף אן אבגעזונדערטען פערלארענעם אינזעל אלס מיינע געפאנגענע. איהר האט ניט קיין מעגליכקייט צו אנטלויפען און איהר האט ניט קיין האפנונג אז א שיף זאל אנקומען און אייך רעטען.

דאקטאר מארגאן האט אנגעשריבען וואס האק האט פערלאנגט.

— שרייבט אונטער אייער נאמען און זאל אייער פריינד אויך אונטערשרייבען.

ווען דאס צעטעלע איז שוין געווען אונטערגעשריבען און ביי האק'ן אין קעשענע האט ער געזאגט צו דאקטאר מארגאן:

— זעהט! איך האב אייך בעזארגט מיט אלעס וואס איהר וועט האבען נויטיג. איהר האט געוועהר, נעצען, מעטשעס, געצייג. עס וועט אייך דא קיין זאך ניט פעהלען. אויב אייערע פריינד און פערוואנדטע וועלען נאר זיין מיט מיר אויפריכטיג וועט איהר אין עטליכע מאנאט ארום זיין צוריק אין דער ציוויליזירטער וועלט. וועלען זיי מיר וועלען אונטערשטעלען א פיסעל וועט איהר דא בלייבען אזוי לאנג ווי איהר וועט לעבען, און דאס וועט ניט זיין מיין שולד. זייט געזונד!

און מיט די ווערטער איז ער ארויף צוריק אויף דער שיף, געפאלגט פון'ם ניגער, און געגעבען דעם בעפעהל אוועקצונעהמען דעם "גאנג," און אבצוריהרען.

ווען די שיף האט אנגעהויבען אבגעהן פון'ם האפען האט הערמאנאס אויפגעהויבען דעם קאפ און א קוק געטהאן צו ליליאן, וועלכע איז נאך אלץ געשטאנען ווי א פערגליווערטע, קוקענדיג מיט איהרע גרויסע, ברייט־געעפענטע אויגען צו איהם.

— ליליאן! — האט זיך ארויסגעריסען פון זיין ברוסט א פערצווייפלונגסגעשריי.

זי האט א ציטער געטהאן.

דער געשריי האט זי ווי פון שלאף אויפגעוועקט.

—הערמאנאס! מיין הערמאנאס! — האט זי אויסגערופען אויסשטרעקענדיג צו איהם די הענד און צולויפענדיג צו דער פארענטשע פונ'ם שיף — הערמאנאס! געליעבטער פון מיין הארצען! נאר מיין קערפער ווע"ט פון דיר אוועקגעפיהרט, מיין זעעלע בלייבט מיט דיר און וועט אייביג, אייביג זיין מיט דיר.

—ליליאן! הייליגע, טרייע ליליאן!

—האט הערמאנאס איהר צוגערופען —

עס איז אונמעגליך מיר זאָלען זיין לאַנג געשיידען. די געהיימניספאָלע קרעפטע, וועלכע האָבען פעראייניגט אונזערע הערצער, וועלען וואַכען איבער דיר און איבער מיר און אונז אין גיכען ווידער צוזאַמענצוברייננגען.

די לעצטע ווערטער זיינען שוין ניט צוגעקומען צו איהרע אויערען, ווארום די שיף איז שוין געווען א היבשע שטרעקע דערוויטערט פון'ם אינזעל.

אַזוי לאַנג ווי זי האָט איהם געקענט זעהען איז זי געשטאַנען ביים באָרט פון'ם שיף, מיט איהרע אָרמס אויסגעשטרעקט צו איהם, אין דעם מאָמענט וואָס ער איז פערשוואונדען פון איהר בליק האָבען זיך איהרע אויגען צוגעמאַכט און איהר קערפער האט זיך אויסגעבויגען ריקווערטס. אַבער זי איז ניט אומגעפאַלען. האַק איז געשטאַנען לעבען איהר, און ער האָט זי געכאַפּט אין זיינע אָרעמס און זי אריינגעטראַגען אין איהר קאיוטע.

קאַפּיטעל 20.

די שלאַכט ביי מערידאַ.

קאַזאַ, טאַרעלאַ'ס ברודער, וועלכער האט אָפּגעפיהרט ראזעטאַ'ן אין מאַדעראַ'ס לאַגער, האָט איהר ניט דערצעהלט קיין פּוסטע זאַכען, ווען ער האָט איהר געזאָגט אַז די פּאַרמערס פון'ם גאַנצען געגענד זיינען ענטשלאָסען אום יעדען פּרייז צו בעפרייען איהר פאָטער פון דעם פּריזאָן, אין וועלכען דער טיראַן עספּאַראַנזאַ האָט איהם אריינגעוואָרפען.

דעם דריטען טאָג נאָך סענאָר ליאָבאַ'ס ארעסט האָבען די פאַרמערס אָפּגעהאַלטען א פערזאַמלונג אויפ'ן פּרייען פעלד, צוויי מייל פון מערידאַ אויפ'ן וועג קיין הערמאָסילאַ, און האָבען בעשלאָסען צו שיקען א דעלעגאַציע צו גענעראַל עספּאַראַנזאַ און איהם אויפפאָדערען אין נאָמען פון אַלע ארומיגע פאַרמערס צו בעפרייען זייער פריינד און וואָהלטהעטער.

זיי האָבען אויסגעקליבען אלס דעלעגאַטען פינף און צוואַנציג יונגע לייט, הויכע און שטאַרק־געבויטע אינגלעך, אום צו געבען דעם טיראַן א שטומען אָנצוהערענים אַז סענאָר ליאָבאַ'ס פריינד זיינען מענשען, וועלכע קענען ניט נאָר בעטען נאָר אויך קעמפּפען ווען עס וועט נויטיג זיין.

אַבער עספּעראַנזאַ האָט די דעלעגאַציע באַליידיגט און זיי אַנגערופען פעררעטהער דערפאַר וואָס זיי נעהמען זיך אָן די קריוודע פון א מאַן, וועלכער האָט געשטיצט די פיינד פון'ם פאָטערלאַנד.

ווען די יונגעלייט זיינען צוריקגעקומען און אָבגעגעבען זייער בעריכט איז אין יעדען צוהערער דאָס בלוט אויפגעקאָכט געוואָרען און אַלע האָבען מיט איין קול אויסגערופען.

—צו וואַפען!

ווי א ווילד פייער האָט זיך דער געשריי פאַרשפּרייט צווישען אַלע פאַרמערס פון דעם געגענד, און צוועלף אוהר ביי נאַכט איז געווען אָרגאַניזירט א נייער רעגימענט אינסורעקטאָס, בעשטעהענד פון דריי הונדערט קרעפטיגע און קאַמפּף־לוסטיגע יונגע מענער און דרייסיג פרויען און מיידלעך.

—אַלס קאָמאַנדיר פון דעם רעגימענט איז ערוועהלט געוואָרען א בראַיוער, שטאַרקער יונגערמאַן פון א יאָהר דרייסיג און צוואַנציג מיט'ן נאָמען פראַנציסקאָ ריימאָ.

זיי זיינען געווען זעהר שלעכט בעוואָפענט. פיעלע האָבען ניט געהאַט קיין ביקסען, נאָר רעוואָלווערס, און אויך די לעצטע זיינען ניט ביי אַלע געווען נאָר פון די בעסטע. אויך האָבען די מייסטע פון זיי ניט געהאַט קיין גוטע פערד. די גרעסטע טהייל פון די פערד זיינען געווען קליין און דאַר און זיינען געווען מעהר עהנליך צו עזלען ווי צו פערד, אַבער די בעגייסטערונג וואָס האָט געהערשט אין דעם רעגימענט איז געווען גענוג צו פאַרדעקען אַלעס וואָס עס האָט געפעהלט.

דאָס איז געווען א מערקווירדיגע גראַציעזע סצענע; די ביהנע פון וועלכע איז געווען דער ברייטער וועג צווישען מערידאַ און הערמאָסילאַ, און די ביהנען־לאַמפּען די לבנה מיט די שטערען.

די עלטערע פּאַרמערס, וועלכע האָבן די גאַנצע צייט זייט די רעוואָלוציאָן האָט אויסגעבראָכן מיט אַלע כּוחות איינגעהאַלטן זייערע קינדער פון אַריינצוטרעטן אין דער אַרמיי פון די רעוואָלוציאָנערן, ווייל זיי האָבן זיי געמוזט האָבן אין דער היים, פאַר דער אַרבייט אין די פעלדער, האָבן איצט אַליין אוועקגעפירט די קינדער צום פּלאַץ וואו דער רעגימענט האָט געדאַרפט אָרגאַניזירט ווערן, מיטגעבענדיג זיי די בעסטע פערד וואָס זיי האָבן געהאַט.

עלף אוהר אין דער נאַכט זיינען שוין אַלע געווען אויפ'ן בעשטימטען פּלאַץ. אַן אַלטער פּאַרמער, מיט אַ גרייז־גרויער באָרד, האָט אויפגעהויבען אין דער הויך די רויטע פאָהן, און דער "הורראַ!" וואָס האָט אויסגעבראָכען האָט זיך געקענט הערען אויף מיילען אַרום. אין אַ גאַנץ קורצער רעדע האָט דער פּאַרמער ערקלעהרט צוליעב וועלכען צוועק דער רעגימענט איז אָרגאַניזירט געוואָרען און אין וואַרעמע ווערטער בעגייסטערט די נייע אינסורעקטאָס צום קאַמפּף. דאַן האָט ער איבערגעגעבען די רויטע פאָהן דעם קאָמאַנדיר פראַנציסקאָ ריימאַ.

ווערהענד דער גרייז־גרויער אַלטער האָט גערעדט זיינען די אינסורעקטאָס און זייערע בעגלייטער געשטאַנען צוזאַמען. ווען ריימאַ האָט איבערגענומען די פאָהן האָט ער געהייסען יעדען אינסורעקטאָ בעשטייגען זיין פערד. דאַן האָט ער געבעטען דעם עולם אָפּצוגעהן אין אַ זייט און ער האָט אויסגעשטעלט די רייטער אין רייהען, צו פיער אין אַ רייהע. ער אַליין איז דער לעצטער אַרויף אויף זיין פערד.

— איך ווייס איך וואָלט געדאַרפט האַלטען אַ רעדע — האָט ער געזאָגט, אַביסעל צוטומעלט זיך אומדרעהענדיג מיט'ן געזיכט צום עולם — אָבער איך בין ניט קיין רעדנער און עס איז אַ שאָד די צייט. און אויפהויבענדיג די פאָהן אין דער הויך האָט ער אויסגערופען די ווערטער "צום קאַמפּף פאַר פרייהייט און באָדען!" און געגעבען זיין פערד די שפּאָרען, און דער רעגימענט האָט אוועקגעלאָפּירט צו מאַדעראַ'ן אין לאַגער, בעגלייט פון די אָפּלאָדיסמענטען און די בראַוואָס און גליקווינשונגען פון דער גרויסער מאַסע עלטערע מענער און פרויען, וועלכע זיינען געקומען צום פּלאַץ, פון וואַנען דער רעגימענט האָט אַרויסגעריהרט, זיך צו געזעגנען מיט זייערע זיהן און טעכטער און קרובים.

ווען דער רעגימענט איז צוגעקומען צום לאַגער און פראַנציסקאָ ריימאַ, דער קאָמאַנדיר, האָט מיטגעטהיילט דער וואַך וואָס פאַר אַ רעגימענט דאָס איז און ווי ער איז אַרויסגערופען געוואָרען צום לעבען, האָט מען איהם אוועקגעפיהרט אין דער פּאַלאַטקע פון מאַדעראָ'ס איינגסטער ברודער, ראַאול.

ראַאול איז אַ בחור פון אַ יאָהר צוויי און צוואַנציג, הויך, שעהן און זאַרגלאָז. די שווערע פראַגען פון דער ציוויליזאַציע קריעג אינטערעסירען איהם גאַנץ ווייניג. ער איז אין דער רעוואָלוציאָן ווייל ער האָט ליעב דעם קאַמפּף און עס אַמוזירט איהם.

ראַאול האָט ריימאַ'ן זעהר פריינדליך אויפגענומען און געגעבען אַן אָרדער מען זאָל דעם רעגימענט דורכלאָזען דורך דער וואַך און ריימאַ'ן האָט ער געזאָגט ער זאָל הייסען זיינע לייט דערווייל זיך לעגען שלאָפען, אין דער פריה, וועט זיין ברודער, פראַנציסקאָ מאַדעראָ, זיי זעהען און זיי איינשווערען.

גאַנץ פריה האָט זיך איבער'ן לאַגער צוטראָגען די נייעס וועגען דעם נייעם רעגימענט און פראַנציסקאָ מאַדעראָ איז געוואָרען זעהר פּעראינטערעסירט אין דער געשיכטע.

עס פערשטעהט זיך אַז ראָזעטאַ איז געווען די ערשטע וועלכע איז געקומען צו די נייע אינסורעקטאָס. זיי האָבן איהר געמאַכט אַ אָוואַציע ווי זי וואָלט געווען אַ גענעראַל וועלכער קומט זיעגרייך פון'ם שלאַכטפעלד, וואָרום אַלע האָבן זי געקענט און ליעב געהאַט. און זי האָט זיי אין אַ קורצע וואַרימע רעדע געדאַנקט פאַר זייער פרייהייט

און איבערגעבענהייט צו איהר אונגליקליכען פאטער.

מאדערא איז צוגעקומען, און מיט איהם זיינען געווען סענארא מאדערא און ראאול.

מאדערא האט שוין אלעם געוואוסט. דאך האט ער געבעטען דעם יונגען קאמאנדיר ער זאל איהם דערצעהלען אלע איינצעלהייטען פון דער דעלעגאציע צו עספעראנזא'ן און ווי דער רעגימענט איז ארגאניזירט געווארען.

ווען ער האט אלעם אויסגעהערט האט ער געפרעגט ריימא'ן אויב זיינע לייט ווילען זיך נאר בעטהייליגען אין דער שלאכט מיט עספעראנזא'ן, אודער זיי ווילען בלייבען א טהייל פון דער רעוואלוציאנערע ארמיי.

—איהר קענט טהון ווי איהר ווילט — האט ער זיך אדרעסירט צום גאנצען רעגימענט — אויב איהר ווילט זיך נאר בעטהייליגען אין דער שלאכט מיט עספעראנזא'ן וועט איהר ניט דארפען לאנג ווארטען, און איהר קענט באלד נאך דער שלאכט געהן אהיים און זיך נעהמען צוריק צו אייער ארבייט, ווארום איך וויים אז אייערע עלטערען דארפען אייך זעהר נויטהיג.

—מיר ווילען בלייבען אין דער ארמיי! — האבען אלע געשריען מיר ווילען קעמפפען פאר פרייהייט און באדען ביז מיר ועלען ארויסרייסען דאס לאנד פון די הענד פון די טיראנען.

דאן האט מאדערא זיי ערקלעהרט די פעראנטווארטליכקייט און די פפליכטען וואס זיי נעהמען אויף זיך און האט זיי איינגעשוואורען.

—עקסעלענץ! — האט ראזעטא זיך געווענדעט צו מאדערא'ן גלייך נאך דער איינשווערונג-צערעמאניע — קען איך אייך בעטען איהר זאלט מיך טראנספערירען אין דעם רעגימענט פון מיין פאטער'ס בראווע און איבערגעבענע פריינד?

—איהר זיינט שוין טראנספערירט— איז געווען דער ענטפער.

און בעגייסטערטע אויסגעשריייען "עס לעבע ראזעטא ליאבא!" האבען זיך ארויסגעריסען פון די חעלזער פון אלע אינסורעקטארס פון'ם נייעם רעגימענט.

פראנציסקא ריימא האט איהר גלייך געוואלט איבערגעבען די קאמאנדא איבער דעם רעגימענט, אבער זי האט זיך ענטשיעדען ענטזאגט, ערקלעהרענדיג אז זי פיהלט זיך ניט פעהיג גענוג פאר דעם פעראנטווארטליכען אמט און אז זי וויל אויף קיין פאל ניט שטעהן איבער די איידעלע מענשען, וועלכע האבען ארויסגעוויזען אזוי פיעל טרייהייט און ליעבע צו איהר פאטער.

אין צוויי טעג ארום האט געדארפט פארקומען די גרויסע שלאכט צווישען דער רעוואלוציאנערער ארמיי און גענעראל עספעראנזא'ס דיוויזיע.

עספעראנזא האט ניט געוואגט צו אטאקירען מאדערא'ס לאגער, אביוואהל זיי ארמיי איז, ווי ער האט גערעכענט, געווען פיעל גרעסער ווי מאדערא'ס. ערשטענס ווייל די קייט פון בערג, הינטער וועלכע די רעוואלוציאנערען זיינען געווען געשיצט, איז געווען א צו שטארקע פעסטונג און האט זיי נעגעבען צו גוטע פאזיציעס. צווייטענס האט עספעראנזא שוין געהאט שלאכטען מיט די גענעראלען אראזקא און קאבראל און האט געוואוסט מיט וואסער א מוטה און בעגייסטערונג די אינסורעקטאס קעמפפען, און אז מאדערא'ס אינסורעקטאס זיינען ניט ווייניגער בראוו און בעגייסטערט ווי אראזקא'ס און קאבראל'ס האט עספעראנזא שוין געוואוסט פון דעם צוזאמענשטויס וואס ער האט געהאט מיט זיי ביי זיין אריינטרעטען אין מערידא. ער האט אלץ געווארט אז מאדערא זאל איהם אטאקירען, און אויפ'ן פרייען פעלד, און אין גלייכע פאזיציעס, איז ער געווען זיכער אז ער איז שטארקער פון מאדערא'ן.

אויך האט ער ערווארטעט פערשטארקונג פון גאיאמאס, א שטעדטיל אין דעם זעלבען שטאאט וואו מערידא געפינט זיך.

גאיאמאס איז מיט עטליכע טעג

צוריק גענומען געווארען פון די רעוואלוציאנערען און קאלאנעל דיאז, דער קאמאנדיר פון׳ם גארניזאן, איז אוועק פון דארט מיט פינף הונדערט סאלדאטען און מיט עטליכע קאנאנען. עספעראנזא האט איהם טעלעגראפירט ער זאל קומען קיין מערידא און ער האט ערווארטעט אז ער וועט באלד אנקומען.

אבער קאלאנעל דיאז האט געפונען זיין וועג קיין מערידא פארשפּראט. גענעראל לאמעלי, דער פּראוויזיאנעלער גאווערנאר פון דעם שטאאט סאנארא, וועלכער איז געשטאנען מיט א גרויסע רעוואלוציאנערע ארמיי אין נאקא, דרייסיג מייל פון גואיאמאס, האט ארויסגעשיקט אן אבטהיילונג אינסורעקטאס צו געהן אקעגען דיאז׳ן און איהם צווינגען צו געהן צוריק, און דיאז איז אנטלאפען אויפ׳ן וועג נאך מעקסיקא סיטי.

וועהרענד עספּאראנזא האט זיין ערווארטעטע פערשטארקונג ניט געקריגען האט מאדערא יא געקראגען פערשטארקונג.

אויסער דעם נייעם רעגימענט פון די פארמערס ארום מערידא האט איהם גענעראל לאמעלי צוגעשיקט א ארמיי פון פינף הונדערט מאן. זיין ארמיי איז איצט געווען גרעסער ווי עספּאראנזא׳ס, און מאדערא האט בעשלאסען צו מאכען די אטאקע.

די גרויסע שלאכט האט זיך אנגעפאנגען דעם זעכסטען טאג נאך עספּאראנזא׳ס אריינרייסען זיך אין מערידא.

פיער אוהר אין דער פריה האבען עספּאראנזא׳ס וואכליט אויף די בערג געגעבען אלארם־סיגנאלען און עספּאראנזא׳ס גוט־דיסציפּלינירטע ארמיי איז גלייך געווען אויף די פיס.

די סאלדאטען זיינען געשלאפען אין די קליידער און לעבען יעדען איז געלעגען זיין ביקס, און איידער די רעוואלוציאנערע ארמיי האט פערנומען איהר פאזיציע איז עספּאראנזא שוין געווען פערטיג פאר איהר.

דער טיראן האט דערזעהן פאר זיך א פיעל גרעסערע ארמיי ווי ער האט ערווארטעט און ער האט אנגעהויבען פיהלען אז זיין מוטה פערלאזט איהם. קאלאנעל מאיא פון זיין שטאב, דערזעלבער, וועלכער האט ארעטירט סעניאר ליאבא, האט געלעזען פון זיין קאמאנדיר׳ס געזיכט וואס ער האט זיך בעמיהט פון איטליכען צו בעהאלטען, און ער האט איהם אין דער שטיל געפרעגט צו וואלט פיעלייכט ניט געווען ראטהזאם צו אנטלויפען.

—פייגלינג! — האט עספּאראנזא געקריצט אויף איהם מיט די צייהן און איהם א שטויס געטהאן פון זיך.

די שלאכט האט אויסגעבראכען.

א שיסעריי, א קנאקעריי, א געשריי און א ברומען. דער לויטערער הימעל איז געווארען באדעקט מיט געדיכטע וואלקענעס שטיקענדען רויך. דער גאנצער ליידיגער רוים צווישען ביידע ארמייען איז געווארען אנגעפילט מיט שטיקענדען רויך. די ערד האט געציטערט. די שטיבלעך פון מערידא האבען זיך געטרייסעלט און אין פיעלע זיינען די פענסטער צופּלאצט געווארען.

א סך איינוואהנער פון׳ם שטעדטיל זיינען זיך צולאפען אויפ׳ן וועג קיין הערמאסילא, אבער אנדערע האבען ארויפגעקלעטערט אויף די דעכער און צוגעקוקט די שלאכט.

אבער זיי האבען ניט פיעל געקענט זעהען, אלעס איז געווען איינגעוויקעלט אין רויך.

און דאס שיסעריי און קנאקעריי איז געווארען אלע מאל שטארקער און העכער, אזוי ווי טויזענד דונערען צוזאמען וואלטען אונאויפהערליך געריסען די לופט, און דאס געשריי און דאס ברומען איז געווארען אלע מאל פארטויבענדער.

א סך זיינען געפאלען פון ביידע זייטען, און די מענשען וואס האבען פון וויטען געקוקט אויף דער שלאכט האבען ניט געקענט וויסען, וועלכע זייט עס האט מעהר געפאלענע.

אזוי האט עס געקנאקט און געדונערט, געליארמט און געברומט אונגעפעהר צוויי שטונדען.

דאן האבען די מענשען אויף די רעדער דערזעהן ווי עפעס הויבט זיך אן אפטהיילען פון דער ארמיי פון די רעוואלוציאנערען און זיך בשוועגען אין דער ריכטונג פון עספאראנזא'ס ארמיי. זיי האבען נאר געזעהן א צוזאמענגעמישטע מאססע, א מענשען־קנויל, איינגעהילט אין רויך, אבער באלד האט דער מענשען־קנויל אנגענומען א דייטליכע פארם. דאס זיינען געווען עטליכע הונדערט רייטער אויף ברענענדיגע פערד, וועלכע זיינען געווען צוזאמענגעפרעסט אין דער פארם פון א קלין. דער מאדערא, זיי זעהען און זיי איינשוועטען.

דיעזער מערקווירדיגער קלין פון פערד און רייטער איז געפלויגען ווי א בליץ צו עספאראנזא'ס ארמיי, און אין עטליכע זעקונדען צייט האט ער זיך אריינגעריקט אין לינקען פליגעל אריין און איהם צושפאלטען אויף צווייען.

שווערדען און שטיקעס האבען אנגעהויבען בליצען, און אין א פערלויף פון פינף מינוט איז די אפגעשלאגענע העלפט פון עספאראנזא'ס לינקען פליגעל אנטלאפען אין א ווילדע אונארדנונג פון'ם שלאכט־פעלד, און עטליכע צעהנדליג רעוואלוציאנערען האבען זיי נאכגעיאגט און געשיקט נאך זיי א טויטליכעס פייער. די איבריגע רעוואלוציאנערען האבען מיט זייערע שווערדען און שטיקעס געמאכט פערוויסטונגען אין דער אנדערער העלפט פון'ם פליעגעל.

אין דערזעלבער צייט האט זיך אן אנדער מענשען־קלין א לאז געטאהן פון דער רעוואלוציאנערער ארמיי צום רעכטען פליעגעל פון'ם אנדער זייט, און אויך דער פליעגעל איז באלד געווען צושפאלטען אויף צווייען.

דא האט דער שונא ארויסגעוויזען א מוטהיגערען ווידערשטאנד, און אין די ערשטע עטליכע מינוט האט עס אויסגעזעהן אז די בראווע אינסורעקטארס, וועלכע זיינען איינפאך געלאפען אין פייער אריין, וועלען לעבעדיג ניט ארויסקומען. אבער דאס זיינען געווען אויסגעאריבטע איינגלאך, וועלכע האבען זיך שוין בעטהייליגט אין עטליכע שלאכטען, און זיינען געווען וואונדערבארע ספעציאליסטען מיט'ן שווערד און דעם מעסער, און נאך א פעכטעריי פון א צעהן מינוט איז אויך די אפגעשלאגענע העלפט פון דיעזען פליעגעל געצוואונגען צו אנטלויפען.

דאס האט געהאט א דעמאראליזירענדע ווירקונג אויפ'ן צענטער.

די סאלדאטען, זעהענדיג אז זייער ארמיי איז צוריסען און פון ביידע זייטען אנטלויפט מען, זיינען צוטומעלט געווארען און האבען ניט געפאלגט די בעפעהלע פון זייערע קאמאנדירען. דאס פייער פון עספאראנזא'ס צענטער איז שטארק אבגעשוואכט געווארען און מאדערא האט אויסגענוצט דעם גינסטיגען מאמענט און האט זיך א ווארף געטאהן מיט זיין גאנצער ארמיי אויפ'ן שונא.

מיט פארוועהרענדע געשרייען "פאר פרייהייט און באדען!" האבען די רעוואלוציאנערען, אין געדיכטע רייהען, מיט די בלויזע שווערדען אין דער הויך, זיך א לאז געטאהן אויף עספאראנזא'ס צוטומעלטע און צושפאלטענע רייהען און געשניטען רעכטס און לינקס, ניט באגעגנענדיג כמעט קיין ווידערשטאנד.

דעם שונא'ס ארמיי איז איצט געווען פאלשטענדיג דעמאראליזירט. וויפיעל סאלדאטען עס האבען נאר געקענט אנטלויפען זיינען אנטלאפען. קיין בעפעהל פון קיין קאמאנדיר איז ניט געפאלגט געווארען, און די קאמאנדירען אליין האבען פערלוירען די קעפ און ניט געוואוסט וואס צו בעפעהלען און וואס אליין צו טהון.

אבער עס זיינען געווען א סך סאלדאטען אין עספאראנזא'ס ארמיי, וועלכע זיינען געווען מוטהיגער און לאיאלער ווי זייערע קאמאנדירען, און זיי האבען זיך געשלאגען מיט א מערקווירדיגער איינגעשפארטקייט און האבען אוועקגעלייגט א גרויסע צאהל רעוואלוציאנערען. אבער פון זיי זיינען געפאלען פיעל מעהר, ווארום זייערע רייהען זיינען שוין געווען גאנץ שיטער און אין צאהל זיינען זיי געווען ווייניגער ווי א העלפט ווי די רעוואלוציאנערען. עספאראנזא האט גע־

זעהן אז אומזיסט פערגיסען זיינע טרייע סאלדאטען זייער בלוט, און האט געגעבען א קאמאנדא אפצוטרעטען.

דיעזער בעפעהל איז פון אלע פערבליבענע סאלדאטען גלייך נעפאלגט געווארען.

עספאראנזאס ארמיי, א צעהנטעל פון דער צאהל מיט וועלכער ער איז אריינגעקומען קיין מערידא, איז אנטלאפען אין עטוואס עהנליכעס צו אן ארדנונג, איבערלאזענדיג אויפ'ן שלאכטפעלד בערג מיט הרוגים און עטליכע אפיצירען און קאלאנעלען געפאנגענע אין די הענט פון די רעוואלוציאנערען. צווישען די לעצטע איז אויך געווען קאלאנעל מאיא, וועלכער האט ארעסטירט סענאר בעניטא ליאבא.

דער רעגימענט פון די פארמערס פון ארום מערידא, אין וועלכען עס איז אויך געווען ראזעטא, האט זיך זעהר פיין אויסגעצייכענט אין דער שלאכט. און אזוי ווי זיי זיינען געהאלטען געווארען אין רעזערוו די ערשטע פאאר שטונדען פון דער שלאכט און זיינען צוגעלאזען געווארען צום קאמפף ערשט פון דעם שונא'ס פייער איז שוין בעדייטענד אפגעשוואכט געווארען, איז פון זיי קיין איינציגער ניט געפאלען, נאר פראנציסקא ריימא, דער קאמאנדיר האט געקראגען א קויל אין לינקען אקסעל און נאך צוויי יונגע לייט האבען געקראגען גאנץ לייכטע וואונדען.

קאפיטעל 21.

סטנאר ליאבא צוריק איז דער חיים.

אזוי שנעל ווי עספאראנזא'ס ארמיי איז אנטלאפען פון'ם שלאכטפעלד און סטענלי וויליאמס, דער קאמאנדיר פון דער רעוואלוציאנערער ארמיי האט געגעבען א בעפעהל מען זאל באגראבען די טויטע און אוועקפיהרען אין האספיטאל די פערוואונדעטע פון ביידע ארמייען, האט ראזעטא מיט עטליכע אינסורעקטאס פון איהר רעגימענט אפגעזוכט דעם געפאנגענעם מעיאר מאיא און איהם געהייסען זיי פיהרען צו דער חייל וועלכע עספאראנזא האט געמאכט פאר זיין פריזאן.

—איהר ווילט אייער בעליעבטען בלינדען מילליאנער? — האט מאיא געזאגט זיי פיהרענדיג צו דער תיהל.

—ער איז מיין פאטער — האט ראזעטא געזאגט — איך בעט אייך, זאגט מיר, לעבט ער נאך?

—איך בין ערשט נעכטען ביי נאכט געוועזן ביי איהם — האט מאיא געענטפערט — ער איז זעהר שוואך און האלט אין איין מורמלען פאר זיך: "מיין טאכטער... מיין טאכטער"... און איינקוקענדיג זיך אין ראזעטא'ן האט ער צוגעזעצט:

—איהר זענט סענאר באניטא ליאבא'ס טאכטער? דיזעלבע — —

ער האט ניט געענדיגט די פראזע. ער האט געוואלט זאגען: "די זעלבע וועלכע איך האב געזעהן אין פאלאץ ווען איך האב ארעסטירט דעם אלטען". אבער ער האט זיך בארעכענט אז אין דער לאגע, אין וועלכע ער געפינט זיך איצט, איז גלייכער פאר איהם ניט צו דערמאהנען זיין ארבייט פון יענעם פריהמארגען.

אבער ראזעטא האט געוואוסט וואס ער האט געוואלט זאגען און זי האט געענדיגט פאר איהם וואס ער האט ניט דערזאגט:

—יא מאיאר — האט זי געזאגט מיט גיפט — דיזעלבע, וועלכע איהר האט געזעהן ווען איהר האט ארומגערינגעלט דאס הויז מיט סאלדאטען און אוועקגעפיהרט דעם קראנקען בלינדען מאן אין עספעראנזאס לאגער. איהר זעהט ווי צייטען בייטען זיך?

—איך האב געמוזט ערפילען דעם בעפעהל פון מיין קאמאנדיר — האט מאיא געזאגט מיט אן אראבגעלאזענעם קאפ.

—דער טיראן האט געוויס געמאטערט מיין אונגליקליכען פאטער?

—ניין, סענארא — האט מאיא געענטפערט — ווי אייער פאטער איז אב־

געפיהרט געווארען אין פריזאן האט עספעראנזא טעלעגראפירט צו פרעזי־דענט דיאז, אנפרעגענדיג וואס ער זאל מיט איהם טהאן, און ער האט גלייך ער־האלטען א שטרענגען בעפעהל ער זאל איהם בעהאנדלען זעהר מילד און צושי־קען די קלאגע געגען איהם צו איהם אליין, צו דיאז'ן.

—און עספעראנזא האט געפאלגט דעם בעפעהל?

—עספעראנזא ערפילט מיט דערזעל־בער שטרענגקייט די בעפעהלע פון זיי־נע העכערע ווי ער פערלאנגט עס פון זיינע אונטערגעארדענטע. אייער פאטער האט גלייך געקראגען א בעט און ריין בעט־געוואנד, און עסען פלעגט מען איהם טראגען פונ'ם שטאב'ס קיך.

אזוי ריידענדיג זיינען זיי צוגעקומען צו א בארג, וועלכער האט זיך געפונען ביי דער זייט פון דעם פעלד וואו עס איז ביז היינט גאנץ פריה געווען עספע־ראנזא'ס לאגער. איצט זיינען נאר גע־בליבען דארט צוויי צובראכענע וואגענס און א פאאר צעהנדליג פאלאטקעס, וועלכע די אנטלויפענדע ארמעע האט ניט געקענט פערכאפען.

—דא איז אייער פאטער'ס פריזאן— האט מאיא אנגעוויזען אויף דעם בארג.

די הייהל אין דעם בארג האט געמוזט זיין אמאל א בעהעלטעניש פון באנדי־טען, ווארום זי איז געווען בעזארגט מיט אלעם וואס איז געווען נויטיג פאר א מענשליכען וואוינונג.

דאס מויל פון דער הייהל איז געווען אויפ'ן שפיטץ פונ'ם בארג. אין די פריי־הערדיגע יאהרען איז עס געווען ארומ־געריגגעלט פון בוימלעך און הויכע גרא־זען, וועלכע האבען פערשטעלט די עפע־נונג. די וואס האבען ניט געוואוסט פון איהר און זיינען געאנגען איבער דער שמאלער סטעזשקע, וועלכע איז געלאפען רעכטס פון דער עפענונג, האבען זי ניט געקענט זעהן. דער גאנצער זוים פון דער עפענונג האט געטראגען צייכענס פון א שווערער משא וועלכע האט איהם גע־דריקט. קענטיג אז א שווערער שטיין פלעגט אפט צודעקען דאס מויל פון דער הייהל.

איצט איז דאס מויל געווען אפען און די הויכע גראזען און בוימלעך צוטרא־טען. מען איז אראבגעגאנגען אין דער הייל איבערי שמאלע טרעפ. וואו מען געהט אראב אין א קעלער אריין. עס זיינען געווען א גרויסע צאהל טרעפ. און ווען מען איז שוין געווען טיעף אין די געדערים פונ'ם בארג האט מען זיך געפונען אין א גרויסען צימער מיט אן עפענונג אין דער סטעליע, דורך וועלכע עס איז אריינגעקומען לופט און ליכט.

אין דיזען צימער איז, פריהער אויף א נאסען שטרוידזאק, און איצט אויף א גאנץ ריינעם בעט, געלעגען סענאר בע־ניטא ליאבא.

זייט זיבען אוהר אין דער פריה, ווען דער סאלדאט וואס פלעגט איהם אריינ־טראגען עסען, האט אוועקגעשטעלט אויפ'ן טשער לעבען זיין בעט א טאש קאפע און א זעמעל און ארויסגעלאפען. איז ביי איהם קיינער ניט געווען.

ער האט געהערט דאס שיסעריי און קנאקעריי, דעם געלאף און געטומעל, און געוואוסט אז עס קומט פאר א שלאכט, אבער דעם רעזולטאט פון דער שלאכט האט ער ניט געוואוסט.

עס איז שוין איצט געווען פינף אוהר נאכמיטאג. ער האט אין פערלויף פונ'ם טאג עטליכע מאהל גערופען דעם וועכ־טער, וועלכער האט געהיט דעם פריזאן. אבער יענער איז ניט אריינגעקומען, האט זיך ניט אנגערופען צו איהם. זייט א פאאר שטונדען האט ער שוין ניט גע־הערט דעם וועכטער'ס טריט און קיין בעוועגונג ארום, און ער האט ניט גע־וואוסט וואס עס איז דארט אויבען פאר־געקומען. זיי הארץ איז געווארען אנגע־פיללט מיט שרעק. טאמער איז ער דא איבערגעלאזען געווארען און וועט אזוי ליגען איינער אליין ביז ער וועט אויס־געהן פון הונגער.

ווען ער האט דערהערט מענשליכע טריט ביים אריינגאנג פון דער הייהל, האט ער זיך דערפרעהט און אויפזעצענ־דיג זיך, האט ער געפרעגט ווער עס קומט.

— דיין טאכטער ראזעטא מיט פריינד — איז געקומען דער ענטפער **אין ראזעטא'ס [illegible] שטימע.**

און איידער ער איז צו זיך געקומען פון דער גרויסער איבעראַשונג, איז שוין ראָזעטאַ געווען לעבן איהם.

— פּאַפּאַ ! טהייערער פּאַפּאַ ! מיין אונגליקליכער פּאַפּאַ !—האָט זי גערעדט צו איהם קניענדיג ביי זיין בעט און בעדעקענדיג זיין געזיכט מיט הייסע קוסען.

—ווי פיהלסטו זיך, פּאַפּאַ ? דער טיראַן איז פערטריבען, ביזט אַ פרייער מענש און וועסט באַלד ווידער זיין אין דיין אייגענע הויז.

עטליכע מינוט נאַכאַנאַנד האָט זי אַזוי גערעדט און איהם געקושט און געדריקט איהר קאָפּ צו זיין ברוסט, ניט געבענדיג איהם קיין געלעגענהייט זי צו פרעגען ווי אַזוי דאָס אַללעס איז געשעהן.

—נו, קום זשע, פּאַפּאַ, קום מיט אונז. מיר וועלען דיך אַפּפיהרען אַהיים.

— טאָכטער ! איך בין זעהר שוואַך— האָט סענאָר ליאָבאַ געזאָגט — איך האָב ניט גענוג קרעפטען צו געהן, שיק צו אימיצען אַהיים מען זאָל קומען מיט אַ קערעדזש, און דו בלייב דאָ און דערצעהל מיר וואָס עס איז געשעהן. איז אַלבערטאָ ניטאָ ?—האָט דער אַלטער געפרעגט מיט אַ זיפץ.

— ניין, פּאַפּאַ. איך האָב איהם די גאַנצע וואָך ניט געזעהן. איך וועל דיר אַלעס דערצעהלען.

זי האָט אַוועקגעשיקט איינעם פון איהרע בעגלייטער אַ היים נאָך אַ קערעדזש און די איבעריגע האָט זי געבעטען זיי זאָלען וואַרטען אויבען.

ווען זי איז געבליעבען אַליין מיט'ן פּאַטער האָט זי זיך געזעצט לעבען איהם אויפ'ן בעט און איהם דאָס ערשטע דערצעהלט וועלען דער שלאַכט, אַז עספּאַראַנזאַ האָטערליטען אַ שרעקליכע נידערלאַגע און דער געגענד איז ווידער פּאַלשטענדיג אין די הענט פון די רעוואָלוציאָנערען. דאַן האָט זי איהם דערצעהלט ווי זי איז אוועק צו מאַדעראָ אין לאַגער און געוואָרען אַ אינסורעקטאָ.

— מיין גאָט ! וואָס האָסטו געטהאָן?

— האָט איהר פּאַטער אויסגערופען מיט שרעק.

— ביזט בייז אויף מיר דערפאַר, פּאַפּאַ ?

— עס האָט דאָך מיט דיר געקענט טרעפען אַ אונגליק ? האָסט געשטעלט אין געפאַהר דיין לעבען.

— דאָס זעלבע האָבען געטהאָן טויזענדער פון די בעסטע טעכטער פון מעקסיקאָ. איז דען די זאַך, פאַר וועלכע דער קאַמפּף ווערט געפיהרט ניט ווערטה מען זאָל שטעלען צוליעב איהר דאָס לעבען אין געפאַהר?

— אָבער דו ביזט דאָך ביי מיר נור איינע, נאָר איינע....

ער האָט צוגעלעגט דאָס מויל צו איהר קאָפּ און איהר אַ קוש געטהאָן און געוויינט אין דער שטיל.

— פּאַפּאַ, טהייערער פּאַפּאַ ! — האָט זי איהם ארומגענומען און געגלעט מיט איהרע ווייכע הענד זיינע באַקען — איך בין דאָך געגאַנגען אין לאַגער צו מאַדעראָ'ן אום דיך צו רעטען. האָב איך דען אַנדערש געקענט טהאָן. וואָלט אַלבערטאָ געווען אַ גוטער קינד וואָלט ע ר געגאַנגען צו מאַדעראָ'ן און איך וואָלט געבליבען אין דער היים.

— אַט דאָס איז דער גרויסער ווייטאָג מיין קינד — האָט דער אַלטער געזיפצט

— אַלבערטאָ קימערט זיך וועניגער וועגען מיר ווי אַ פרעמדער. איך האָב נאָר דיך, נאָר דיך אַליין. ווען איך זאָל דיך פערלירען וואָס טויג מיר דאָס לעבען, טאָכטער מיינע ! זאָג מיר צו אַז דו וועסט בלייבען מיט מיר אין דער היים.

—איך וואָלט קיינמאָל ניט אַוועקגעגאַנגען פון דיר ווען דו וואָלסט געווען אין דער היים, פּאַפּאַ, און איצט, אַז דו ביזט ווידער פריי, וועל איך זיין מיט דיר און קיינמאָל, קיינמאָל דיך ניט פערלאָזען.

איהר צערטליכע רייד. פול מיט ליעבע און איבערגעבענהייט, האָבען דעם אַלטען בערוהיגט און ער האָט זי גענומען אויספרעגען וועגען דער שלאַכט און וועגען אַלעס וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דער געגענד זינט ער איז איינגעשלאָסען געוואָרען אין פּריזאָן.

זי האָט איהם אַלעס דערצעהלט און בעזאָנדערס אַנגענעהם איז איהר געווען צו דערצעהלען און איהם צו הערען וועגען דער טרייהייט פון די פאַרמערס.

נאר וועגען אלבערטאס אויפטהונגען זינט ער איז געווארען דער בעל הבית אין הויז און וועגען דעם בריעף פון'ם שוסטער אין מעקסיקאלי האט זי ניט דערמאהנט א ווארט.

אויף איהרע פראגען ווי ער איז בעהאנדעלט געווארען אין פריזאן האט ער איהר געזאגט אז ער האט געהאט אלעס וואס ער האט גערארפט און דער ווערטער און אלע וואס זיינען אריינגעקומען צו איהם זיינען געווען צו איהם זעהר העפליך.

—אבער איך פיהל מיך זעהר שוואך— האט ער צוגעזיצט — מען קען זיך ניט לייכט צוגעוואוינען צו א לעבען פון א פריזאן ווען מען האט אפגעלעבט דרייסיג יאהר אין א פאלאץ, ארומגערינגעלט פון טרייע איבערגעבענע מענשען.

דער קערעדזש איז אנגעקומען.

ראזעטא און איינער פון די יונגע אינסורעקטאס האבען ארויסגעפיהרט סענאר ליאבא פון זיין פריזאן און איהם אריינגעזעצט אין קערעדזש. דאן האט ראזעטא געבעטען דעם אינסורעקטא ער זאל זי ענטשולדיגען פאר'ן קאלאנעל און איז אויך אריינגעגאנגען אין קערעדזש.

—וואוהין פאהרען? — האט דער דרייוער געפרעגט.

—אהיים — האט ראזעטא געזאגט.

—דאס איז ניט די שטימע פון אונזער נאווארע — האט סענאר ליאבא געזאגט זיך צו הערענדיג צו דער שטימע פון'ם דרייוער.

—ניין, דאס איז א נייער דרייוער —האט ראזעטא געזאגט — קאזא, טארעלא'ס ברודער, פלעגט אפט קומען צו מיר אין לאגער, און ער האט מיר געזאגט אז אלבערטא האט נאווארע'ן אוועקגעשיקט.

—א שאדע — האט סענאר ליאבא בעדויערט — נאווארע איז געווען א געטרייער מענש.

—דערפאר טאקע האט איהם אלבערטא אוועקגעשיקט — האט ראזעטא געטראכט, אבער געזאגט האט זי גאר ניט.

—איז סענאר אלבערטא אין פאלאץ?

—האט ראזעטא געפרעגט דעם דרייוער.

—ניין, סענארא — האט דער דרייוער געענטפערט — ווי די שלאכט האט אויסגעבראכען האט ער זיך געזעצט אין אויטאמאביל און איז אוועקגעפאהרען.

ראזעטא איז געווען צופריעדען וואס זי וועט איהם ניט טרעפען אין דער היים.

די דיענער און דיענסטען האבען געוואוסט אז דער קערעדזש דארף קומען צוריק מיט זייער גוטען סענאר און זיינען אלע געשטאנען אויף דער פיאזא און ארויסגעקוקט אויף איהם, אויך א סך איינוואהנער פון'ם שטעדטיל זיינען געשטאנען ביים פאלאץ, און ווען דער קערעדזש האט זיך בעוויזען איז געווארען א פערטויבענד געשריי „וויווא סענאר ליאבא!" און עטליכע מיידלאך האבען אריינגעווארפען אין קערעדזש אריין בלומען.

ווען דער קעררעדזש האט זיך אפגעשטעלט ביים פאלאץ זיינען די דיענער און דיענסטען צוגעלאפען און געקושט סענאר ליאבא'ן און ראזעטא'ן די הענד און עטליכע האבען געוויינט פון פרייד וואס זייער גוטער סענאר איז ווידער פריי.

—וואו איז קאספארע? — האט סענאר ליאבא געפרעגט די דיענער וועלכע האבען איהם געהאלפען ארויסגעהן פון'ם קעררעדזש.

—ער איז שוין עטליכע טעג ניטא אין מערידא — האבען זיי געענטפערט.

סענאר ליאבא איז אריינגעפיהרט געווארען אין זיין אפארטמענט.

—וואו איז מיין וואלעט, גאמעז? — האט ער געפרעגט — איך וויל מיך איבערטהון.

—מען האט איהם געזאגט אז אלבערטא האט גאמעז'ן אוועקגעשיקט.

—איהם אויך? — האט ליאבא געקוועטשט מיט די פלייצעס — עס זעהט אויס אז ער קען ניט ליידען די מענשען וואס זיינען מיר געטריי.

ווען מען האט איהם ארומגעוואשען און איבערגעטאהן האט ער זיך געזעצט מיט ראזעטאן צום טיש, וועלכער איז געווען געדעקט פאר זיי.

—וואס פאר א וויין ווילסטו, פאפא?

—האט ראזעטא איהם געפרעגט.

—וויין? — האט ער געשמייכעלט—

איך האב שוין גאר פארגעסען אז מען טרינקט וויין ביים עסען, איז מיין נוירס דא? — האט ער געפרעגט טארעלא'ן, וועלכע האט זיי בעדיענט.

—סענאר אלבערטא האט זי אוועקגעשיקט — איז געווען דער ענטפער.

—עס ווייזט אויס — האט ליאבא געזאגט — אז אלבערטא האט גערעכענט אז איך וועל שוין ניט צוריקקומען.

נאך עטליכע מינוטען שטיל־שווייגען האט ער געפרעגט ראזעטא'ן אויב זי האט געהאט בריעף פון דאקטאר מארגאן.

—איך האב געהאט פון איהם צוויי בריעף ווען איך בין געווען אין לאגער — האט זי געזאגט —ער האט אויך געשיקט בריעף צו מאדערא'ן.

און זי האט איהם דערצעהלט ווי דאקטאר מארגאן האט אנגעיאגט די רויבער־שיף אויף וועלכער הערמאנאס איז פארנארט געווארען און האט געהאט א שלאכט מיט איהר און גערעטעט הערמאנאס'ן.

—וואו זיינען זיי איצט?

—אין קינגסטאן, דזשעמייקא, פיעליכט זיינען זיי שוין פון דארט ארויסגעפאהרען.

—צוליעב וועלכען צוועק האט דאס דער ים־רויבער פערנארט הערמאנאס'ן אויפ'ן שיף און איהם געוואלט אוועקפיהרען אויף א ווילדען אינזעל?

ראזעטא האט ניט גלייך געענטפערט. דאן האט זי געזאגט:

—דאקטאר מארגאן גלויבט —ריכטיגער: ער־איז איבערציינגט. ער האט בעוויזען — אז געוויסע מענשען פון דיעזער געגענד האבען געהאט אן אינטערעס הערמאנאס זאל פערשווינדען.

—רעגירונגס מענשען?

—פריוואט מענשען.

עטליכע מינוט האבען ביידע געשוויגען.

ראזעטא איז געווען זעהר אונרוהיג. די אלע פאקטען און איינדריקע וואס זי האט געהאט וועגען אלבערטא'ן אז ער איז א אוואנטוריסט און א פרעמדער האבען זי געמאטערט און זי האט געפיהלט א אונווידערשטעהליכען דרוק זיי צו טהיילען מיט איהר פאטער. אבער זי האט געוואוסט וואס פאר א שרעקליכער קלאפ אזעלכע ענטדעקונגען וועלען זיין פאר איהם און זי האט אנגעשטרענגט אלע איהרע קרעפטען איהר גאר ניט צו זאגען.

מיט א מאל האט זי זיך דערמאהנט וואס טארעלא האט איהר דערצעהלט וועגען איהר פאטערס בילד פון זיינע יונגע יאהרען. ווי עס איז עהנליך צו הערמאנאס'ן און ווי עס איז מיט א מאל פערשוואונדען געווארען.

זי האט זיך ענטשולדיגט פאר'ן פאטער, זיך אויפגעהויבען און אריינגעגאנגען אין בילדער־צימער.

זי האט זיך איבערציינגט אז דאס בילד איז דארט ווירקליך ניטא און איז אריין צוריק אין עס־צימער, וואו איהר פאטער איז נאך געזעסען ביים טיש, און איהם געפרעגט אויב ער האט געהייסען דאס בילד ארויסנעהמען פונ'ם בילדער־צימער.

—געהייסען עס ארויסנעהמען—האט סענאר ליאבא געפרעגט איבערראשט — איז עס דען ניטא אין בילדער־צימער.

—ניין—האט ראזעטא געענטפערט—טארעלא האט עס בעמערקט נאך מיט עטליכע יאהרען צוריק. וואו האט עס געקענט אהינקומען?

—איך האב קיינמאל ניט געדענקט וועגען דעם בילד, און ווער האט עס געקענט האבען אן אינטערעס עס צוצונעהמען?

—קיין גנב געווים ניט—האט ראזעטא געזאגט — א גנב וואלט געפונען עפעס אנדערש צו נעהמען.

—אונפערשטענדליכע זאכען קומען פאר ביי אונז אין הויז — האט ליאבא געזאגט אויפשטעהעטריג פונ'ם טיש.

ראזעטא האט איהם געפרעגט אויב ער וויל געהן צו זיך אין שלאפצימער, אדער ער וועט זיך זעצען אביסעל ביים פענסטער, ווי זיין שטייגער איז געווען אלע מאל נאכ'ן עסען. ער האט געזאגט אז ער וויל דאס לעצטע. און זי האט איהם אנגענומען ביי א האנד און צוגעפיהרט צום פענסטער, וואו עס איז געשטאנען דער ווייכער שטוהל אויף וועלכען ער פלעגט אלע מאל זיצען.

—ווער האט געקענט איבערגעבען עס־

פאַראַנזאָ'ן ווענען מיין שטיצען מאָרעראַ'ן? — האָט ער געזאָגט זיך זעצענדיג — מען האָט דאָס דעם טיראַן ניט נאָר דערצעהלט, מען האָט איהם געגעבען אַ בריעף וועלכען מאָרעראַ האָט מיר געשיקט און וועלכען איך האָב צוריסען און אַריינגעוואָרפען אין קאַרב. ער האָט זאָגאָר געוואוסט מיין געהיימנים וועלכעס איך האָב נאָר דיר אליין דערצעהלט.

—אַז מיר זיינען אירען?

—יא.

—דאָס איז אונערקלעהרליך!

—דאָס האָב איך דאָך געזאָגט אַז ביי אונז אין הויז קומען פאָר אונפערשטענדליכע זאַכען. עס איז ניט אַנדערש נאָר אַז מיר האָבען דאָ אַ שפּיאָן. וועלכער זעהט וואָס עס טהוט זיך ביי אונז אין די פערבאָרגענסטע ווינקעלאַך און הערט אונטער אונזערע אינטימסטע געשפּרעכען. ווער קען זיין דער שפּיאָן? און וואָס טהוט מען דערצו? עס איז דאָך אונמעגליך אין אַזעלכע צושטענדע צו לעבען. ניט צו זיין זיכער אויסצורייד'ען אַ וואָרט אין דער שטיל ביי זיך אין הויז!

—אויב דו וועסט מיר ערלויבען, פּאַפּאַ, וועל איך דיר זאָגען, אַז פון אַלע מענשען ביי אונז אין הויז האָב איך אַ פערדאַכט אויף איינעם צו וועלכען דו האָסט דאָס גרעסטע צוטרויען.

—אויף ברונאָ קאַספּעראַ ווילסטו זאָגען? — האָט סענאָר ליאָבאַ אויסגערופען מיט אַ טאָן פון פאָרוואורף.

—ער איז דער איינציגער, וועלכער לעזט דיין קאָרעספּאָנדענץ און האָט צוטריט צו דיין דעסק וואו דו האָלסט דיינע וויכטיגסטע דאָקומענטען.

—יאַ, אָבער ער איז מיין טריִיעסטער דיענער און איבערגעבענסטער פריינד זייט די לעצטע צוויי און צוואַנציג יאָהר. דו רעדסט דומהייטען, קינד... קענסט פונקט אַזוי זאָגען אַז איך אַליין בין מיין שפּיאָן און מיין פיינד.

ראָזעטאַ האָט צוגעמאַכט די טיהר און האָט זיך געזעצט לעבען פּאַטער.

—פּאַפּאַ! — האָט זי געזאָגט לעגענדיג ליכט איהר האַנד אויף זיין אַקסעל

—איך רעד ניט אָהן גרונדע. עס איז שוין עטליכע מאָנאַט אַז מיין צוטרויען צו קאַספּערא'ן איז פערשוואונדען און איך האָב גרינדע צו גלויבען אַז ער איז דיר ניט נאָר ניט קיין איבערגעבענער פריינד נאָר אַ בלוטיגער שונא.

—וואָס זיינען דיינע גרינדע?

—מיט איבער צוויי מאָנאַט צוריק. ווען עס האָט געזאָלט געמאַכט ווערען איבער דיר די אָפּעראַציאָן. וועלכע, ווי עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעשטעלט האָט אויף קיין פאַל ניט געטאָרט געמאַכט ווערען, האָט קאַספּאַרע אויף קיין פאַל ניט געוואָלט צולאָזען דאָקטאָר מאַרגאַן און האָט געאַרבייט מיט אַלע זיינע קרעפטען די אָפּעראַציאָן זאָל געמאַכט ווערען.

—ער האָט געגלויבט די הערמאָסילאַ'ער ערצטע און איז געווען זיכער אַז די אָפּעראַציאָן וועט רעטען מיין לעבען. אַלבערטאַ האָט דאָך אויך געהאַלטען מיט איהם.

—יאַ, אַלבערטאַ האָט אויך געהאַלטען מיט איהם — האָט ראָזעטאַ געזאָגט לאַנגזאַם און אין אַזאַ טאָן אַז איהר פאָטער האָט געפיהלט אַז דאָס וואָס אַלבערטאַ האָט אויך געהאַלטען מיט איהם איז גאָר אַ קליינער בעווייז פון קאַספּאַרע'ס טריִיהייט. — אָבער דערנאָך — האָט ראָזעטאַ פאָרטגעזעצט נאָך אַ קורצער פּאַוזע — ווען דאָקטאָר מאַרגאַן האָט זיך מיט פיזישער קראַפט אַריינגעריסען צו די ראַין אַפּאַרטמענט און געוואונען דיין צוטרויען און ערקלעהרט אַז די אָפּעראַציאָן וואָלט געווען איינפאַך אַ מאָרד, איז קאַספּאַרע נאָך אַלץ געווען אויף דער זייט פון זיינע ערצטע. און די גאַנצע צייט וואָס דאָקטאָר מאַרגאַן איז געווען ביי אַנז אין הויז, אויך נאָכדעם ווי ער האָט דיך אויסקורירט פון די גאַלשטיינער, איז קאַספּאַרע געווען צו איהם פיינדליך, — פיינדליך צו דעם, וועלכער האָט געראַטעוועט דיין לעבען און צו וועלכען דו ביזט געוואָרען אַזוי צוגעבונדען. איז דאָס ניט קיין בעווייז אַז קאַספּאַרע איז ווייט ניט דער, פאַר וועלכען דו בעטראַכסט איהם?

— דאָס זיינען זעהר שוואַכע גרינדע, מיין קינד — האָט סענאָר ליאבא געזאָגט נאָכדענקענדיג — און דאַן קען איך אויך קיין פאַל ניט זעהן קיין אורזאַכע, קיין מאָטיוו, וואָרום ער זאָל מיר זיין א פיינד און זוכען מיין אונטערגאַנג. ער איז מיט מיר זייט צוויי און צוואַנציג יאָהר און האָט ערוואָרבען א גרויס פערמעגען. ער קריגט די העכסטע געהאַלט וואָס א געשעפטס-פערוואַלטער קען נאָר פערלאַנגען און איז זיכער אז איך וועל איהם ניט ענטזאָגען אזוי לאַנג ווי ער וועט לעבען און בלייבען געטריי. ער האָט פון מיר קיין מאָל קיין שלעכט וואָרט ניט געהערט. וואָרום זאָל ער מיר זיין א פיינד? עס פעהלען די אורזאַכען, די מאָטיוועז, מיין קינד.

אזוי האָט ער געזאָגט ראָזעטטאַ'ן. אָבער אין הארצען האָט ער געפיהלט אז אין איהרע רייד איז דאָך עפּעס דאָ. און ער האָט בעשלאָסען צו נעהמען קאַספּאַרא'ן אויפ'ן פערהער אזוי שנעל ווי ער וועט קומען פון זיין רייזע.

ראָזעטטא האָט געקענט געבען איהר פאָטער פיעל שטאַרקערע בעווייזע פון קאַספּאַרא'ס אונטרייהייט. עס וואָלט געווען גענוג איבערצוגעבען איהם דעם אינהאַלט פון דעם בריעף פון דעם שוסטער פון מעקסיקאַלי, פון וועלכען עס איז געווען קלאָהר אז אַלבערטא איז א וואָנטיוריסט און אז קאַספּאַרע איז מיט איהם ענג פערבונדען. אָבער דאָס וואָלט דאָך שוין ענטדעקט פאַר'ן פאָטער אַלעס וואָס זי האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע קרעפטען פון איהם צו בעהאַלטען ביז דאָקטאָר מאָרגאַן וועט צוריק קומען. דעריבער האָט זי מעהר גאָר ניט געזאָגט.

נאָך עטליכע מינוטען שטיל-שווייגען האָט זי זיך אויפגעהויבען און געזאָגט אין א פרעהליכען טאָן:

— פּאַפּאַ, איך האָב גאָר פערגעסען אז איך בין א אינסורעקטאָ. איך האָב ניט אָנגעפרעגט ביים קאָלאָנעל פון מיין רעגימענט אויב איך מעג דיך אָפּפיהרען אהיים. אָבער איך האָף, אז דערפאַר וועל איך ניט בעשטראָפט ווערען. איך מוז אָבער אוועקפאָהרען אין לאַגער און בעטען ערלויבעניס צו ווערען צוריק א איינפאַכע פריעדליכע בירגעריו.

— דאָס האָט צייט מאָרגען אויך — האָט סענאָר ליאבא געזאָגט.

די דיסציפּלין אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי איז געווען זעהר א לייכטע. די אינסורעקטאָס האָבען געקענט אוועקגעהן און צוריק קומען ווען זיי האָבען געוואָלט.

הונדערטע אינסורעקטאָס זיינען נאָך א שלאַכט, אין וועלכער זיי האָבען זיך איינפאַך געוואָרפען אין פייער אריין, אוועקגעגאַנגען אהיים און געהאָלפען עטליכע טעג די עלטערען אין דער אַרבייט אויף די פעלדער, און ווען זיי האָבען געוואוסט אז מען דאַרף זיי ווידער אין לאַגער זיינען זיי צוריק געקומען.

ניט צוואַנג און מורא פאַר בעשטראָפונג האָט געמאַכט די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי פאַר דער גרויסער זיעגרייכער מאַכט וואָס זי איצט געווען, נאָר די בעגייסטערונג און אָפּפערוויליגקייט פון יעדען איינציגען פון איהרע מיטגליעדער און אזא אַרמיי דאַרף ניט קיין דיסציפּלין.

ראָזעטטא האָט אָבער געוואָלט פאָהרען אין לאַגער אריין אויך אויס אַנדערע גרינדע. זי האָט געהאָפט צו טרעפען דאָרט א בריעף פון דאָקטאָר מאָרגאַן, און זי האָט עס געזאָגט דעם פאָטער. זי האָט איהם אויך געזאָגט אז די בריעף, וועלכע דאָקטאָר מאָרגאַן האָט איהר געשיקט אויף איהר נאָמען קיין מערידא זיינען איהר ניט אָנגעקומען.

— דאָס האָט קיינמאָל ביי אונז ניט געטראָפען — האָט ליאבא זיך געוואונדערט.

— די לעצטע צייט טרעפען ביי אונז אזוי פיעל זאַכען וועלכע האָבען קיינמאָל ניט געטראָפען — האָט ראָזעטטא געזאָגט מיט א זיפץ. דאַן האָט זי געפרעגט דעם פאָטער ווי ער פיהלט זיך און אויב זי זאָל ניט אַראָפּפאָהרען אין הערמאָסילא און ברענגען דאָקטאָר אָרא, אן אַלטער מאַן, וועלכער איז זעהר בעליעבט אין דעם געגענד פאַר זיין גוטהערציגקייט און וועלכער איז ביז מיט עטליכע יאָהר

צוריק געווען דער הויז־ארצט פון דער פאמיליע.

— ברענג איהם — האט ליאבא געזאגט — און נעהם אויך מיט א נוירס, ווארום איך דענק אז עס איז נויטהיג אנצוהויבען נאך א מאל די מאסאזשען.

ראזעטא איז אוועקגעפאהרען און סענאר ליאבא איז אריינגעגאנגען צו זיך אין בעד־רום און זיך געלעגט אויפ'ן בעט.

אבער ער האט ניט געקענט איינשלאפען.

דער געדאנק אז ער איז ביי זיך אין הויז ניט זיכער מיט קיין געהיימניס, מיט קיין ווארט וואס ער רעדט ארויס, אז ביי איהם אין הויז איז דא א שפיאן, א פיינד, וועלכער זוכט זיין אונטערגאנג, האט איהם ניט געלאזט רוהען.

"איז עס מעגליך אז קאספארע איז א פאלשער מענש?" האט ער געטראכט. ער האט איבערגעדענקט נאך אמאל אלעס וואס ראזעטא האט איהם געזאגט און איז געקומען צום שלוס אז עפעס איז אין דעם דא ווארום האט קאספארע אזוי אונבעדינגט געוואלט די אפעראציאן זאל געמאכט ווערען אויך נאך דעם ווי דאקטאר מארגאן האט אפען בעשולדיגט די דאקטוירים אין קרימינעלע אבזיכטען? און ווארום איז ער געווען אזוי פיינדליך צו דאקטאר מארגאן די גאנצע צייט?...

מיט א מאל איז איהם איינגעפאלען א געדאנק, וועלכער האט איהם א הויב געטהאן פון'ם געלעגער.

וואס זאל עס בעדייטען וואס קאספארע איז ניט געווען ביי איהם די גאנצע צייט וואס ער האט זיך געפונען אין עספאראנזאים לאגער?

קאספארע איז געווען א לאיאלער, דאס האט יעדער איינער גאנץ גוט געוואוסט. עספאראנזא האט אויף איהם קיין חשד ניט געהאט. און עספאראנזא איז געווען בעפריינדעט מיט קאספארען. ליאבא האט גאנץ גוט געדענקט ווי קאספארע האט מיט עטליכע יאהר צוריק צוגעשארט דעם גענעראל א גאנץ היבש פעדיענסטל דורך א ספעקולאציאן אין זילבער אקציעס, זייט דאן האבען זיי פון צייט צו צייט זיך געשריעבען בריעף. אלזא, זייענדיג אזוי בעפריינדעט מיט עספאראנזאין און דערצו נאך אזוי טריי דער רעגיערונג, האט קאספארע געוויס געקענט אויספיהרען צונעלאזט צו ווערען צו איהם אין פריזאן. ווארום איז ער קיין איינציג מאל איהם ניט געקומען זעהן? ווייזט דאס ניט קלאהר און דייטליך אז קאספארע איז איהם ווייט־ווייט ניט אזוי געטריי און איבערגעבען ווי ער האט דאס גערעכענט ביז איצט?

און די־זער געדאנק האט איהם ארויסגעפיהרט אויף איין אנדער געדאנק.

פון וואנען האט עספאראנזא געקענט וויסען אז ער, ליאבא, איז פון אידישער אבשטאמונג?

קיין מענש, אויסער ראזעטא און קאספארע ווייס דאס ניט און קען דאס ניט וויסען. ראזעטטאין האט ער דאס אליין ענטדעקט מיט עטליכע יאהר צוריק. קאספארע ווייס דאס שוין אכטצעהן יאהר, זייט ער האט אפגעפיהרט קיין ענגלאנד דעם פיער־יעהריגען אלבערטא צו סענאר ליאבא'ס ברודער.

ווען קאספארע איז צוריקגעקומען פון ענגלאנד האט ער געזאגט סענאר ליאבא'ן אין דער שטיל אז ער האט דארט געהערט אז זיי שטאמען פון א שפאניש־אידישע פאמיליע. סענאר ליאבא האט איהם געזאגט אז עס איז אמת, אבער אז ער וויל ניט אימיצער זאל וויסען דערפון, און ער איז געווען זיכער אז דאס וועט בלייבען א סוד. מיט א מאל ווייס עספאראנזא אז ער איז א איד!... ווער, אויסער קאספארע האט עס איהם געקענט דערצעהלען?... און — האט איהם איין געדאנק געפיהרט אויפ'ן אנדערען — אויב קאספארע האט געקענט דערצעהלען עספאראנזא'ן אז ער איז א איד, ווארום זאל ניט זיין קאספארע דער וועלכער האט מיטגעטהיילט עספאראנזאין וועגען זיינע סימפאטהיען מיט דער רעוואלוציאן? ווארום זאל ניט זיין קאספארע דער, וועלכער האט ארויסגענומען פון'ם פאפיער קארב מאדעראס צוריסענעם בריעף און איהם איבערגעגעבען עספאראנזאין?

א שוידער איז איהם דורכגעגאנגען איבער'ן לייב.

ער איז אראפגעגאנגען פון בעט און גענומען אומשפאנען הין און צוריק.

אלע מאל האט עס איהם אנגעהויבען אויסזעהן קלעהרער און דייטליכער אז קאספארע איז געווען דער, וועלכער האט איהם פאר'מסר'ט פאר עספאראנזא'ן און איבערגעגעבען דעם טיראן מאדערא'ס צוריסען-צעטעלע. אבער דער מאטיוו? צוליעב וואס? אום הימעלס ווילען! צוליעב וואס האט קאספארע דאס געקענט טהאן? א מענש וועט דאך ניט זוכען אומצוברענגען איינעם, וועלכער האט איהם נור גוטעס געטהאן, אהן א אורזאכע?

ער האט גוט געקענט קאספארע'ן, ער האט געוואוסט אז דיעזער האלב-שפאניער און האלב-אינדיאנער קען טראגען יאהרעלאנג א שנאה אויף א מענשען און דאס ווילדע בלוט וועט אין איהם ניט געשטילט ווערען ביז ער וועט נעהמען נקמה. האט ער זיך געמאטערט צו דערמאהנען צו האט ער איהם אמאל ניט בעליידיגט, עפעס א ביטע ענטזאגט, אדער אויף וועלכען עס איז אנדערען וועג ארויסגערופען אין איהם א שנאה צו זיך. אבער ער האט זיך ניט געקענט דערמאהנען קיין איינציגען פאל ווען קאספארע האט געקענט פון איהם אוועקגעהן א אונצופריעדענער.

ליאבא האט זיך בעקענט מיט קאספארע'ן מיט צוויי און צוואנציג יאהר צוריק. דער איצטיגער זילבער-קעניג האט דאן געהאט נור עטליכע זילבער-מיענען, אין וועלכע עס איז זעלטען ווען געארבייט געווארען א פולע וואך, ווייל די ארבייטער זיינען געווען איינגעבוירענע מעקסיקאנער, און די מעקסיקאנער זיינען פויל צו דער ארבייט, און אנדערע ארבייטער איז דאן געווען שווער צו קריגען.

אלע מיענעס און פלאנטאציעס האבען אין יענער צייט שטארק געליטען פון דער פוילקייט פון די איינגעבוירענע ארביימער. אבער איבעראל פלעגט מען די ארבייטער מיטן קנוט צווינגען צו ארבייטען, און ליאבא האט אזעלכע מיטעל ניט געלאזט געברויכען.

אין יענער צייט איז געקומען צו איהם קאספארע, א יונגער מאן פון א יאהר דרייסיג, הויך און דאר, מיט לעבעדיגע ארומלויפענדע אויגעלעך, אנגעטהאן ווי א ארימער פריץ, און איהם געזאגט מיט א שמייכעל אז ער בעזיצט א געהיימניספאלע קראפט צו מאכען די מעכטיזאס (די ארימע קלאס אין מעקסיקא, אינדיאנער כמעט אהן א צומישונג פון אייראפעאישען בלוט) ארבייטען..

קאספארע האט אויף ליאבא'ן געמאכט איין איינדרוק פון א כיטרען מענשען, מיט וועלכען מען דארף זיין זעהר פארזיכטיג. דאך האט ער בעשלאסען צו זעהן וואס ער קאן טהאן מיט די ארבייטער, און ער האט איהם אנגעשטעלט אלס פארמאן אין די מיענען.

און עס האט זיך ארויסגעוויזען אז קאספארע האט ווירקליך געהאט א מערקווירדיגען איינפלוס אויף די מעסטיזאס. אהן שלעק, און זאגאר אהן געשרייען און זידלערייען האבען די מעסטיזאס געארבייט און ליאבא'ס מיענען האבען ארויסגעגעבען צוויי מאל אזוי פיעל זילבער ווי פריהער.

קאספארע'ס געהאלט איז אלע מאל געהעכערט געווארען און ער האט מיט דער צייט געוואונען ליאבא'ס צוטרויען, ביז ער איז געווארען זיין רעכטע האנד און די נויטיגסטע און די וויכטיגסטע פערזאן אין זיינע אונטערנעהמונגען.

מיט צעהן יאהר צוריק, ווען ליאבא איז בלינד געווארען, איז קאספארע געווארען דער געשעפטס-פערוואלטער, מיט א געהאלט פון דרייסיג טויזענד דאלאר א יאהר און פראצענטען פון די פראפיטען. די געשעפטען האבען געבליהט און זיין איינפלוס איבער ליאבא'ן איז געוואקסען מיט יעדען טאג.

אין דער גאנצער צייט, ווי ווייט ליאבא האט געדענקט, האט ער קאספארע'ן קיינמאל נישט געמאכט קיין פארוואורף, אפילו ווען ער האט עס פארדיענט, און האט איהם קיינמאל נישט ענטזאגט קיין ביטע. ווארום זשע זאל קאספארע וועלען איהם שלעכטעס טהאן און זוכען זיין אונטערגאנג?

ער איז אריינגעגאנגען אין זיין קאבינעט און געשיקט רופען זיין פריוואט

סעקרעטער, טארעלאס א זוהן, א שעהנער, ליעבליכער יונגערמאן פון א יאהר דריי און צוואנציג, וועלכער איז אויסגעוואקסען אין פאלאץ און האט שטודירט אין מעקסיקא סיטי אויף ליאבא'ס עקספענסעס

— פערנאנדא! — האט ליאבא געזאגט צו איהם — דו געדענקסט אז דו האסט מיר איבערגעליענט א צעטעלע פון מאדערא'ן, א דאנק פאר א סומע געלד וואס איך האב איהם געגעבען?

— געוויס געדענק איך, סענאר.

—וואס האב איך געטהאן מיט דעם צעטעלע?

—איהר האט עס צוריסען און אריינגעווארפען אין קארב.

—דו געדיינקסט דאס אויף זיכער?

— איך געדענק זאגאר אז דער אינסורעקטא, וועלכער האט אייך געבראכט דאס צעטעלע, האט זעהענדיג ווי איהר צורייסט עס, געשמייכעלט און געזאגט: "איהר זייט זעהר פארזיכטיג, סענאר".

— זאג זשע מיר, פערנאנדא, ווי קומט דאס צעטעלע צו עספעראנזא'ן?

—צו עכפעראנזא'ן?! — האט דער יונגער מאן אויסגערופען ערשטוינט — עספעראנזא האט געהאט דאס צוריסענע צעטעלע?

ער האט עס מיר איבערגעלעזען, די שטיקלאך זיינען געווען צוזאמענגעקלעפט.

—איך קאן דאס ניט פערשטעהן... סיידען — האט ער צוגעזעצט צונעהמענדיג די הענט— אימיצער פון'ם הויז האט עס ארויסגענומען פון'ם קארב און עס איהם געגעבען.

נאטירליך האט אימיצער פון'ם הויז עס ארויסגענומען, אדער געפונען אין מיסט־קאן, אבער ווער קאן זיין דער אימיצער?

—איך ווייס ניט, סענאר, איך קאן מיר ניט פארשטעלען אז איינער פון דער דיענערשאפט זאל עס האבען געטהאן. זיי האבען אייך אלע ליעב.

פערנאנדא'ן אליין האט ליאבא ניט חושד געווען, און פערנאנדא'ן איז זאגאר ניט אריינגעפאלען אז עס קען מעגליך זיין ער זאל איהם חושד זיין, ווארים ער איז געווען איבערגעגעבען זיין וואהלטהעטער מיט זיין גאנצער נשמה, און ער איז געווען זיכער אז ליאבא ווייסט עס.

ליאבא האט געהייסען פערנאנדא'ן צו מאכען די טהיר, דאן האט ער געזאגט צו איהם:

—פערנאנדא! דו ביזט א קלוגער יונג און ביזט מיר טריי און איבערגעגעבען. זאג מיר, און שרעק דיך ניט מיר צו זאגען די ריינע וואהרהייט, האסטו בעמערקט אז קאספארע פערדיענט ניט דאס צוטרויען וואס איך האב איהם ביז איצט געשיינקט?

—סענאר ליאבא! אויב איהר ווילט הערען די ריינע וואהרהייט וועל איך אייך זאגען אז ניט נאר איך, נאר אלע אין פאלאץ, זאגאר אייער אייגענע טאכטער, סענארא ראזעטא, דיינקען די לעצטע צייט אז קאספארע איז אייך ניט קיין גוטער פריינד.

—די לעצטע צייט? זייט ווען איז עס "די לעצטע צייט"?

—זייט עס האט זיך אנגעהויבען דער דיספוט צווישען סענאר אלבערטא אין סענארא ראזעטא וועגען אייער אפעראציאן און קאספארע האט געהאלטען מיט סענאר אלבערטא.

—אזוי... אבער ביידע זיינען דאך מיינע קינדער און ביידע האבען געזוכט צו טהון וואס עס איז בעסער פאר מיר. עס איז נאר געווען א פראגע וועגען צוטרויען צו די ערצטע.

—געוויס, געוויס — האט פערנאנדא געזאגט — אבער זיין שטימע האט געקלונגען אונזיכער.

סענאר ליאבא האט בעמערקט דעם פאלשען טאן.

—פערנאנדא! — האט ער געזאגט צו איהם — דו ביזט מיר ניט אפענהערציג.

—איהר האט רעכט— האט דער עהרליכער יונגער מאן גלייך צוגעגעבען.

—וואס האסטו געוואלט זאגען ווען דו האסט געענטפערט "געוויס, געוויס"?

—איך וועל אייך זאגען די ריינע וואהרהייט, סענאר, און איהר קענט טהון מיט מיר וואס איהר ווילט. מיין [illegible]

און איך דיינקען אז סענאר אלבערטא איז אייך ניט אזוי געטריי און איבערגעגעבען ווי סענארא ראזעטטא, און די אלטע דיענער דיינקען אויך דאסזעלבע.

—זאג מיר, פערנאנדא, וואס נאך, אויסער דעם דיספוט איבער דער אפעראציאן, האט דיר געגעבען דעם איינדרוק אז קאספארע איז מיר ניט געטריי?

—ווי זאל איך עס אייך זאגען?... עס איז געווען אזוי. זייט עס האט זיך אנגעפאנגען דער טראבעל מיט דער אפעראציאן... דאס הייסט ווען דער טראבל איז שוין געווען פאריבער, ווען דאקטאר מארגאן איז שוין אנגעקומען, האבען זיך פארמירט אין פאלאץ צוויי פארטייען. סענארא ראזעטא איז געווען צוזאמען מיט דאקטאר מארגאן און מיט דעם שעהנעם אינכורעקטא פערנאנדא און מיט איהר אמעריקאנער פריינדין כייסס וואַרד, און סענאר אלבערטא איז אלע מאל געווען צוזאמען מיט קאספארען און מיט דער הויז ווירטהין דאנעללא און מיין מוטער און איך און אלע דיענער זיינען געווען אונטער דעם איינדרוק אז די לעצטע דריי זיינען אייך ניט געטריי. אבער ווען איהר זענט ארעטירט געווארען האבען מיר שוין אין דעם גאר ניט געצווייפעלט.

סענאר אלבערטא און קאספארע זיינען אומגעגאנגען פרעהליך און האבען זיך גאר ניט געזארגט וואס איהר זיצט אין פריזאן אין עספעראנזא'ס לאגער, און זיי האבען אנגעהויבען איינציגווייז אוועקשיקען די אלע עלטערע דיענער. מיין מוטער און מיך האט אויך סענאר אלבערטא געוואלט אוועקשיקען. נאר מיין מוטער האט איהם געזאגט אז מיר זיינען ניט ביי איהם נאר ביי סענארא ראזעטא.

אין זיין קינדהייט האט סענאר ליאבא געלערנט די ביבעל און עטליכע מעשהלעך האבען זיך טיעף איינגעקריצט אין זיין מח.

„איך בין ווי דוד אויף די עלטערע יאהרען" האט ער געזאגט צו זיך אליין. „מיין זוהן איז אויפגעשטאנען נעגען מיר און וויל פון מיר צונעהמען די מלוכה. אלבערטא איז מיין אבשלום, און קאספארע איז אחיתופל. את. יא, א בונט, א קאנספיראציע איז ביי מיר אין הויז".

ער האט עטליכע מינוט אומגעשפאנט הין און צוריק. דאן איז ער צוגעגאנגען צו פערנאנדא'ן און געזאגט צו איהם:

—מיין גוטער, טרייער פערנאנדא! עס איז ניטא קיין נידריגערע ארבייט, קיין עקעלהאפטערע ארבייט, ווי אימיצען צו שפיאנירען, דאך טרעפען צייטען אויף די אנשטענדיגסטע און עהרליכסטע מענשען טהוען אזא ארבייט. די אומשטענדען מאכען דאס נייטיג. אזעלכע אומשטענדען זיינען איצט ביי מיר אין הויז, און דו, פערנאנדא, דו מוזט ווערען מיין שפיאן.

—איך וועל טהון וואס נאר איהר פערלאנגט סענאר.

— דאן הער, פערנאנדא, וואס איך וויל פון דיר. האלט אפען דיינע אויגען אויף קאספארען און אלבערטא'ן. קוק זיי נאך וואוהין זיי געהען און ווען זיי זיינען צוזאמען און רעדען שטעל זיך ערגיץ אין א באהעלטעניש און הער דיך איין, און וואס דו וועסט זעהן און הערען זאלסטו מיר דערצעהלען. איך קען ניט זיין ארומגערינגעלט ביי מיר אין הויז מיט בלוטיגע פיינד. איך קען ניט ארומגעהן מיט דעם געדאנק אז מיין איינענער זוהן און דער מענש וועלכען איך האב אנפערטרויט מיין גאנצעם פערמעגען זוכען מיין אונטערגאנג. איך וויל האבען געוויסהייט און דאן וועל איך זעהן וואס איך האב צו טהאן. געדיינקזשע, פערנאנדא, וואס איך האב דיר אנגעזאגט, און זעה דערצעהל ניט קיין ווארט קיין מענשען. זאגאר דיין מוטער זאלסטו קיין ווארט ניט דערצעהלען.

עס האט זיך דערהערט א קלאפ אין טיהר.

— עפענען? — האט פערנאנדא געפרעגט — דאס איז מיין מוטער'ס קלאפ.

סענאר ליאבא האט איהם געהייסען עפענען און מארעלא איז אריינגעקומען.

— סענארא ראזעטא האט מיר אנגע־

זאגט איך צו פרעגן ווי איהר פיהלט איך? — האט טארעלא געזאגט—פיער לייכט ווילט איהר נעהמען איינע פון די מעדיצינען. וואס זיינען פערבליבען ווען מען האט אייך אוועקגעפיהרט פון'ם הויז, וועל איך אייך געבען, איך האב זיי אלע אוועקגעשטעלט ביי אייך אין בעדרום אין א שאפקעלע.

— א דאנק, טארעלא. איך פיהל מיך גאנץ גוט, און די מעדיצינען וועל איך ניט נעהמען. ווער ווייס צו זיי זיינען איצט גוט פאר מיר. סיי ווי, ראזעטא וועט קומען פון הערמאסילא מיט א דאקטאר.

טארעלא איז אבער ניט אוועקגעגאנגען.

— דו האסט נאך עפעס צו זאגען, טארעלא? — האט סענאר ליאבא זי געפרעגט פריינדליך.

ער האט זעהר געהאלטען פון איהר. ווארום ער האט געוואוסט אז זי האט ליעב ראזעטא'ן בעסער ווי איהרע אייגענע קינדער.

— האט אייך ראזעטא דערצעהלט וועגען בילד?

—וועגען בילד?... וואסער בילד?

—אייער בילד ווען איהר זייט געווען א יונגערמאן.

— אך! — האט זיך ליאבא דערמאהנט — יא. זי האט מיר געזאגט אז דאס בילד איז ניטא אין בילדער־צימער. שאדע! דאס איז געווען א טהייערע אויל־בילד, די ארבייט פון א בעריהמטען פאריזער מאלער. אבער וואו האט עס געקענט פערשווינדען?

— ראזעטא האט גאר ניט בעמערקט אז דאס בילד פעהלט. איך האב עס אבער גלייך בעמערקט — האט טארעלא געזאגט — איך וואלט עס אויך ניט געווען בעמערקט, ווען ניט די מערקווירדיגע עהנליכקייט.

— וואס'אר א עהנליכקייט?

— איהר ווייסט גאר ניט? — האט זיך טארעלא געוואונדערט — ראזעטא האט אייך גאר ניט דערצעהלט? דאס איז דאך דאס אינטערעסאנטעסטע. געזונט און שטארק זאל זי זיין. דאס איז א קינד! סאמע דאס אינטערעסאנטעסטע לאזט זי דורך. איך האב נאך אזא עהנליכקייט ניט געזעהן זינט איך לעב.

— אבער לאמיר הערען וועגען וואס פאר א עהנליכקייט דו רעדסט.

—איך האב דאך געזאגט ראזעטא'ן. דאס בילד איז עהנליך צום אינסורעקטא ווי צוויי טראפען וואסער.

— צו וועלכען אינסורעקטא?

— ווי הייסט צו וועלכען? צו דעם הערמאנאס, וועלכער איז געווען ביי אונז אין פאלאטץ.

— ווירקליך? — איז סענאר ליאבא געווארען פעראינטערעסירט.

— אט ווי איך זאג אייך. און איך פערשטעה ניט ווי קיינער אויסער מיר האט עס ניט בעמערקט. אבער מיינע אלטע אויגען זאלען געזונד און שטארק זיין זיינען נאך בעסער ווי די היינטיגע יונגע. עס איז געווען אזוי, סענאר. ווי סענארא ראזעטא האט אריינגעפיהרט צו מיר דעם אינסורעקטא און מיר געזאגט איך זאל איהם אנווייזען זיין אפארטמענט איז ער מיר פארגעקומען עפעס קענטליך. איך קוק אויף איהם, קוק, און טראכט: וואו האב איך איהם ערגעץ געקענט זעהן? אבער ווי איך ברעך אזוי מיין נארישען מח, דערמאהן איך מיך: מיין גאט! דעם סענאר'ס בילד אהן דער בארד און וואנצעס! אט אקוראט ווי דאס וואלט געווען א בילד פון דעם אינסורעקטא. ער פרעגט מיך וואס איך קוק אזוי אויף איהם, זאג איך איהם. נו, לאכט ער נאטירליך. נעהם איך און פיהר איהם אריין אין בילדער־צימער און ווייז איהם דאס בילד. נו? מיינט איהר ער האט ניט געמוזט צוגעבען אז איך האב רעכט? און אין עטליכע טעג ארום, איך קוק מיך אום און זעה אז דאס בילד איז ניטא! איך האב געמיינט אז ראזעטא האט עס אויפגעהאנגען ערגעץ אין אן אנדער צימער. אבער זי האט גאר ניט געוואוסט פון וואס צו זאגען. זי האט גערעכנט אז איהר האט געהייסען אימיצען עס ברייננגען צו אייך אין אפארטמענט.

— ניין, טארעלא. דאס בילד איז מיר

גאר אין זינען ניט געלעגען, און איך קען ניט בעגרייפען ווי עס איז פערשוואונדען. עס איז א שאדע. ווירקליך א שאדע.

א דיענער האט געמעלדעט אז קאספארע וויל זעהן סענאר ליאבא.

פערנאנדא און טארעלא זייגען ארויסגעגאנגען און סענאר ליאבא האט געהייסען אריינשיקען זיין געשעפטס־פערוואלטער.

קאפיטעל 22.

נאטארע, גאמעז׳עס שפאס מיט׳ן טויט.

ברונא קאספארע איז עטליכע טעג ניט געוועז אין מערידא. פאר די הויז מענשען האט עס געהייסען אז ער איז אוועקגעפאהרען צוליעב געשעפט, אבער קאספארע האט די לעצטע צייט זעהר ווייניג זיך אפגעגעבען מיט ליאבא׳ס געשעפטען. ער האט געהאט אייגענע געשעפטען.

קאספארע איז געוועז אין מעקסיקאלי ביי דעם שוסטער, וועלכער האט אויפגעהאַרעוועט הערמאנאס׳ן.

דער בריעף, וועלכער איז דורך א זאנדערבארען צופאל אריינגעפאלען צו ראזעטטא׳ן, איז ניט געוועזן דער איינציגער וועלכען דער שוסטער האט געשריבען צו די אינטריגאנטען. און זיי האבען בעשלאסען פון איהם פטור צו ווערען.

דאס געלט וואס ער האט געפאדערט האבען זיי איהם געשיקט. אבער זיי האבען גשוואוסט אז מיט דעם וועט ניט נעהמען קיין ענדע. ער וועט פאדערן נאך געלט, און אלע מאל גרעסערע סומען. און דאס איז נאך אויך דאס קלענסטע. ער וועט שטערען זייער רוה און וועט זיין פאר זיי אימער א שרעקענס־בילד און א שווערער קאשמאר. זיי וועלען אימער ארומגעהן אין ציטערניש טאמער דערצעהלט ער זייערע געהיימניסע און אינטריגען. זיי מוזען פון איהם בעפרייט ווערען.

און קאספארע האט גענומען אויף זיך די ארבייט אפצוראמען דעם שוסטער פון׳ם וועג.

ער איז אוועקגעפאהרען אין מעקסיקאלי און אפגעזוכט א אנפיהרער פון א רויבער־באנדע, אדער א "גענג". ווי מע רופט די שטאדטישע באנדעס אין די פעראייניגטע שטאאטען און איהם געזאגט אז ער וויל מיט איהם מאכען א געשעפט.

—ווער זיינט איהר? — האט דער גענג־אנפיהרער איהם געפרעגט.

—וואס געהט דאס אייך אן?

—דאס געהט מיך זעהר פיעל אן. מיר מאכען ניט געשעפטען מיט מענשען, וועלכע מיר קענען ניט, פיעלייכט זענט איהר א דעטעקטיוו. היינטיגע צייטען דארף מען זיין זעהר פארזיכטיג.

קאספארען איז זעהר ניט אנגענעהם געוועזן צו זאגען דעם רויבער ווער ער איז, ווער ווייסט? עס קען א מאל ארויסקומען, אבער ער האט זיך גאר ניט געקענט העלפען. דער רויבער האט מיט איהם ניט געוואלט רעדען ביז ער וועט איהם ניט געבען קיין קארט און בעווייזען מיט בריעף, וועלכע זיינען צו איהם אדרעסירט אז ער איז ווירקליך דער פאר וועלכען ער גיט זיך אויס. און קאספארע האט געמוזט נאכגעבען.

—נו? וואס פערלאנגט איהר? — האט דער רויבער איהם געפרעגט נאכדעם ווי ער האט שוין געוואוסט מיט וועמען ער רעדט.

— דא אין שטאדט וואוינט א שוסטער מיט׳ן נאמען נאטאכע גאמעז — האט קאספארע אנגעהויבען.

— איך קען איהם — האט דער רויבער איהם איבערגעשלאגען — ער איז אויך א קאנטראבאנדיסט.

— יא — האט קאספארע געזאגט — איז ער פיעלייכט אייערער א פריינד?

— א בעקאנטער. אבער דאס וועט מיר ניט שטערען צו מאכען דעם דזשאב. ניט מעהר, עס וועט קאסטען א ביסעל טהייערער. וואריום ער איז בעפריינדעט מיט איינינע פון די מיטגלידער פון אונזער געזעלשאפט, און איז זעהר א גוטער יונג. ווען ער האט געלד האט ער ליעב צו טראקטירען, און איז איבערהויפט א גוטער און לוסטיגער קערל. אבער איך

וויים דאך נאך גאר ניט וואס איהר פערלאנגט ?

— ער איז מיר אין וועג און דארף **אבגעראמט** ווערען.

— מיר קענען איהם צווינגען ער זאל פערלאזען די שטאדט.

— דאס איז ניט גענוג.

— מיר קענען איהם צווינגען ער זאל פערלאזען דאס לאנד.

— אויך דאס איז ניט גענוג.

— ער מוז אלזא איבערטראנספערירט ווערען אין דעם לאנד פון וואנען מען קומט ניט צוריק.

— אט דאס איז וואס איך פערלאנג.

דער רויבער האט זיך פערטראכט.

— דאס וועט זיין א שווערער דזשאב — האט ער געזאגט — ווארים מיינע לייט זיינען מיט איהם בעפריינדעט און האלטען פון איהם. עס איז מעגליך אז איך וועל מוזען דינגען מענשען פון אן אנדער גענג. אלזא, קורץ און שארף, דאס געשעפט וועט אייך קאסטען צעהן טויזענד דאלאר.

— וועגען דער פרייז וועט קיין אבהאלט ניט זיין — האט קאספארע געזאגט — אבער וואו איז מיין פערזיכערונג אז איהר וועט זיין מיט מיר אויפריכטיג ?

— איהר קענט זיין דערביי ווען דער דזשאב וועט געמאכט ווערען. איהר קענט אייך פארמאסקירען און געהן מיט אונז.

— דאס איז פאר מיר צו ריזיקאליש —- האט קאספארע געזאגט — אבער מיר קענען עס מאכען אויף אן אנדער ארט. איך וועל אייך געבען האנד־געלד און איהר וועט געהן מיט אייערע לייט און איהם צורעכט מאכען און מיר וועזען זיין טויטען קערפער.

— **אפגעמאכט** — האט דער רויבער געזאגט—**א העלפט** מוזט איהר גלייך געבען.

קאספארע האט איהם געגעבען פינף טויזענד דאלער, און דער רויבער האט איהם פערזיכערט אז מארגען ביינאכט וועלען זיי איהם וועזען דעם שוסטער׳ס טויטען קערפער.

זיי האבען זיך געפונען אין א קליין שטיבעל אין א פארווארפענע גאס, און אהער האט קאספארע געדארפט קומען מארגען צווישען איינס און צוויי ביינאכט זעהען נאטארעס טויטען קערפער.

ווי קאספארע איז אוועקגעגאנגען פון׳ם רויבער איז דער לעצטער געבליבען זיצען זעהר אונרוהיג.

“נאטארען ערמארדען” האט ער געמורמעלט צו זיך אליין. “זעהר אונאנגענעהם, ער איז א גוטער, לוסטיגער טייפעל, ער בעלאנגט צו אונזער קלאס, א קאנטראבאנדיסט איז א באנדיט אזוי גוט ווי א רויבער, און אלע האבען איהם ליעב, עס איז זעהר אונאנגענעהם”.

עס איז איהם אבער געווען א שאד ארויסצולאזען פון דער האנד אזא פערדיענסטעל, צעהן טויזענד דאלאר! און ער האט בעשלאסען צו געהן האלטען אן עצה מיט “עלפאנט׳ס איינִיקעל”, א ריין בלוטיגער אינדיאנער, וועלכער איז געווען א מיטגליעד פון דער באנדע און איז גערעכענט געווארען פאר זעהר א געשייטען באנדיט.

ער האט איהם אפגעזוכט אין א הינטער צימער פון א נאהענטען ווייןהויז, וואו עס פלעגט פארקעהרען דער אויסוואורף פון דער געזעלשאפט, און איז מיט איהם ארויסגעגאנגען אין אין דרויסען און איהם דערצעהלט וועגען דער נייער אונטערנעהמונג.

אונמעגליך, לואו — האט “עלפאנט׳ס איינִיקעל” געזאגט—נאטארע איז פון אונזערע מענשען און ער איז א גוטער קערל. ער האט ערשט יענע וואך געקראגען א גרויסע סומע געלד און האלט אין איין טראקטירען אלע אונזערע לייט. אפשר טויזענד דאלאר האט ער שוין פערטרונקען מיט אונז פון יענע וואך אן, דו אליין ביזט דאך נעכטען געשוען מיט שכור פון זיין וויין. ניין, לואו, איך בין א אינדיאנער, מענשען פון מיין “גענג” זיינען מענשען פון מיין שטאב, און נעגען מענשען פון זיין שטאם איז א אינדיאנער קיינמאל ניט קיין פערעטהער.

— אבער דאס איז דאך א געוואלדיגע סומע געלד! באַרעכען נאָר, צעהן טויזענד דאָלער. פינף טויזענט האט ער שוין געגעבען!

— גיב זיי איהם אב!

—רעד נישט קיין נארישקייטען. עלפאנט׳ס איינִיקעל. קיין געלד גיט מען ניט צוריק, און מען דארף זעהן ארויסקריגען אויך די איבריגע פינף טויזענד דאָלער. געפין עפעס א מיטעל, ביזט דאך אזא קלוגער מענש, דער שווארץ יאהר זאל דיך נעהמען! געפין א מיטעל ווי מיר זאלען קענען ביי דעם קליענט ארויסקריגען די איבריגע פינף טויזענד דאָלער און נאטארע זאל דאך בלייבען לעבען.

—וואס איז דער אפמאך? מוז דער קליענט זעהען נאטארא׳ס טויטען קערפער?

—מארגען ביי נאכט, צווישען צוועלף און איינס, דארף דער קליענט זיין ביי מיר אין הויז און זעהן נאטארע׳ס טויטען קערפער.

—גוט! — האט ״עלפאנט׳ס אייניקעל״ געזאגט — איך האב א עצה.

—וואס זאלען מיר טהון?

—מיר וועלען מאכען נאטארע׳ן פאר א פארטנער צום געשעפט.

—וואס מיינסטו, עלפאנט׳ס אייניקעל?

—נאטארע וועט האבען א חלק אין די צעהן טויזענד דאלאר, און דיין קליענט וועט איהם זעהען מארגען ביי דיר אין הויז א טויטען, און ער וועט ניט זיין טויט.

—ביזטו ביים זינען, אדער דער וויין רעדט פון דיר?

—עלפאנט׳ס אייניקעל איז אלע מאל ביים זינען, און דו רעדסט גאר ניט צו מיר אזוי גראב, פארגעס ניט אז מיין זיידע, דער גרויסער ״עלפאנט״ איז געווען א קעניג און אז אין מיינע אדערען פליעסט זיין בלוט. קום מיט מיר אפזוכען נאטארע׳ן וועסטו הערען מיין פלאן.

זינט נאטארע האט געקראגען די צוויי טויזענד דאָלאר פון אלבערטא׳ן איז ער קיין איין טאג ניט געווען ניכטער. ער איז ארומגעגאנגען פון ווייצהויז צו וויינהויז און געטרונקען און טראקטירט אנדערע. גנבים, קאנטראבאנדיסטען, רויבער — אלע זיינען געווען זיינע גוטע ברידער. זיי זיינען אלע גלייך געוואהר געווארען אז ער האט געקראגען א אוצר און זיינען געקומען צו איהם פון אלע עקען פון דער שטאדט איהם צו העלפען פערשווענדען דאס גאלד.

״עלפאנט׳ס אייניקעל״ און לואז האבען איהם אפגעזוכט אין א וויינהויז, און ווען ער האט זיי פארגעשלאגען צו טרינקען מיט איהם האבען זיי איהם געזאגט אז ניט צוליעב דעם זיינען זיי געקומען. זיי דארפען מיט איהם רעדען ביזנעס.

—צום טייפעל מיט ביזנעס! — האט נאטארע געזאגט — מע דארף טרינקען. איצט האב איך געלד, מוזען מיר טרינקען. וואס טהו איך אז איך גיב פלוצים מארגען א שטארב אוועק? וועט דאך נאר זיין א פערדראס: געהאט געלד און ניט געטרונקען!

״עלפאנט׳ס אייניקעל״ האט איהם אנגענומען ביי איין האנד און לואז ביי דער אנדערער און איהם ארויסגעפיהרט פון׳ם הויז.

—ווי קען מען מיט איהם ריידען אז ער איז טויט־שכור? — האט לואז געזאגט צום אינדיאנער.

—איך וועל איהם באלד אויסניכטערן — האט דער אינדיאנער געזאגט —לאמיר איהם נאר אריינפיהרען צו דיר אין הויז.

אבער עס איז גאר ניט נויטיג געווען נאטארע׳ן אויסצוניכטערן. שכרות איז געווען נאטארע׳ס נארמאלער צושטאנד. ווארום ער איז אלע מאל געווען שכור. עס איז נאר געווען א פראגע פון גראד. אבער ווי שכור ער איז געוו״ האט ער אלע מאל געוואוסט ווי ער איז אין דער וועלט און האט געקענט טהון זיין ארבייט און פערשטעהן וואס מען רעדט צו איהם.

ווען מען האָט איהם דערציהלט אז ער איז מיט א מאָל געוואָרען אזא וויכטיגע פּערזאָן אז א מענש וויל געבען צעהן טויזענד דאָלאַר מען זאָל איהם אפּראַמען פון׳ם וועג האָט ער זיך צולאַכט.

—צום טייפעל ! — האָט ער געזאָגט —איך וואָלט וועלען זיין א פּאַרטנער צו די ביזנעס. וואָס זשע ? אויף יענער וועלט איז דען ניטאָ קיין ווייַן ? איז דען מעגליך עס זאָל זיין א וועלט אהן וויין ?

—דאָס איז ניט קיין שפּאַס — האָט לואַז געזאָגט — אָבער "עלפאַנט׳ס אייניקעל" האָט א פּלאַן ווי מיר זאָלען דיך טויטען און דו זאָלסט ניט זיין טויט.

—דאָס איז אינטערעסאַנט — האָט נאַטאַרע געזאָגט — אויף מיין וואָרט, דאָס איז אינטערעסאַנט, נו, עלפאַנט׳ס אייניקעל ! לאָמיר הערען דיין פּלאַן, אָבער אפילו ווען איך זאָל שטאַרבען טאַקע אויף אן אמת, האָב איך אויך גאָר ניט דאַגעגען, אז מיינע פריינד קענען דורך מיר פערדיענען צעהן טויזענד דאָלאַר בין איך גרייט זיי צו דיענען. פריינדשאַפט —דאָס איז די איינציגע זאַך וואָס שטעהט העכער פון טרינקען.

—נו ? — האָט "עלפאַנט׳ס אייניקעל" זיך געווענדעט צו לואַז׳ן — און אזא געטרייען פריינד האָסטו געוואָלט אפּראַמען צוליעב לומפּיגע צעהן טויזענד דאָלאַר !

—זאָג ניט אז איך האָב געוואָלט. איך בין געקומען צו דיר און דיך געפרעגט אן עצה. איצט זאָג אונז דיין פּלאַן.

—זאָג דיין פּלאַן, עלפאַנט׳ל — האָט נאַטאַרע געלעגט ליעבליך זיין האַנד אויפ׳ן אינדיאַנער׳ס אַקסעל — איך האָב דיך ליעב. אפשר ווילסטו איך זאָל דיך טראָגען אַביסעל אויף די פּלייצעס ?

—רעד ניט קיין נאַרישקייטען. נאַטאַרע, און הערט אויס מיין פּלאַן. איך האָב מעדיצין, וועלכע מיין זיידע, דער גרויסער עלפאַנט, האָט אויסגעפונען. די מעדיצין, ווען מען טרינקט אויס פון איהר א עס־לעפעל, ווערט מען טויט. מען בלייבט ליגען ווי א קלאָץ און מען קען ניט ריהרען מיט קיין אבר. מען קען דיך שלאָגען, קנייפּען, שטעכען און דו וועסט גאָר ניט פיהלען. אָבער דו ביזט ניט טויט. ביזט נאָר פערשטיינערט. ווען מען לאָזט דיך אזוי ליגען חויבסטו דיך שוין ניט אויף. אָבער ס׳איז דאָ אן אַנדער מעדיצין, אויך מיין זיידען׳ס ערפינדונג, וועלכע האָט פּונקט א ענטגעגענגעזעצטע ווירקונג פון דער ערשטער, און ווען מען גיסט דיר אריין א עס־לעפעל פון דער צווייטער מעדיצין שטעהסטו אויף.

—איך האָב קיינמאָל ניט געהערט פון אזעלכע מעדיצין — האָט נאַטאַרע געלאַכט — אָבער, אז דו, עלפאַנטעל, זאָגסט איז עס געוויס ריכטיג. און אויב אפילו איך וועל מיך שוין מעהר ניט אויפהויבען, נו, איז וואָס נאַטאַרע גאַמען האָט ניט קיין מורא פאַר׳ן טויט און צוליעב גוטע ברידער איז ער גרייט אלץ דינג צו טהון.

—נאַטאַרע ! — האָט דער אינדיאַנער געזאָגט אנגעהמעודיג דעם שומטער ביי דער האַנד — וואָס איך זאָג דיר איז הייליג. איך האָב די מעדיצין אויף מיר אליין געלאָזט אויספּריפען. די ווייסע מענשען האָבען אוניווערזיטעטען און קאָללעדזשעס, אָבער זיי וועלען נאָך אין צעהן טויזענד יאָהר אַרום ניט וויסען די געהיימניסע פון די גראָזען וואָס די אינדיאַנער האָבען געוואוסט, און מיין זיידע איז געווען דער גרעסטער־וואונדער־היילער צווישען די אינדיאַנער.

אָבער עס איז גאָר ניט געווען נאַטאַרע׳ן אזוי פיעל צו פערזיכערען. ער איז געווען גרייט צו נעהמען דעם אינדיאַנער׳ס מעדיצין וואָס די רעזולטאַטען זאָלען ניט זיין.

אויף מאָרגען, צווישען צוועלף און איינס ביינאַכט, איז קאַספּאַרע געקומען צו לואַז׳ן אין הויז, און לואַז און דער אינדיאַנער האָבען איהם אריינגעפירט אין א הינטער־צימער וואו נאַטאַרע איז געלעגען אויף א זאַק שטרוי בעוועגלאָז און

ניט אטהעמענדיג, נאך אללע אויסערליכע סמנים טויט.

— מיר האבען איהם פערגיפטעט — האט לואז געזאגט.

און קאספארע איז געווען צופריעדען און בעצאהלט די איבריגע פינף טויזענד דאלאר.

קאפיטעל 28.

קאספארע ארויסגעטריבען פון'ם פאלאץ.

א גליקליכער איז קאספארע געפאהרען צוריק קיין מערידא. ענדליך האט ער ערייכט זיין צוועק און וועט שניידען די תבואה פון זיינע אינטריגען און נידערטרעכטיגקייטען וועלכע ער האט פערזעעט און געאקערט אין די לעצטע אכצעהן יאהר. סענאר ליאבא, איז ער געווען זיכער, וועט שוין פון עספעראנזא'ס פריזאן קיין לעבעדיגער ניט ארויסקומען. הערמאנאס איז אראפ'געפטריט פון'ם וועג, דער פערפלוכטער נאטארע וועט איהם שוין אויך מעהר ניט בעאונרוהיגען. איצט וועט ער קענען פריי אויפאטהעמען און זעהן ווי זיין זוהן, זיין אלבערטא, איז דער זילבער־קעניג פון מעקסיקא, מיט א גרעסערע מאכט אין לאנד ווי ווען ער וואלט געווען אן אמת'ער קעניג.

אבער באלד האט זיך דער לויטערער הימעל איבער זיין קאפ פארצויגען מיט וואלקענס. ווען ער האט זיך געזעצט אין טריין אהיים צו פאהרען האט ער דערהערט א געשריי פון עטליכע ניוס־באיס „עקסטרא! א גרויסע שלאכט ביי מערידא. עספעראנזא'ס לאגע זעהר קריטיש.

ער האט געכאפט א צייטונג און פון צווישען די שורות פון די נייעס האט ער געזעהן אז עספעראנזא'ס לאגע איז ניט נאר קריטיש, נאר אז זיין ארמעע איז צוקלאפט און אז די רעוואלוציאנערען האבען צו פערצייכנען אייענם פון די גלענצענדסטע זיעגע.

דאס הייסט אז דער שטאט סאנארא איז יעצט ווידער פאלשטענדיג אין די הענד פון די רעוואלוציאנערען. דאס אליין איז שוין זעהר שלעכט פאר איהם מיט אלבערטא'ן, ווארום ראזעטא איז מיט מאדערא'ן, און ער וועט זי שטיצען און זעהן זי זאל האבען א העלפט פון דעם גרויסען פערמעגען אויב ליאבא איז טויט. אבער עס איז דאך גאר מעגליך אז ליאבא לעבט און איז שוין צוריק אין פאלאץ....

און ווען ער איז אנגעקומען קיין הערמאסילא האט איהם ווי א דונער דערשלאגען די נאכריכט אז דאס ערגסטע פאר וועלכען ער האט זיך געשראקען איז געשעהן.

ליאבא לעבט און איז צוריק אין דער היים.

זיין הארץ איז אין איהם אפגעשטארבען. ער האט געוואוסט אז ליאבא וועט נאר איהם אליין חושד זיין אין דער מסירה אויף איהם, ווארום דאס וואס עספעראנזא ווייסט אז ער איז א איד האט ניט געקענט קומען פון קיין אנדער קוועלע. זיין מוטה האט איהם פערלאזט. אבער ער האט בעשלאסען גלייך צו זעהן ליאבא'ן, און וויסען בעשטימט וואו ער האלט.

— איך בין גליקליך אייך ווידער צו זעהן אין דער היים — האט ער געזאגט גלייך ווי ער איז אריינגעקומען אין ליאבא'ס קאבינעט.

ליאבא האט איהם ניט געגעבען די האנד און איהם גאר ניט געענטפערט. זיינע בלינדע אויגען האבען געקוקט אויף איהם און דער אינטריגאנט האט געפיהלט אז די אויגען, וועלכע זעהען ניט זיין געזיכט, זעהען אבער זיינע בעהאלטענע געדאנקען.

— ווי פיהלט איהר זיך, סענאר? — האט קאספארע זיך ניט וויסענדיג געמאכט פון ליאבא'ס קאלטער אויפנאהמע און זיך בעמיהט צו רעדען מיט אזא רוהיגען טאן ווי ער וואלט געווען דער אונשולדיגסטער מענש אין דער וועלט.

— מען קען זיך ניט פיהלען זעהר גוט נאכדעם ווי מען ליעגט אפ זעקס טעג אין א גרוב אלס עספעראנזא'ס געפאנגענער און דער אייגענער זוהן און די בעסטע פריינד קימערען זיך גאר ניט וועגען דעם.

— סענאָר ליאָבא !—האָט קאַספּאַרע געזאָגט צוגעהענדיג נעהענטער צום בלינדען — סענאָר אַלבערטאַ און איך זיינען געווען צעהנדליגע מאָל ביי עספּעראַנזאַ'ן און איהם פאָרגעשלאָגען גרויסע סומען געלד פאַר אייער בעפרייאונג, אָבער ער האָט ניט געוואָלט הערען, עס איז אונז זאָגאָר געווען אונמעגליך איהם צו בעוועגען ער זאָל אונז ערלויבען אייך צו זעהן.

ליאָבא האָט איהם גאָר ניט געענטפערט. ער האָט נאָר געקוקט אויף איהם מיט זיינע בלינדע אויגען, און קאַספּאַרע האָט ווידער געהאַט דעם געפיהל אַז די בלינדע אויגען, וועלכע זעהען ניט זיין געזיכט, זעהען זיינע פערבאָרגענסטע געדאַנקען.

— זיצט — האָט ליאָבא געזאָגט נאָך אַ קורצען שטיל־שווייגען.

קאַספּאַרע האָט זיך געזעצט און געקוקט מיט צוגעשמידטע בליקען אויף דעם בלינדען מאַן.

— זאָגט מיר — האָט ליאָבא זיך געווענדעט צו איהם — איהר זיינט דאָך אַ קלוגער מענש — ווי האָט עספּעראַנזאַ געקענט וויסען אַז איך האָב געשטיצט מאַדעראַ'ן מיט געלד ?

— איך קען דאָס ניט בעגרייפען — האָט קאַספּאַרע געענטפערט — אַ זאַך וועלכע אפילו איך האָב ניט געוואוסט.

— און ווער האָט איהם געקענט איבערגעבען אַ צעטעלע, וועלכעס מאַדעראַ האָט מיר געשיקט ? אַ צעטעלע, וועלכעס איך האָב צוריסען און אריינגעוואָרפען אין קאַרב ?

— די איינציגע ערקלעהרונג קאָן נאָר זיין, אַז ביי איך אין הויז איז דאָ אַ שפּיאָן. צווישען אַזוי פיעל דיענער און אנגעשטעלטע איז דאָס זעהר מעגליך.

— אַ שפּיאָן, הם.....איך האָב אויך אַזוי גערעכענט — האָט ליאָבא געצויגען די ווערטער — אָבער זאָגט מיר, סענאָר קאַספּאַרא, איהר זיינט דאָך זעהר אַ קלוגער מענש, ווער האָט געקענט איבערגעבען עספּעראַנזאַ'ן מיינס אַ געהיימניס, וועלכעס נאָר איהר אליין ווייסט ?

— אַ געהיימניס, וועלכעס נאָר איך אַליין ווייס ? איך קאָן מיך ניט ערינערען איהר זאָלט מיר האָבען פערטרויט עפּעס אַ געהיימניס.

— איך האָב עס אייך ניט פערטרויט, אָבער איהר האָט עס אַליין אויסגעפונען....מיט אַכצעהן יאָהר צוריק.

—אַליין אויסגעפונען?...מיט אַכצעהן יאָהר צוריק ? — האָט קאַספּאַרע געמאַכט דעם אָנשטעל ווי ער וויל זיך דערמאָהנען וועגען וועלכען געהיימניס סענאָר ליאָבא רעדט — איך געדיינק ניט. איך קען ניט ארויסרופען פון מיין ערינערונג קיין געהיימניס.

— מיט אַכצעהן יאָהר צוריק, ווען איהר זיינט צוריקגעקומען פון מאַנטשעסטער, וואוהין איהר זייט געפאָהרען אַפּפיהרען אַלבערטאַ'ן צו מיין ברודער, האָט איהר מיר געזאָגט אַז אין מאַנטשעסטער געהט אום אַ קלאַנג אַז מיין ברודער שטאַמט פון אַן אַלטער שפּאַניש־אידישער פאַמיליע. איך האָב אייך געזאָגט אַז דאָס איז וואָהר, אַז מיין ברודער, ווי איך, שטאַמען פון אידען, און האָב אייך געבעטען דאָס זאָל בלייבען אַ געהיימניס. איך האָב דיזעס געהיימניס זאָגאָר אַלבערטאַ'ן ניט ענטדעקט. ווי האָט דאָס עספּעראַנזאַ געקאָנט וויסען ? ווער האָט דאָס איהם געקענט דערצעהלען ?

— סענאָר ליאָבא !—האָט קאַספּאַרע געזאָגט אין אַ טאָן פון בעליידיגטען שטאָלץ—פון דער אַרט און ווייזע ווי איהר שטעלט מיר די פראַגען, איבערהויפּט די לעצטע, שיינט מיר אַז איהר פערדעכטיגט אַז איך בין געווען דער וועלכער האָט געזאָגט עספּעראַנזאַ'ן אַז איהר זייט אַ איד.

— יאָ, קאַספּאַרע, איך פערדעכטיג אייך. קיין אַנדער מענש אין דער וועלט האָט דאָס ניט געקענט דערצעהלען, און דיזער פערדאַכט פיהרט מיך אויך צו דער פערדעכטונג אַז איהר זייט דער יעניגער וועלכער האָט מיטגעטהיילט עספּעראַנזאַ'ן וועגען מיינע בעציהונגען צו דער רעוואָלוציאָן און איהם איבערגעבען מאַדעראַ'ס צעטעלע צו מיר.

— סענאָר ליאַבאַ!—האָט קאַספּאַרע אויסגערופען אויפשפּרינגענדיג פון דעם אָרט—אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז פאַר מיר אונמעגליך אַנצוהאַלטען ליינגער מיין שטעלע ביי אייך.

— גאַנץ בעשטימט — האָט ליאַבאַ געזאָגט — און עס איז אויך פאַר אייך אונמעגליך צו פערבלייבען לענגער ביי מיר אין הויז. איהר וועט דאָך פערשטעהן, סענאָר קאַספּאַרע, אַז איך קאָן ניט האָבען ביי מיר אין הויז אַ מענשען, וועלכען איך פערדעכטיג אַז ער זוכט מיין אונטערגאַנג.

— איהר האָט רעכט, סענאָר ליאַבאַ — האָט קאַספּאַרע געזאָגט אויפשטעהענדיג—איך קאָן אונטער אַזעלכע אומשטענדען ניט וואוינען מעהר ביי אייך אין הויז און פערוואַלטען אייערע געשעפטען. מיינע רעכנונגען מיט אייך וועלען געמאַכט ווערען דורך מיינעם אַ פערטרעטער און עס בלייבט מיר נאָר איבער ווי אייך צו ווינשען אַ גוטע נאַכט. אָבער איין בעמערקונג מוז איך מאַכען פאַר מיין אַוועקגעהן: איך האָב אייך געדיענט טריי און איבערגעבען פיער און צוואַנציג יאָהר. אונטער מיין אויפזיכט האָבען אייערע מיענען און פלאַנטאַציעס אויפגעבליהט און איהר זייט געוואָרען דער רייכסטער מאַן אין מעקסיקאָ. ווען איך וואָלט געוועזען אַ פאַלשער מענש, וואָלט איך אויך געוועזען אַ פאַלשער געשעפטס־פערוואַלטער, אָבער אייערע אוידיטאָרס האָבען אַלע מאָהל געפונען די ביכער אין דער בעסטער אָרדנונג און מיין געשעפטס־פיהרונג אַלס אַ מוסטער פון פינקטליכקייט און עהרליכקייט. איך האָף אַז איהר וועט אייך אויך איבערצייגען אַז אייערע פערדעכטיגונגען אויף ברונאָ קאַספּאַרע אַלס מענש און פריינד זיינען אונבעגרינדעט און איהר וועט בערייהען אייער איצטיגע האַנדלונג. אַדיאָס!

און מיט די ווערטער איז קאַספּאַרע אַרויס פון'ם קאַבינעט.

„עס איז בעסער אַזוי" האָט דער אינטריגאַנט געזאָגט צו זיך אַליין ווען ער איז געוועזען ביי זיך אין אַפּאַרטמענט.

פון ווייטען וועל איך מעהר קענען אויסטהאָן ווי פון דער נאָהענט און וועל זיין וויינגער אין געפאַהר צו ציהען אויף זיך פערדאַכט. וואַרט, פערפלוכטער איד! דו וועסט באַלד זעהן אַז ברונאָ קאַספּאַרע האָט די אַלע פיער און צוואַנציג יאָהר ניט געאַרבייט פאַר דיר, נאָר פאַר זיך און זיין קינד."

קאַפּיטעל 24.

דער סענזיישאָן אין סאַן פראַנציסקאָ

ווען וויליאַם ראַלף וואַרד איז אהיים געקומען פון זיין רייזע נאָך דזשעמייקאַ און דערהערט אַז זיין בעליעבטע טאָכטער ליליאַן איז אַוועקגעפאָהרען קיין קינגסטאַן, צו הערמאַנאָס'ן, ניט בעטענדיג קיין ערלויבניס ניט ביי איהם און ניט ביי דער מוטער, האָט איהם די געשיכטע זעהר פאַרדראָסען.

ניט נאָר האָט איהם פערדראָסען איהר ווילדע האַנדלונג אַוועקצופאָהרען צו אַ יונגען מאַן אָהן אַ בעגלייטערין און אָהן דער ערלויבניס פון די עלטערן, נאָר איהר ליעבע פאַר דעם יונגען מאַן, וועלכע איז געוועזען די אורזאַכע פון דער ווילדער האַנדלונג, האָט איהם פערדראָסען.

ווער איז דאָס הערמאַנאָס? אַ מעקסיקאַנער יונגערמאַן פון דער גאַנץ נידעריגער קלאַססע, ערצויגען געוואָרען ערגיץ אין אַ שטעדטיל ביי אַן אָרימען שוסטער אין הויז. איז דאָס אַ פּאַרטי פאַר זיין טאָכטער? ליליאַן וואַרד, וועלכע ווערט גערעכענט צווישען די שעהנסטע און אינטעליגענסטע מיידלעך אין סאַן פראַנציסקאָ, און האָט איהם, וואַרד'ן, פאַר אַ טאַטען—אַ מענש מיט אַזאַ גרויסען יעהרליכען איינקונפט און מיט אַזאַ איינפלוס אין פּאָליטישע קרייזען — אַזאַ מיידעל כאַפּט און פערליעבט זיך איבער די אויערען אין דעם אינסורעקטאָ וועלכער איז געוועזען זיין לייבוואַכע, זיין דיענער הייסט עס!...

זיין ערגערניש אין פאַרדרוס זיינען געוועזען זעהר גרויס, אָבער ער האָט בעשלאָסען צו האַנדלען מיט זיין טאָכטער דיפּלאָמאַטיש.

ווען ער וועט איהר שרייבען אַ בייזען בריעף און אַרויסזאָגען אָפען זיין

אונצופריעדענהייט מיט איהר ליעבע און אוועקנעהמען פון איהר יעדע האפנונג אויף זיין פערצייהונג און צושטימונג, קען זי נאך דארט מיט איהם חתונה האבען. ניין, ער וועט איהר שרייבען א גאנץ מילדען בריעף און ניט ארויסווייזען זיין געגנערשאפט צו הערמאנאס'ן. פארקעהרט, ער וועט רעדען וועגען הערמאנאס'ן אין אזא שפראך אז זי זאל גלויבען אז ער האט גאר ניט געגען דעם שדוך, נאר ער וועט זי בעטען זי זאל גלייך אהיים קומען. און ווען זי וועט שוין זיין אין דער היים וועט ער שוין וויסען וואס ער האט צו טהון.

אבער נאך איידער עס איז צייט געוועזען ער זאל קריגען אן ענטפער אויף זיין "דיפלאמאטישען" בריעף האט ער ערהאלטען א בריעף פון ליליאן אז זי פאהרט ארויס פון קינגסטאן צוזאמען מיט דאקטאר מארגאן און הערמאנאס'ן, וועלכע וועלען זי בעגלייטען ביז סאן פראנציסקא.

ער האט ערווארטעט צו האבען פון איהר נאך בריעף פון'ם וועג, און איז געווען זעהר ענטוישט ווען עס איז אוועק א טאג נאך א טאג און ער האט ניט ערהאלטען פון איהר קיין ווארט. עס איז אוועק א וואך און צוויי און דריי. עס איז שוין לאנג אריבער די צייט וואס די רייזע פון קינגסטאן נאך סאן פראנציסקא האט געדארפט געדויערען. ווען זיי זאלען זאגאר פאהרען מיט'ן לאנגזאמסטען שיפעל, און ניט זיי זיינען געקומען ניט זיי האבען געלאזט הערען פון זיך.

ווארד איז געווארען זעהר אונרוהיג. ער האט געשיקט א דעפעשע צום יונייטעד סטייטס קאנסול אין קינגסטאן, אויפפאדערענדיג איהם ער זאל נאכפרעגען און מאכען אונטערזוכונגען צו איז ניט געשעהן אן אונגליק מיט א דאמפפערל מיט'ן נאמען "די טויב" וועלכעס האט דעם 2טען אויגוסט פארלאזט דעם קינגסטאן'ער האפען. דער קאנסול האט געטאהן אלעס וואס ער האט נאר געקענט. ער האט געשיקט מענשען צום האפען, וועלכע האבען געפרעגט ביים קעפטען פון יעדען אריינקומענדען דאמפפער און קלענערע שיף, אויב זיי האבען ניט בעגעגענט ערגיץ "די טויב", אדער זיי האבען ניט געהערט עפיס וועגען אן אונגליק מיט א שיף. אבער זיינע מענשען האבען גאר ניט געקענט אויסגעפינען. קיין קעפטען האט ניט בעגעגענט "די טויב", קיינער האט גאר ניט געוואוסט פון אזא מין שיף, און פון קיין אונגליק מיט א שיף האט מען ניט געהערט.

די גאנצע צייט האט ווארד געהאלטען די געשיכטע בסוד. ער האט ניט געוואלט בעקאנט מאכען פאר דער וועלט דעם פאקט אז זיין טאכטער איז אוועקגעפאהרען קיין דזשאמייקא איינע אליין. ווארום פאר זייערע בעקאנטע האבען די ווארדס געזאגט אז ליליאן איז אוועקגעפאהרען צו פריינד אין וואשינגטאן. אבער ווען עס זיינען אוועק זעכס וואכען און ווארד האט ערהאלטען פון'ם קאנסיל אין קינגסטאן אן ענטפער אז ער קען גאר ניט אויסגעפינען און אז קיין קעפטען ווייס ניט פון דער שיף "די טויב" און אז זיין מיינונג איז אז "די טויב" איז א פיראטען־שיפעל, וועלכע שטעלט נאר אויף דעם נאמען ווען זי איז אין קינגסטאנער האפען און אויפ'ן וואסער טראגט זי אן אנדער נאמען. ווי עס טהוען פיעלע פיראטען־שיפלאך, אום זיי זאלען ניט גלייך דערקענט ווערען אין פאל מען יאגט זיי נאך — דאן האט ווארד אוועקגעלעגט די בושה און א זייט און בעקאנט געמאכט דורך די צייטונגען זיין גרויסען אונגליק אפער'נדיג א בעלוינונג פון הונדערט טויזענד דאלאר יעדען וואס וועט איהם אפברייגען זיין טאכטער.

שיפס־קאפיטאנען זיינען געבעטען געווארען אפצושטעלען יעדעס קלענערע דאמפפערל אדער זעגלשיפעל וואס זיי בעגעגנען אויפ'ן וואסער, און זוכען אין די קאיוטעס און אין די אונטערשטע דעקען. האפען בעאמטע זיינען אויפגעפאדערט געווארען צו טהון דאסזעלבע מיט די שיפלאך, וועלכע קומען אריין אין די האפענס.

ליליאן'ס בילד איז אריינגעשטעלט געווארען אין די צייטונגען און רעטעק-

טיווס איבער גאנץ יתּייטעד סטייטס האבען געהאט קאפיעס פון דעם בילד. טויזענדער פריוואט מענשען האבען אויסגעשניטען ליליאן'ס בילד פון די צייטונגען אין דער האפנונג אז זיי וועלען זי ערגיץ אנטרעפען און פארדינען די גרויסע סומע, וועלכע איז געאפערט געווארען אלס "רעוואורד".

דאס איז געווען איינע פון די גרעסטע סענסיישאנס וואס סאן פראנציסקא האט ווען געהאט. ליליאן וואָרד איז פארפאלען געווארען! ליליאן וואָרד איז ערגעץ אויף א פיראטען־שיף! אין די רייכע און אריסטאקראטישע קרייזען האט יעדער איינער געקענט ליליאן וואָרד. און זי איז געווען פון איטליכען געליעבט און געאכטעט. זי איז גערעכענט געווארען צווישען די גרעסטע שעהנהייטען פון סאן פראנציסקא, און פאר זעהר אינטעליגענט און קלוג אין "טייפליש ווילד", וועלכעס איז אין די אריסטאקראטישע קרייזען אין דער לעצטער צייט געהאלטען געווארען פאר א גרויסע מעלה.

דעם פראסטערען עולם איז אויך דער נאמען ליליאן וואָרד געווען בעקאנט, ווארום איהר בילד פלעגט אפט זיין אין די זאנטאגרצייטונגען צווישען די ""סאסייעטי ביוטים" און אין יעדען בעריכט פון א פערד אויסשטעלונג, א אפערא, א אריסטאקראטישע חתונה און א עהנליכע עראייגניס איז אלע מאל געווען דערמאהנט דער נאמען ליליאן וואָרד.

און ניט נאר איז די פאסירונג געווען א סענסיישאן פאר סאן פראנציסקא אליין. דאס גאנצע לאנד האט געקאכט מיט איהר, ווארום מיסטער וואָרד'ס נאמען איז געווען בעקאנט איבער'ן גאנצען לאנד.

אויפ'ן וואסער און אויפ'ן לאנד האט מען געזוכט די פארפאלענע טאכטער פון וויליאם ראלף וואָרד.

מיסטער וואָרד האט זיך ניט בענוגענט מיט די בעקאנטמאכונגען אין די צייטונגען און מיט דער ארבייט פון דער פאליציי. ער האט אליין ארויסגעשיקט עטליכע שיפען אין די וואסערען פון דזשעמייקא, מיט אינסטרוקציאנען צו בעזוכען אלע קאאיקא אינזלען און אנדערע אינזלען, זיך ארומדרעהען אין די פערשיעדענע בעים און גאלפס און אפּשטעלען יעדעס שיפעל וועלכעס זיי וועלען בעגעגנען. ער האט אויך אנגעשטעלט פריוואט דעטעקטיווס צו וואטשען די האפענס פון די גרעסערע שטעדט און זיך אומדרעהען אין די סאלונען און אנדערע ערטער וועלכע ווערען בעזוכט פון מאטראזען, טאמער וועלען זיי כאפּען עפּעס א ווארט און דערגעהן א שפור.

אבער עס זיינען אוועק וואכען און מאנאטען און עס איז ניט געקומען קיין פרעהליכער בעריכט ניט פון'ם וואסער און ניט פון'ם לאנד.

וואָרד האט געוואוסט פון די נאהנטע בעציהונגען צווישען ראזעטא ליאבא און דאקטאר מארגאן, און ער איז געווען זיכער אז אויב מארגאן האט נאר א מעגליכקייט צו לאזען הערען פון זיך, וועט ער געוויס דאס ערשטע שרייבען צו ראזעטא'ן. און נאך איידער ער האט בעקאנט געמאכט זיין אונגליק אין די צייטונגען האט ער געשריעבען קיין מערידא, צו סעניאר ליאבא און ראזעטא'ן. ועגען זיין טאכטער'ס פערשווינדען און זיי אנגעפרעגט אויב זיי האבען ניט געהערט עפּעס פון דאקטאר מארגאן, אבער ער האט ערהאלטען פון ראזעטא'ן אן ענטפער אז זייט דעם בריעף אין וועלכען מארגאן האט איהר געשריעבען אז ער פאהרט אפּ מיט ליליאן און הערמאנאס'ן נאך סאן פראנציסקא, און פון דארט וועט ער גלייך קומען קיין מערידא, האט זי פון איהם ניט געהערט.

עס זיינען אוועקגעגאנגען צעהן וואכען.

אין דער צייט זיינען כמעט יעדען טאג געווען אין די צייטונגען בעריכטען מיט שרייענדע קעפּ ועגען ליליאן וואָרד.

דא איז מיטגעטהיילט געווארען אז א שיף האט אנגעטראפען ערגיץ לעבען א אינזעל די פיראטען־שיף "די טויב" און יאגט זיך נאך איהר. דארט איז פער־

זיכערט געווארען אז מיסס ווארד איז געזעהען געווארען אין פאריז פאהרענדיג אין אן אטאמאביל. אויף מארגען האט מען זי שוין געזעהען אין אן אנדער שטאדט. מיט א פאאר טעג שפעטער איז זי שוין געוועזן ביי איהרע עלטערן אין הויז און אויף מארגען האט מען געפונען לעבען קינגסטאן, אויף א אינזעל, א טויטען קערפער פון א מיידעל, וועלכער שיינט צו זיין דער קערפער פון דער פערשוואונדענער ליליאן ווארד. דאן איז זי ווידער לעבעדיג געווארען און האט זיך ארומגעדרעהט ערגעץ אין א מיאוסער גאס אין שיקאגא.

אזוי האבען די צייטונגען אלע מאל זי געפונען און צוריק פערלוירען. זי געטויטעט און לעבעדיג געמאכט. און עס פערשטעהט זיך אז קיין איינציגער פון די אלע בעריכטען האט ניט ענטהאלטען קיין טראפען וואהרהייט.

מיסטער ווארד, וועלכער איז געוועזן א מאן פון א יאהר פופציג און האט ביז דעם אונגליק מיט זיין טאכטער אויסגעזעהן ווי נאך ניט קיין פערציג, האט איצט אויסגעזעהן מיט צעהן יאהר עלטער ווי ער איז געוועזן.

דער קאפ און די בארד גרוי, אין די אויגען א מאטטען בליק און דאס געזיכט אבגעצעהרט און געקנייטשט. ער איז געוועזן געבראכען אין קערפער און אין גייסט.

ער האט אויפגעגעבען יעדע האפנונג אמאל נאך צו זעהן זיין קינד. ער איז געוועזן זיכער — אבוואהל ער האט עס קיינעם ניט געזאגט, אפילו ניט זיין ווייב — אז זיין טאכטער, צוזאמען מיט דאקטאר מארגאן און הערמאנאס'ן, זיינען אריינגעפאלען אין די הענד פון עדוואָרד האק'ס מאטראזען, וועלכע האבען זיך אבגערעכענט מיט זיי פאר זייער דערשאסענעם קאפיטאן און די אפיציערען.

אבער אויף דער עלטער וואך האט ער ערהאלטען א בריעף פון ליליאן.

דער בריעף האט געטראגען דעם פאסט סטעמפ פון ניו יארק.

"מיינע טהייערע עלטערן! איך בין געזונד און עס איז מיט מיר ניט געשעהן קיין אונגליק" האט זיך דער בריעף אנגעהויבען. נאטירליך פערשטעהט איהר וואס איך מיין מיט דעם ווארט "אונגליק"... איך בין אין די הענד פון א ים־רויבער און זיינעם א פריינד. איך געפין מיך אין ניו יארק. אזוי זאגען מיר די ביי וועלכע איך בין געפאנגען. איך האב ניט געזעהן די ליכטיגע וועלט זייט איך בין צוגעקומען נאהענט פון א שטאדט. איך בין געלעגען א געבונדענע אין דער קאיוטע פון דער שיף און מיין מויל איז געווען פערשטאפט. ביינאכט איז די שיף צוגעקומען צו א האפען און מען האט מיך אראבגענומען פון דער שיף און אריינגעטראגען אין א פערמאכטען קערידזש. איך האב ניט געקענט זעהן וואו איך פאהר און צו ווער איך געפיהרט איבער גאסען אדער איבער פעלדער. זעהר לאנג איז דער קערידזש געפאהרען. ענדליך האט ער זיך אבגעשטעלט און מען האט מיך אריינגעטראגען אין א הויז, א קליין שטיבעל ווייט פון אנדערע הייזער. איך געפין מיך אין א רום וועלכער האט ניט קיין פענסטער. דאס איז א פינסטערער רום, וועלכער ווערט בעלויכטען פון א קעראסין לאמפ. נאר מען זאגט מיר אז איך בין אין ניו יארק. דער ים־רויבער און זיין פריינד זיינען ניט גראב צו מיר, און זיי ווילען מיך בעפרייען ווען דו וועסט זיי געבען די סומע געלד וואס זיי פערלאנגען. אבער דו מוזט זיין מיט זיי עהרליך און אויפריכטיג. אז ניט וועלען זיי מיך ערמארדען.

"פאפא! דו זעהסט ווי איך שרייב מיט א ציטערדיגער האנד און אהן א טאלק און אן ארדנונג. זאלסטו ניט דיינקען אז איך בין ניט ביים קלאהרען פערשטאנד. איך בין נאר זעהר נערוועז און איבערגעשראקען, און ניט אזוי פיעל פון מיין אייגענער לאגע, נאר פון דעם וואס איך שטעל מיר פאר ווי דאס האט געמוזט ווירקען אויף אייך, מיינע טהייערע ליעבע עלטערן. און איך האב דאך דאס אלעם געבראכט אויף אייך און אויף זיך, מיט מיין ווילדקייט און אונבערעכענטקייט!...

"אבער לאמיך ריידען צום פונקט.

„איך האב געשריבען אז איך בין אין די הענד פון א ים־רויבער און זיינעם א פריינד. ווייסטו ווער דער ים־רויבער איז? דאס איז עדוואַרד האַק, דערזעלבער וועלכער האט פערנאַרט אויף זיין שיף הערמאנאס'ן און איהם געוואלט אַוועקפיהרען אויף אן אינזעל און איהם פערקויפען צו ווילדע. דו ווייסט ווי דאקטאר מארגאן האט געדונגען א שיף און איהם נאכגעיאגט, און עס איז ענטשטאנען א וואהרע שלאכט צווישען די צוויי שיפען און האק'ס שיף איז צושאסען געווארען, און האק אליין איז געפאלען א שווער־פערוואונדעטער. איצט הער וואס עס קען פאסירען.

„דו האסט איבערגעלאזט הערמאנאס'ן אין א קראנקען צושטאנד. ווען איך בין געקומען קיין קינגסטאן איז ער נאך אלץ געווען זעהר שוואך. אבער מיין קומען און זיין לעבען איהם האט אזוי געווירקט אויף זיין געזונד אז אין אכט טאג צייט האט דאקטאר מארגאן געפונען אז הערמאנאס איז שוין אינשטאנד אונטערצונעהמען א רייזע איבער'ן וואסער, און זיי האבען בעשלאסען מיך אבצופיהרען אהיים און דאן אוועקפאהרען קיין מערידא.

מיינע טהייערע עלטערן! איך האב אזוי פיעל צו שרייבען אז איך מוז מישען איינס אין אנדערען.

זייער בעשלוס אזוי שנעל אוועקצופאהרען פון קינגסטאן איז ניט געפאסט געווארען בלויז צוליעב מיר אליין, אום מיך וואס שנעלער אפצופיהרען צו אייך. אנדערע, און פיעל וויכטיגערע אורזאכען האבען דאס נויטיג געמאכט. אז איך וועל דאס אייך שרייבען וועט איהר לאכען און מיינען אז איך רעד פון היטץ, אבער ווען איך וועל זיין מיט אייך צוזאמען וועל איך אייך אלעם בעווייזען. פאפא! הערמאנאס, דער הערמאנאס וועלכער איז אויפגעהאָדעוועט געווארען אין א הויז פון א ארימען שוסטער אין מעקסיקאלי, און ווייסט ניט ווער זיינע עלטערען זיינען און וואו זיין געבורטס־ארט איז, איז א זוהן פון סענאר בעניטא ליאבא. ניט נאר א זוהן, נאר דער זוהן, דער איינציגער זוהן, פון סענאר בעניטא ליאבא, און אלבערטא איז א פרעמדער און א אוואנטוריסט. איך פערשטעה, פאפא, ווי דו לאכסט און רופסט עס אן א ווילדע פאנטאזיע, אבער מיר האבען פעסטע בעווייזע. איך וואלט דאס איצט גאר אפילו ניט דערמאהנט, אבער עס איז נייטיג דו זאלסט עס וויסען צוליעב דעם ווייטערען:

מיר האבען בעשלאסען אוועקצופאהרען, אויף א גרויסען דאמפפער האבען מיר געמוזט ווארטען צוויי וואכען. און ביי אונז איז געווען יעדע מינוט א יאהר. האבען מיר בעשלאסען צו דינגען איינם פון די קלענערע דאמפפערלאך וועלכע לויפען אום צווישען דזשאמייקא און די קיובא אינזלען. הערמאנאס און איך זיינען אוועקגעגאנגען צום האפען, און דארט האט גראד געאנקערט דאס דאמפפערל „די טויב", און דער אפיציער, וועלכער האט זיך אומגעדרעהט אויפ'ן דעק, האט ערקלעהרט אז דער קאפיטאן וועט זיין צופריעדען אונטערצונעהמען די רייזע. דאקטאר מארגאן איז דאן געגאנגען צום האפען און בעטראכט די שיף און געפונען אז זי איז ניט ווייניגער זיכער ווי א גרויסער דאמפפער, און דעמזעלבען טאג האבען מיר אפגעפיהרט פון'ם האפען, און דיזעלבע נאכט — האבען מיר געפונען אז מיר זיינען געפאנגענע אויף עדוואַרד האק'ס שיף.

האק האט מיך געוואלט אוועקפיהרען צו די זולוס, אדער מאלאים, און מיך פערקויפען צו זייער קעניג. וואס ער האט געוואלט טהון מיט הערמאנאס'ן און דאקטאר מארגאן ווייס איך ניט. איך האב מיך אבער אין גאנצען ניט פערלארען און האב בעוויזען האק'ן אז ער קען פון דיר קריגען מעהר געלד פאר מיר ווי פון א ווילדען קעניג. ער האט זיך די זאך איבערלייגט און בעשלאסען צו מאכען פון מיר געלד אלס א קידנעפער אנשטאט אלס א פיראט.

דאן ריידענדיג מיט איהם ווייטער, האט ער מיר אזוי גוט ווי צוגעגעבען אז די מענשען, פאר וועלכע עס איז וויכטיג הערמאנאס זאל פערשווינדען, זיינען קאספארע און אלבערטא. ער אליין

האט גאר ניט צו הערמאנאס'ן, ער האט גאר ניט געוואוסט פון זיין עקזיסטענץ ביז ער איז ניט געבראכט געווארן צו איהם אויף דער שיף אין ארעיר בעי. קאספארע און אלבערטא בעצאהלען איהם א גרויסע סומע געלד פאר הערמאנאס'עס פערשווינדען און ער מאכט פאר זיי דעם דזשאב.

איך האב איהם ענטדעקט וואס מיר האבען שוין געוואוסט וועגען הערמאנאס'ן, אז ער איז סענאר ליאבא'ס זוהן. און אלבערטא איז אוואנטוריסט. און דער פאקט אליין אז אלבערטא איז אזוי פעראינטערעסירט הערמאנאס זאל אבגעראמט ווערען פון'ם וועג האט אנגעצייגט דעם ים־רויבער אז איך דערצעהל איהר ניט קיין פוסטע פאנטאזיע. דאן האב איך איהם בעוויזען אז עס וועט זיך איהם פיעל בעסער בעצאהלען זיך צו שטעלען אויף דער זייט פון הערמאנאס'עס פריינד ווי צו דיענען זיינע פיינד.

אין דער צייט וואס איך האב מיט דעם ים־רויבער געפיהרט דיעזע געשפרעכען זיינען הערמאנאס און דאקטאר מארגאן געלעגען אויף דעם אונטערשטען דעק געשמידט אין קייטען. ער איז אראפ געגאנגען צו זיי און זיי געזאגט וואס ער האט געהערט פון מיר וועגען הערמאנאס'ן און אז ער האט בעשלאסען ער אפצופיהרען צו מיינע עלטערן און זיי, מארגאן'ען און הערמאנאס'ן, צו האלטען געפאנגען אויף א פערווארפענעם, פערלוירענעם אינזעל ביז ער וועט קריגען אויסלייז געלד פאר מיר און א גרויסע סומע פאר הערמאנאס'ן.

נאטירליך זיינען דאקטאר מארגאן און הערמאנאס געווען איבערגליקליך צו הערען אז דער פיראט איז ענטשלאסען מיך אפצוגעבען צו איך, מיינע עלטערען, פאר אויסלייז געלד און זיי האבען זיך ערקלעהרט צופריעדען צו זיין געפאנגענע אויף דעם פערווארפענעם אינזעל ביז האק וועט קריגען פאר מיר דאס געלד.

און איצט, מיינע טהייערע עלטערן, איז עס אזוי, מארגאן און הערמאנאס זיינען געפאנגענע אויף דעם אינזעל. איך ווייס ניט וואו דאס ליעגט ערגיץ, אבוואהל איך האב עס געזעהן און בין געווען אבגעטהיילט פון דעם נאר מיט דעם "גאנג" פון דער שיף. דאקטאר מארגאן זאגט אז קיינער ווייסט ניט פון דעם אינזעל. עס האט ניט קיין נאמען. און אויב האק וועט ניט קומען נאך זיי קענען זיי דארט בלייבען זייער גאנצען לעבען.

איצט פערשטעהסטו, פאפא, ווי ווייט עס איז נויטיג דו זאלסט זיין מיט האק'ן אויפריכטיג, ווארום דריי לעבענס זיינען אין זיין האנד, אויסער דאס גליק פון די מענשען וועמען די דריי לעבענס זיינען טהייער.

דאס אלעס האב איך דיר געשריבען פון זיך אליין, ניט דיקטירט פון קיינעם, און יעדעס ווארט איז ריכטיג און וואהר. איצט שרייב איך דיר וואס עדווארד האק דיקטירט מיר :

"מיסטער וויליאם ראלף ווארד !

איך ווייס ווער איהר זייט. איך האב געהערט וועגען אייך און ווייס אז איהר זענט א איינפלוסרייכע פערזאן אין די פעראייניגטע שטאטען. עס איז רעריבער געווען א גרויס נארישקייט פון מיר צו פארפיהרען מיט אייך אונטערהאנדלונגען וועגען אייער טאכטער. אין דער צייט וואס איך האב זי געקענט אוועקפיהרען אין א ארט פון וואנען זי וואלט קיינמאל ניט צוריקגעקומען און איהר וואלט ניט געהאט די מינדעסטע אידעע ווער עס איז פעראנטווארטליך פאר איהר פערשווינדען, פארפיהרענדיג מיט אייך אונטערהאנדלונג ריזיקיר איך זעהר פיעל. אבער איך האב זיך אויף דעם ענטשלאסען ווייל מיין הארץ איז גערירט געווארען פון אייער טאכטער'ס טרערען. דאס האט מיט מיין הארץ קיינמאל ניט געטראפען. אבער ווי עס ווייזט אויס איז אפילו א ים רויבער אויך ניט מעהר ווי א שוואכער מענש. איהר זאלט אבער ניט מיינען אז איהר קענט מיט אייער מאכט און איינפלוס עפעס אויספיהרען געגען מיר. אויב איהר וועט ניט ערפילען פינקטליך יעדע

אינסטרוקציאן וואס איך גיב אייך וועט אייער טאכטער קיין לעבעדיגע פון מיינע הענד ניט ארויס און איהרע צוויי פריינד, דאקטאר מארגאן און הערמאנאס, וועלען בלייבען אויף דעם אינזעל אזוי לאנג ווי זיי וועלען לעבען.

און איצט צו ביזנעס:

איהר אליין מוזט קומען קיין נויארק. איך וויל ניט האבען קיין אנדער פערזאן, קיין פערמיטלער. איהר וועט אפזוכען אין פראנט סטריט אין ברוקלין. ביי דעם הויז נומער 16 וועט איהר זעהן א רויטע פוש־קארט, זאלט איהר אויף דער פוש־קארט אוועקלעגען דאס זעקעל מיט די צוויי הונדערט טויזענד דאלאר, און אוועקגעהן. דאס זאל געשעהן א פערטעל נאך עלף ביי נאכט. אין דעם זעקעל זאלט איהר אריינלעגען א צעטעלע אין וועלכען איהר וועט אנגעבען דעם האטעל וואו איהר געפינט זיך, און אין צוועלף שטונדען צייט, וועט אייער טאכטער זיין ביי אייך אין האטעל.

טאמער וועט איהר האבען רעטעקטיוס מיט זיך וועלען מיר דאס וויסען און איהר וועט קיינמאל ניט זעהן אייער טאכטער. טאמער וועט איהר זיך ווענדען צו דער פאליציי, וועלען מיר דאס וויסען און איהר וועט קיינמאל ניט זעהן אייער טאכטער. איהר דארפט פערשטעהן אז אהן דער הילף פון דער פאליציי קען מען אזעלכע געשעפטען ניט מאכען. מיר האבען אונזערע פריינד אין די גאנץ הויכע ערטער. אלזא, אויב אייער טאכטער איז אייך טהייער און איהר ווילט זי האבען זאלט איהר ערפילען אלעס וואס איך שרייב אייך און ניט זוכען מיר אונטערצושטעלען א פיסעל.

אייער ערווארד האק."

צו ענדע האט ליליאן פון זיך נאכאמאל געבעטען דעם פאטער ער זאל טהאן אלעס ווי עס ווערט פון איהם געפאדערט און ניט פערליערען קיין איין איבעריגען מאמענט. "אבוואהל," האט זי געענדיגט, "מיסטער האק בעגעהט זיך מיט מיר זעהר עדעל, און ערלויבט קיינעם אריינצוקומען צו מיר אין צימער. אבער דאס איז צו מיר א פריזאן, צו וועלכען עס קומט ניט צו קיין שטראהל פון דער זון. שלאפען, פערשטעהסטו נאטירליך, אז איך קען ניט גאנץ רוהיג, און עס איז זיך לייכט פארצושטעלען וואסער א ווירקונג דאס האט אויף מיין געזונד."

און מיסטער ווארד האט בעשלאסען צו טהאן ווי זיין טאכטער האט איהם געבעטען און ווי עדווארד האק האט פון איהם געפאדערט.

קאפיטעל 25.

ליליאן'ס פריזאן.

צוויי טעג איידער ליליאן האט געשריבען דעם בריעף צו איהרע עלטערן איז זי נאך געווען אויפ'ן וואסער אין דער קאיוטע פון עדווארד האק'ס פיראטען־שיף.

אויפ'ן דעק איז איהר שוין זייט זעכס טעג ניט ערלויבט געווען ארויסצוקומען און זי האט ניט געוואוסט וואו זי געפינט זיך.

די שיף איז שוין זייט אכט טאג געווען לעבען נויארק, אבער זי האט זיך אלץ געדרעהט אויפ'ן וואסער עטליכע מייל ווייט פון דער שטאדט. האק האט געווארט אויף א נעבעל, און צו זיין פערדרום איז אלץ געווען שעהן וועטער.

ענדליך האט ער זיך דערווארט.

דער הימעל האט זיך בעדעקט מיט וואלקענס. עס האט אנגעהויבען רעגענען, און איבער'ן וואסער איז געהאנגען א געדיכטער טומאן.

דאס איז דאס וועטער אויף וועלכען אלע וועלכע פיהרען אריין אויף שיפען קאנטראבאנד, אלע וועלכע שמוגלען אריין אונגעווינשטע עמיגראנטען און אלע וועלכע גנב'ענען סחורית פון'ם האפען, בעטען.

עס איז געווען צוועלף אוהר ביינאכט ווען האק'ס שיף איז אריין אין אן אבגעלעגענעם האפען אין ברוקלין.

זיין פריינד א'קיעף, וועלכער איז נאך מיט אכט טעג פריהער איהם ארויסגעפאהרען אקעגען אויף א קליין שיפעל, איז געווען אויף דער פיראטען־שיף. ליליאן איז געלעגען אין קאיוטע מיט פער־

בונדענע איגען און מיט א פערשטאפט מויל, און די צוויי פריינד האבען זי ארויסגעפיהרט פון דער שיף. און זי אריינגעטראגען אין א הויז, וועלכעס איז געשטאנען ניט ווייט פונ'ם האפען. צווישען אן אייזענגיסעריי און א רעגס־שאפ.

דאס איז געוועזן אן אלט צוויי־שטאקיג בריק־הויז, וועלכעס איז געווען בעוואוינט פון א מיטעל־יעהריג פאר פאלק אהן קינדער.

זיי זיינען געווען שווערען. דער מאן, יאנסען, איז געווען בעקאנט אין דער נאכבארשאפט אלס א דאק־ארבייטער, וועלכער סטאפט מעהר ווי ער ארבייט. אבער זאנסט אלס א גאנץ שטילער און פריעדליכער מענש, וועלכער טשעפעט קיינעם ניט און האט ליעב מען זאל איהם ניט טשעפען. ער האט ניט בעזוכט קיין סאלון פון דער נאכבארשאפט, קיין קירכע, אויך ניט געווען מיט קיינעם קיין גוטער־ברודער. די פרוי איז אויך געווען א צוריקגעצויגענע. אין גראסערי, אין בוטשער־שאפ האט זי אלעס געקויפט פיר קעש, ניט פערפיהרט קיין געשפרעכען מיט די פרויען. און אז מען האט געוואלט מיט איהר פערפיהרען א געשפרעך פלעגט זי אזוי אבענטפערן אז מען האט שוין מעהר צו איהר ניט גערעדט.

"זאנדערבארע מענשען" פלעגט מען זיי רופען אין דער נאכבארשאפט. אבער דאס איז אלעס וואס מען האט געזאגט וועגען זיי.

אכט אוהר אבענדס פלעגען די לאדענס פון יאנסען'ס הייזעל ווערען צוגעמאכט און די נאכבארשאפט האט געמיינט אז דאס "זאנדערבארע" פאאר פאלק שלאפט שוין.

אבער ערשט דאן פלעגען די יאנסענס זיין רעכט וואכענדיג.

דורך אן אונטעראירדישען גאנג, וועלכער האט זיך געצויגען פון א קעלער אין א סאלון אין עק בלאק, האבען מענשען אנגעהויבען קומען אין הויז פון די יאנסענס, און אלערליי געשעפטען וועלכע האבען מורא פאר'ן ליכט פונ'ם טאג, פלעגען דא געפיהרט ווערען.

קאנטראבאנדיסטען, גנבים, רויבער האבען געבראכט פערשיעדענע סחורות און סוחרים האבען זיי אבגעקויפט. געקידנעפטע קינדער פלעגען דא געהאלטען ווערען. פאלש געלד פלעגט דא געקויפט און פערקויפט ווערען. און אלעס פלעגט צוגעהן אזוי שטיל אז א פערבייגעהער אין סטריט וואלט ניט געקענט הערען קייןווארט און קיין גערויש.

אין דיזען הויז אריין איז ליליאן געבראכט געווארען דורך דעם אונטעראירדישען גאנג.

ווען מען האט איהר אויפגעבונדען די אויגען און ארויסגענומען די קליאפע פונ'ם מויל האט זי געזעהן פאר זיך איהר גוטען פריינד עדווארד האק, א פרוי פון א יאהר פערציג מיט א גאנץ אונשולדיגען פנים, און א הויכען דיקען גלאט געראזירטען מאן מיט א פלאטשיגער נאז און אן אונטערגעשלאגען אויג.

— וואו בין איך? — האט ליליאן געפרעגט קוקענדיג ארום זיך מיט צרמישטע בליקען.

—איהר זיינט אין ניו יארק, מיסס ווארד — האט האק געזאגט צו איהר — אבער איהר זיינט דא אזוי ווייט פון מענשען ווי ווען איהר זיינט געווען אויפ'ן וואסער. אייערע געשרייען וועלען אייך ניט העלפען. זיי וועלען פון קיינעם ניט געהערט ווערען. און דעריבער האבען מיר ארויסגענומען די קליאפע פון אייער מויל. אבער איך בעט אייך, פון אייער אייגענער טובה וועגען, אז איהר זאלט ניט נאר ניט שרייען. נאר זאגאר רעדען גאנץ שטיל.

— גאנץ שטיל — האט די פרוי געזאגט — ביי מיר אין הויז רעדט יעדער גאנץ שטיל. און טאמער וועט איהר ארויסלאזען א געשריי — — — —

זי האט ניט דערערדט. אנשטאט ווערטער האט זי ארויסגענומען פונ'ם בוזים א רעוואלווער.

— דאס איז גאר ניט נויטיג געווען, מיסעס יאנסען — האט האק געזאגט צו דער פרוי — מיס ווארד פערשטעהט גאנץ גוט איהר לאגע און זי ווייסט אז זי קען נאר זיך אליין שאדען טהאן ווען

זי וועט ניט פאלגען וואס מען הייסט איהר. זאגט מיר ווי איהר פיהלט זיך — האט ער זיך געווענדעט צו ליליאן— פיעלייכט דארפט איהר א דאקטאר וועל איך אייך אריינשיקען דעם דאקטאר פון מיין שיף.

—איך גלויב ניט אז איך דארף א דאקטאר — האט ליליאן געזאגט — איך בין א ביסעל צושראקען און מיינע נערווען זיינען צורודערט. אבער עס וועט איבערגעהן.

— דיזע פרוי — האט האק געזאגט אגווייזענדיג אויף מיסים יאנסען—איז איינע פון די בעסטע און פריעדליכסטע פרויען אין דער וועלט. אזוי פערזיכערט מיך מיין פריינד, מיסטער א'קיעף — דערביי האט ער געוויזען אויפ'ן הויכען דיקען מאן מיט דער פלאטשיגער נאז— יא, מיס ווארד, זי איז די בעסטע און פריעדליכסטע פרוי אין דער וועלט. נאר זי האט איין משוגעת, א קאפריז אזעלכען, אז ביי איהר אין הויז מוז מען זיין שטיל. וועט איהר נאר זיין שטיל וועט זי אייך אבהיטען ווי האס אויג אין קאפ. די בעסטע זאכען צו עסען וועט זי אייך געבען, א ריין געלעגער, וויין, אייז־קרים סאדאס — — —

— נאר קיין טיקעט צו דער אפערא וועט איהר ניט קריגען — האט א'קיעף אריינגערעדט.

—און שפאצירען אויספאהרען וועט זי אייך ניט קענען — האט מיסים יאנסען געזאגט מיט א שמייכעל.

— נו, שפאס אויף א זייט — האט האק געזאגט — איהר וועט זעהן, מיסים יאנסען, אז מיס ווארד זאל האבען אלעם וואס זי פערלאנגט, עס זאל איהר ניט פעהלען קיין עסען און קיין טרינקען. און איך — האט ער זיך ווידער געווענדעט צו ליליאן — וועל זיין דא אין הויז אזוי לאנג ווי איהר וועט דא מוזען בלייבען און איך וועל זעהן אז קיינער זאל אייך ניט בעאונרוהיגען. איך מיין, מיס ווארד, איך וועל זעהן אז עס זאל ניט קענען פארקומען מיט אייך דא אין הויז עפעס עהנליכעס צו דעם וואס עס איז פארגעקומען אויף דער שיף.

זי האט פערשטאנען אז ער האט אין זינען דעם צופאל מיט יאנאין, און זי האט איהם געדאנקט.

מערקווירדיג! זי האט געהאט צוטרויען צו דעם ים־רויבער און איז געווען זיכער אז ער וועט בעשיצען איהר עהרע ווען עס זאל איהם זאגאר מוזען קאסטען דאס לעבען.

און דיזער צוטרויען צו האק, אז ער וועט זי בעשיטצען געגען אן אנגריף און פינקטליך ערפילען אלעס וואס ער פארשפרעכט איהר, האט איהר געגעבען קרעפטען איבערצוטראגען איהר שרעקליכע לאגע און אנגעפילט איהר הארץ מיט האפנונג אז זי וועט אין גיכען בעפרייט ווערען פון איהר געפאנגשאפט און ווידער זיין אין דערהיים מיט איהרע עלטערען.

און מיט דעם איז צו ערקלעהרען דער מערקווירדיגער פאקט וואס נאך אלעם וואס זי האט איבערגעלעבט און איבערגעליטען איז זי ניט געווען געבראכען ניט פיזיש און ניט גייסטיג. זי איז נאר געווען שוואך און נערוועז, אבער ניט קראנק.

ליליאן האט זיך ארומגעקוקט און געזעהן אז אין דער רום איז ניטא קיין פענסטער, אויסער א קליינע סיילעכדיגע לאך אין איין וואנד אין וועלכע מען האט קוים געקענט אריינשטעקען א האנד.

— אבער איך האב דא גאר קיין לופט ניט! — האט זי געזאגט צו האס'ן — איך וועל דא דערשטיקט ווערען.

מיסעס יאנסען האט איהר אנגעוויזען אויף דער סיילעכדיגער עפענונג אין דער וואנד.

— דורך דיזער עפענונג קומט אריין גענוג לופט — האט זי געזאגט — נאטירליך ניט אזוי פיעל ווי איהר וואלט געוואלט האבען, אבער א מענש קען דאך ניט האבען א ל ע ס.

מיסעס יאנסען האט גערעדט מיט א איראנישען טאן. עס איז געווען קענטיג אז ליליאן'ס לאגע אמוזירט זי. אויך האט ליליאן געפיהלט אז זי וואלט געקענט גאנץ רוהיג און גלייכגילטיג זי ערשיסען ווען זי וואלט איבערגעטרעטען איהר בעפעהל ניט ארויסצולאזען קיין הויכען געשריי. און דאך האט זי אויפ'ן

פנים אויסגעזעהן ווי א גאנץ רוהיגע, פריעדליכע און שטילע פרוי.

"א זאנדערבארע וועלט מיט זאנדערבארע מענשען" האט ליליאן געטראכט.

ליליאן האט ניט געוואוסט צו עס איז טאג, צו נאכט. אין רום האט געברענט א לאמפ. עס האט זיך ניט געלוינט פאר די יאנסענס צו האבען גאז. גאז מיינט איינפיקסען א מיטער, און א מאן נאכצוקוקען יעדען מאנאט דעם מיטער, און א קאלעקטאר, און די יאנסענס האבען ניט געדארפט קיין זייטיגע מענשען ביי זיך אין הויז.

ווען א'קיעף און מיסעס יאנסען זיינען ארויסגעגאנגען איז האק נאך פערבליבען ביי ליליאן אין רום.

— עס טהוט מיר זעהר לייד — האט ער געזאגט ערנסט און כמעט מיט א צערטליכען טאן — וואס דער רום איז אזוי פינסטער און שטיקענד, אבער איהר מוזט דאך אריינגעהן אין מיין לאגע. איך מוז זיין זעהר פארזיכטיג. אין א רום מיט פענסטער צו דער גאס וואלט איהר געקענט ווינקען צו אימיצען. אדער פיעללייכט גאר זיך ארויסווארפען. איהר וועט מוזען ליידען א פאאר טעג. עס טהוט מיר זעהר לייד, אבער איך קאן אנדערש ניט.

ליליאן האט זיך ניט געקענט צוריקהאלטען פון געבען א שמייכעל.

ווי טרויעריג עס איז איהר געווען אויפ'ן הארצען האט זי דאך געפיהלט דעם קאמיזם פון דעם ערנסטקייט מיט וועלכען האק האט זיך פאר איהר ענטשולדיגט.

ער איז געווען ביי זיך אזוי זיכער אז ער האנדעלט געגען איהר ווי א דזשענטלמען, און אז ער איז איהר פריינד און בעשיצער, נאר "ביזנעס" צווינגט איהם איהר צו ענטזאגען געוויסע בעקוועמליכקייטען, אקוראט ווי די ביזנעס וואלט געווען די עהרליכסטע און אונשולדיגסטע אין דער וועלט.

— איהר זייט ווירקליך זעהר עדעל צו מיר, מיסטער האק — האט ליליאן געזאגט — אבער איך וואלט געוואלט וואס גיכער זעהן מיינע עלטערען. קענען מיר ניט גלייך שרייבען דעם בריעף צו מיין פאטער?

— ניין, מיס וואַרד! — האט האק געזאגט עס מוז נעהמען א טאג אדער צוויי. מיין פריינד א'קיעף דארף בעזארגען דאס ארט וואו אייער פאטער זאל אוועקלעגען דאס געלד. אויך מוז ער זיך זעהן מיט א געוויסע פערזאן אין פאליציי דעפארטמענט. איהר מוזט וויסען אז געוויסע פערזאנען אין פאליציי דעפארטמענט נעהמען א חלק פון אזעלכע ביזנעס. א ז ו י געהט עס אין ניו יארק! די וועלכע קריגען בעצאהלט צו פערפאלגען פערברעכער זיינען איין האנד מיט זיי. אין א טאג אדער צוויי וועט אלעס זיין אויסגעארבייט און מיר וועלען שרייבען צו אייער פאטער.

און אויפ'ן צווייטען טאג אז האק איז אריינגעקומען צו ליליאן אין רום און איהר געזאגט אז אלעס איז שוין צוגעגרייט און זיי האבען געשריעבען דעם בריעף, דער אינהאלט פון וועלכען איז שוין די לעזער בעקאנט.

קאפיטעל 27.

ראזעטאסים ליידען.

אין די דריי מאנאט צייט, וועלכע זיינען אוועקגעגאנגען זייט ליליאן, הערמאנאס און דאקטאר מארגאן האבען פערלאזען קינגסטאן אויף דער פיראטען שיף ביז מיסטער וואַרד האט געקראגען ליליאן'ס בריעף פון ניו יארק, זיינען אין מערידא פארגעקומען זעהר פיעל ענדערונגען.

מאדערא האט שוין לאנג פערלאזט דעם געגענד, מיטנעהמענדיג די גרעסטע טהייל פון זיין ארמיי. דער גאנצער שטאט סאנאבא איז געווען אין די הענד פון די רעוואלוציאנערען, און אלע איינוואהנער פונ'ם שטאאט זיינען געווען בעגייסטערטע מאדעריסטען. עס איז דערויבער ניט נויטיג געווען צו האלטען דארט איין ארמיי. אלע בעאמטע, פונ'ם גאווערנאר ביז די סיטי מעירס אין די קלענסטע שטעדטלעך, זיינען געווען מאדעריסטען און אלע בירגער, זיינען געווען רעוואלוציאנערע סאלדאטען, גרייט צו קעמפפען ביז דעם לעצטען טראפען בלוט פיר פרייהייט און באדען.

די הויפּט קוואַרטיר פון מאַדעראַ'ן האָט זיך איצט געפונען הינטער זשוואַרעץ, די שטאָדט וועלכע איז בעטראַכט געוואָרן פאַר דער רעגירונגס שטאַרקסטע פעסטונג. דאָרט האָט געדאַרפט געקעמפּט ווערען די ענטשיידענע שלאַכט, און דאָס גאַנצע לאַנד האָט געוואוסט אז דיעזע שלאַכט וועט זיין די גרעסטע און די לעצטע. וועט זשוואַרעץ איינגענומען ווערען פון די רעוואָלוציאָנערען, דאַן האָט דאָס פאָלק געזיעגט און צו דיאַזים טיראַנישער הערשאַפט איז געקומען אַ ענדע.

די עטליכע לאַיאַלע (טרייע צו דער רעגיערונג) וועלכע האָבען זיך געפונען אין מערידאַ האָבען שוין אויך אַנגעהויבען סימפּאַטיזירען מיט דער רעוואָלוציאָן. אַ טהייל מיט'ן גאַנצען הארצען און אַ טהייל נאָר פאַרין שיין, און צווישען די לעצטע איז אויך געוועזן קאָספּאַרע.

דיעזער אינטריגאַנט האָט אויף מאָרגען נאָך זיין געשפּרעך מיט סענאָר ליאַבאַ ארויסגעמופּט פונ'ם פּאַלאַץ און זיך איבערגעקליבען אין אַ הויז הינטער דער שטאָדט און באַלד איז בעקאַנט געוואָרען אין דער גאַנצער געגענד אז קאָספּאַרע איז ניט מעהר סענאָר ליאַבאַ'ס געשעפּטס-פערוואַלטער.

דיעזע נאַכריכט איז אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס פרייד פון אלע איינוואהנער פון שטאָדט און פון די ארומיגע פאַרמערס, ווארום אלע האָבען איהם פיינד געהאַט און געוואוסט אז ער איז אַ פאַלשער מענש און אַ איטריגאַנט. קאָספּאַרען איז געווען זעהר אונאַנגענעהם צו בלייבען אין דער געגענד נאָכדעם ווי ער איז אראָפּגעוואָרפען פון זיין גדולה און אלע האָבען זיך דערלעבט אַן איהם אַ נקמה. אָבער זיינע פּלענער און אינטריגען האָבען געפאָדערט ער זאָל זיך געפינען נאָהענט פון'ם פּאַלאַץ און זיך קענען זעהן יעדען טאָג מיט אַלבערטאַ'ן.

און אלבערטא פּלעגט קומען צו איהם יעדען טאָג, אָבוואָהל סענאָר ליאַבא האָט איהם אַ פּאָאר מאָל געזאָגט אז אַ געטרייער זוהן בעטראַכט דעם פּאַטערס אַ פיינד פאַר זיינע אייגענע.

— איך האָב מיינע אייגענע מיינונגען און געפיהלען — האָט אלבערטא געענטפערט אויף סענאָר ליאַבאַ'ס פאַרווירפע — איך בין איבערצייגט אז קאָספּאַרע איז דיר דער איבערגעבענסטער פריינד, און אלע דיינע פערדעכטונגען אויף איהם האָבען ניט דעם מינדעסטען גרונד.

— אָבער איך בין ניט דער איינציגער, וועלכער פערדעכטיגט איהם. דיין שוועסטער און אַנדערע זיינען אויך איבערצייגט אז ער איז מיר אַ פיינד און זוכט מיין אונטערגאַנג.

— מיין שוועסטער! — האָט אלבערטא געלאַכט — אויף איהר קען מען זעהער פיעל בויען! זי וועט דיר זאָגען אז אויך איך בין דיר דער גרעסטער פיינד, זי וויל מאָנאָפּאָליזירען דיין ליעבשאַפט און צוטרויען, און מיט איהרע חניפה'לעך און אינטריגען איז עס איהר ביז אַ געוויסען גראַד געלונגען. איך זאָל קענען חנפה'נען און צוטראָגען רכילות'ען וואָלט איך אויך געווען ביי דיר אַ ליעבלינג. יאַ, געוויס...

— גענוג, גענוג! האָט סענאָר ליאַבאַ איהם איבערגעשלאָגען — איך האָב נעזעהן וואָס ראָזעטאַ האָט געטהאָן פאַר מיר ווען איך בין געווען אַ געפאַנגענער אין עספּאַראַנזאַ'ס לאַגער און וואָס דו האָסט געטהאָן!

— איך האָב ניט געקענט ווערען אַ אינסורעקטאַ — האָט אלבערטא געזאָגט — ווי וואָלט געווען ווען עספּאַראַנזאַ וואָלט געזיעגט? דאַן וואָלטען אלע אונזערע מיענען און פּלאַנטאַציעס קאָנפיסקירט געוואָרען. און מיין שטעהן מיט די רעוואָלוציאָנערען וואָלט געווען אַ בעווייז אז אלעס אין וואָס דו ביזט געווען בעשולדיגט איז אמת. וואָס וואָלט פון אונז אלע דאַן געוואָרען? מיר וואָלטען פון דיאַזין קיין גנאָדע ניט געקענט ערוואַרטען. דעריבער בין איך געשטאַנען פון וויטען און געשפּיעלט די ראָלע פון אַ לאַיאַלען. איך בין ניט קיין ווילדע ציעג, ווי ראָזעטאַ. אָבער אנשטאַט אנצוערקענען אז איך האָב געהאַנדעלט טאַקטיש, ווי אַ מענש מיט געזונדען פערשטאַנד האָט געמוזט האַנדלען, טייטשרי-

דאָס אויס אַלס אַ בעוויז פון אונטריי־
הייט.

אזעלכע געשפּרעכען זיינען צווישען אַלבערטאָ'ן און סענאָר ליאַבאַ'ן פּאָרגעקומען עטליכע מאָל, און נאָך יעדען געשפּרעך איז סענאָר ליאַבאַ אַלץ מעהר איבערצייגט געוואָרען אַז צווישען איהם און זיין זוהן שטעהט אַ וואַנד.

"דאָס זיינען רייד פון אַ פרעמדען, ניט פון אַ קינד" פלעגט סענאָר ליאַבאַ זאָגען צו זיך אַליין.

און ער האָט דאָס צוגעשריעבען צו דעם וואָס אַלבערטאָ איז ניט ערצויגען געוואָרען אין דערהיים.

און אַלבערטאָ האָט ניט אויפגעהערט מאַכען וויזיטען קאַספּאַרע'ן און יעדעס מאָל וואָס ליאַבאַ האָט דערהערט אַז אַלבערטאָ איז געוועזען ביי זיין פריהערדיגען געשעפטס־פערוואַלטער האָט דאָס בלוט אין איהם אויפגעקאָכט.

אָבער ער האָט צו איהם מעהר ניט גערעדט וועגען דעם. וואָס פאַר אַ זין האָט רעדען צו אַ אונגעהאָרכזאַמען קינד? עס ברענגט נאָר פערדרוס און ערגערנים.

אזוי זיינען די בעציהונגען צווישען פאָטער און זוהן געוואָרען אַלע מאָל שאַרפער און פיינדליכער, ביז עס פלעגען אוועקגעהן וואָכען וואָס זיי האָבען איינער צום אַנדערען ניט אויסגערעדט קיין וואָרט.

און וואָס אונצופריעדענער ליאַבאַ איז געוואָרען מיט אַלבערטאָ'ן איז זיין צוגעבונדענקייט צו ראָזעטאָ'ן אַלץ שטאַרקער געוואָרען.

זי פלעגט פאַרברענגען די גאַנצע טעג ביי איהם אין אַפּאַרטמענט, לעזענדיג פאַר איהם צייטונגען און ביכער און אַכטונג געבענדיג עס זאָל איהם קיין זאַך ניט פעהלען.

איינמאָל, ווען זיי זיינען געזעסען אַליין אין סענאָר ליאַבאַ'ס קליינעם פאַרלאָר האָט ראָזעטאַ ארויסגעלאָזט אַ שווערען זיפץ.

— וואָס זיפצסטו אזוי שווער, טאָכטער? האָט דער פאָטער זי געפרעגט.

— אַה, איך ווייס? מאַכט זיך אַ מאָל אַז עס רייסט זיך ארויס אַ זיפץ גאָר אָהן אַ אורזאַכע.

— צו וואָס זאָלסטו בעהאַלטען פון מיר דיין שמערץ, קינד? איך ווייס אַז דו טראַכסט איצט וועגען דאָקטאָר מאָרגאַן.

— וועגען דאָקטאָר מאָרגאַן טראַכט איך אַלע מאָל, פּאַפּאַ... שוין איבער צוויי מאָנאַט אַז עס איז פון איהם ניט געקומען קיין בריעף.

און ווידער האָט אַ שווערער זיפץ זיך ארויסגעריסען פון איהר ברוסט.

— זאָרג דיך ניט מיין קינד. עס איז מיט איהם ניט געשעהן קיין אונגליק. היינטיגע צייטען ווען אַ שיף געהט אונטער, הערט מען עס באַלד. אָדער ער האָט געשיקט בריעף און זיי זיינען ניט אָנגעקומען, אָדער ער האָט קיין צייט ניט צו שרייבען.

ראָזעטאַ האָט איהם ניט געענטפערט.

זי האָט געוואוסט אַז איהר פאָטער רעדט איהר נאָר אויס דאָס האַרץ און איז אַליין פונקט אזוי בעזאָרגט און אונרוהיג ווי זי.

זי האָט געלאַכט אין זיך פון איהר פאָטער'ס ערקלעהרונג אַז דאָקטאָר מאָרגאַן האָט ניט קיין צייט צו שרייבען. דאָקטאָר מאָרגאַן האָט ניט קיין צייט צו א י ה ר צו שרייבען!... ער וואָלט שוין געפונען צייט, ווען ער זאָל אפילו מוזען פיר אַ מינוט צייט בעצאָהלען מיט אַ יאָהר לעבען. און וועגען דעם אַז ער שיקט בריעף און זיי קומען ניט אָן האָט זי אויך געוואוסט אַז דאָס קען ניט זיין. וואָרום זי האָט זיך מיט עטליכע וואָכען פריהער געקלאָגט פיר דעם מעיאָר פון הערמאָסילאַ אַז איינינגע פון איהרע בריעף זיינען איבערגענומען געוואָרען פון פרעמדע מענשען, און דער מעיאָר האָט אוועקגעשיקט פון'ם פּאָסט אָפּיס אַ פּאָאָר פערדעכטיגע קלויירקס און אָנגעשטעלט אַנדערע, און געגעבען אַ בעפעהל אַז יעדע קאָררעספּאָנדענץ וואָס איז אַדרעסירט צו ראָזעטאַ ליאַבאַ און צו סענאָר ליאַבאַ זאָל געהאַלטען ווערען אין פּאָסט אָפּיס ביז ראָזעטאַ אַליין וועט קומען. זי איז יעצט געווען זיכער אַז יעדער בריעף וואָס ווערט געשיקט צו איהר פאַלט ניט אַריין אין קיין פרעמדע הענד. אַ זוי האָט ניט קיין בריעף פון

דאָקטאָר מאַרגאַן האָט ער ניט געשריעבען, און ער האָט ניט געשריעבען ווייל עס האָט געטראָפען מיט איהם אַן אונגליק.

— פּאַפּאַ! — האָט זי געזאָגט נאָך עטליכע מינוטען שטיל שווייגען — ווייסטו וואָס מיר איז איינגעפאלען?

— וועגען דאָקטאָר מאַרגאַן, מיינסטו?

— יאָ, איך בין זיכער אַז דאָקטאָר מאַרגאַן איז ערמאָרדעט געוואָרען.

— ווער האָט איהם געקענט ערמאָרדען?

— דער קאַפּיטאַן, וועלכער האָט פערנאַרט צו זיך אויף דער שיף הערמאַנאַס'ן, אָדער איינער פון זיינע מאַטראָזען.

— צו וואָס זאָלסטו טראַכטען אויף דאָס ערגסטע? — האָט סענאָר ליאַבאַ געזאָגט — איז דען ניט מעגליך אַז דאָקטאָר מאַרגאַן ליגט קראַנק און קאָן ניט שרייבען?

— דאַן וואָלט הערמאַנאַס געשריעבען אָדער ליליאַן. זיי זיינען דאָך אַלע צוזאַמען אין קינגסטאָן.

סענאָר ליאַבאַ האָט גאָר ניט געענטפערט.

ער האָט געוואוסט אַז ראָזעטאַ איז גערעכט. ווען דאָקטאָר מאַרגאַן איז קראַנק, וואָרום שרייבען ניט הערמאַנאַס און ליליאַן? דאַן האָט מיט זיי אַלע דריי געמוזט טרעפען אַ אונגליק — האָט סענאָר ליאַבאַ געזאָגט נאָך אַ קורצער פּאַוזע.

— איך בין זיכער אַז עס האָט מיט זיי אַלע דריי געטראָפען אַן אונגליק — האָט ראָזעטאַ געענטפערט.

אין צוויי טעג שפּעטער איז אָנגעקומען פון מיסטער וואָרד'ן אַ בריעף, אין וועלכען דער אונגליקליכער פאַטער האָט מיטגעטהיילט אַז ליליאַן, דאָקטאָר מאַרגאַן און הערמאַנאַס זיינען אַרויסגעפאָהרען פון קינגסטאָן אויף אַ שיף נאָך מיט צוויי מאָנאַט צוריק, און עס איז פון זיי ניטאָ קיין נאַכריכט.

דאַן איז ביי ראָזעטאַ'ן ניט געווען קיין צווייפעל אַז די שיף איז אונטערגעגאַנגען און זי וועט איהר געליעבטען שוין מעהר ניט זעהן, און פון יענעם טאָג אָן איז זי געוואָרען אַ פערביטענע.

איהר לעבעדיגקייט איז פערשוואונדען געוואָרען. זי האָט אָנגעהויבען אַרומגעהן פערטראַכט און מעלאַנכאָליש. זי האָט צו קיינעם ניט גערעדט, און אַז אימיצער האָט צו איהר גערעדט האָט זי געבעטען מען זאָל זי צורוה לאָזען. איהרע באַקען האָבען פערלאָרען די פאַרב. דאָס פייער פון די אויגען איז אויסגעלאָשען געוואָרען. זי איז געוואָרען אַ שאָטען פון דער פריהערדיגער ראָזעטאַ'ן.

אָפט פלעגט מען זי זעהן אומגעהן אין פּאַרק און שפּאַטשען צו זיך אַליין. אַמאָל פלעגט זי זיך אָבשטעלען און קוקען אויף אַ געוויסען פונקט אַ פערטיל שטונדע נאָכאַנאַנד.

דאָך האָט זי איהר פערשטאַנד ניט פערלאָרען, און די אַלע סודות וואָס זי האָט געוואוסט וועגען אַלבערטאָ'ן און הערמאַנאַס'ן האָט זי פאַר קיינעם ניט אַרויסגעגעבען.

אַ פּאָאַר מאָל האָט זי זיך בעראַטהען מיט זיך אַליין, צו איז ניט איהר פפליכט אַלעס צו דערצעהלען איהר פאָטער. ער מוז דאָך וויסען אַז ער בעטראַכט פיר אַ זוהן אַ מענשען וועלכער איז איהם אַ פרעמדער. וואָרום זאָל זי איהם ניט ווייזען דעם בריעף פון דעם שוסטער אין מעקסיקאָלי? פריהער, אַז זי האָט געהאָפט אַז דאָקטאָר מאַרגאַן וועט באַלד קומען, האָט זי אַלץ אָבגעלעגט ביז זיין צוריקקומען. אָבער איצט, וואָרום זאָל זי ניט אַלעס ענטדעקען דעם פאָטער?

אַזוי האָט זי אַ פּאָאַר מאָל זיך בעראַטהען מיט זיך אַליין, אָבער זי האָט בעשלאָסען אַז עס זאָל בלייבען ווי עס איז. אַז דאָקטאָר מאַרגאַן לעבט ניט מעהר — וואָס מאַכט עס אויס וואָס אַז אַוואַנטיוריסט ווערט בעטראַכט פון איהר פאָטער אַלס זיין זוהן? וואָס מאַכט איהר איבערהויפּט עפּעס אויס?

און אַזוי האָט זי געקוקט אויפ'ן לעבען, אויף דער וועלט און אויף זיך אַליין.

"וואָס מאַכט עס אויס?"

זי האָט פערלאָרען יעדען אינטערעס אין לעבען, יעדען אינטערעס אין מענשען, יעדען אינטערעס אין זיך אַליין.

זי האָט אָפט אַ קוק געטהאָן אין שפּי־

געל און געזעהן ווי זי איז בלייך און דאָס פייער פון איהרע אויגען איז אויסגעלאָשען. אָבער עס האָט זי ניט אָנגעהויבען אַארען. "וואָס איז דער אונטערשיעד?" האָט זי געזאָגט צו זיך אַליין.

און אז זי האָט געלעזען וועגען א זיעג פון די רעוואָלוציאָנערען איז איהר הארץ מעהר ניט געשפרונגען פון פרייד. און אז זי האָט א קוק געטהאָן אויף אַלבערטאָ'ן און געזעהן פון זיין בליק אז ער פרעהט זיך וואָס זי איז קראנק און האָפט אז זי וועט שטאַרבען, האָט עס זי ניט געאַרט. "וואָס מאַכט עס אויס?" האָט זי געטראַכט.

נאָר איין איינציגער אינטערעס איז איהר נאָך געבליעבען, און דאָס איז געוועזן דאָס געזונד פון איהר פאָטער.

ווי פערצווייפעלט און מעלאַנכאָליש זי איז ניט געווען, ווי פערטראַכט און ווייט פון דער וועלט און אלע איהרע אינטערעסען זי איז ניט געוועזן, האָט זי ניט פערפעהלט אריינצוקומען צו איהר פאָטער עטליכע מאָל אין טאָג און זעהן אַז די נוירס זאָל איהם פּינקטליך געבען די מעדיצינען און מאַכען די מאַסאַזשען.

— טאַכטער — פלעגט דער פאָטער ביי איהר זיך בעטען — וואָס האָסט דו נאָר מיר אין זינען? דו ביזט אַליין אַזוי קראַנק. לאָמיר ערגעץ אוועקפאָהרען וואו דו וועסט קענען געפינען צושטרייאונג און פערגעסען דיין שמערץ.

— איך וועל אין ערגעץ ניט געפינען קיין צושטרייאונג און אין ערגעץ ניט פערגעסען מיין שמערץ — פלעגט זי ענטפערען.

און איהר פאָטער האָט געוואוסט אַז קיינע רייד און קיין געבעט ווערען אויף איהר ניט ווירקען.

קאַפּיטעל 28.

וואָס פערנאַנדא האָט געהערט.

פערנאַנדא, טאַרעלאָ'ס זוהן, סענאָר ליאבאָ'ס פּריוואט סעקרעטער, האָט ניט געהאַט קיין געלעגענהייט אונטערצוהערען א געשפרעך צווישען קאַספּאַרע'ן און אַלבערטאָ'ן. סענאָר ליאבא, וועלכער האָט איהם בעאויפטראגט זיי צו היטען און נאָכשפּירען, האָט ביי איהם אוועקגענומען די מעגליכקייט צו קענען עפּעס אויפטהאָן, מיט דעם וואָס ער האָט אוועקגעשיקט קאַספּאַרע'ן פונ'ם פּאַלאַץ.

קאַספּאַרע האָט איצט געוואָהנט הינטער דער שטאָדט און אַלבערטא פלעגט קומען צו איהם אין הויז אריין און קיין זייטיגער מענש האָט ניט געקענט אונטערהערען זייערע געשפּרעכען, און פערנאַנדא ווייניגער ווי יעדער אַנדערער, ווארום ער איז געוועזן בעקאַנט אַלס ליאַבאָ'ס איבערגעבענסטער מענש, און האָט אונטער קיין אויסרייד ניט געקענט ווערען קיין איינגעהער אין קאַספּאַרע'ס הויז נאָכדעם ווי ליאבא האָט איהם אוועקגעשיקט.

עס זיינען אזוי אוועקגעגאַנגען וואָכען און מאָנאַטען און פערנאַנדא האָט ניט געהאַט וואָס צו בעריכטען און ליאבא האָט גאָר פאַרגעסען אַז דעם אויפטראג וואָס ער האָט איהם געגעבען.

פערנאַנדאָ'ן איז אָבער דער אויפטראג גוט געלעגען אין זינען, און איינמאָל האָט איהם דער צופאַל גאָר אונגעריכט צוגעדיענט.

די לעזער געדענקען אַז סענאָר ליאַבאָ'ס קוטשער, לאָפּעז, איז געוועזן א געטרייער הונד פון די אינטריגאַנטען און איז פון זיי געשיקט געוואָרען צו עדוואַרד האָק ווען ער איז געשטאַנען מיט זיין שיף אין אַדער בעי, און איז, אויף דאָקטאָר מאָרגאַן'ס ראטה, געבראַכט געוואָרען אין מאַדעראַ'ס לאַגער, וואו דאָקטאָר מאָרגאַן האָט פון איהם ארויסגעקריגען אלעס וואָס ער האָט געוואוסט וועגען די אונטערהאַנדלונגען צווישען די אינטריגאַנטען און דעם ים רויבער. דערפאר צווישען מאַדעראַ'ן און דאָקטאָר מאָרגאַן איז דאַן געווען אַז לאָפּעז זאָל ווערען געהאַלטען געפאַנגען ביז דאָקטאָר מאָרגאַן וועט זיך איבערצייגען אַז אַלעס וואָס לאָפּעז האָט אויסגעזאָגט איז ריכטיג. ווען מאַדעראַ האָט ערהאַלטען דעם בריעף פון דאָקטאָר מאָרגאַן, אין וועלכען ער האָט איהם מיטגעטהיילט אַז ער האָט אַנגעיאָגט דעם ים רויבער און גערעטעט הערמאַנאָס'ען איז ניט געוועזן קיין אורזאַכע צו האַלטען לאָפּעז'ן אין

לאנגער, און מאדערא האט איהם בעפרייט, אבער אויף דער בעדינגונג אז ער זאל פערלאזען דעם שטאאט סאנארא און ניט האבען מעהר קיין געמיינשאפטליכעס מיט די אינטריגאנטען. לאפעז האט געשוואוירען ביי אלעס וואס איז איהם הייליג אז ער וועט אוועקפאהרען אין די פעראייניגטע שטאאטען און קיינער אין מערידא וועט ניט וויסען וואו זיין געביין איז אהינגעקומען, און ער האט טאקי אזוי געטהאן.

ער איז אוועק אין אריזאנא און אנגעהויבען זוכען ארבייט. אבער ער האט ניט געפונען וואס צו טהאן. אין צוויי וואכען צייט איז ער געבליבען אהן א סענט און האט אנגעהויבען ארומטרעמפען צווישען די פארמערס אויסבעטלענדיג א מאהלצייט און שלאפענדיג אויפ'ן פעלד.

זייענדיג געוואוינט צו א בעקוועם, רעגעלמעסיג לעבען איז איהם זיין נייע לאגע פון א טרעמפ געוועזען זעהר שווער איבערצוטראגען און ער האט בעשלאסען זיך צו ווענדען צו קאספארע'ן נאך הילפע.

ער האט איהם געשריעבען וועגען דעם בעפעהל וואס ער האט פון מאדערא'ן, אז ער טאר ניט צוריק קומען אין דעם שטאאט סאנארא און האט איהם געבעטען ער זאל איהם צושיקען עטליכע דאלאר.

זיין בריעף איז אנגעקומען קאספארע'ן פונקט א טאג נאכדעם ווי מאדערא האט איבערגעפיהרט זיין הויפטקווארטיר נאך זשוארעץ. קאספארע האט פערשטאנען אז מאדערא האט ניט בעטראכט לאפעזין פאר אזא וויכטיגע פערזאן אז ער זאל געבען ארדערס וועגען איהם די שטאאט בעאמטע, און ער האט געשריעבען דעם קוטשער אז מאדערא איז שוין מעהר ניטא אין הערמאסילא און ער מעג צוריק קומען. אויך האט ער איהם געשריבען אז ער אליין איז שוין ניט מעהר ביי סענאר ליאבאין און ער זאל קומען צו איהם און זיין ביי איהם אין הויז.

און לאפעז איז צוריק געקומען קיין מערידא און געווארען קאספארע'ס דיענער.

עטליכע טעג נאכדעם ווי לאפעז איז צוריק געקומען קיין מערידא איז ער געשיקט געווארען פון קאספארע'ן נאך הערמאסילא. ער האט זיך געפיהלט זעהר יום-טוב'דיג און איז אריינגעגאנגען אין א ווייגשענק און אנגעהויבען אריינגיסען. פערנאנדא איז אויך דעם טאג געוועזען אין הערמאסילא און איז אריינגעגאנגען אין דעם ווייגשענק וואו לאפעז איז געזעסען נעהמען עפעס עסען.

לאפעז איז שוין געוועזען גאנץ פיין אנגעטרונקען, און דערזעהענדיג פערנאנדאין איז ער צוגעגאנגען צו איהם און איהם אנגעהויבען דערצעהלען זיינע ערפאהרונגען פון דער "גרויסער" וועלט.

— אי, פערנאנדא — האט לאפעז אנגעהויבען פלוידערען — האב איך געהאט א שטיקעל צייט! דאס קען נאר טרעפען מיט א גרויסען מענשען, מיט א מענשען וועלכער ווייסט סודות...

— וואסערע סודות, ווייסט דו, לאפעז? — האט פערנאנדא ביי איהם גענומען ציהען א צונג.

— דאס טארסטו ניט וויסען, מיין שעהן אינגעלע, מיר ביידע זיינען צוויי מיניסטארען פון גרויסע רעגיערונגען. דו האסט דיינע שטאאט'ס-געהיימניסע און איך האב מיינע שטאאט'ס-געהיימניסע. ווילסט דו טרינקען מיט מיר א גלעזעל וויין? איך האב דיך ליעב, פערנאנדא. אויף מיין ווארט איך האב דיך ליעב.

פערנאנדא איז געווארען שטארק פעראינטערעסירט אין לאפעזים געהיימניסע. ער האט געוואוסט אז ער איז קאספארעס געטרייער הונד. פיעלייכט וועט ער עפעס פון איהם ארויסציהען וואס וועט איהם צוניץ קומען.

ער האט אויך געוואוסט אז לאפעז איז אין מיטען דערנאכט ארעסטירט געווארען פון מאדערא'ס מענשען און געהאלטען געווארען א צייט געפאנגען אין לאגער, און עס איז איהם געוועזען אינטערעסאנט צו וויסען ווארום אזא אונוויכטיגע פערזאן איז געווארען א פאליטישער געפאנגענער.

ער האט געטרונקען מיט איהם א פאאר גלעזלאך וויין און לאפעז איז געווארען אלע מאל רעדעוודיגער.

— דו ווייסט גאר נישט, פערנאנדא,

נאר נישט. אבער לאפּעז ווייסט א סך זאכען. וויכטיגע זאכען. יא, וויכטיגע זאכען ווייס לאפּעז.

— דו ביזט קאספּארעס רעכטע האנד

— האט פערנאנדא איהם געשמייכעלט

—דו ביזט ווירקליך א וויכטיגע פערזאן. לאפּעז.

— איך בין קאספּארע'ס רעכטע האנד? כא-כא-כא! — האט לאפּעז גע-לאכט — יא, ברודערל, אויך אלבער-טא'ס רעכטע האנד, און אלבערטא און קאספּארע זיינען אזוי א — האט ער גע-זאגט, ווייזענדיג צוויי צונויפגעדריקטע פינגער — און וואס זיי דארפען עפּעס טהאן, וועמען שיקען זיי? ווער געהט פאר זיי? לאפּעז!...

— יא, יא דאס איז אמת — האט פער-נאנדא צוגעגעבען — איך ווייס אז דו ביזט ניט קיין ליגנער. מיט מאדערא'ן האסט דו דאך אויך געהאט געשעפטען.

— מיט מאדערא'ן? איך בין געווען ביי איהם אין קאבינעט. ווייז מיר נאך איינעם אין מערידא וואס איז געווען ביי מאדערא'ן אין קאבינעט! און קיין מענש ווייסט ניט פארוואס מען האט מיר ארעס-טירט. און קיין מענש וועט דאס ניט וויסען. אה, ניין! לאפּעז קען האלטען א סוד. כא-כא-כא! דער שעהנינקער אינ-סורעקטא איז ערגעץ וואו פּעפער וואקסט. נו, טרינק זשע, פערנאנדא, טרינק.

— געווים וועל איך טרינקען. צום וואויל-זיין, לאפּעז! אבער ווער איז דאס דער שעהנינקער אינסורעקטא וועגען וועלכען דו רעדסט?

— דו געדענקסט ניט דעם הערמא-נאס, וועלכער איז געווען דעם מיסטער וואַרדים לייב-וואכע?

— אה, איהם מיינסט דו? געווים גע-דיינק איך איהם! ער איז דאך פער-שוואונדען געווארען עפּעס אויף אזא געהיימניספאלען אופן.

— געווים איז ער פערשוואונדען גע-ווארען אויף א געהיימניספאלען אופן, אבער לאפּעז ווייסט ווי אזוי דאס איז געשעהן און וועמעס האנד עס איז גע-ווען דערביי. אה, לאפּעז ווייסט שטאט'ס געהיימניסע!

— דאס, מיין גוטער לאפּעז, וועסט דו מיר ערלויבען דיר ניט צו גלויבען.

— ווי? דו גלויבסט ניט אז איך ווייס ווי אזוי דער אינסורעקטא איז פער-שוואונדען געווארען? כא-כא-כא! דאס געפעהלט מיר!... איך בין דאך אליין געגאנגען צו דעם שיפסקאפּיטאן. און ווארום מיינסט דו, דו נארישער פערנאנ-דא, האט מען מיך געבראכט צו מאדע-ראַ'ן?

— אזוי? דאס איז די אורזאכע וואס מען האט דיך געבראכט צו מאדערא'ן? דאן איז עס א גאנץ אנדערע געשיכטע, ענטשולדיג, זשע מיר, גוטער לאפּעז, וואס איך האב געזאגט אז איך גלויב דיר ניט.

— נו, געווים ענטשולדיג איך דיר. ווי קאנסט דו דען וויסען אז לאפּעז ווייס אזעלכע זאכען? דו געדענקסט דאך דאק-טאר מארגאן?

— נו, געווים געדיינק איך דאקטאר מארגאן.

— איך זאג דיר אז דער דאקטאר מארגאן איז א טייפעל?

— א טייפעל?

— אן אמתיער טייפעל! ע ר האט געוואוסט אז איך ווייס ווי אזוי דער הערמאנאס איז פערנארט געווארען אויף דער שיף.

— ווי אזוי האט ער עס געוואוסט?

— אט דערפאר זאג איך דאך אז ער איז א טייפעל! איך פערשטעה ניט ווי ער האט עס געקאנט וויסען. אבער ער האט עס געוואוסט, און ער האט געהייסען מאדערא'ן מיך ארעסטירען און איך האב זיי געמוזט אויסזאגען אז סענאר אל-בערטא און קאספּארע האבען מיך גע-שיקט צום קאפּיטאן אין אדער-בעי.

— דער קאפּיטאן, וועלכער האט פער-נארט הערמאנאס'ן צו זיך אויף דער שיף?

— געווים דער קאפּיטאן, זיין נאמען איז עדוואַרד האק. אה, וואלסט איהם געדארפט זעהן, פערנאנדא. ד א ס איז א מאן! ער האנדעלט מיט די איינוואוי-נער פון אזעלכע אינזלען וואס קיין מענש קומט אהין ניט. דו ווייסט, פערנאנדא,

אז עס זיינען דא מענשען מיט איין אויג אין שטערן?

— געוויס, ווער ווייסט דאס ניט?

— און עס זיינען דא קארליקלעך, וועלכע קענען מיט איין שטופ מיט דער האנד אומווארפען א מויער.

— געוויס, געוויס! יעדער איינער ווייסט דאס.

— און עס זיינען דא מענשען וואס האבען צוויי נעזער און פיער אויערען, און זעקס הענד און צעהן פינגער אויף יעדער האנד. ווייסט דו דאס אויך, פערנאנדא?

— ניין, לאפען, דאס וויים איך שוין ניט.

— אבער איך וויים, לאפען ווייסט אלעס, אלעס ווייסט לאפען.

— יא, יא, אבער וואס האט דער שיפסקאפיטאן גענארפט האבען הערמאנאס'ן?

— ער האט איהם אוועקגעפיהרט צו די מענשען מיט די צוויי נעזער און מיט די פיער אויערען.

— צו וואס דארפען זיי האבען אונזערען א מענשען?

— אויפצועסען! ביי זיי איז א שטיקעל פלייש פון אונזערען א מענשען דאס טהייערסטע מאכל אין דער וועלט. א פונט געלד גיבען זיי אוועק פאר א פונט פלייש פון אונזערען א מענשען. דו קענסט דאס בערעכענען וויפיעל געלד דער שיפסקאפיטאן האט אפגענומען פאר דעם אינסורעקטא? געוויס הונדערט און פופציג פונט! וויפיעל קאן דאס הייסען געלד? אפשר צעהן טויזענד דאלאר ניט?

— אה, יא, געוויס צעהן טויזענד דאלאר! און אלבערטא און קאספארע האבען געהאלפען דעם שיפסקאפיטאן פארנארען צו זיך דעם אינסורעקטא?

— קא-קא-קא! וואס'אר א אינגעל דו ביזט, פערנאנדא! ווי הייסט זיי האבען איהם געהאלפען? דער שיפסקאפיטאן האט דען געוואוסט אז עס איז דא א הערמאנאס אויף דער וועלט? אלבערטא און קאספארע האבען געדארפט דעם הערמאנאס'ן אפראמען פון וועג, האבען זיי גערופען זייער מיניסטער לאפען, און איהם געזאגט אזוי:

— געה, לאפען, דער זוהן פון יוזעפא גאראשא, נעה אין אדער-בעי. דארט אנקערט א שיף, וועלכע הייסט דער "אדלער" און וואס איהר קאפיטאן איז עדווארד האק, דער בעריהמטער עדווארד האק, וועלכער האנדעלט מיט די קארליקלעך וועלכע קענען מיט א שטופ פון דער האנד אומווארפען א מויער, און מיט די מענשען, וועלכע האבען צוויי נעזער און פיער אויערען און זעקס הענד און צעהן פינגער אויף יעדער האנד. אבער וואס איז דער מעהר מיט דעם ווירטה? צום טייפעל! ער ברענגט דאך גאר ניט קיין וויין! העי, גידא! דער רוח זאל דיך נעהמען! — האט ער גענומען רופען דעם ווירטה — ברענג אהער א קריגעל וויין!

דאן האט ער אנגענומען פערנאנדא'ן ביים אויער און צוגעצויגען צו זיך.

— ווייסט דו וואס עס איז געוועזען מיט סענאר ליאבא'ס בילד? האט ער איהם געזאגט אין דער שטיל.

פערנאנדא'ן איז גלייך איינגעפאלען אז לאפען רעדט דא וועגען דעם פערשוואונדענעם בילד פון וועלכען זיין מוטער האט גערעדט מיט סענאר ליאבא.

— דו מיינסט סענאר ליאבא'ס בילד אהן דער בארד און וואנצעם?

— נו, ווי דען? דו פרעג לאפען'ן וועט ער דיר זאגען וואו דאס בילד איז אהינגעקומען.

— לאפען ווייסט אלעס! — האט פערנאנדא געקלאפט אויף דער פלייצע דעם שכור'ען קוטשער, וועלכער האט קוים געקענט פלאנטען מיט דער צונג — אי, ביזט דו א דורכגעטריבענער יונג, לאפען! דו ביזט טאקי ווירקליך א מיניסטער! איז וואס זאגסט דו וועגען דעם בילד?

— קאספארע זיצט אזוי מיט אלבערטא'ן ביי קאספארע'ן אין אפארטמענט. זאגט צו מיר קאספארע: לאפען! אין בילדער-צימער הייננט א בילד פון סענאר ליאבא ווען ער איז נאך געוועזען א יונגערמאנטשיק. זאלסט דו דאס בילד ארויס-גנב'ענען און עס מיר ברענגען.

— און דו האסט עס ארויסגעגנב'עט?

— געוויס! וואס מיינסטו לאפען קען ניט ארויסגנב'ענען א בילד? לאפען

האט שוין א מערד אויף א מאל ארויסגעגנב'עט.

—און דו האסט געבראכט דאס בילד קאספארען?

—נו, ווי דען?

—וואס האט ער מיט דעם געטאהן?

—אריינגעווארפען אין אויווען און פארברענט.

לאפעז האט שוין אזוי געפלאנטערט מיט דער צונג אז עס איז געוועזן אונמעגליך ווייטער צו פיהרען מיט איהם א געשפרעך. און אין עטליכע מינוט ארום איז זיין קאפ געפאלען אויף דער ברוסט און ער האט אנגעהויבען כראפען ווי א געקוילעטער אקס.

פערנאנדא האט איהם איבערגעלאזט און איז ארויסגעגאנגען פון'ם ווינשענק.

קאפיטעל 80.

ליאבא ערשיינט.

פערנאנדא איז אהיים געקומען האט ער זיך א שטיקעל צייט געשלאגען מיט דער דעה צו זאל ער דערצעהלען סענאר ליאבא וואס ער האט געהערט פון לאפעז'ן, אדער ניט. סענאר ליאבא האט איהם די גאנצע צייט ניט געפרעגט אויב ער האט שפיאנירט קאספארע'ן און אלבערטא'ן. עס זעהט אויס אז ער האט אין גאנצען פארגעסען דעם אויפטראג וואס ער האט איהם געגעבען. און איהם אליין, פערנאנדא'ן, איז די ארבייט געוועזן זעהר אונאנגענעהם. ער איז געוועזן צו עהרליך צו זיין א שפיאן אפילו צוליעב א גוטען צוועק. אבער א זאנדערבארע צוזאמענטרעפונג פון אומשטענדען האט איהם בעוויזען צו בעשליסען, מיטצוטהיילען סענאר ליאבא אלעס וואס ער האט געהערט פון לאפעז'ן.

דאס איז געוועזן אין אבענד, א טאג נאכדעם ווי ער האט זיך געטראפען מיט לאפעז'ן אין ווינשענק.

ער איז געזעסען אין סענאר ליאבא'ס קאבינעט און געלעזען דעם בלינדען מיליאנער די בריעף וועלכע זיינען אנגעקומען מיט דער לעצטער פאסט.

ראזעטא, בלייך, מיט א ווייטען בליק, —א בליק וועלכען מען זעהט נאר ביי מענשען, וועלכע זיינען ניט ביים געזונדען פערשטאנד, אדער ביי נאכטוואנדלער — איז אריינגעקומען און געפרעגט אויב ס'איז דא א בריעף פון דאקטאר מארגאן, אדער פון מיסטער ווארד. אויפ'ן שרייבטיש זייניי נאך געלעגען עטליכע ניט געעפענטע בריעף, און פערנאנדא האט דורכגעשוועבט מיט די אויגען די אדרעסען און געזאגט אז איין בריעף איז פון מיסטער ווארד'ן.

—פאפא! קען פערנאנדא גלייך לעזען דיעזען בריעף? האט ראזעטא געבעטען.

—געוויס, טאכטער — האט דער אלטער געזאגט, טיעף גערידהרט פון'ם טאן פון איהרע רייד, אין וועלכען עס האט געקלונגען גייסטיגע צובראכענקייט און לעבענס־מיעדקייט—קום, ראזעטא, זעץ ריך לעבען מיר.

זי האט זיך געזעצט לעבען פאטער און ער האט גענומען איהר האנד אין זיינע.

—לעז דעם בריעף פון מיסטער ווארד'ן — האט סענאר ליאבא געזאגט צו פערנאנדא'ן. און פערנאנדא האט געלעזען דאס פאלגענדע:

"מיין ליעבער און טהייערער פריינד, סענאר ליאבא!

גאט זיי דאנק מיין טאכטער איז צוריק אין דער היים...

—מיין גאט! — האט ראזעטא אויסגערופען אויפשפרינגענדיג פון'ם ארט— דאן וואו איז דאקטאר מארגאן... און הערמאנאס?...

—בערוהיג דיך, קינד — האט דער פאטער זי געבעטען — לאמיר הערען וואס ער שרייבט ווייטער.

אבער ראזעטא האט ניט געוואלט ווארטען ביז פערנאנדא וועט לעזען וואס עס שטעהט ווייטער. זי האט אויסגעכאפט דעם בריעף פון פערנאנדא'ס האנד און גענומען לויפען איבער די שורות מיט איהרע בליקען. זי האט פיעלע צייטען איבערגעהיפט, ווארום דער בריעף איז געוועזן א גאנץ לאנגער און פיעלעס אין איהם האט זי ניט אינטערעסירט. ענדליך איז זי צוגעקומען צו א פונקט,

וועלכען זי האט געזוכט און האט ארויסגעלאזען א זיפץ פון ערלייכטערונג.

—אה, גאט זיי דאנק — האט זי געזאגט פאר זיך, און האט זיך אראפגעלאזט אויף איהר שטוהל לעבען פאטער.

—ער לעבט, ראזעטא? — האט דער פאטער זי געפרעגט נעהמענדיג ווידער איהר האנד אין זיינער.

—יא, פאפא... זאל פערנאנדע לעזען.

“מיין ליעבער פריינד” האט פערנאנדא אנגעהויבען ווייטער לעזען. “איהר מוזט איך פארבערייטען צו לעזען ניט א בריעף נאר א ראמאן, און ניט א געוועהנליכען ראמאן נאר איינעם פון דעם סארט אין וועלכען עס געשעהען אין יעדען קאפיטעל נייע וואונדער, איינער גרעסער פונ'ם אנדערען. און דאך זיינען די אלע וואונדער אמת'ע ווירקליכע פאסירונגען. צווישען די אלע וואונדער איז אויך דא א געהיימניס, אין וועלכען איהר וועט זיין שטארק פעראינטערעסירט...”

— איך? — האט דער אלטער אויסגערופען.

— יא, פאפא — האט ראזעטא געזאגט — דאס געהיימניס... אבער הער בעסער וואס מיסטער ווארד שרייבט.

אין די ערשטע בלעטלעך האט מיסטער ווארד מיטגעטהיילט ווי ליליאן, דאקטאר מארגאן און הערמאנאס זיינען ארויסגעפאהרען פון קינגסטאן אויף א דאמפפערל, וועלכעס, ווי עס האט זיך דערנאך ארויסגעשטעלט, איז געווען א פיראטען־שיף און דער אייגענטהימער פון וועלכען איז געווען דערזעלבער ים־רויבער, וועלכער האט פערנארט צו זיך אויף דער שיף הערמאנאס'ן, ווי מארגאן און הערמאנאס זיינען איבערגעלאזט געווארען אויף א פערווארפענעם אינזעל און ליליען איז געבראכט געווארען קיין נויארק, און וואס ליליאן האט איהם געשריבען פון נויארק. דאן האט מיסטער ווארד דערצעהלט ווי ער איז געקומען קיין נויארק און פינקטליך ערפילט אלעס וואס דער ים־רויבער האט פון איהם געפאדערט, סיי מיט בעצוג אויף דער כו־מע געלד און סיי אין דעם פונקט ניט צו מעלדען א ווארט דער פאליציי.

“ביינאכט, צעהן מינוטען נאך עלף” האט מיסטער ווארד געשריבען “בין איך צוגעקומען צו דעם הויז אין פראנט סטריט, אין ברוקלין, און אוועקגעלעגט דאס זעקיל מיט די צוויי הונדערט טויזענד דאלאר אויף דער פושקארט, און זיך אוועקגעשטעלט פון ווייטען זעהן וואס עס וועט געשעהן.

אין דעם בלאק האט זיך ניט ארומגעדרעהט קיין לעבעדיגע זעלע. אין גאנצען זיינען דא דריי הייזער אין דעם בלאק, און עס זעהט אויס אז קיינער וואוינט אין זיי ניט, ווארים עס איז ניט געווען קיין ליכט אין קיין פענסטער און דער סטריט לאמפ איז אויך ניט געווען אנגעצונדען.

אבער די נאכט איז געווען א ליכטיגע. דער הימעל איז געווען אויסגעשטערנט און א פולע לבנה האט אראבגעקוקט און געווען א שטומער עדות פון דער זעלטענער סצענע.

איך בין געשטאנען און געקוקט אין אלע זייטען, ערווארטענדיג אז עס וועט פון ערגעץ ארויסקומען א מענש און צונעהמען דאס זעקל. אבער עס האט זיך ניט בעוויזען קיין געשטאלט און עס האט זיך ניט געהערט קיין מענשליכער טריט.

מיט א מאל — דאס האט געמוזט זיין פינף מינוט נאכדעם ווי איך האב אוועקגענומען דאס זעקיל — האט די פושקארט גענומען זינקען. לאנגזאם, לאנגזאם איז זי געזונקען אלע מאל טיעפער ביז זי איז אין גאנצען פערשוואונדען געווארען. דאן האבען זיך צוויי האלבע טיהרען פון א קעלער מיט א קלאפ אראבגעלאזט אויף דעם ארט וואו די פושקארט איז געשטאנען.

די פושקארט, ווי עס האט אויסגעזעהן, איז געשטאנען איבער אן אפענעם קעלער.

איך בין אוועקגעגאנגען צו מיין אויטאמאביל, וועלכער איז געשטאנען עטליכע בלאק ווייטער, אין אן אנדער גאס,

און אַוועקגעפאָהרען אין מיין האָטעל אין נויאָרק.

אין אַ שטונדע שפּעטער איז מיין טאָכטער געקומען צו מיר אין האָטעל.

אזוי ווי זי איז אריינגעפיהרט געוואָרען אין איהר פריזאָן מיט פערבונדענע אויגען אזוי איז זי אַרויסגעפיהרט געוואָרען פון איהר פריזאָן. זי ווייסט ניט וואו זי איז געווען. מען האָט איהר פערבונדען די אויגען, זי אַרויסגעפיהרט אין דרויסען און אריינגעזעצט אין אַ קערידזש. זי איז געפאָהרען אַקעגען אַ האַלבע שטונדע. דאַן האָט זיך דער קערידזש אַבגעשטעלט און מען האָט איהר אויפגעבונדען די אויגען און געהייסען אַרויסגעהן פון קערידזש. זי האָט זיך געפונען אין אַ שטילער גאַס און דער דרייווער האָט איהר געזאָגט אַז צוויי בלאָק ווייטער קען זי נעהמען אַ טעקסיקעב און פאָהרען צו מיר אין האָטעל.

זי האָט געמיינט ווער וויים ווי ווייט זי איז פון מיין האָטעל, אָבער אין ווייניגער ווי צעהן מינוט האָט דער אָוטאָמאָביל זיך אַבגעשטעלט און דער שאָפיר האָט איהר געזאָגט אַז זי געפינט זיך שוין פאַר׳ן האָטעל.

שטעלט זיך פאָר־ אין רעכטען צענטער פון דער קאָכעדיגער שטאָדט, צעהן מינוט פון בראָדוויי, איז אַ טאָכטער פון אַ פּראָמינענטען בירגער געפיהרט געוואָרען פון באַנדיטען אַלס זייער געפאַנגענע, און זיי האָבען פאַר קיין זאַך קיין מורא ניט געהאַט!...

אָבער איצט קומט ערשט דאָס מערקווירדיגסטע. ניט נאָר קען איך ניט דיינקען וועגען ראַכע נעהמען פון די באַנדיטען און דערצעהלען די געשיכטע דער פּאָליציי. נאָר איך מוז נאָך ווערען זייער פערבונדעטער, און איהר, סענאָר ליאַבאַ, מוזט אויך ווערען זייער פערבונדעטער.

דאָקטאָר מאָרגאַן און הערמאַנאָס געפינען זיך יעצט אויף דעם פערוואָרפענעם אינזעל. עס איז נאַטירליך אונזער פפליכט זיי צו בעפרייען, און אזוי ווי קיין לעבעדיגער מענש, אויסער עדוואָרד האַק, דער ים־רויבער, ווייסט ניט וואו דאָס אינזעל געפינט זיך, מוזען מיר זיין פריינד מיט עדוואָרד האַק, און ניט נאָר איהם געבען דעם פרייז וואָס ער פערלאַנגט פאַר דער פרייהייט פון זיינע געפאַנגענע נאָר אויך איהם פערזיכערען מיט אַלעם וואָס איז נאָר מעגליך אַז מיר וועלען איהם דערנאָך ניט פערראַטהען. אָבער דאַ האַנדעלט זיך ניט בלויז וועגען צוויי פריינד וועלכע זיינען אין אַן אונגליקליכער לאַגע. הערמאַנאָס איז אייך, סענאָר ליאַבאַ, פיעל מעהר אַלס אַ פריינד — און דאָס איז דאָס געהיימניס וואָס איך האָב דערמאָהנט אין די ערשטע צייל{ען} פון מיין בריעף"...

— פיעל מעהר אַלס אַ פריינד? — האָט סענאָר ליאַבאַ אויסגערופען—וואָס בעדייטען דיזע ווערטער? וואָס איז מיר דער אינסורעקטאָ מעהר ווי אַ פריינד?

— לעז ווייטער, פערנאַנדאַ — האָט ראָזעטאַ געזאָגט.

"איך וויל אייך מעהר ניט שרייבען" האָט פערנאַנדאַ ווייטער געלעזען, "וואָרים דאָס איז אַן איבערראַשונג צו וועלכער אַ מענש אין אייער שוואַכען געזונד מוז זיין פאַרבערייטעט. איך קום נאָך מערידאַ, צוזאַמען מיט דעם ים־רויבער, וועלכער איז איצט אונזער פריינד און פערבונדעטער. איך וועל זיין ביי אייך אַ וואָך נאָכדעם ווי איהר וועט ערהאַלטען דיזע צייל{ען}. פאַהרט ניט אַרויס פון דער היים און זאָגט ניט קיינעם יועגען דיזען בריעף. ספּעציעל זאָלט איהר זיך היטען אַרויסצורעדען אַ וואָרט פאַר אייער זוהן אַלבערטאָ און אייער געשעפטס־פיהרער קאַספּאַרע.

אייער וויליאַם ראַלף וואָרד."

— ווידער אַלבערטאָ און קאַספּאַרע!

— האָט דער בלינדער געזאָגט אויפשטעהענדיג — אַ געהיימניס... הערמאַנאָס איז מיר מעהר ווי אַ פריינד... אַלבערטאָ און קאַספּאַרע טאָרען וועגען קיין זאַך ניט וויסען... וואָס בעדייטעט דאָס אַלעס?... דער מח קעהרט זיך מיר איבער.

— איך וועל אייך עפּעס דערצעהלען, סענאָר ליאַבאַ — האָט פערנאַנדאַ געזאָגט — פיעלייכט וועט דאָס אייך העלפען בעסער צו פערשטעהן וואָס מיסטער וואָרד שרייבט אייך.

און ער האָט איהם דערצעהלט וואָס ער האָט ארויסגעצויגען פון דעם שכור'ן קוטשער, לאָפּעז'ן, אז אלבערטאָ און קאַספּארע האָבען געזוכט אבצוראַמען הערמאַנאָס'ן פון'ם וועג און זיי האָבען צוליעב דעם צוועק געפיהרט אונטער־האַנדלונגען מיט דעם ים־רויבער. אויך האָט פערנאַנדאָ דערצעהלט ליאָבאַ'ן אז לאָפּעז האָט ארויסגעגנב'עט דאָס בילד אויף דעם אויפטראַג פון אלבערטאַ'ן און קאַספּארע'ן, און קאַספּארע האָט עס פערברענט.

— וואָס טהוט זיך אין מיין הויז? מיין גאָט! וואָס טהוט זיך אין מיין הויז? — האָט סענאָר ליאָבאָ צונומען די הענד אין פערצווייפלונג — וואָס האָט הערמאַנאָס געקענט זיין אין וועג אלבערטאָ'ן?... ראָזעטאָ! איך גלויב דו האָסט מיר געזאָגט אז הערמאַנאָס האָט ליעב געהאט מיסטער וואָרד'ס טאָכטער. האָט אלבערטאָ זי אויך פיעלייכט גע־ליעבט?

— ניין, פּאַפּאָ! — האָט ראָזעטאָ געזאָגט — איך ווייס אז אלבערטאָ האָט ניט געזעהן אין הערמאַנאָס'ן קיין קאָנ־קורענט אין ליעבע.

— דו אונטערשטרייכסט אזוי דאָס וואָרט ליעבע. האָט ער אין איהם געזעהן א קאָנקורענט אין עפּעס אנ־דערעס?

— זעהר מעגליך — האָט ראָזעטאָ געזאָגט — אבער איך בעט דיך, פּאַפּאָ, לאָז מיך איצט געהן אין מיין צימער.

— פיהלסטו דיך ניט גליקליך פון דער נאַכריכט אז ער לעבט און וועט אין גי־כען זיין ווידער מיט אונז? — האָט דער אלטער געזאָגט אין דער שטיל צו ראָזעטאָ'ן

—אבער צופיעל גליק איז אויך שווער איבערצוטראָגען, פּאַפּאָ.

און מיט די ווערטער איז זי ארויס פון'ם קאַבינעט.

ליאָבאָ איז אומגעגאַנגען איבער'ן צי־מער פערטראַכט, מאַטערענדיג זיך צו געפינען א צוזאַמענהאַנג צווישען די אלע ערשטוינענדע פאַקטען וואָס ער האָט גע־וואוסט ביז איצט און די נאָך מעהר ערשטוינענדע פאַקטען וועלכע זיינען איהם מיטגעטהיילט געוואָרען אין וואָרד'ס בריעף, אבער ער האָט ניט גע־קענט געפינען קיין פאָדים וואָס זאָל זיי צוזאַמענבינדען.

עס איז געווען פאַר איהם קלאָר אז אלבערטאָ און קאַספּארע זיינען אינטרי־גאַנטען און זיינע בלוטיגע פיינד. אבער וואָס איז דאָ הערמאַנאָס? מיט וואָס האָט זיי דיזער פרעמדער יונגער מאַן געקענט זיין אין וועג? ווארום האָבען זיי איהם געלאָזט אומברייגגען?... און וואָס האָט זיי געאַרט דאָס בילד? א בילד, א שטום שטיקעל פּאַפּיער — וואָס האָט דאָס זיי געקענט שאַדען?...

דאָס בילד... דאָס בילד... ער האָט געפיהלט אז אין דעם בילד ליעגט דער שליסעל צו אלע רעטענישען. ער איז געווען זיכער אז דאָס שטומע בילד האָט געקענט מעהר רעדען ווי א לעבע־דיגער מענש, אבער ווי אזוי ארויסצו־קריגען פון דעם די שליסעל און די שפּראַך האָט ער ניט געוואוסט.

מיט אמאָל האָט ער זיך אבגעשטעלט.

— פערנאַנדאָ! — האָט ער זיך גע־ווענדעט צו דעם יונגען מאַן, וועלכער איז געזעסען אויף זיין אָרט וואַרטענדיג אויף ליאָבאָ'ס אָרדער צו לעזען די איב־ריגע בריעף — האָט ניט דיין מוטער געזאָגט אז הערמאַנאָס איז געווען ענג־ליך צו דעם בילד ווי צוויי טראָפּען וואַ־סער?

— יאָ, סענאָר — האָט פערנאַנדאָ געענטפערט.

— און ווען הערמאַנאָס האָט געזעהן דאָס בילד האָט ער אויך צוגעגעבען די ענליכקייט.

— יאָ, סענאָר.

— נו, איז וואָס? — האָט ליאָבאָ געזאָגט צו זיך אליין — וואָס האָט דאָס זיי געקענט אַרען וואָס אימיצער איז ענליך צו מיין בילד?..

לאַנג האָט סענאָר ליאָבאָ ארומגע־שפּאַנט ביי זיך אין קאַבינעט און זיך געבראָכען דעם קאָפּ צו געפינען אן ער־קלערונג אויף די אלע זאָנדערבאַרע און געהיימניספאָלע פּאַסירונגען, אבער זיין

מיעדער מח האט זיך ענטזאגט איהם צו דיענען. ער האט ניט געקענט געפינען, ניט קיין צוזאמנהאנג צווישען די פערשיעדענע ערשטוינענדע פאסירונגען, ניט קיין מאטיוו פאר אלבערטא'ס און קאספארע'ס האנדלונגען.

— געה שלאפען — האט ער געזאגט צו פעראננדא'ן. און ווען דער יונגער מאן איז ארויסגעגאנגען האט ער זיך אנידערגעזעצט ביים דעסק, און אונטערשפארענדיג דעם קאפ מיט ביידע הענד איז ער אזוי געזעסען ביז שפעט אין דער נאכט.

קאפיטעל 31.

א ליכט אין דער פינסטער.

אויף מארגען איז סענאר ליאבא'ס ערשטער געדאנק געווען צו רופען צו זיך אלבערטא'ן און פאדערן פון איהם אן ערקלערונג פאר זיינע און קאספארע'ס אינטריגען נעגען הערמאנאס'ן. אבער ער האט זיך באלד בערעכענט אז ער קען דערמיט נאר א טובה טהאן די צוויי באנדיטען און שטעלען אין געפאהר זיין לעבען.

"א מענש וועלכער איז פעהיג איבערצוגעבען אן אונשולדיגען יונגען מאן אין די הענד פון א ים־רויבער און ווארט מיט אונגעדולד אויף זיין פאטער'ס טויט קען אליין ווערען זיין פאטער'ס מערדער" האט ליאבא געזאגט צו זיך אליין.

ליאבא איז איצט גאר ניט געווען אין טעות וועגען אלבערטא'ס פערברעכערישען כאראקטער. ער האט קיינמאל ניט געפיהלט קיין צוגעבונדקייט צו איהם און איז אלע מאל געווען זיכער אז אלבערטא איז איהם ניט קיין געטריי קינד. אבער אלבערטא'ס בענעהמונג ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען אפריישאן און זיין גלייכגילטיגקייט ווען ער איז אריינגעווארפען געווארען פון עספאראנזא'ן אין פריזאן האבען ליאבא'ן איבערצייגט אז אלבערטא ווארט מיט אונגעדולד אויף זיין טויט. און א מענש, וועלכער קוקט ארויס מיט אזא אונגעדולד אויף זיין פאטער'ס טויט און קען זוכען אומצברייננגען א פרעמדען, וועלכער איז איהם אין וועג, אזא מענש קען גאנץ רוהיג זיין א פאטער־מערדער.

דאס אלעס האט ליאבא ניט נאר געדיינקט נאר אויך געפיהלט. דערפאר האט ער זיך בערעכענט אז עס איז בעסער ניט צו לאזען וויסען אלבערטא'ן אז ער ווייסט פון זיינע נידערטרעכטיגקייטען ביז ער וועט קענען ארויסטרעטען נעגען איהם מיט אזעלכע בעווייזע אז ער זאל איהם קענען מאכען אונשעדליך מיט דער הילף פון דער פאליציי. און ער האט בעשלאסען ניט צו רעדען א ווארט מיט אלבערטא'ן ביז מיסטער ווארד וועט קומען מיט דעם קאפיטאן פון דער פיראטען־שיף.

ער האט אבער דערקענט פון ראזעטא'ס רייד און האלטונג אז זי ווייסט פיעל מעהר ווי ער וועגען אלבערטא'ס און קאספארע'ס אינטריגען און קען אויפקלעהרען פיעלעס וועלכעס איז פאר איהם א רעטעניש, און ער איז צוגעשטאנען צו איהר זי זאל איהם זאגען וואס זי ווייסט.

עטליכע מאל האט זי זיך פון איהם ארויסגעדרעהט מיט פערשיעדענע תירוצים. אבער איהר ארויסדרעהען זיך האט איהם נאך מעהר איבערצייגט אז זי ווייסט עפעס זעהר וויכטיגעס און האט נאך מעהר גערייצט זיין נייגיערינקייט.

— ראזעטא! — האט ער איינמאל געזאגט צו איהר, ווען ער איז געזעסען מיט איהר אליין אין דיינינג־רום נאך ברעקפעסט — איך באשווער דיך ביי אלעם וואס איז אונז ביידע הייליג, דו זאלסט מיר זאגען וואס דו ווייסט. איך בין זיכער אז דו טראגסט דיך שוין גאנץ לאנג ארום מיט געהיימניסע, וועלכע דריקען דיין נעמיטה. ווארום זאלסטו בעהאלטען פון דיין פאטער פאקטען, וועלכע קענען בעלייכטען דאס פינסטערניש מיט וועלכען ער איז ארומגערינגעלט?

זייט עס איז אנגעקומען דער בריעף פון מיסטער ווארד'ן איז ראזעטא געווארען פיעל מונטערער און עהנליכער צו זיך אליין.

— פאפא! — האט ראזעטא געזאגט

זיך זעצענדיג לעבען איהם — דאָס וואָס איך וויים — ריכטיגער: וואָס איך פערדעכטיג — איז צו שרעקליך איך זאָל קענען וועגען דעם רעדען מיט דיר.

— קיין זאַך קען ניט זיין שרעקליכער פון די ג.ראַנקען, וועלכע מאַטערען מיך, פון די שרעקען וועלכע גיבען מיר קיין רוה ניט בייטאָג און רויבען מיר דעם שלאָף ביינאַכט. זאָג מיר וואָס דו ווייסט, קינד, וואָס דו פערדעכטיגסט. איך בין אויף אַלעם פאַרבערייטעט און קיין זאַך וועט מיך ניט איבערראַשען. ווען א מענש געהט ארום מיט דעם געפיהל אז זיין אייגענער זוהן וואַרט מיט אונגעדולד אויף זיין טויט, נאָך מעהר: ווען א מענש געהט ארום מיט דעם געדאַנק אז זיין אייגענער זוהן זוכט איהם אומצוברענגען, וואָס קען איהם דאַן זיין שרעקליך צו הערען?

— פּאַפּאַ! — האָט ראָזעטאַ געזאָגט געוואָרגען פון טרעהרען — איך האָב מיר גאָרנישט פאָרגעשטעלט די מאַטערנישען און שרעקען וועלכע דו האָסט די לעצטע צייט איבערגעלעבט. ניין, פּאַפּאַ, קיין זאַך קען ניט זיין שרעקליכער ווי דאָס וואָס דו זאָגסט מיר. אבער איידער איך וועל דיר זאָגען אַלעס וואָס איך פערדעכטיג, וועל איך דיר איבערלעזען א בריעף, וועלכער האָט אין מיר דעם פערדאַכט ארויסגערופען.

און זי האָט איהם איבערגעלעזען דעם בריעף פון דעם שוסטער פון מעקסיקאָלי, נאַטאַרע גאָמעז.

— גאָט מיינער! — האָט דער בלינדער מאַן אויסגערופען, אויפשפּרינגענדיג פון'ם אָרט — ראָזעטאַ! פערשטעהסטו וואָס דאָס אַלעס בעדייט — — —

ער האָט דאָס וואָרט ניט געענדיגט. די פּיס האָבען זיך איהם אונטערגעהאַקט און ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט אָן טיש.

— פּאַפּאַ! — האָט ראָזעטאַ אויסגעשריען איהם אָננעהמענדיג ביי די הענד — וואָס איז דיר, פּאַפּאַ?... טאַרעלאַ!

— האָט זי גערופען — טאַרעלאַ!

די אַלטע אַם איז אריינגעלאָפען.

— רוף אריין דאָקטאָר אראַ, שנעל!

— מען דאַרף ניט — האָט סעניאָר ליאָבאַ געזאָגט — מען דאַרף ניט, טאַרעלאַ, לאָז אונז אַליין.

און ער האָט זיך לאַנגזאַם אראָפּגעלאָזט אויף א שטוהל.

— ראָזעטאַ! — האָט ער געזאָגט מיט א שוואַכער, קוים הערבאַרע שטימע — דאָס וואָס דער בריעף זאָגט — און ער קען נאָר זאָגען איין זאַך: אז אַלבערטאַ איז ניט מיין זוהן, נאָר א פרעמדער. אַן אוואַנטיוריסט, ווי מיינסטו?

— דאָס איז וואָס איך האָב פון דעם בריעף פערשטאַנען. אבער ווי פיהלסטו דיך, פּאַפּאַ?

ער האָט איהר אויף דער פראַגע ניט געענטפערט.

— דאָס שטימט מיט אַלץ דינג...

מיט אַלץ דינג — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין — אבער ווי אזוי איז עס געשעהן?... דאָס איז אונבעגרייפליך...

— ווי אזוי דאָס איז געשעהן וועט אונז אויפקלעהרען דער שוסטער פון מעקסיקאַלי — האָט ראָזעטאַ געזאָגט — אבער דו ביזט אזוי שוואַך, פּאַפּאַ! לאָז מיר אריינרופען דאָקטאָר אראַ.

— ניין, ניין! — האָט סעניאָר ליאָבאַ געזאָגט — איך בין ניט שוואַך, איך דאַרף ניט קיין דאָקטאָר... א ליכט איז מיר אויפגעגאַנגען — האָט ער אָנגעהויבען רעדען מיט שטייגענדער ענערגיע. — דאָס שטימט מיט אַלץ דינג. דער בריעף בעלייכטעט דאָס פינסטערניש מיט וועלכען איך בין געווען ארומגערינגעלט. ראָזעטאַ! איצט פערשטעה איך אַלעס!

— וואָס פערשטעהסט דו איצט, פּאַפּאַ?

— איך פערשטעה וואָרום זיי האָבען געוואָלט אומברענגען הערמאַנאָס'ן, וואָרום זיי האָבען פערניכטעט דאָס בילד, וועלכעס איז געווען עהנליך צו הערמאַנאָס'ן, וואָרום זיי האָבען געזוכט מיך אַליין אומצוברענגען. יאָ, טאָכטער! איך פערשטעה איצט אַלעס. אבער ווי איז דאָס געשעהן?...

ער האָט זיך אויפגעהויבען און גענומען אומגעהן איבער'ן צימער.

— דו זעהסט, ראָזעטאַ? איך בין איצט שטאַרקער ווי פריהער! האָב איך

דען אַלע מאָל ניט געפּיהלט אַז אַלבערטאַ איז מיר אַ פרעמדער? קען מען דען אַ פּאַטער'ס האַרץ אָפּנאַרען?... אָבער יוי איז דאָס געשעהן? דאָס איז וואָס מען מוז איצט אויסגעפינען!...

ער איז אַרומגעגאַנגען עטליכע סעקונדען פאַרטראַכט, דאַן האָט ער געהייסען ראָזעטאַ'ן זי זאָל איהם נאָכאַמאָל איבערלעזען דעם שוסטער'ס בריעף.

— יאַ, עס איז קלאָהר ווי דער טאָג!

— האָט ליאָבאַ געזאָגט ווען זי האָט געענדיגט לעזען — אַלבערטאַ איז אַ פרעמדער, אַ אוואַנטיוריסט, און קאַספּאַרע ווייסט פון דער אינטריגע, אוןביידע צוזאַמען ווילען ירשענען מיין פערמעגען. דאָס ערקלעהרט אַלעס, אַלעס. אויסער די איינע פראַגע: ווי דאָס איז געמאַכט געוואָרען אַז מיין קינד, מיין אמת'ער אַלבערטאַ, זאָל אויפגעהאָדעוועט ווערען ביי אַ שוסטער אין מעססיקאַלי און היסען הערמאַנאָס, און אַ פרעמדער, אַ אויסוואָורף, אַ מערדער זאָל קומען צו מיר אין הויז אַלס מיין זוהן... אָה, דאָס איז צופיעל פאַר מיין מידען מח! — האָט ליאָבאַ געזאָגט זיך אַראָבלאָזענדיג אויף אַ שטוהל — טאָכטער, רוף אַריין פערנאַנדאָ'ן. איך יויל איהם שיקען נאָך מעקסיקאַלי. ער מוז אויפזוכען דעם שוסטער און איהם ברענגען אַהער.

אָבער ראָזעטאַ האָט ניט געוואָלט לאָזען דעם פאַטער אַליין. זי האָט אַריינגערופען טאַרעלאַ'ן און איהר געהייסען אַריינשיקען איהר זוהן, וועלכער איז באַלד אַריינגעקומען.

— פערנאַנדאָ! האָט ליאָבאַ געזאָגט צום יונגען מאַן — דו ביזט דער איינציגער מענש ביי מיר אין הויז, וועמען איך קאָן אַנפערטרויען אַ מיסיאָן, יועלכע פאָדערט אַ עהרליכקייט אַ טאַקט. איך וויל דו זאָלסט אַריבערפאָהרען קיין מעקסיקאַלי און אויפזוכען אַ שוסטער מיט'ן נאָמען נאַטאַרע גאָמען, און איהם ברענגען צו אונז אין הויז. אָבער דאָס מוז געטהאָן ווערען אין דער שטיל. קיין מענש דאַרף ניט וויסען וואוהין דו פאָהרסט און דעם צוועק פון דיין פאָהרען און דו מוזט אַריינקומען אין שטאָדט אַריין מיט דעם שוסטער ביינאַכט, אַז קיינער זאָל איהם ניט זעהן.

— שפּעט ביי נאַכט קען מען אויך ניט זיין זיכער אַז קיינער וועט איהם ניט זעהן — האָט פערנאַנדאָ געזאָגט — מאַנכע מענשען דרעהען זיך דאָ אַרום שפּעט ביי נאַכט.

— דו ביזט גערעכט — האָט ליאָבאַ געזאָגט—ווי זשע מאַכט מען אַז קיינער זאָל איהם ניט זעהן ווען ער וועט אַריינגעהן צו אונז אין הויז?

— ער דאַרף זיך פאַרמאַסקירען — האָט ראָזעטאַ געזאָגט.

— דאָס איז אַן אויסגעצייכענטע אידעע — האָט סענאָר ליאָבאַ אויסגערופען — יעס, פערנאַנדאָ, ער זאָל זיך פאַרמאַסקירען.

— אָבער פיעלייכט וועט ער גאָר ניט וועלען פאָהרען מיט מיר? — האָט פערנאַנדאָ געזאָגט.

— מיר ווייסען אַז ער דאַרף געלד — האָט ליאָבאַ געזאָגט — גיעב איהם וויפיעל געלד ער וועט נור וועלען, און זאָג איהם אַז ער קען קריגען פון מיר פיעל מעהר, הונדערט מאָל מעהר, ווי די אינטריגאַנטען האָבען איהם געגעבען זינט ער קען זיי.

— די אינטריגאַנטען? — האָט פערנאַנדאָ איבערגעפרעגט.

— יאַ, די אינטריגאַנטען! ער וועט שוין וויסען וואָס דאָס בעדייטעט.

— פּאַפּאַ! — האָט ראָזעטאַ געזאָגט — אַזוי וועט עס ניט טויגען. דער שוסטער וועט ניט פערשטעהען ווי אַזוי דו ביזט פּלוצלונג געוואָהר געוואָרען וועגען די אינטריגאַנטען און דער אינטריגע. ער וועט פערדעכטיגען אַז פערנאַנדאָ איז געשיקט פון דער אַנדערער זייט און אַז מען וויל איהם פאַרנאַרען אהער אום איהם אָפּצוראַמען פון'ם וועג. מען מוז מיטגעבען פערנאַנדאָ'ן עפּעס מיט וואָס ער זאָל קענען איבערצייגען דעם שוסטער אַז ער איז געשיקט פון דיר. אויך מוז מען איהם גאַראַנטירען אַז ער וועט ניט בעשטראָפט ווערען פאַר דעם אַנטהייל, וועלכען ער האָט גענומען אין דער אינטריגע.

— נו, ווי איבערצייגט מען איהם?

און וואָס פאַר אַ גאַראַנטי קען מען איהם געבען?

— פערנאַנדאָ דאַרף האָבען אַ בריעף מיט דיין זיעגעל. דער בריעף מוז געשריעבען ווערען פון דיר און דו דאַרפסט איהם גאַראַנטירען, מיט דיין עהרענוואָרט, אז ער וועט ניט פערפאַלגט ווערען פיר זיין אַנטהייל נעהמען אין דעם פערברעכען און אז דו וועסט איהם בעשיצען געגען די אינטריגאַנטען. דיין נאָמען, ווי מען זעהט פון זיין בריעף, איז איהם גוט בעקאַנט, און איך בין זיכער אז ער וועט זיך פאַרלאָזען אויף דיין עהרען-וואָרט.

— יעדענפאַלס איז דאָס דאָס איינציגע וואָס מיר קאָנען טהאָן! — האָט ליאָבאָ געזאָגט — נעה, ראָזעטאָ, אריין מיט פערנאַנדאָ'ן צו מיר אין קאַבינעט און דיקטיר איהם אַ בריעף, איך וועל אריינגעהן צו מיר אין בעד-רום און זיך אַביסעל צולייגען.

אין צוויי שטונדען ארום איז פערנאַנדאָ אוועקגעפאָהרען קיין הערמאָסילאָ, וואו ער האָט גענומען די טריין נאָך מעקסיקאָלי.

ער האָט מיט זיך געהאַט דעם בריעף צו נאָטאַרע גאָמעז, וועלכען ראָזעטאָ האָט איהם דיקטירט און אַ סומע געלד גרויס גענוג צו בעוועגען אַ רייכערען מענשען ווי נאָטאַרען צו מאַכען די רייזע נאָך מערידאָ.

קאַפּיטעל 32.

רעכנונג און בעצאָהלונג.

עטליכע טעג נאָך פערנאַנדאָ'ס אָפּפאָהרען קיין מעקסיקאָלי איז מיסטער וואָרד צוזאַמען מיט עדוואָרד האָק געקומען קיין מערידאָ, און פון אַלע זייטען האָבען דאָן אַנגעפאַנגען פאַלען שטראַמען פון ליכט אויף די פינסטערע אינטריגען פון קאַספּאַרען און אַלבערטאָ'ן.

האָק האָט דערצעהלט סענאָר ליאָבאָ'ן ווי קאַספּאַרע האָט געשיקט צו איהם אַ בריעף נאָך אַדעיר בעי, דורך דעם קוטשער לאָפּען, אין וועלכען ער האָט איהם געאָפּערט אַ גרויסע סומע געלד פאַר דעם דזשאָב צו פערנארען צו זיך אויף דער שיף הערמאַנאָס'ן און איהם אוועקפיהרען אין אַ אָרט פון וואַנען ער זאָל שוין ניט צוריקקומען.

— האָט איהר דעם בריעף? — האָט סענאָר ליאָבאָ געפרעגט האָק'ן.

— יעס, סענאָר — האָט האָק געענטפערט. איך בין אַלע מאָהל זעהר פאָרזיכטיג צו בעהאַלטען יעדעס שטיקעל פּאַפּיער, וועלכעס קען מיר דיענען אַלס וואָפע געגען מיינע קליענטען אין פאַל זיי זיינען מיט מיר ניט אויפריכטיג.

האָק האָט ארויסגענומען אַ פּאַקעטבוך און אָפּגעזוכט צווישען די פיעלע פּאַפּיערען וואָס זיינען דאָרט געווען דעם בריעף וועלכען קאַספּאַרע האָט איהם געשריעבען מיט בעצוג צו הערמאַנאָס'ן.

— דאָס איז קאַספּאַרע'ס האַנדשריפט — האָט ראָזעטאָ געזאָגט דורכלעזענדיג דעם בריעף.

— דער בריעף בעווייזט אָבער קיין זאַך ניט געגען אַלבערטאָ'ן — האָט סענאָר ליאָבאָ בעמערקט.

— ניין — האָט האָק געענטפערט — אָבער איך בין געווען אין מערידאָ און געהערט אַ געשפּרעך מיט קאַספּאַרע'ן און אַלבערטאָ'ן, און אַ פרוי, וועלכע איז, גלויב איך, אייער הויז-ווירטהין, איז אויך געווען אנוועזענד ביי דיעזען געשפּרעך.

— די הויז-ווירטהין? — האָט סענאָר ליאָבאָ געזאָגט פערוואונדערט — זאָל דאָס זיין אונזער דאָנעלאָ?

— זעהר מעגליך, פּאַפּאָ — האָט ראָזעטאָ געזאָגט — דאָנעלאָ איז אַלע מאָל געווען זעהר אינטים מיט קאַספּאַרע'ן און אַלעברטאָ'ן.

— וואָס זאָל מען איצט טאָהן? — האָט סענאָר ליאָבאָ געזאָגט נאָך אַ פּאָר סעקונדען שטיל-שווייגען — רופען אַלבערטאָ'ן און איהם שטעלען אויג אויף אויג מיט מיסטער האָק'ן?

— מיין ראַטה איז — האָט מיסטער וואָרד געזאָגט — מען זאָל אָפּוואַרטען ביז דער שוסטער פון מעקסיקאָלי וועט קומען. ער האַלט דעם שליסעל צו דער הויפּט-אינטריגע, וועלכע איז די אורזאַכע פון אַלע איבריגע אינטריגען און

נידערטרעכטיגקייטען. נאך אלעמען האבען מיר נאך אלץ ניט קיין פאזיטיווע בעווייזע אז הערמאנאס איז אלבערטא און אז אלבערטא איז א אוואנטיוריסט, אבוואהל מיר האבען א לאנגע קייט פון בעווייזע, פון וועלכע מען מוז ציהען דיעזען שלום.

— מיסטער וואָרד !—האט ליאבא זיך געווענדעט צו זיין פריינד—ביי מיר אין מח איז א וואלד, ווי וואלט איהר, אלס אדוואקאט, בעוויזען פון די פאקטען וואס מיר האבען דעם שלום וועלכען מיר ציהען ?

— צוערשט קומט דער פאקט אז אלבערטא איז קיינמאל ניט געוועזען צו־געלאזט צו איך ווי א קינד און אז איהר האט אימער געפיהלט א פרעמדקייט צו איהם. דאן קומט דער דיספוט וועגען דעם אפריישאן פון וועלכען עס איז קלאהר ווי דער טאג אז דער יונג האט געזוכט אייער טויט. דאס אלעס ווערט פערשטארקט דורך דער פיינדשאפט וואס ער האט ארויסגעוויזען צו אללע וועלכע האבען געזוכט צו רעטען אייער לעבען....

— פאפא !—האט ראזעטא געזאגט —ווען מיסטער וואָרד איז אנגעקומען דאס ערשטע מאל קיין מערידא און עס איז געמאכט געווארען אויף איהם דער איבערפאל פון מאדערא'ס מענשען, ווייסטו דאך אז דאס האט מען געזוכט דאקטאר מארגאן ניט מיסטער וואָרד'ן...

— געוויס, אזוי האט דאך מיסטער וואָרד אונז געזאגט ווען ער איז צוריק געקומען.

— אבער ווייסטו ווער עס האט גע־זאגט מאדערא'ן אז דאקטאר מארגאן איז א שפיאן ?

— אלבערטא ?

— יא, פאפא. אזוי האט מיר מאדערא אליין געזאגט.

— איהר זעהט, אליזא—האט וואָרד פארטגעזעצט— אז אלבערטא האט גע־זוכט אפצוראמען פון'ם וועג דעם מענ־שען, וועלכער האט ניט דערלאזט די קרימינעלע אפעראציאן, און איז געוועזען פיינדליך צו אללע אייערע פריינד, ווי עס בעווייזט זיין האלטונג צו מיר און צו מיין טאכטער. דאס וואלט אבער נאר געוויזען אז ער איז א שלעכטער, פער־דארבענער זוהן, וועלכער זוכט דעם פא־טער'ן טויט, ווייל עס איז איהם צו לאנג צו ווארטען אויף זיין נאטירליכען טויט. אבער מיט הערמאנאס'עס ערשיינען אויף דער סצענע הויבט זיך אן דורכצוברעכען א גאנץ נייע ליכט. די אינטריגאנטען זוכען אפצוראמען פון'ם וועג א גאנץ פרעמדען מענשען, וועלכער האט זיי קיינמאל קיין שלעכטעס ניט געטאהן. וואס איז די אורזאכע ? צוליעב וואס טהוען זיי דאס ? מיט א מאל שטעלט זיך ארויס אז א בילד פון אייך ווען איהר זיינט געוועזען א יונגער מאן איז פערשוואונדען געווארען. עס שטעלט זיך אויך ארויס אז דער הערמאנאס איז געוועזען עהנליך צו דער בילד. עס ווערט שפעטער אויסגעפונען אז אלבערטא און קאספארע האבען געזעהן אז דאס בילד זאל פערשווינדען. דיעזע אומשטענדען בעווייזען שוין אז ניט אומזיסט האבען די אינטריגאנטען אפגעראמט פון'ם וועג הערמאנאס'ן. זיין עהנליכקייט צו אייער בילד איז געוועזען די אורזאכע. מיר ווייסען אבער נ אך ניט וואָרום זיי האבען געדארפט מורא האבען פאר דיעזער עהנליכקייט. ווען מען קימערט עס וואס א מענש איז צופעליג עהנליך צו אן אנ־דערען ? קומט אבער דער בריעף פון דעם נאטארע גאמעז און ערקלעהרט וואָרום זיי האבען מורא געהאט פאר דיעזער עהנליכקייט.

דאס איז די קייט פון בעוויזע פון וועלכע מען מוז ציהען דעם שלום וועל־כען יעדער פון אונז האט בעזונדער, פאר זיך, געצויגען, און וועלכען עס וואלט געצויגען יעדער ריכטער און יעדע דזשורי. אללעס וואס אונז פעהלט איז די ערקלעהרונג ווי אזוי דער פערברעכען איז געשעהן — ווי אזוי דער אמת'ער אלבערטא איז געווארען הערמאנאס און ווי אז אנדערער, א שווינדלער און אינטריגאנט, טראגט זיין נאמען און פארנעהמט זיין ארט.

— מיין גאט !—האט סענאר ליאבא אויסגערופען אויפשפרינגענדיג פון זיין שטוהל—ווי איז דאס מיר ביז איצט

ניט איינגעפאלען ?....דער פערברעכען איז בעגאנגען געווארען מיט 18 יאהר צוריק, ווען קאספארע האט אבגעפיהרט מיין קינד צו מיין ברודער אין ענגלאנד. ער האט דאן איבערגעלאזט מיין אלבערטא'ן ביי דעם שוסטער אין מעקסיקאלי און אוועקגעפיהרט צו מיין ברודער א פרעמד קינד.

— יא !—האבען מיסטער וואורד און ראזעטא אויסגערופען — ווי איז דאס קיינעם פון אונז ניט איינגעפאלען ?....

— אבער וואס פאר א אינטערעס האט קאספארע געהאט אין דעם פרעמדען קינד ? — האט ליאבא געזאגט.

— וואהרשיינליך איז דאס א קינד פון זיינעם א קרוב.

זיי האבען בעשלאסען ניט צו טאהן קיין זאך ביז נאטארע גאמעז יועט קומען, און ביז דאן צו האלטען האק'ן בעהאלטען אין א רום.

אלבערטא חאט פון קיין זאך ניט געוואוסט און ער האט יעדען טאג געהאט קאנפערענצען מיט קאספארען, אין וועלכען זיי חאבען געזוכט פערשיעדענע פלענער ווי אומצובריינגען סענאר ליאבא, ניט האבענדיג די מינדעסטע אידעע אז זיי דרעהען זיך ארום אין א נעץ, פון וועלכער זיי קענען שוין ניט ארויס.

צוויי טעג נאך וואורד'ס און האק'ס קומען קיין מערידא איז פערנאנדא אנגעקומען מיט נאטארע גאמעז.

נאטארע האט דערצעהלט ווי צוריק מיט צוויי און צוואנציג יאהר האט דאנעלא, וועלכע איז איצט סענאר ליאבא'ס הויז־ווירטהין, און איז דאן געווען א גובערנאנטין אין א רייכער פאמיליע אין מעקסיקאלי, איהם געבראכט א קינד, א אינגעלע פון א פאאר וואכען, צום תארעוען. זי האט איהם געזאגט אז דאס איז א אונגעזעצליך קינד און אז דער פאטער פון דעם קינד איז א געשעפטספערוואלטער ביי א רייכען מינען אייגענטהימער. אין א פאאר וואכען ארום איז דאנעלא געקומען זעהן דאס קינד, און מיט איהר איז געווען דער פאטער, וועלכען זי האט פארגעשטעלט אלס סענאר ברונא קאספארע. זיי האבען גערופען דאס קינד ראדריגא הערמאנאס.

עס איז אוועק זעקס יאהר. אונטער דער צייט איז קאספארע געווען ביי איהם עטליכע מאהל. ער האט דאס קינד זעהר ליעב געהאט. איינמאל, האט נאטארע דערצעהלט איז ער געקומען מיט אן אנדער קינד, זעהר א שעהן אינגעלע פון א יאהר 4, און זאגט צו מיר אזוי :

—נאטארע ! דו האסט ביז איצט געקראגען ביי מיר 25 דאלער א מאנאט פאר האלטען דאס קינד, איצט וועסטו קריגען 50. אבער אנשטאט ראדריגא'ן וועסטו האלטען דאס קינד וואס איך האב איצט געבראכט. ראדריגא'ן נעהם איך צו. דאס קינד וואס בלייבט ביי דיר זאלסטו רופען מיט'ן נאמען פון מיין קינד : ראדריגא הערמאנאס.

„איך האב גלייך איינגעשטימט"— האט נאטארע פארטגעזעצט, אבער איך האב געוואלט אויסגעפינען ווער עס איז דאס קינד וואס ער האט צו מיר געבראכט און וואוהין ער פיהרט אוועק זיין קינד. איך האב געשענקט, געטאפט ביז איך האב אויסגעפונען אז דאס אינגעלע וואס ער האט צו מיר געבראכט איז א קינד פון זיין פרינציפאל, סענאר בעניטא ליאבא פון מערידא, און זיין קינד פיהרט ער אוועק קיין ענגלאנד, צו סענאר ליאבא'ס א ברודער, אלס דאס קינד פון כענאר ליאבא."

דאן האט נאטארע דערצעהלט ווי מיט א פאאר וואכען צוריק איז קאספארע געווען אין מעקסיקאלי און געדונגען באנדיטען איהם צו ערמארדען. און וואס פאר א מיריק, א מיטגליעד פון יעבאנדע, א אינדיאנער, האט אפגעשפיעלט קאספארע'ן.

א פאאר שטונדען נאך נאטארע'ס אנקומען אין מערידא זיינען אלבערטא, קאספארע און האנעלא ארעטירט געווארען און אריינגעווארפען אין פריזאן. האק און נאטארע זיינען אויפגעטרעטען געגען זיי אלס עדות, און זיי זיינען פערורטהיילט געווארען צו לעבענסלענגליכע געפענגניס. האק און נאטארע זיינען דורך סענאר ליאבא'ס איינפלוס און דורך דעם וואס זיי זיינען געווארען

עדות פאַר'ן שטאַאט, ניט בעשטראָפט געוואָרען פאַר זייער אַנטהייל נעהמען אין די פערברעכענס.

דאַן איז האַק צוזאַמען מיט וואַרד'ן, אין דעם לעצטענס יאַכט, אַוועקגעפאָהרען צו דעם אינזעל וואו דאָקטאָר מאָרגאַן און הערמאַנאַס זיינען געווען געפאַנגען, און זיי געבראַכט קיין מערידאַ.

די פרייד פון דעם אַלטען סענאָר ליאַבאַ, ווען זיין פערלאָרענער זוהן האָט זיך איהם געוואָרפען אויפ'ן האַלז און איהם גערופען „פאַטער" איז אוממעגליך איבערצוגעבען. אַבער דעם גליקליכען גוטען אַלטען איז באַשערט געווען נאָך מעהר פרייד. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז דאָקטאָר מאָרגאַן איז אַ זוהן פון אַ קריסטליכען פאַטער און אַ אידישער מוטער, דאָס האָט אַוועקגענומען דעם שטיין פון'ם וועג פון דאָקטאָר מאָרגאַן'ס און ראָזעטאַ'ס ליעבע און סענאָר ליאַבאַ האָט זיי מיט'ן גאַנצען הארצען געגעבען זיין ברכה.

מיסטער וואַרד האָט דעפעשירט צו זיין פרוי און טאָכטער זיי זאָלען קומען קיין מערידאַ, און דאָס גליק פון די צוויי יונגע פערליעבטע, ליליאַן און הערמאַנאָס, ווען זיי זיינען זיך געפאַלען אויף די העלזער ביים סטיישאַן אין הערמאַסילא, קענען זיך די לעזער אַליין פאָרשטעלען.

צו הערמאַנאָס'עס הייראַטה מיט ליליאַן האָט סענאָר ליאַבאַ ניט געמאַכט קיין איינווענדונג, וואָרום הערמאַנאָס האָט פערזיכערט דעם פאַטער אַז זיינע קינדער וועלען ערצויגען ווערען אַלס אידען, און ליליאַן, פון איהר זייט, האָט איהם פערזיכערט אַז זי האָט גאָר ניט דאַגעגען.

און צוויי וואָכען נאָך הערמאַנאָס'עס און דאָקטאָר מאָרגאַן'ס צוריקקומען אין מערידאַ זיינען געפראַוועט געוואָרען אין סענאָר ליאַבאַ'ס פאַלאַץ צוויי חתונות, דאָקטאָר מאָרגאַן האָט געפיהרט צו דער חופה ראָזעטאַ'ן און הערמאַנאָס — ליליאַן'ען.

אין דעם זעלבען אָבענד האָבען די צייטונגען געבראַכט די נאַכריכט אַז זשוואַרעץ איז אין די הענד פון די רעוואָלוציאָנערען און דיאַז רעזיגנירט.

אַללע איינוואָהנער פון שטעדטל און די אַרומיגע פאַרמערס זיינען די גאַנצע נאַכט אַרומגעגאַנגען אין די גאַסען און געשריען „עס לעבע מאַדעראַ ! עס לעבע זיין פריינד סענאָר ליאַבאַ !" עס לעבע סענאָר ליאַבאַ'ס גאַנצע פאַמיליע !"

(ע נ ד ע.)

דאָס "טאגעבלאט" איז א פאמיליען בלאט

אין "טאגעבלאט" געהט ניט אריין קיין איינציגע צייל וואס איהר דארפט בעהאלטען פון אייער פרוי, אדער פון אייער טאָכטער.

אנדערע כלומרשט אידישע צייטונגען קענען דאס אויף זיך ניט זאָגען.

דאס "טאגעבלאט" האָט בעוויזען אז א צייטונג קען זיין זעהר אינטערעסאנט און דאך ניט דארפען קיצלען דעם געשמאק פון גראבע מענשען.

עס זיינען דא צייטונגען וואס מען לעזט זיי אמאָל דורך אין א קאר, אָבער מען וואגט זיך ניט צו בריינ־גען זיי אהיים. דאס "טאגעבלאט" איז די צייטונג וואס מען בריינגט אהיים און די גאנצע פאמיליע לעזט עס, האָט הנאה, און לערענט פון דעם פיעל.

די בעסטע ציימונג—ווארום?

ווייל דאס "טאגעבלאט" דרוקט די ראיעלסטע נייעס, און זי בעקומט זיי אין דער זעלבער צייט מיט די גרויסע ענגלישע צייטונגען.

ווייל דאס "טאגעבלאט" בעקומט יעדען טאג ספעציעלע קייבעל דעפעשען פון איהרע אייגענע קארעספאנדענטען אין אייראפא וואס בעריכטען אזעלכע אידישע נייעס וועלכע די ענגלישע צייטונגען פערנאכלעסיגען.

ווייל דאס "טאגעבלאט" האט די בעסטע עדיטאריעל און ארטיקעל שרייבער, די בעסטע ראמאניסטען, די בעסטע הומאריסטען, יעדער איינער א קינסטלער אין זיין פאך און מיט א וועלט נאמען.

דאס "טאגעבלאט" איז א צייטונג וואס יעדע שורה לעבט און יעדער ווארט זאגט ארויס א געדאנק. אין "טאגעבלאט" ווערען בעשעפטיגט נור קינסטלער פון ערשטען ראנג.

די עלטסטע אידישע צייטונג וועלכע איז פערבליבען די אינגסטע

דאס "טאגעבלאט" איז די ערשטע צייטונג אין אידישען מאמע לשון אויף דער וועלט וואס האט אנגעהויבען צו ערשיינען טעגליך.

טראטץ דעם וואס זי איז די עלטסטע איז זי פערבליעבען די אינגסטע, די קרעפטיגסטע און איז אימער די ערשטע מיט דרוקען די וויכטיגסטע נייעס פון דעם טאג, די ערשטע אין אלע פלענער און בעוועגונגען צום וואהל און בעסטען פון דעם אידישען פאלק. די ערשטע אין אלע גרויסע זשורנאליסטישע אונטערנעהמונגען.

דער בעסטער בעווייז פון דעם "טאגעבלאט'ס" ערפאלג איז וואס אנדערע כלומרשט אידישע צייטונגען זוכען איהר נאכצומאכען אין פיעלע פרטים, און דערמיט גיבען זיי צו זייער איגענע שוואכקייט.

דאס "טאגעבלאט" מאכט קיינעם נאך. זי געהט מיט פעסטע שריט אויף איהר אייגענעם גלייכען וועג זייט דרייסיג יאהר.

די ערשטע אין קריעג,
די ערשטע אין פריעדען

די קאנגרעס אידעע און דער פלאן צו העלפען די מלחמה קרבנות האט דאס "טאגעבלאט" צוערשט אויפגעטהאן. אנדערע אידישע צייטונגען זיינען פאר די פלענער ארוים פיעל שפעטער, ערשט נאכדעם ווי זיי האבען געזעהן אז דאס "טאגעבלאט" האט ארום זיך דעם גאנצען אמעריקאנער יודענטהום.

דאס "טאגעבלאט" האט אבער אנגעפאנגען נאך א גרויסע פאלקס ארבייט וואס די אנדערע אידישע צייטונגען האבען נאך דערוויל ניט איינגעזעהן די וויכטיגקייט פון דעם, און דאס איז צו מאכען פארבערייטונגען פאר דעם גרויסען שטראם פון אימיגראציאן וואס וועט אהער קומען נאך דער מלחמה.

דאס "טאגעבלאט" איז די איינציגע צייטונג וואס קען זעהן אזוי וויט, פאראוים. די ערשטע אין קריעג און די ערשטע אין פריעדען.

א אידישע ערציעהונג פאר אייער זוהן אָדער טאָכטער

די ענגלישע אבטיילונג פון "טאגעבלאט" איז די בעסטע שולע פאר אייער זוהן אדער אייער טאכטער זיי צו געבען א אידישע ערציהונג. ווען איינער לעזט די ענגלישע אבטיילונג פון "טאגעבלאט" בלויז א האלב יאהר צייט, ווערט ער בעקאנט מיט די אידישע היסטאָריע, מיט די ביאגראפיען פון אידישע גדולים, מיט דער אידישער ליטעראטור און אידישער וויסענשאפט. און אויך מיט אלע פראגען פון דעם אידישען פאלק אין דער געגענווארט.

יונגע מענשען וואס לעזען די ענגלישע אבטיילונג פון "טאגעבלאט" וועלען אימער שטאלץ זיין אויף דעם וואס זיי זיינען אידען און זייערע עלטערען וועלען זיין שטאלץ מיט זיי.

אמענשאיזדאַס
וואַס ער לעזט

"מען דערקענט א "טאגעבלאט" לעזער גלייך ביי דער ערשטער בעקאַנטשאַפט" האַט אונז אמאל געזאגט א אידישער סוחר וואס האַט פיעל ארומגערייזט איבער אמעריקא.

"דאס "טאגעבלאט" ווערט געלעזען פון די פיינסטע בעלי בתים און פון דער אינטעליגענטער קלאַס אידיש־געזאנענע ארבייטער", האַט אונז דער סוחר ווייטער דערצעהלט. "זיי זיינען בכבוד'ע מענשען וואס פיהרען א שעהנעם אנשטענדיגען לעבען, און ווען מען קומט צו זיי אהיים געפינט מען א ספר, א בוך. מען זעהט אז מען האַט צו טהאַן מיט אנשטענדיגע, פריעדליכע מענשען און דער שלום בית זעהט זיך ארויס פון יעדען ווינקעלע".

עס איז אן אלטער כלל אז א מענש איז דאס וואס ער לעזט. ריינע מענשען לעזען א ריינע ציטונג.